STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10551

DERINERUNGEN UN FARTSEYKHNUNGEN

Iser Tolush

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חלוש

(איסר מוסעלעוויטש)

דעריבערונגען
און
פארצייכנונגען

פארלאג דערבער

Copyright 1953 by
ISER TALUSH
(Mousselewitch)
944 Meridian Avenue,
Miami Beach, Fla.

$3.00 פרייז

200

צום ליכטיקן אָנדענק פון
הירשע עהרענרייך

אינהאַלט

עטלעכע ווערטער צו די לייענער 7
שלום אַש אין פלאָרידע 9
פרעזידענט און סעקרעטאַר 21
ביי משה נאַדירן אויפן פאַרם 31
לייענענדיק דר. מוקדוניס בוך „אויסלאַנד" 38
דער מאַרטירער 45
איינער פון די לעצטע 53
ה. רויזענבלאַט 58
ב. עפּעלבוים 63
אברהם משה דילאָן 70
ברוך ריבקין 78
צום אָנדענק פון אַ קאָלעגע 86
מיינע באַגעגענישן מיט זלמן שניאור 93
שלמה יודסאָן 121
לעאָן קוסמאַנס בוך „עזרא" 125
אליעזר שערמאַן 130
דער יידישער פּאָעט פון טשילע 135
אַ ווייסע ציגעלע 143
יעקב שטיינבערג 149
צבי הירשקאָן 154
אַ גאַסטפריינטלעכער קאָלעגע 161
צום אָנדענק פון דעם דיכטער שלאָמאָוויטש 168
דאַנקבאַרקייט 173
יידישע נשמות. 179
דאָס קאָלירטע פייגעלע 185
דוד קריוויצקי רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן 191
י. קיסין 198
„טלאָמאַצקע 13" 206
מרים קאַרפּילאָוו 212
אַ רייזע קיין סי־געיט 216

אַ דיכטערס אלמנה 221
גדליה בובליק 227
רעדאַקטאָרן 231
חנן י. מיניקעס 238
מיינע ערשטע טריט 243
עלנט 250
אַ יובילאַר 254
אַ גאַסט 264
אָפנהאַרציקייט 271
דער איינזאַמער קוואַרטיראַנט 276
אין אַ שלאָפלאָזע נאַכט 283
ווען אַ יידישער שרייבער פאָרט אַרויס אויף דער פּראָווינץ 288
איך האָב געוואָלט אַרויסגעבן אַ בוך 293
„טויבן, ווייסע טויבן" 301
די נאָוועליסטין 308
איינזאַמקייט 315

עטלעכע ווערטער צו די לייענער

אין אַ נאָטיץ „צו מיינע לייענער", האָב איך פריער באַמערקט, אַז איך קלייב זיך אַרויסגעבן אַ בוך פון מיינע בעסערע דערציילונגען און דערינערונגען וועגן געוויסע שרייבער. דאָס איז מיר, לײדער, ניט געלונגען, ווייל עס איז געווען פאַרבונדן מיט עטלעכע טויזנט דאָלער, וואָס איך האָב ניט געקענט שאַפן.

אַלזאָ, האָב איך באַשלאָסן דערווייל אַרויסגעגעבן דאָס בוך וועגן די „יידישע שרייבער", וועלכע איך האָב געקענט פּערזענלעך און מיט זיי אָפט געקומען אין קאָנטאַקט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען ניט אַלע וועגן וועלכע איך האָב געשריבן מיינע פאַרצייכענונגען, און האָף נאָך צו שרייבן ווייטער. און דאָ זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן, אַז אייניקע קאָלעגן האָבן מיך דערמוטיקט דערצו. באַזונדערס דר. א. מוקדוני, גלאַנץ־לעיעלעס און ב. צ. גאָלדבערג, מיט וועמענס מיינונגען איך האָב זיך שטאַרק גערעכנט. און איך וואָלט זייער געוואָלט, זיי זאָלן ניט זיין אַנטוישט, ווען דאָס בוך וועט דערשיינען.

עס זיינען אויך אַריין אין בוך פאַרצייכענונגען וועגן צוויי באַוואוסטע שרייבער, וועלכע איך האָב נאָך אין מיין יוגנט פּרובירט שילדערן אין מיין ראָמאַן „וואָגלעניש", וואָס איז אַרויס אין וואַרשע, פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", 1938. איך האָב די זאַכן אויסגעבעסערט און געמאַכט גאַנצער.

דער מחבר

שלום אַש אין פלאָרידע

דער וועלט־באַרימטער שרייבער, שלום אַש, איז די לעצטע ווינטערן אַ תושב אין מיאַמי ביטש, אין פלאָרידע, און וואוינט אויף אַ פּראַכטפולן קליינעם אינדזל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער בלום „האַיאַביסקוס״.

ביי אַלגעמיינע באַקאַנטע פלעג איך פריער, איידער ס׳איז דערשינען דער לעצטער פון זיינע קריטסוס־ראָמאַנען: „מערי״, פון צייט צו צייט טרעפן אַשן. געוואוסט האָב איך ווי שלום אַש באַציט זיך אַמאָל קאַפּריזנע צו ניט־באַוואוסטע קאָלעגן־שרייבער און זיך געהאַלטן אָן אַ זייט. אָבער מערסטנס פלעגט ער צוקומען צו מיר און זיך נאָכפרעגן, צי איך שרייב נאָך אין „מאָרגן זשורנאַל״. ער האָט אויך אָנגענומען די איינלאַדונג צו קומען ריידן צו מיין 60יאָריקן יובילײ פאַראַיאָרן ווינטער.

אמת, וועגן מיר האָט ער כמעט ניט גערעדט, נאָר דערמאָנט טשעכאָווס נאָמען, זאָגנדיק אַז איך גיי נאָך דעם גרויסן רוסישן שריפטשטעלער (הלוואי וואָלט עס כאָטש טיילווייז געווען אַזוי). דאָך האָט דער פאַקט פון זיין קומען צו אַזאַ אונטערנעמונג אים געמאַכט סימפּאַטיש אין מיינע אויגן. ער האָט, אגב, געזען אַ געפּאַקטן האָל מיט יידן, וואָס זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד זייערן אַ שרייבער. ער האָט טאַקע אָפן אויסגע־דריקט זיין איבערראַשונג. מען האָט געזען, אַז אַש בענקט נאָך אַ יידישן עולם.

אַרום ענדע נאָוועמבער, בין איך ווי שטענדיק, אַ זונטיק, אַרויס קויפן אַ צייטונג פון פרייטיק (די פּאָטשט ברענגט אים ערשט מאָנטיק). אָט גיי איך צום צייטונג־סטענד (אויף דער 14טער גאַס און וואַשינגטאָן עווענױ, נעבן דער פּאָסט־אָפיס געביידע), און באַמערק פּלוצלינג ווי שלום אַש גייט פּאַמעלעך און פאַרטראַכט איבער דער גאַס. ער האַלט אַ בריוו אין האַנט און רעדט צו זיך, ווי איינער וואָס איז זייער צעטראָגן פון עפּעס און קען זיך קיין עצה ניט געבן. איך האָב אים אַ מינוט נייגעריק אָנגעקוקט, און בין אַוועק צוריק. און דאָ האָבן מיר זיך געטראָפן

אינמיטן גאַס, ווייל ער איז שוין געגאַנגען צוריק. איך האָב אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— וואָס מאַכט איר, שלום אַש? איר דערקענט מיך?

ער האָט זיך דערפרייט און געפרעגט וואוהין איך גיי. דערנאָך האָט ער מיך געבעטן איך זאָל פאָרן מיט אים צום ביטש, אין „קאַבאַנאַ קלוב”, וואו ער נעמט מאַסאַזשן פאַר די פיס, וואָס טוען אים וויי. איך האָב זיך אַביסל געקווענקלט. אַ געוויסע אַרבעט האָט געוואַרט אויף מיר אין מיין חדרל. אָבער אַש האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן און צוגעזאָגט אין אַ שעה אַרום מיך ברענגען צוריק אַהיים אין זיין אויטאָ.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן: אָט איז אַ גוטע געלעגנהייט צו הערן פון אַשן אַליין, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן זיין לעצטן ראָמאַן „מערי”, און ווי ער נעמט אויף די שאַרפע רעצענזיעס אין כמעט דער גאַנצער יידישער פרעסע. אָבער ער האָט וועגן דעם ניט גערעדט. אויפן וועג צום ביטש האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז ניט לאַנג צוריק געקומען פון פּאַריז און איז דאָ צוויי וואָכן געלעגן קראַנק. ער האָט אויך געוואָלט באַזוכן ישראל, נאָר אָפּגעלייגט די רייזע אויף אַן אַנדערש מאָל. דערנאָך זיך נאָכגעפרעגט אויף אונדזערע אַלגעמיינע באַקאַנטע און צי איך זע דר. מוקדונין. ער האָט גערעדט און גוט און פּאַרזיכטיק געטריבן זיין קליינעם ברוין־געפאַרבטן אויטאָמאָביל.

אין „קאַבאַנאַ קלוב” האָט זיך אַש געהאַלטן זייער דעמאָקראַטיש. ניט איינער פון די אָנגעשטעלטע האָט אים באַגריסט: „העלאָ, שאַלאָם!” און אויך ער האָט דעם און יענעם אָנגערופן מיטן ערשטן נאָמען. עס איז אים אויסגעקומען אַביסל צו וואַרטן אויפן מאַסאַזשיסט, און זיך וואַרעמענדיק אַקעגן דער זון, האָבן מיר געשמועסט. ריכטיקער געזאָגט: איך האָב זיך צוגעהערט וואָס ער רעדט.

זיין קול איז געווען שטיל און אַביסל טרויעריק. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז איידער מען האָט אָנגעהויבן איבערזעצן זיינע ווערק אין ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן, האָט זיך אים געלעבט שווער מאַטע־ריעל. עס איז אויסגעקומען, אַז די יידן האָבן ניט גענוג אים געקענט אָפּשאַצן...

אָבער דאָס איז געווען ניט אינגאַנצן אַזוי, מיין איך. ווער נאָך פון די יידישע גרויסע שרייבער האָט געקראָגן אַזוי פיל לויב־געזאַנגען פאַר זיינע אמת־יידישע שאַפונגען, ווי שלום אַש?! און מיר דאַכט זיך, אַז פאַרדינט האָט ער שטענדיק אויך גאַנץ פיין... איך האָב אים עס איידל

געזאָגט. דערנאָך האָב איך אים איידל געפרעגט, צי ער לייענט וואָס מ׳שרייבט וועגן אים אין די יידישע צייטונגען?

— ניין, — האָט ער געענטפערט.

דאָך, פון אייניקע באַמערקונגען זיינע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער לייענט יאָר די יידישע פרעסע, און די שאַרפע אַרטיקלען וועגן זיין ראָמאַן „מערי״ פאַרשאַפן אים אַ סך האַרצווייטאַק, פאַרדרוס און שלאָפ־לאָזע נעכט. און אין דעם האָב איך זיך נאָך מער איבערצייגט פון שפּעטערדיקע באַגעגענישן מיט אים.

נאָך זיין „מאַסאַזש״ זיינען מיר געפאָרן צוריק. מיין „פּאַלאַצל״ (אין אַ גאַראַזש) האָט אַש אומאַנגענעם איבערראַשט. דער מאַן וואָס פּרע־דיקט צו גיין אין די טריט פון יעזוסן, וועלכער האָט געבענטשט אָרי־מעלייט און בעטלער, האָט דאַכט זיך, ניט ליב קיין אָרימקייט. ער קען עס פשוט ניט פאַרטראָגן. אָבער ער איז אַריין צו מיר. איך האָב געעפנט אַ פלאַש קאָניאַק און מיר האָבן ביידע אויסגעטרונקען. דער פראַנצויזישער קאָניאַק איז אַשן (וואָס איז אגב ניט קיין שלעכטער מבין אויף משקאות) געפעלן געוואָרן. ער האָט אויך געזאָגט, אַז ער וועט מיך נעמען צו זיך און זיין פרוי וועט פאַר מיר אָפּקאָכן אַ רוסישן באָרשטש. איצט פילט זי ניט גוט און זיי האָבן „טראָבל״ מיט די דינסטן. ער האָט עס אַרויסגערעדט זייער ערנסט און אַביסל פאַרזאָרגט.

נאָך זיין אַוועקגאַנג האָב איך געטראַכט, אַז ער איז געוואָרן אַזוי „ווייך״ און „גוט״, ווייל ער פילט זיך שרעקלעך איינזאַם און ווי פאַר־שטויסן פון זיינע יידישע קאָלעגן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך הינטער מיין פענסטער דערהערט אַ שאַרפן פייף פון אַן אויטאָמאָביל: אַש איז געקומען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיך אַ פּאָר מאָל געזוכט און פאַרגעסן מיין אַדרעס, ניט געקענט געפינען די הינטערגעסל, וואו מיין „פּאַלאַצל״ געפינט זיך. און פון דאַן אָן פלעגט ער קומען צו מיר זייער אָפט, כמעט אַלע פאַר טעג. יעדעס מאָל איז ער געווען אומרואיק, נערוועז און ממש ניט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט, ווען מיר האָט זיך גראָד געוואָלט ער זאָל ריידן וועגן זיך.

אמת, איינמאָל האָט ער מיר איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון אַ דערציילונג וועגן אַ קינד, וואָס ער טראַכט אָנצושרייבן, נאָר אַביסל גע־פּלאָנטערט, און איך האָב ניט געקענט אויפכאַפּן די טעמע. קענטיק, אַז פאַר אים אַליין איז נאָך די זאַך ניט געווען קלאָר, און גערעדט

האָט ער וועגן דעם שטייענדיק ביי דער טיר. אַ צווייטן מאָל, האָט ער מיר געראָטן ערנסט באַאַרבעטן אַ געוויסע טעמע, אויף וועלכער איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט. אים איז געפעלן געוואָרן דער סוזשעט. „שרייבט עס אָן פאַר אַ זשורנאַל, אָבער דאָס דאַרף נעמען צייט און איר זייט קראַנק און פאַרוואָרפן מיט אַרבעט״.

כמעט ביי יעדן באַזוך, אָדער ווען כ׳פלעג מיט אים אין „קאַבאַנאַ קלוב״ זיך באַדן א. ד. גל., האָט ער מיך געפרעגט, וואָס עס שרייבן וועגן אים די יידישע צייטונגען; כאָטש, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, ער האָט עס, דוכט זיך אַליין געוואוסט.

מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט ניט קיין געדולד צו זיצן ביי מיר, נאָר וויל מיך אַלץ ערגעץ אַוועקפירן. האָב איך אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן:

— אַש, איר האָט פיינט מיין אָרימען חדרל?

— ניין, — האָט ער אומגעדולדיק געענטעפּרט.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום, אַז ער איז ווידער געקומען מיט אַ שאַרפן פייף פון זיין „קאַר״ (אויטאָ) הינטער מיין פענסטער, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ער האָט מיין אָרימקייט ניט ליב. ער איז אַריין צו מיר און גענומען דאָס טרייבל פון טעלעפאָן. באַלד האָב איך דערהערט ווי ער רעדט צו זיין פרוי און זאָגט: „איך בין ביי דעם שלים-מזלניק״. און גלייך זיך געווענדט צו מיר: „מיין פרוי האָט מיך אָפּגעזידלט, וואָס איך האָב זיך אַזוי אויסגעדריקט. נו, טאַקע, מיט וואָס זיינען די רייכע יידן אין מיאַמי ביטש בעסער פון אייך; זיינען זיי דען קליגער אָדער געבילדעטער פון אייך?״

אין כעס בין איך אויף אַשן ניט געוואָרן, נאָר איצט האָב איך געהאַט די גוטע געלעגנהייט אים צו זאָגן דאָס וואָס איך האָב שוין לאַנג געוואָלט זאָגן און ניט געקענט, ניט געוואָלט אים ווייטאָן, באַליידיקן אַפילו מיט אַ וואָרט.

— אַש, — האָב איך שטיל אַרויסגערעדט — איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך בין גליקלעכער פון אייך. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן צו קיינעם פאַר געלט ניט פאַרקויפט מיין געוויסן אָדער מיינע פעאיקייטן. איך לעב אָרעם אָבער ערלעך און טראָג אין זיך אַ סך פרייד. מיין שטיקל ברויט בין איך שטענדיק גרייט צו טיילן מיט אַ נויטבאַדערפטיקן חבר. איך בין שוין גאָרניט קיין שלים-מזלניק. איך האָב מורא, אַז דאָס איז גאָר פאַרקערט, כאָטש איר זייט באַרימט און רייך.

אַש האָט מיר גאָרניט געענטפערט, נאָר מאָדנע און אַביסל שולדיק געשמייכלט. אגב, האָב איך קיינמאָל ניט באַמערקט ער זאָל ווערן ברוגז, ווען מ׳זאָגט אים אַריין. ער נעמט עס צו, ווי אַ ספאָרט. און איך האָב אויך קיינמאָל ניט געהערט ער זאָל ריידן שלעכטס אויף זיינע אָנגרייפער. דאָס זיינען פיינע שטריכן פון זיין כאַראַקטער.

— לאָמיר פאָרן צו מיר, — האָט ער געזאָגט. — טוט זיך איבער און קומט!

* * *

און אָט בין איך ביי אַשן אין הויז, אויפן קליינעם אינזל „האַיאַביסקיס״. ער האָט אַריינגעפירט די „קאַר״ (אויטאָ) אין גאַראַזש און מיר זיינען אַריין אין זיין באַקוועמע רייכע היים, וואָס שטייט אַביסל אָפּגעטיילט פון די אַנדערע ווילעס.

אין זיין שרייבצימער איז אויף אַ ברייטער וייכער קאַנאַפּע געלעגן מאַדאַם אַש און געלייענט אַ בוך. דערזען אונדז, האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון צימער. איך האָב זיך נייגעריק אַרומגעקוקט.

אַשס אַרבעט־צימער איז אַ גרויסער, מיט ברייטע ליכטיקע פענסטער וואָס גייען אַרויס צום בעי (ים־אויסגוס), צום וואַסער. זיין שרייבטיש איז פון גוטן האָלץ, נאָר פּשוט געמאַכט. אָט ווי דער טיש אויפן באַוואוסטן בילד פון לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי „דער לעצטער מאָלצייט״, וואו יעזוס זיצט מיט זיינע תלמידים, די אַפּאָסטאָלן. אַרום די ווענט — שראַנקען מיט ביכער און גמרות אין אַלטע לעדערנע איינבונדן. און גאָר הויך, אויף שמאָלע פּאָליצעס, אַלערליי לייכטער און חנוכה־לאָמפּן, וואָס זעען אויס צו זיין אַנטיקן. אין אַ ווינקל הענגט אַ גרויסער פּאָרטרעט פון אַשן קענטיק געמאַכט פון אַ גוטן מאָלער, און אין צווייטן ווינקל אַ בילד פון אַן אַלטער פראַנצויזישער פרוי וואָס זעט עפּעס אויס ווי אַ קאַטוילישער גלח.

אַש האָט אַוועקגעשטעלט אויפן ברעג פון זיין שרייבטיש אַ פלאַש קאָניאַק און מיר האָבן גענומען צו קאַפּיטשקעס. באַלד האָט זיין פרוי אַריינגעטראָגן אַ קערבעלע מיט פרוכטן און איז אַרויס צוריק. מיר האָבן נאָך אַ מאָל גענומען צו ביסלעך, און אַש האָט געזאָגט אַז ער האָט פאַר מיר אַ מתנה — אַ גוטע פלאַש סקאָטש וויסקי. דערנאָך האָט ער מיר געוויזן אַן עקזעמפּלאַר פון זיין „אַפּאָסטאָל״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער אַרמיי און איז אַוועק אין מער ווי אַ מיליאָן קאָפּיעס. ער

האָט מיר אויך געוויזן זיינע ביכער וואָס זיינען איבערזעצט אין רוסיש און אַנדערע שפּראַכן. אָבער דאָס נייעסטע בוך, „מערי", האָט ער מיר ניט געוויזן, כאָטש איך האָב אים געבעטן עס מיר צו ווייזן. דערביי האָט ער געדעדט אַז דער דאָקטאָר האָט אים פאַרבאָטן אַ יאָר צו שרייבן. ער מוז אויסרוען זיינע נערוון און קומען צו זיך. נאָר ער אַרבעט דאָך אויף אַ גרויסער נאָוועלע: „משה גייט אַרויס צו זיינע ברידער". די ערשטע קאַפּיטלען האָט ער אָוועקגעשיקט קיין ישראל, אין דער „גאָל־דענער קייט". אים קומט אויס אַ סך צו לייענען און צו לערנען. ער אַרבעט שווער, זייער שווער.

אַש האָט אויסגעטאָן די שיך און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער וויי־כער קאַנאַפּע. איך האָב אים געראָטן כאַפּן אַ דרימל, נאָר ער האָט אויף אַ מינוט פאַרמאַכט די אויגן און איז אויפגעשטאַנען אָנשטעלן אַ רעקאָרד אויפן פּאָנאָגראַף.

— איר האָט עפּעס פון טשאַיקאָווסקין ? — האָב איך געפרעגט. — איך האָב זייער ליב טשאַיקאָווסקיס מוזיק.

— גוט, — האָט געזאָגט אַש, — וועלן מיר מכבד זיין אַ קאָלעגע מיט טשאַיקאָווסקין.

דער פּאָנאָגראַף האָט געשפּילט און אַש האָט זיך אַוועקגעלייגט און ווידער פאַרמאַכט די אויגן. דאָס מאָל האָט ער טאַקע איינגעדרעמלט אויף עטלעכע מינוט, אונטער די טענער פון טשאַיקאָווסקיס מוזיק. איך האָב אויף אים געקוקט און זיך דערמאָנט זיינע פאַרשיידענע באַמערקונגען. איך וועל זיי דאָ איבערגעבן איינציקווייז, צעשאָטן ; אָן אַ סדר :

יצחק באַשעוויס האָט פאַרבונדן זיין טאַלאַנט מיטן טייוול.

אַהרן צייטלין וויל גיין אין די דרכים פון זיין גרויסן פאָטער, וואָס איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַנדערע אין פּוילן אויף קידוש השם.

מען האָט אויסגעהרגעט דאָס יידיש פאָלק, און ער, אַש, איז פאַר־בליבן אַ יתום.

אויב ער האָט געטאָן שלעכטס יידן מיט זיינע ביכער, זאָל אים גאָט שטראָפן.

ווער איז דער גרעסטער מענטש אין דער איצטיקער צייט ?

ער (אַש) וועט אויף מיין פלאַש קאָניאַק אָנשרייבן זיין נאָמען.

„איר (ד. ה. איך) זייט אַן אנגענעמער מענטש".

די לאַטיינישע פעלקער איז פאַרשטענדלעך זיין אַרט שרייבן. (דאָס איז ריכטיק.)

זיין סעקרעטאַר קריגט ביי אים געהאַלט אַ רונדן יאָר, אפילו ווען ער שרייבט ניט. — אָן דעם י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין? — אָן דעם פאַראיין.

* * *

אַך, ווען שלום אַש פאַרמאָגט אַ גוטע ברייטע נאַטור, און וואָלט אַ סך געשטיצט אָרימע יידישע שרייבער, וואָס זיינען נע־ונד און האָבן ניט מיט וואָס דורכוצקומען אַ טאָג! וואָלט מען אים איצט אפשר פילעס פאַרגעבן... קיינער וואָלט אים ניט געקענט חושד זיין אין געלט־גיי־ציקייט. אָבער ער איז ניט פון די מענטשן, — קלער איך ביי זיך אין האַרצן. און וואָס וועט ער טאָן מיט זיין רייכטום!? וואָס דאַרף ער עס, אַז ער איז שוין אַ זיבעציקער און מ׳ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ עלטער...

פונקט ווען דער רעקאָרד האָט אויפגעהערט צו שפּילן, איז אַש אַראָפּ פון קאַנאַפּע און אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. די אומרו אין אים האָט, קענטיק, אים אַרומגעכאַפּט מיט ביינערדיקע הענט און שטאַרק געדריקט. ער האָט אָנגערירט איין זאַך, אַ צווייטע, און ווי עפּעס געזוכט און ניט געקענט געפינען. זיין שטימונג האָט זיך מיר איבערגעגעבן און איך האָב ניט־ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן: תלוש, לויף, ברודער, צוריק אין דיין גאַראַזש־רומקע. אין דעמדאָזיקן גרויסן חדר פונם וועלטבאַ־רימטן שריפטשטעלער שטיקט, און ס׳איז קאַלט...

איך האָב אויפגעציטערט. אַש האָט עס באַמערקט, מיר דערלאַנגט זיין וואָלענעם סוועדער און געזאָגט:

— טוט עס אָן, וויל פאַרנאַכט צו ווערט דאָ קיל.

די זון איז שוין טאַקע פאַרגאַנגען און אין חדר איז געוואָרן אַלץ טונקעלער. עס איז אויך געוואָקסן די אומרו ביי אַשן נאָר אָט איז ער אַרויס, זיך אומגעקערט און געזאָגט, אַז זיין פרוי וויל איך זאָל מיט זיי עסן וועטשערע. איך האָב באַדאַנקט און בין פאַרבליבן.

מיר זיינען אַרויס פון הויז צו אַ קלענערער געביידע, וואו עס איז געווען די קיך און דער עסצימער. עפּעס האָב איך פלוצים אַ זאָג געטאָן:

— עך, אַש, עס איז נישטאָ ווער זאָל אייך גוט אויסזידלען.

ער האָט נערוועז אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט און גאָרניט געענטפערט, ווי איינער זאָגט: איך ווייס עס אַליין, נאָר קען זיך ניט העלפן...

ביי דער וועטשערע איז מאַדאַם אַש געווען זייער פריינדלעך און האָט געשפּאַסט. אַש האָט אין מיטן עסן אַלע ווילע אָנגעשטעלט די ראַדיאָ

און פאַרמאַכט. ער האָט ניט געקענט איינזיצן רואיק. זיין פרוי האָט עס באַמערקט, נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן: ער איז אַלץ געווען אומרואיק.

נאָך וועטשערע זיינען מיר צוריק אַריין אין זיין אַרבעט־צימער. אַביסל שפּעטער איז אויך אונטערגעקומען זיין פרוי און אַש האָט מיר דערציילט אַ פּאָר טשיקאַווע עפּיזאָדן וועגן לעאָניד אַנדרעיעוו, דעם באַרימטן רוסישן שרייבער, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אַשן מיט צענדליקער יאָרן צוריק. אַש האָט געשילדערט דעם רוסישן שרייבער זייער סימפּאַטיש. אַנדרעיעוו האָט זיך פאַר אַשן אַנגענומען אין אַ רוסישן פאַרלאַג, און ש. אַש האָט באַקומען פאַר זיינער אַ דראַמע אַ סך מער האָנאָראַר, ווי מען האָט אים צוגעזאָגט.

אַביסל שפּעטער האָט מיך אַש אָפּגעפירט אין זיין אויטאָ אַהיים.

* * *

איינמאָל איז אַש צוגעפאָרן צו מיר מיט זיין פרוי און אַ יונגער דאַמע — מאַדאַם אַשס אַ קוזינע. די דאַמען האָט זיך מסתם געוואָלט אַנקוקן מיין „פאַלאַצל" אין גאַראַזש, ווייל אַש האָט אין מיין אַנוועזנהייט געמאַכט די פרויען אַ באַמערקונג:

— ווען איך וואוין אין דעם גאַראַזש, וואָלט מיר קיינער ניט מקנא געווען.

זיי האָבן זיך ערגעץ־וואו געאיילט און געזאָגט, אַז זיי זיינען געקומען נאָר זען וואָס איך מאַך. מאַדאַם אַש האָט גענומען מיין טעלעפאָן און צוגעזאָגט קומען נאָך אַ מאָל. „ניין, ניט איין מאָל, נאָר צוויי מאָל" — האָט זי באַטאָנט. דערביי האָב איך זיך דערמאָנט, ווי זי האָט מיר אַמאָל אין זייער הויז געזאָגט, אַז מ'דאַרף זיי נעמען אַזוי ווי זיי זיינען. באַזונדערס אַשן, ווייל ער קען אַנדערש ניט זיין ווי ער איז.

און טאַקע: גיי שטעל אָפּ אַ מעכטיקן שטראָם, אַ וואַסער־פאַל, וואָס טראָגט זיך ערגעץ פון אַ הויכן באַרג און איז פול מיט קאָלירטע שטיינדלעך, פאַרביקע בלימעלעך, אַלערליי שמעקעדיקע גראָזן, גיפטיקע קרייטעכער און שטיקלעך זאַלץ. אַלץ איז צונויפגעמישט אינם דאָזיקן שטראָם, וואָס האָט אַ געוואַלדיקן כוח, און ס'איז שווער אָפּצוטיילן דעם אַראָמאַט פונם ריח פון סם. עס איז אַ סטיכישע קראַפט וואָס קען זיך ניט קאָנטראָלירן אַליין. אָט דאָס איז, דאַכט זיך מיר אָפּט, שלום אַש.

ער פלעגט ווייטער קומען און מיר פלעגן פאָרן אין „קאַבאַנאַ קלוב", זיך באָדן, אָדער גלאָט פאָר אַ „ראַיד", און ווידער און ווידער האָט ער

געפרעגט וואָס מען שרייבט וועגן אים אין די יידישע צייטונגען. דאָס האָט אים ניט געגעבן קיין רו. איינמאָל האָט ער מיר אָפן געזאָגט, אַז ער שלאָפט ניט קיין נעכט און פילט ממש אַז ער וועט אַראָפּ פון זינען. ער האָט מיך אויך נאָך אַ מאָל גענומען צו זיך. איך האָב באַגעגנט מאַדאַם אַש מיט אַ שמייכל און געזאָגט, אַז איך פיל זיך גוט און בין צופרידן. זי האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— און ער איז אַזוי אומרואיק. גייט און פאַרברענגט מיט אים. איך וועל דערווייל צוגרייטן אַ ביים.

און איצט קום איך צו דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע.

* * *

איינמאָל, אין אָוונט, כ׳זיץ אין מיין חדרל און שרייב בריוו. פּלוצים אַ באַקאַנטער שאַרפער פייף פון אַן אויטאָ הינטער מיין פענסטער. איך גיי אַרויס. דאָס איז געקומען אַש. איך וואונדער זיך אַביסל, ווייל פריער איז ער נאָך קיינמאָל אין אָוונט ביי מיר ניט געווען. מיר גייען אַריין אין חדרל און ער זעצט זיך אַוועק, — וואָס האָט פריער אויך ניט שטענדיק פּאַסירט, סיידן כ׳פלעג אים אונטערשטעלן אַ שטול און בעטן ער זאָל זיך אַוועקזעצן.

— וואָס מאַכט איר?

— אָט איך שרייב בריוו צו חברים.

פּלוצלינג האָט ער באַמערקט עטלעכע יידישע צייטונגען אויף מיין בעט, אויפגעהויבן זיך און געוואָלט נעמען אַ „פאָרווערטס", וואו ס׳איז גראָד געווען דוד איינהאָרנס אַן אַרטיקל וועגן אים. איך האָב די צייטונג אַרויסגעריסן פון זיין האַנט און באַהאַלטן אונטערן קישן. אַש האָט מיך נייגעריק אָנגעקוקט, גאָרנישט געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט צוריק אויף זיין פּלאַץ. ער איז געווען מיין גאַסט און כ׳האָב ניט געוואָלט ער זאָל זיך דערפילן שלעכט ביי מיר. אמת, איינהאָרן האָט געשריבן גאַנץ מענטשלעך וועגן אַשן, אָבער אים האָט עס דאָך געקענט ווי טאָן.

דערנאָך האָט מיר אַש דערציילט, אַז די „גאָלדענע קייט" (אין תל־אביב) האָט שוין אָפּגעדרוקט די ערשטע קאַפּיטלען פון זיין נייעם ראָמאַן: „משה גייט אַרויס צו זיינע ברידער", און מיר געוויזן אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון דעם פּאָעט סוצקעווער, מיטרעדאַקטאָר פון דער „גאָלדענער קייט", וואָס גייט אַרויס אין ישראל, אין תל־אביב. אָט איז דער בריוו וואָרט ביי וואָרט:

טייערער פריינד שלום אַש: —

כ׳האָב אייך מיט אַ צוויי וואָכן צוריק אַרויסגעשיקט דעם באַנד „גאָלדענע קייט״, וואו ס׳איז געדרוקט אויפן ערשטן אָרט אייער מעכטיקע דערציילונג „משה גייט אַרויס צו זיינע ברידער״. איך מוז אייך זאָגן, אַז די דערציילונג האָט דאָ אין לאַנד געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן איינדרוק. שרייבער און סתם לייענער הערן ניט אויף וועגן איר צו ריידן. כ׳בין זייער צופרידן וואָס זי איז געדרוקט געוואָרן דווקא דאָ אין לאַנד און אין דעם זשורנאַל וואָס איך רעדאַקטיר.

ס׳וועט מיר זייער אַנגענעם זיין צו הערן פון אייך אַ פּאָר ווערטער. כ׳וואָלט אויך געוואָלט האָבן אייערע לעצטע ווערק.

מיט די האַרציקסטע גרוסן, אייער

א. סוצקעווער.

איך האָב געזען, אַז אַש איז זייער צופרידן מיט סוצקעווערס בריוול. און דאָס האָט מיך אויך געפרייט. ער וועט נאָך צוריק אַרויף אויפן ריכטיקן וועג און שאַפן גרויסע אמת־יידישע ווערק. דאָס וועט מוזן קומען, דאָס וועט מוזן זיין אַזוי, ווייל מיט אַלע זיינע זינד קעגן יידיש־קייט, איז ער אונזערער אַ שרייבער, שעפּט שטענדיק זיין באַגייסטערונג פון די אַלטע יידישע רעליגיעזע קוואַלן, פון אַלטן יידישן לעבן־שטייגער. ער וועט זיך אומקערן צו זיין אָנהייב...

— קומט מיט מיר אין אַ מואווי, — האָט אַש געזאָגט.

איך האָב זיך אַביסל געקווענקלט, וויסנדיק פּאַרויס, אַז אַש וועט אין אַ מואווי ניט אַריין, נאָר אַזוי זיך אַרומפּאָרן מיט מיר אין זיין אויטאָ און זען צו פּטרן אַ פּאָר שעה מיט עמעצן, ווייל זיין אַליין איז אים זייער שווער.

— איר וועט דען אַריין אין אַ מואווי?

— יאָ, איך וועל אַריין.

מיר זיינען אָוועקגעפאָרן צו לינקאָלן ראָוד. אַש האָט „געפּאַרקט״ זיין אויטאָמאָביל, און מיר זיינען געגאַנגען אָנקוקן וואָס מען שפּילט אין דעם און אין יענעם מואווי־טעאַטער. עס איז אַלץ געווען ניט דאָס וואָס ער וואָלט געוואָלט זען. נאָר ער האָט מיך געפירט ווייטער, געהאַלטן אונטערן אָרעם און גערעדט וועגן דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, אב. קאַהאַן; ער האָט דערציילט כלומרשט געהיימניספולע זאַכן, וואָס אַלע שרייבער אויף איסט בראָדוויי וויסן. דערביי איז אונדז נאָכגעגאַנגען

אַ הויכער ברייטפּלייציקער מאַן, וואָס האָט זיך מסתמא גלאַט אַזוי אַרומגעשפּאַצירט איבערן לינקאָלן ראָוד. אָבער אַש האָט אַלע ווײַלע אומרואיק אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק און אָנגעקוקט דעם מאַן. האָט דען אַש פּאַר עמעצן מורא? — איז מיר דורכגעלאָפן אין קאָפּ, און איך האָב אים אַריבערגעפירט אויף אַ צווייטן טראָטואַר.

ענדלעך האָט אַש געקויפט צוויי בילעטן אין אַ מואווי־טעאַטער. אָבער גלייך חרטה געקראָגן און געבעטן דאָס געלט צוריק. מיר האָט ער געזאָגט, אַז די מואווי וויל ער זען מיט זיין פרוי. ער האָט עס איר צוגעזאָגט. (אגב, האָט יענעם אָוונט אַש זיך אַביסל צעאַמפּערט מיט זיין פרוי און זי איז אַליין אַוועק אין דער דאָזיקער מואווי. שפּעטער האָט ער געבעטן איך זאָל איר עס דערציילן און מיר האָבן געלאַכט).

מיר זיינען געגאַנגען צוריק צו זיין „קאַר". ער האָט אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער די גאַסן אָן אַ ציל. איך האָב אים געבעטן:

— פירט מיך אָפּ אַהיים. איך דאַרף שרייבן בריוו.

ער האָט מיט דער רעכטער האַנט אָנגערירט מיין לינקן קני און אַרויסגערעדט מיט אַ בעטנדיקן טאָן:

— זייט אַ גוטער!

ער האָט זיך געמוזט פילן זייער איינזאַם און פאַרלוירן אין די דאָזיקע מינוטן, אָט־דער גרויסער שריפטשטעלער.

איך האָב אים דערציילט, אַז איך וואָלט געוואָלט אַרויסגעבן אַ בוך ביי מאַרק טורקאָוו אין אַרגענטינע, און האָב ניט קיינעם, ווער זאָל מיך רעקאָמענדירן.

— איך וועל מאָרגן אָנשרייבן צו טורקאָוון אַ בריוו — האָט אַש געזאָגט.

איך גלויב, אַז ער האָט ניט אָנגעשריבן דעם בריוו.

כ'האָב אים פאַרגעשלאָגן צופאָרן צו אונדזערע אַלגעמיינע באַקאַנטע. אַש האָט זיך צוערשט געקווענקלט, נאָר באַלד אַ טרייב געטאָן די „קאַר" אין דער נויטיקער ריכטונג.

מיר האָבן געטראָפן די באַקאַנטע, אַז זיי האָבן זיך געקליבן ערגעץ אַוועקגיין. אָבער דעם גרויסן גאַסט האָבן זיי אויפגענומען זייער פריינדלעך, כאָטש פאַרבלייבן אין הויז האָבן זיי ניט געוואָלט. און דאָ איז פאַרגעקומען אַ סצענקע וואָס איך וועל מיין גאַנץ לעבן ניט פאַרגעסן, אַזוי ווייטיקדיק און שאַרף האָט זי זיך אַריינגעשניטן אין מיין געדעכעניש און אין מיין נשמה. איך בין געזעסן אָן אַ זייט אין אַ וויכן שטול און ממש ניט געגלויבט מיינע אויגן.

אַש האָט געדעדט מיט אונדזער באַקאַנטן. זיי האָבן זיך עפּעס גע־דאַרפט טרעפן און ניט געטראָפן. אַש האָט זיך פאַרענטפערט. פלוצלינג האָט אים אַש לוסטיק אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט צו זיך, אַז יענער, וואָס איז אַ סך נידעריקער פון אַשן אין וואוקס און ניט גאָר קיין גע־זונטער מענטש, האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. דערביי האָט אַש מיט האַרץ גערעדט, אַז ער אַנטלויפט ניט פון זיינע פריינט און וויל אַלעמען זען, נאָר די פריינט און באַקאַנטע אַנטלויפן פון אים. ער איז דאָך דער געשלאָגענער און האָט מורא פאַר באַליידיקונגען. יאָ, ער איז דער געשלאָגענער!

ער האָט נאָך עפּעס גערעדט אומגעפער דאָס זעלבע. אונדזער באַ־קאַנטער האָט אויף אונדז געוואָרפן מאָדנע און אַביסל דערשראָקענע בליקן, ווי איינער זאָגט: גיט נאָר אַ קוק וואָס דער גרויסער שרייבער לעבט איבער, ווי ער פּייניקט זיך, ווי ער ליידט. און צו וואָס האָט ער עס אַלץ געדאַרפט?!

איך גלויב, אַז אויף דעם וואָלט אַש אַליין געקענט ענטפערן, כאָטש ער גיט אַרויס פון צייט צו צייט קריסטלעכע „סטייטמענטס" וואָס פאַר־שאַפן אים דערנאָך אַ סך פּיין און שלאָפלאָזע נעכט.

נאָך יענעם אָוונט איז אַש צו מיר ניט געקומען אַ פּאָר וואָכן. דער שאַרפער פייף פון זיין „קאַר" פלעגט זיך ניט דערהערן הינטער מיין פענסטער. אָבער אָט ליג איך אַ נאָכמיטאָג אין בעט און דרימל. פלוצלינג דערהער איך סמוטנע דעם באַקאַנטן פייף, נאָר בלייב ליגן. באַלד דערהער איך אַ קלאַפּ אין מיין טיר און אַש קומט אַריין.

ער זעצט זיך אַוועק און דערציילט מיר, אַז ער איז זייער פאַרנומען און ענדיקט:

— איך האָב אייך פאַרלאָזן, אַ?

— איך האָב אַ סך געדולד צו וואַרטן, — האָב איך אים געענט־פערט, — ווייל אייער „שטעטל", אייער „תהילים־ייד" און אייער „קידוש השם" קענען דאָך שטענדיק זיין מיט מיר. יאָ, איך האָב אַ סך געדולד צו וואַרטן אויף אייך, און איר וועט נאָך קומען צו מיר.

איך האָב קיין טעות ניט געמאַכט...

פּרעזידענט און סעקרעטאַר

פאַר די זיבן, אַכט יאָר, וואָס איך בין געווען סעקרעטאַר פון דעם י. ל. פּרץ שרייבער פאַראײן, איז דר. אברהם קאָראַלניק, דאַכט זיך, צוויי מאָל דערווײלט געוואָרן אַלס פּרעזידענט. אַזוי אַרום, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט מיט אים זיך גוט צו באַקענען, און באַאָבאַכטן אים פון דער נאָענט, אַזוי צו זאָגן.

אַז דר. קאָראַלניק איז געווען זייער אַ טאַלאַנטפולער פּובליציסט און עסייאיסט, איז גוט באַקאַנט. זיין אָנגעזעענעם אָרט אין דער פּובליציסטיק און דעם ליטעראַרישן עסיי, קען דערווייל נאָך קיינער ניט פאַרנעמען. איך האָב באַזונדערס ליב געהאַט צו לייענען זיינע אַרטיקלען וועגן דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, וואָס מיט זיין וויסן, פיינער פאָרם און וואונדערלעכן סטיל, פלעגט ער מיר פאַרשאַפן אַ סך פאַרגעניגן. אָבער ניט וועגן דר. קאָראַלניקס טאַלאַנט ווילט זיך מיר שרייבן די דאָזיקע פאַרצייכענונג. איך בין אויך ניט באַרופן דערצו. איך וויל נאָר דערציילן וואָס פאַר אַ באַציאונגען עס האָבן עקזיסטירט צווישן אונדז, ווען ער איז געווען פּרעזידענט פון שרייבער פאַראײן און איך — דער סעקרעטאַר.

יאָ, גאַנץ אָפט זיינען דער שרייבער און דער מענטש אין איין און דערזעלבער פּערזאָן ביז גאָר פאַרשיידענע באַשעפענישן. נאָר צו וואָס פאַרכאַפּן פאָראויס?

איך האָב זיך באַקענט מיט דר. קאָראַלניק אומגעפער אַ וואָך נאָך מיין אָנקומען קיין אַמעריקע, אייניקע טעג פריער, איידער דוד פּינסקי האָט מיך אָנגעשטעלט אַלס שטענדיקן מיטאַרבעטער אין „די צייט“, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן צו דערשיינען. איך האָב געבראַכט אין רעדאַקציע פון „טאָג“ אַ לענגערע דערציילונג פון ארץ־ישראל לעבן, וואָס מען האָט איבערזעצט פון רוסיש. דר. קאָראַלניק האָט דאַן צייטווייליק פאַרנומען דעם פּלאַץ פון רעדאַקטאָר, וועלכער איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן. ער האָט מיך אויפגענומען אַ ביסל סקעפּטיש, אַזוי צו זאָגן, און געהייסן אַריינקומען אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך אַן ענטפער. איך געדענק, ווי

קוקנדיק אויף אים, האָט זיך מיר עפּעס אַלץ געדאכט, אַז זיין פּנים זעט אויס ווי אַ קוים מערקבאַרע, שמייכלענדיקע מאַסקע. די דערציילונג האָט ער מיר אומגעקערט און מיר זיינען פאַרבליבן פון דערווייטנס.

אמת, שפּעטער, אַז די זעלבע דערציילונג איז אין „די צייט" געגאַנגען מיט אַ סך דערפאָלג, אָדער איך פלעג אָפּדרוקן אַ סקיצע פון דעם לעבן אין איטאַליע, פראַנקרייך, אָדער די שווייץ, פלעגט דר. קאָראַלניק מיך פריינטלעך באַגעגענען אין דער קיבעצאַרניע, האָט אויף מיר נייגעריק געקוקט און געפרעגט אין רוסיש:

— „נו, קאַק דיעלאַ"? (נו, ווי גייען די געשעפטן?)

איך פלעג אים עפּעס ענטפערן אויך אין רוסיש, אָבער צו אַ נעענטע־רע באַקאַנטשאַפט איז עס ניט געקומען.

דערווייל זיינען געגאַנגען די יאָרן. „די צייט" האָט זיך פאַרמאַכט און אַ היפּשע גרופּע שרייבער איז געבליבן אַרבעטסלאָז. וואָס איך האָב דורכגעמאַכט פאַר דער צייט איז ניט דאָ דער פּלאַץ צו דערציילן. דאָס האָף איך צו טאָן שפּעטער, ווען איך וועל האָבן די געלעגנהייט צו שרייבן וועגן אַנדערע שרייבער.

אַלזאָ, אין איין שיינעם טאָג בין איך נאָך אַ „שטורעמדיקן" מיטינג געוואָרן דער סעקרעטאַר פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין. דער ערשטער סעקרעטאַר פון פאַראיין, דער זייער חשובער קאָלעגע יוסף מאַרגאָשעס, האָט געהאַט עפּעס אַ שטיקל סכסוך מיט דער עקזעקוטיווע און איז אַוועק.

אין יענער צייט האָב איך אַליין געדאַרפט אויפמאָנען ביי די מיט־גלידער דעם שטייער. דאָס איז געווען אַ שווערע און אומדאַנקבאַרע אַרבעט, ווייל ניט יעדער שרייבער האָט געהאַט חשק צו צאָלן „דיוס". דערביי פלעגן זיך אָפט אָפּשפּילן באמת טשיקאַווע, אָדער טרויעריקע סצענקעס. אייניקע שרייבער פלעגן ווערן אין כעס וואָס איך „באַדער" זיי, ווען זיי זיצן אין רעדאַקציע און „שאַפן", און פלעגן צו מיר ריידן גאָר ניט איידל. אַנדערע, פאַרקערט, האָבן פריינטלעך געשמייכלט און מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן, אַז איך האָב די וואָך געהאַט אַ מעשה אין „אַמעריקאַנער", אין „מאָרגן זשורנאַל", אָדער אין „טאָג", וואָס באַווייזט, אַז איך בין אַן אמתער קינסטלער. איך פלעג בלייבן שטיין ווי אַ פאַר־לוירענער און פלעג שוין ניט קענען מאָנען דעם שטייער. דאָס איז טאַקע געווען, וואָס זיי האָבן געוואָלט. עס זיינען אויך געווען אַ פּאָר פון די גאָר באַוואוסטע שרייבער, וועלכע האָבן ניט געצאָלט חדשים לאַנג קיין „דיוס", כאָטש זיי האָבן געהאַט שטענדיקע שטעלעס אין צייטונגען. די

דאָזיקע קאָלעגן האָבן ליב געהאַט צו „סעטלען" מיט מיר זייער חוב צום פאַראיין מיט אַ פינפערל, אָדער העכסטנס אַ צענערל. איך פלעג זיי נאָכגעבן און זיך וואונדערן, צו וואָס ווילן זיי עס טאָן, ווייל דער שטייער איז געווען אַ קליינער. אָבער ביי זיי איז מסתמא אַ פּעני געווען אַ טייערע מטבע.

דר. קאַראַלניק איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט איינגעפירט, אַז דעם שטייער זאָל מען אַראָפּנעמען אין די רעדאַקציעס ביי יעדן שרייבער פון זיין געהאַלט. דאָס האָט געדאַרפט טאָן דער „טשערמאַן" פון סטאַף איינמאָל אַ חודש. איך בין אים געווען זייער דאַנקבאַר דערפאַר און אַלץ געזוכט געלעגנהייטן זיך נעענטער צו באַפריינדן מיט אים.

אמת, איך האָב אים שוין איינמאָל דערציילט אַלערליי קלייניקייטן, וואָס האָבן בולט כאַראַקטעריזירט די באַציאונגען פון געוויסע שרייבער איינער צום צווייטן. און אַז די מערסטע אינטערעסירן זיך ניט מיט אַנדערע קאָלעגן. זיי גייט ניט אָן די יידישע ליטעראַטור, אַבי זיי זיינען דאָ. די ליטעראַטור זיינען זיי. דר. קאַראַלניק פלעגט ווערן אומעטיק און אויף זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קוים מערקבאַרע, שמייכלענדיקע מאַסקע פלעגט זיך באַווייזן אַ פיינלעכער אויסדרוק. ער פלעגט ווערן ליריש געשטימט און זיך אויך אָנהויבן קלאָגן אַז אויף דער יידישער גאַס איז נישטאָ קיין סביבה, וואו אַ געלערנטער אָדער קינסטלער זאָל זיך פילן היימיש און קענען וואַקסן אָן שטערונגען. די לופט אויף איסט בראָדוויי איז אַ פאַרשטיקטע, דער באָדן — אַ שטיינערנער און אַלץ וואָס בליט אויף — ווערט גיך פאַרוויאַנעט. עס הערשט כמעט אומעטום דער „כאַם", דער גראָבער יונג, וואָס טומלט אויף אַלע ראָגן און פאַדערט כלומרשט גערעכטיקייט און יושר.

פאַמעלעך האָב איך גענומען באַמערקן און טראַכטן, אַז דר. קאַראַלניק מוז האָבן אַ שוואַכן כאַראַקטער, איז אפשר פון נאַטור אַ היסטעריקער, ווערט אָפּט ווי אויפגעגעסן פון פאַרדרוס און קנאה, וואָס וועגן אַנדערע שרייבט מען מער אין דער פּרעסע ווי וועגן אים. דערצו האָב איך אויך באַמערקט אין אים אַ קאַרגשאַפט און ווי ער היט אָפּ יעדן דאָלער, כאָטש ער האָט גוט פאַרדינט. און מיר איז שוין אויך געווען באַקאַנט, אַז דר. קאַראַלניק איז ניט צופרידן מיט מיר, גראָבט אונטער ביי יעדער געלעגנהייט אונטער מיינע פליצעס מיין „דזשאָב", ווייל ער וויל, אַז אַ סעקרעטאַר פון אַ שרייבער פאַראיין זאָל האָבן בילדונג און ניט פאַרשעמען אים מיט מיין עם־הארצות. אָבער ניט געקוקט אויף די אַלע זאַכן האָב איך

דר. קאָראַלניקן ליב געהאַט און אויך אים, גלויב איך, האָט אָנגעהויבן ציען צו מיר, ווייל איך בין פּאַרט געווען אים נעענטער, ווי די אַנדערע שרייבער. איך האָב אים אין אַלץ געגעבן גערעכט אין האַרצן. איך בין טאַקע ניט פּאַסיק צו זיין דער סעקרעטאַר פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין. אָבער פיל קאָלעגן זיינען אפשר אויך ניט פּאַסיק צו זיין מיטגלידער פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע.

דאָס פלעגט מיך אַ ביסל באַרויקן און איך בין ווייטער אָנגעגאַנגען מיט מיין אַרבעט.

צייטנווייז האָב איך דר. קאָראַלניקן פשוט ניט געקענט פאַרשטיין. דער געדאַנק, אַז אַזאַ טאַלאַנטפולער און געבילדעטער מענטש, אַ קענער פון פילאָזאָפיע, וואָס דאַרף באַגרייפן די נישטיקייט פון לעבן און דאַרף קענען אַריינקוקן אין די טיפענישן פון דער אייביקייט, אַזוי צו זאָגן, זאָל זיין פאַרקאָכט אין קלייניקייטן, ווי אַ נאָטיץ אין אַ צייטונג, וואו ס׳ווערט דערמאָנט זיין נאָמען, אָדער צו קריגן נאָך אַן ערן אַמט אין אַ וועלכער עס איז קליינער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס די מענטשן זיינען אים פרעמד. אָט דער געדאַנק האָט מיר פאַרשאַפט אָפט ערגערניש. אָבער גיי און דערגרונטעווע זיך צו דער מענטשלעכער נשמה: בפרט אַז מען איז אַליין אַ מענטש אַ פשוטער און אָן חכמות.

דער שרייבער פאַראיין פלעגט אַלע שבת האָבן אין דער געביידע פון „האַיאַס" אַן אָוונט, וואו רעדנער פלעגן אַרויסטרעטן אויף פאַרשיידענע פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס. די אָוונטן פלעג איך אַראַנזשירן. און ווען דער אַלטער גוטער מיניקעס האָט נאָך געלעבט, פלעגט ער מיר אַרויסהעלפן. כמעט שטענדיק זיינען די אונטערנעמונגען געווען אַ גרויסער דערפאָלג. די איינגאַמעס — עס האָט געקאָסט אַ קוואָדער איינטריט־געלט — האָט דער פאַראיין, מערסטנס, צעטיילט צווישן די נויטבאַדערפטיקע שרייבער, צווישן די „דרויסנדיקע", ווי מען האָט זיי גערופן. איך פלעג אַריינלייגן אַ סך אַרבעט אין די דאָזיקע אָוונטן און האָב כשר פאַרדינט מיינע פינף און צוואַנציק דאָלער אַ וואָך, וואָס דער פאַראיין האָט מיר געצאָלט, ווייל קריגן אומזיסט זינגער און שוישפּילער, איז געווען ניט קיין לייכטע זאַכן. איך האָב אָפט געמוזט פאַרבלייבן אין קאַפע ראָיאַל ביז האַלבע נאַכט, כדי צו זען דעם „טאַלענט" ביים קאָרטן־טישל און אים איבערגעבן מיין בקשה. דערנאָך בין איך געפאָרן קיין סיגייט און פלעג קומען אַהיים אַן אויסגעמוטשעטער און אָפט אַ פאַר־פראָרענער.

דר. קאָראַלניק פלעגט אָפט אויפטרעטן אויף די דאָזיקע אָוונטן. אָבער אַמאָל האָט ער זיך איינגעקשנט און ניט געוואָלט אַריינגיין אין „האָל", ווען דאָרט איז שוין געווען געפּאַקט און דער עולם האָט אויף אים געוואַרט. ער פלעגט בלייבן שטיין מיט זיין שטעקן אין האַנט ביים אַריינגאַנג, וואו איך בין געזעסן ביי אַ טישל און גענומען די קוואָדערס איינטריט געלט, און לויט דעם אויסדרוק פון זיין פּנים האָב איך שוין געוואוסט, אַז דאָס מאָל וויל ער ניט אויפטרעטן.

— דאָקטאָר, פּראָשו וואָס! (דאָקטאָר, איך בעט אייך;), פלעג איך אים אַ זאָג טאָן. — אויף וואָס וואַרט איר? דער עולם ווערט אומגע־דולדיק.

— „פּוסט קטאָ ניבוד דרוגאָי זאַימיאָט מעניאַ" (זאָל אימיצער אַן אַנדערער מיך פאַרבייטן), פלעגט ער מיר ענטפערן אַ ביסל קאַפּריזנע.

איך האָב געוואוסט אַז דאָ דאַרף איך כלומרשט ווערן אין כּעס און ער וועט גלייך אַריינשפּאַנען אין האָל.

— „עטאָ סקאַנדאַל" (דאָס איז אַ סקאַנדאַל), — פלעג איך אַרויסריידן מיט האַרץ און אים פּשוט באַפעלן עפענען דעם אָוונט. און אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין דר. קאָראַלניק געווען אויף דער בינע און פאַמעלעך אָנ־געהויבן זיין רעדע.

כּמעט שטענדיק נאָך דער אונטערנעמונג, האָב איך איינגעלאַדן די אָנטיילנעמער פון דער דעבאַטע, אָדער ליטעראַרישן אָוונט, אין אַ קאַפע. דאָס איז געווען אויפן חשבון פון פאַראיין. אין קאַפע פלעגט דר. קאָראַלניק גיין גערן און זיין תּמיד גוט געשטימט. מען פלעגט זיך אַרומזעצן ביי צוזאַמענגערוקטע טישן און פיין פאַרברענגען. יעדער האָט זיך געקענט באַשטעלן וואָס ער האָט געוואָלט. איך האָב דאַן ליב געהאַט צו קוקן אויף קאָראַלניקן. ער האָט געלאַכט און געשפּאַסט און אַמאָל אַפילו זיך גע־וויצלט מיט מיר, אַז איך זע אויס ווי אַן אמתער משגיח, וואָס פּאַסט אויף אויף די געסט פון פאַראיין!

דר. קאָראַלניק האָט, קענטיק, געהאַט אַ סך פרייע צייט, ווייל דאָס שרייבן פלעגט אים אָנקומען ניט שווער. דערצו האָט אים גוט געדינט זיין זעלטענער זכרון. זיינע ציטאַטן פון דער וועלט ליטעראַטור און אַלטע פילאָזאָפישע ווערק זיינען אים געווען גוט באַקאַנט. עס איז אויסגעקומען ווי דאָס וואָלט געווען אַ טייל פון זיין טאַלאַנט. פלעגט ער גאַנץ אָפט אַריינשפּאַנען אין אָפיס פון פאַראיין און כאַפּן מיט מיר אַ שמועס. אָדער אַמאָל פלעגן מיר אַוועקגיין אין קאַפע ראָיאַל, אָדער אין אַ רעסטאָראַן אויף

דער פּערצנטער גאַס און יוניאָן סקווער. ער האָט אַלץ געוואָלט וויסן פאַרוואָס איך בין ניט קיין באָלשעוויק. אַזוי פּיל געוואַנדערט און געליטן פון קינדוויז אָן און מיינע נייגונגען זיינען גאָר נאַציאָנאַל־בורזשואַזע. איך בין אַ ציוניסט און געפינען שיינקייט אין דער אַלטער רוסלאַנד, וואָס האָט געהאַט אַן אָריגינעלן פּנים. טשיקאַווע. ער קען עס נישט פאַרשטיין. לויט זיין מיינונג האָב איך געדאַרפט זיין אַ קאָמוניסט און שרייבן אין דער „פרייהייט״.

איך פלעג דאַן קוקן אויף אים און טראַכטן: „מיין ליבער פּרעזידענט, מיט דיין גאַנצן וויסן און טאַלאַנט, פאַרשטייסטו ניט קיין סך זאַכן. אָט דער באַיקאָט וואָס דו אָרגאַניזירסט קעגן דייטשלאַנד איז ניט קלוג און קען אונדז ברענגען גרויסע אומגליקן״, אָבער איך פלעג עס אים ניט קענען זאָגן, און פלעג שווייגן. אַמאָל פלעגן מיר ריידן וועגן דער פּאָליטישער אימיגראַציע אין דער שווייץ, וואו איך האָב יאָרן געלעבט. איינמאָל האָב איך אים דערציילט, ווי אַזוי אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די אימיגראַנטן געליטן נויט און אַפילו הונגער. האָט מען אַראַנזשירט אַ „סטאָלאָוועקע״, אַ קיך, וואו מען האָט געקאָכט זופּ מיט ביינער, ווייל צו קויפן פלייש איז קיין געלט ניט געווען. וועגן דעם זיינען פאַרגעקומען אָפטע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך גאַנץ געשמאַק געקריגט.

— פאַרוואָס איז עס אַזוי געווען? — האָט דר. קאָראַלניק געפרעגט, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען מיינע פּשוטע ווערטער וועגן הונגער, וואָס צעקריפּלען מענטשן.

איך האָב געהאַט אַ קליינע אָפּעראַציע, און פלעג דערנאָך אָפט מוזן גיין צום דאָקטאָר, ווייל די וואונד האָט זיך ניט פאַרהיילט אַזוי גיך. פון דאָקטאָרס אָפיס פלעג איך זיך אומקערן צו מיינע פליכטן פון פאַראיין. איינמאָל האָב איך אים געטראָפן ביים אַריינגאַנג פון „האַיאַס״, וואו ער האָט, קענטיק, געוואַרט אויף מיר. מיר זיינען אַריין אין אָפיס פון פאַראיין. איך האָב אים דערציילט, אַז מיין וואונד בלוטעט נאָך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַ ווײַלע געקוקט אויף מיר שווייגנדיק און דערנאָך לאַנגזאַם אַרויסגערעדט:

— „מניע וואָס זשאַלקאָ״ (איך האָב אויף אייך רחמנות).

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָב איך געפרעגט.

— אָט, — האָט דר. קאָראַלניק געזאָגט, — עפּעס זייט איר ניט אויף אייער אָרט.

— נו, און איר זייט אויף אייער פּלאַץ? — האָב איך געפרעגט. — דער אמת איז, אַז אויף אייך איז נאָך אַ גרעסערער רחמנות, ווי אויף מיר. איר פילט זיך ווי אַ פרעמדער אויף דער יידישער גאַס און וואָלט געוואָלט אַנטלויפן צו די גויים, איך פיל זיך דאָ זייער היימיש. איך האָב געפונען מיין היימישן ווינקל און בין צופרידן. און אינערלעך בין איך געזינטער פאַר אייך, כאָטש איר זייט אַזוי געבילדעט און אַ סך טאַלאַנטפולער פון מיר. איז לאָזט דעם „רחמנות" בעסער אָפּ. איר קענט מיך זייער ווייניק.

דר. קאַראַלניק האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— „אידיאָמטיע וו׳קאַפּע ראַיאַל פיט קאַפּע" (קומט אין קאַפּע ראַיאַל טרינקען קאַווע).

— „עטאָ דיעלאָ" (דאָס איז אַ געשעפט) — האָב איך אַ שמייכל געטאָן, און מיר זיינען אַוועק אין קאַפּע ראַיאַל.

עס איז אַוועק מער ווי אַ יאָר און דאָס לעבן האָט ווייטער גע־וועבט איר פאַרביקן געוועב. פאַר דער צייט האָט דר. קאַראַלניק — און מסתמא האָבן אים אויך אַנדערע געהאָלפן — דורכגעפירט זיינס. עס זיינען פאָרגעקומען נייע וואַלן אין י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, און איך בין דורכגעפאַלן. מען האָט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט דעם אַמט פון אַ באַ־צאָלטן סעקרעטאַר. שפּעטער האָב איך זיך באַגעגנט אין קיבעאַצרניע מיט דר. קאַראַלינקן. מיר האָבן גערעדט וועגן די וואַלן. דערנאָך האָט ער מיך געבעטן אַרויסגיין מיט אים אין גאַס. ער האָט זיך גענומען אויפ־ריכטיק פאַרענטפערן, אַז אין אַלץ זיינען שולדיק זיינע מאָדנע שטימונגען, וואָס באַפאַלן אים נאָכאַנאַנד, און דאַן האַנדלט ער ניט מענטשלעך. ער ווייס עס אַליין. ער איז ניט שולדיק. ער וויל, אַז מיר זאָלן פאַרבלייבן גוטע פריינט. ער וועט שרייבן וועגן מיר אַן אַרטיקל אין „טאָג". איך האָב אים אויסגעהערט, בין אָפּגעטראָטן און מיר זיינען ווידער געוואָרן פון דערווייטנס.

שפּעטער זיינען מירביידע ערנסט קראַנק געוואָרן און דער טויט האָט געלויערט איבער אונדז, געשטאַנען צוקאָפּנס און געוואַרט. דר. קאַראַלניק איז, דאַכט זיך, געלעגן אין הויז און מען האָט אַלץ געטאָן אים צו ראַטעווען. אים האָבן געהיילט גרויסע דאָקטוירים און איבער־געבענע נוירסעס. איך האָב זיך געפונען אין אַ יידישן שפּיטאָל אין „וואָרד" און אַ סך געליטן פון די פּראָסטע שפּייז, פון די אַנדערע שווערע חולאים און פון די פיינלעכע עקספּערימענטן וואָס די „אינטוירנס"

פלעגן מאַכן אויף מיר. נאָר אין די שלאָפלאָזע נעכט האָב איך אָפּט געטראַכט וועגן דר. קאַראַלניקן און געוואָלט אים אָנשרייבן אַ וואַרעמען בריוו און זאָגן, אַז איך טראָג ניט אויף אים קיין כעס און ווינטש אים פון גאַנצן האַרצן אַ רפואה שלמה. אַלע קריוודעס האָבן מיר איצט אויס־געזען נישטיק, נאַריש. הבל הבלימדיק. איך האָב נאָר געזוכט צו געפינען גוטע שטריכן אין דר. קאַראַלניקס כאַראַקטער. דאָס לעבן האָט אונדז ביידע צעבראָכן און אָט, אָט קענען מיר ביידע שטאַרבן.

אָבער מיר האָבן זיך ביידע גענומען בעסערן. דר. קאַראַלניק האָט זיך אויף אַזוי פיל דערהאָלט, אַז ער האָט דערנאָך געמאַכט אַ רייזע קיין קיובאַ. איך האָב מיט פאַרגעניגן געלייענט זיינע פּראַכטפולע אַרטיקלען וועגן האַוואַנאַ. ער האָט וואונדערבאַר געשילדערט קיובאַנער טענצערינס, וועלכע ער האָט געזען טאַנצנדיק אין אַ נאַכט־קלוב. ער האָט עס איבער־געגעבן אַזוי קאָלירפול און ריטמיש. און עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען אַז ער האָט דאָן פאַרלאָרן אַ גוטן פריינט, און זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט. עס האָט לאַנג ניט גענומען און איך בין ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ האָספּיטאַל. איין פרימאָרגן דערוויס איך זיך פון די יידישע צייטונגען, אַז דר. קאַראַלניק איז פּלוצים געשטאָרבן. געווען אין אַ קאַנטרי פּלאַץ, פאַרבראַכט געמיטלעך מיט באַקאַנטע און מיט־אַמאָל — אַ נייע האַרץ־אַטאַקע, וואָס האָט גיך געבראַכט דעם סוף. אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען טרויעריק און אויך אין אָוונט האָב איך אַלץ געטראַכט וועגן דר. קאַראַלניק. ביינאַכט, אַז די נוירס האָט מיר געגעבן אַ שלאָף־פּיל, האָט זיך מיר געחלומט, אַז דער נאַכט־דינער פון „וואָרד" האָט צו מיר צוגעפירט אַ שמאָל בעטעלע אויף רעדלעך און בייז געזאָגט:

— שטיי אויף איסר בן שלמה! דו ביסט געשטאָרבן!

דערהערט די שרעקלעכע פּאַר ווערטער האָב איך זיך ביטער צע־ווײנט און גענומען זיך בעטן אַז מען זאָל מיר נאָך לאָזן בלייבן אין „וואָרד", כאָטש דאָ איז מיר אַזוי שלעכט. אָבער דער דינער האָט ווידער־האָלט דאָס זעלבע נאָך מיט מער שטרענגקייט און געזאָגט אַז דער מלאך המות וואַרט אויף אים ביים אַרויסגאַנג.

עס איז געווען נישט צו מאַכן, מען האָט געדאַרפט גיין אויף יענער־וועלט. אָבער אַלץ האָט זיך פאַרגעטראָגן מערקווירדיק גיך. אָט אַזוי ווי אויף אַ מואווי לייוונט. עפּעס האָב איך געפּרירט אַ פּאָר שעה אין אַ מתים־שטיבל פון האָספּיטאַל. דערנאָך האָט מען מיך צוגעפּוצט ביים „אַנדערטייקער" און אַריינגעלייגט אין אַ קאַסטן.

אימיצער האָט געוויינט איבער מיר, אָבער קיין הספּד האָט קיינער ניט געהאַלטן און דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. איך האָב זיך אַפילו געוואָלט אויסזידלען, פאַרט געווען אַ יידישער שרייבער, און אַ יאָר זיבן־אַכט דער סעקרעטאַר פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין. קיין אָרעמאַן זאָל מען ניט שטאַרבן. שפּעטער האָט דער טויטער־וואָגן זיך געיאָגט איבער ברוקלין צום גוטן אָרט. אַלץ איז שוין געווען צוגע־גרייט. אַן אָפענער קבר צווישן מצבות. ווידער האָב איך געהערט אַ געוויין און ווי עס פאַלן לאָפּעטעס ערד אויף מיין אָרון. און אָט איז געוואָרן שאַ־שטיל. ווי לאַנג די שטילקייט האָט געדויערט, האָב איך ניט גע־קענט באַגרייפן. נאָר דער קבר איז פּלוצלינג געוואָרן אָפן, דער דעקל פון קאַסטן האָט זיך געעפנט. איך בין אַרויסגעשפּרונגען פון קבר און באַמערקט פון דערווייטנס אויף אַ מצבה אַ ברענענדיקע לאַמטערנע. איך האָב זיך געלאָזט אַהין.

אויף דער ערד איז געזעסן דר. קאַראַלניק אין זיין קבר. לעבן אים האָט בלאָס געלויכטן די לאַמטערנע און עס זיינען געלעגן אָנגע־וואָרפן אַ פּאַק גראָבע ביכער אין דיקע לעדערנע איינבאַנדן. דערזעענדיק מיך, האָט דר. קאַראַלניק פריילעך אויסגעשריען אין רוסיש:

— „סמאָטריטע, מאָי סעקרעטאַר"! (זעט, מיין סעקרעטאַר!) איר זייט אויך דאָ, — און ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַרויפגעפאַלן אויף מיין האַלדז און מיך גענומען קושן, ווידערהאָלנדיק:

— „קאַקאַיאַ פּריאַטנאַיאַ ווסטרעטשאַ" (וואָס פאַר אַן איינגענעמע באַגעגעניש), מיין גאָט, איצט זיינען מיר ווידער צוזאַמען. דערציילט: ווען האָט מען אייך געבראַכט, וואָס הערט זיך אויף איסט בראָדוויי, אין די רעדאַקציעס? וואָס האָט מען געשריבן וועגן מיר נאָך מיין טויט?

פּלוצלינג האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שוידערלעכע שרעק. איך האָב אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר און דערזען אַז אָנשטאָט אויגן האָט ער פּוסטע לעכער אין קאָפּ, און איבער זיין פּנים גליטשן זיך אַרום ווערים. עס האָט מיך גענומען שטיקן אין האַלדז. איך האָב אַרויסגעריסן די לאַמ־טערנע פון דר. קאַראַלניקס האַנט און זיך געלאָזט לויפן מיט איר, ווייל אַרום איז מיטאַמאָל געוואָרן שטאָק פינצטער. אַלע ווײַלע האָב איך זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט, געפאַלן און ווידער אויפגעשטאַנען, כדי צו לויפן ווייטער און פון הינטן האָט זיך אַלץ דערטראָגן צו מיר:

— איסר בן שלמה, איסר בן שלמה, וועסט ניט אַנטלויפן! וועסט ניט אַנטלויפן!...

— — — — — — — — — — — — —

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז אַ נוירס געשטאַנען לעבן מיין בעט און געפרעגט וואָס מיר איז, ווייל איך האָב געשריען פון שלאָף.

איך האָב איבערגעגעבן דעם קאָשמאַר, כאָטש עס האָט אפשר ניט קיין שייכות מיט מיין פאַרצייכענונג וועגן אייניקע כאַראַקטער־שטריכן פון דר. אברהם קאָראַלניק.

ביי משה נאַדירן אויפֿן פֿאַרם

איך האָב פֿאַרבראַכט אַ מעת־לעת ביי משה נאַדירן אויפֿן פֿאַרם. דאָס איז געווען אין די קעטסקיל בערג. משה נאַדיר האָט דאָן געהאַט אַ פֿאַרם פֿאַר בערדערס און באָרדערקעס, וואָס די מערסטע פֿון זיי האָבן אַליין געשריבן אָדער זיך אַרומגעדרייט אַרום שרייבער. בין איך, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אַריינגעפֿאָרן צו אים.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט. ביים אַריינגאַנג פֿון פֿאַרם אויף אַן אַלטן בוים איז געהאַנגען אַ פֿאַרביק בילד פֿון אַן אַמאָליקן ריטער, וואָס האָט געהאַלטן אַ לאַנגן שפּיז אין האַנט און ביים זייט איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות: „משה נאַדיר״.

איך בין אַריין אין הויף. מיר אַקעגן איז צוגעקומען אַ בלאָנדע פֿרוי, מיט אַ פֿרישן פֿולן סימפּאַטישן פּנים און עטוואָס קאָסאָקע בלויע פֿאַרזשמורעטע אויגן. דאָס איז געווען משה נאַדירס פֿרוי. איך האָב איר געזאָגט מיין נאָמען און געפֿרעגט, צי עס איז פֿאַראַן פֿאַר מיר אַ פּלאַץ.

— זיצט אַ ווייִלע, און איך וועל אייך באַלד זאָגן, — האָט געענטפֿערט די באַלעבאָסטע — אָט איז אַ באַנק.

זי איז אַריין אין הויז און איך האָב זיך געזעצט אויף אַ רונדן היל־צערנעם באַנק אונטער אַ פּאָר יונגע טאַפּאָלן, וואָס האָבן גערוישט און זיך געוויגט פֿון ווינט.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. ניט ווייט פֿון מיר איז אויפֿן גראָז געלעגן אַ דאַרינקע פֿרוי מיט רויטע האָר און זומערשפּרינקלעך אויף דעם אַביסל פֿלאַטשיקן פּנים. און אַן אַ זייט האָבן ביי אַ טישל אַ גרופּע מענער גע־שפּילט אין קאָרטן. איך האָב צווישן זיי דערקענט דעם בלינדן מינץ מיט זיין פּנים פֿון אַ פּרוש און אברהם רייזען. מינץ האָט געמאַכט רייזענען קאָמפּלימענטן פֿאַר זיין שפּילן, נאָר רייזען האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האַלט גאָר אין איין אָנווערן.

איך האָב זיך צוגעהערט און געטראַכט, אַז די אַנדערע געסט מוזן אַרומ־שפּאַצירן איבער די בערג און טאָלן אָדער שיפּלען זיך אויף דעם בלויען

טייך. עס איז אַ שיינער ווינקל. אָט דאָרט ווייט איבערן וואַלד שווימען ווייסע פוכקע וואָלקנס און עס דוכט זיך אַז קופּעס שניי לאָזן זיך אַראָפּ אויף די שפּיצן פון די ביימער. די זון וואַרעמט מילד און עס ווילט זיך אַזוי איינדרעמלען און גאָרנישט טראַכטן.

אויפן הויף האָבן זיך באַוויזן צוויי מענער אין ברייטע שוואַרצע מאַטראָזן־הויזן און סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע פיס. איך האָב דערקענט משה נאַדירן און זיין חבר, דעם גרויסן דיכטער משה לייב האַלפּערן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר און געפרעגט ווען בין איך געקומען און צי אויף לאַנג.

משה נאַדיר איז אַוועקגעגאַנגען זיך איבערטאָן צו מיטאָג און האַלפּערן איז געבליבן מיט מיר. ער האָט מיר דערציילט, אַז כמעט אַלע אָוונט האָבן זיי דאָ קליינע פאָרשטעלונגען. פאַר דעם צוועק האָט מען ניט לאַנג צוריק איבערגעבויט דעם שטאַל און געמאַכט דאָרט אַ טעאַטער. און טאַקע היינט אָוונט וועט פאָרקומען אַן אונטערנעמונג פאַר אַ יידישער פאָלק־שול וואָס נויטיקט זיך אין מיטלען. מען דערוואַרט אַ גרויסן עולם.

האַלפּערן האָט גערעדט אַ ביסל הייזעריק און זיין פּנים, מיטן אַביסל צו ברייטן זשעדנעם מויל פלעגט זיך אַלע ווילע באַלויכטן מיט אַ גוטן שמייכל פון אַ מענטשן וואָס האַלט זיך פשוט און איינפאַך מיט אַלעמען. עס איז צוגעקומען די באַלעבאָסטע און געזאָגט, אַז זי האָט אַ פרייען צימער פאַר מיר. איך בין איר נאָכגעגאַנגען מיט מיין טשעמאָדאַנטשיק אין האַנט.

אין אַ ווילע אַרום האָב איך זיך איינגעוואַשן און איבערגעטאָן. עס איז געבליבן אַ האַלבע שעה צו מיטאָג. דערנאָך בין איך אַרויס פון צימער, וואָס האָט זיך געפונען אויפן צווייטן גאָרן, און געוואַרט מיט די אַנדערע געסט ביים אַריינגאַנג פון דיינינג רום.

משה נאַדיר איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסער העמד מיט אַ ברייטן קאָלנער, אויסגענייט מיט רויטע שטערנדלעך און אַ פאַרביקן שניפּס. הויזן האָט ער געטראָגן קורצע און שמאָלע מיט אַ בלויען גאַרטל און אויף די באָרוועסע פיס די זעלבע סאַנדאַליעס. די דאַרינקע פרוי מיט די רויטע האָר און זומער־שפּרינקעלעך אויפן פּנים, איז ניט אָפּ־געשטאַנען פון אים און עס איז קענטיק געווען, אַז זי קען זיך ניט צו זאַט אָנקוקן אין זיין שיינעם פּנים. און ער האָט אַלע ווילע זיך גע־װענדט דאָ צו דעם, דאָ צו יענעם, געוואָרפן קלוגע וויציקע ווערטלעך מיט אַ ברייטקייט פון איינעם וואָס איז פאַנטאַסטיש רייך און שיט פונאַנדער פּערל צו זיינע נאָענטע אין אַלע זייטן.

מיר איז אויסגעקומען אַ ביסל טשיקאַווע וואָס משה נאַדיר האַלט זיך עפּעס מאָדנע און חכמעט זיך נאָכאַנאַנד. אָבער האַלפערן האָט הייזעריק געלאַכט און פּלעגט ענטפערן: פייַן, אויסגעצייכנט, וואונדערבאַר, כאַ־כאַ־כאַ! עס האָט זיך באַוויזן אַ הויכער דאַרער בחור און גענומען קלאַפּן מיט אַ לעפל איבער אַ צעבראָכענעם גלעקל. דאָס האָט מען גערופן די געסט אין עס־צימער.

דער עס־צימער איז מיר געפעלן געוואָרן. אויף אַלע ווענט זיינען געהאַנגען דעקאַדענטישע בילדער אין פּראָסטע גלאַטע הילצערנע ראַמען. אייניקע פּאָרטרעטן פון משה נאַדירן אַליין מיט אַ ביסל אַ פאַרקרימטן פּנים ווי ער וואָלט געקוקט אויף דער זון. און אָט הענגט אויף דער וואַנט אַ גרויסער טונקל־רויטער פויגל געמאַכט פון אַ קליינעם טעפּיך מיט צוויי הילצערנע לעפל אָנשטאָט פיס, און אָט איז אַן אַלטער שווערד און אונטן אויף אַ רונדן טישל שטייט אַ גלעזערנע קעסטעלע און אינעווייניק ליגן אַלערליי ליולקעס פון וועלכע משה נאַדיר אַליין האָט גערויכערט. די ליכט אין עס־צימער איז אַ ווייכע און אַ סאַמעטענע ווי אין אַ גרויסן טעמפּל וואו די פענצטער זיינען הויך און די שויבן פון אַלערליי קאָלירן.

דער מיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן. אברהם רייזען האָט יעדן מאכל געלויבט באַזונדער און זיך אַלע ווײַלע געווענדט צו אימיצן:

— ניט אמת, חברה נאַדיר קאָכט אויסגעצייכנט, האַ?

און דער בלינדער מינץ פלעגט אונטערכאַפּן:

— איין קלייניקייט, זי איז אַ קינסטלערין אַ קעכין. פאַרזוכט נאָר אירע בולבע לאַטקעס.

— אַזוי! — האָט זיך פּלוצלינג געוואונדערט אברהם רייזען, ווי ניט ער וואָלט עס נאָר וואָס איר געלויבט. — זי קאָכט טאַקע זייער גוט, האַ!

איך האָב געקוקט אויף אברהם רייזענען, אויף זיין פרוי מיט די שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן. ער האָט איר געהאַלטן אין איין קושן אין קאָפּ. דערנאָך האָט מען גענומען ריידן וועגן ליטעראַטור. מען האָט אַלעמען קריטיקירט. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז די אמתע טאַלאַנטן זיינען נאָר די וואָס זיצן דאָ ביים טיש און די אַלע אַנדערע זיינען קרענקס און גראַפאָמאַנען.

איך בין אַרויס פון עס־צימער אין אַ שלעכטער שטימונג. מיר האָט אַפילו אַ ביסל פאַרדראָסן פאַרוואָס איך בין געקומען אַהער. מיט פּשוטע מענטשן וואָלט איך זיך געפילט בעסער. אמת, אפשר ניט אַזוי אינטע־

רעסאַנט, אָבער רואיקער. די מערסטע יידישע שרייבער זיינען עפּעס פאַרביטערט און צערייצט און האָבן ניט קיין אויפריכטיקע האַרציקע ווערטער איינער פאַרן אַנדערן.

פאַרנאַכט האָט דער הויכער דאַרער בחור ווידער געקלאַפּט מיטן לעפל איבער דעם צעבראָכענעם גלעקל און גערופן די געסט אין עס־צימער.

משה נאַדיר האָט זיך געזעצט צום טיש. ער האָט זיך שוין איבערגע־טאָן צום דריטן מאָל. איצט האָט ער געטראָגן אַ וואַרעמע אויסגענייטע לייבל און אויף די אַקסלען אַ העלע קורצע פּעלערינע. דער האַלדז איז געווען אָפן. אברהם רייזען האָט ווידער געלויבט יעדן מאכל, געקושט זיין טעכטערל און גערעדט וועגן דער פאַרשטעלונג וואָס דאַרף זיין אין אָוונט און מען האָט אויך ניט פאַרגעסן צו קריטיקירן אַ פּאָר טוער פון די פאָלקס־שולן.

משה לייב האַלפּערן האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין געשפּרעך און איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און אַ פאַרחלומטער. ווער ווייס, וואָס עס האָט געטראַכט דער גרויסער זינגער פון דער „גאָלדענער פּאַווע" אין די שטילע פאַרנאַכטיקע שעהען?!

נאָך וועטשערע איז שוין דער אָוונט צוגעפאַלן. די געסט זיינען אַוועק צום שטאָל וואָס מען האָט איבערגעבויט פאַר אַ טעאַטער. אויף דער גרויסער טיר זיינען געווען צוגענעגלט צוויי פיגורן געמאַכט פון אַלערליי פאַרביקע שמאַטעס. אַ יונגע חנעוודיקע שיקסע האָט געטאַנצט מיט אַ טיכעלע אין האַנט און איר אַקעגן איז געשפּרונגען אַ באָסיאַק מיט צעפּודלטע האָר. אין די פיגורן האָט זיך געפּילט אַ סך לעבן און זיי האָבן דערמאָנט אָן אַ זונטיק פאַרנאַכט, ערגעץ אין אַ ברייטער סטעפּ, ווען אימיצער שפּילט אויף אַ האַרמאָניע און די שיקסעס מיט זייערע בחורים גייען אַ קאַראַהאָד.

איך האָב זיך פאַרקוקט אויף די פיגורן און משה לייב האַלפּערן איז געשטאַנען לעבן מיר און גערעדט:

— וואונדערבאַר, ניט אמת?! דאָס האָט געמאַכט יאָסל קאָטלער. די בילדער אין דיינינג־רום זיינען אויך פון אים. ער האָט אַ סך טאַלאַנט. משה נאַדיר האָט אים זייער ליב. עפּעס איז פאַראַן ענלעכעס אין זייערע נאַטורן, אין זייער זוכעניש און ביידנס שאַפן באַלויכט אַזאַ זוניקע ליכטיקייט, אַזאַ צאַרטער ליריזם און ווייכער לאַשטשענדער אומעט.

איך האָב אָנגעקוקט משה לייבן. אין שטילן בלווילעכן בין השמשות האָט ער אויסגעזען שענער ווי ער איז געווען, און מיר איז אויך געפעלן געוואָרן וואָס ער לויבט אַנדערע. דערנאָך האָבן מיר אַרומשפּאַצירט און גערעדט ביז מען האָט געעפנט דעם טעאַטער.

דאָרט האָבן געברענט עלעקטרישע לעמפּלעך און קינדער זיינען אַרומגעלאָפן פון איין באַק צום צווייטן און געטומלט. די בינע איז געווען פאַרהאַנגען מיט צוויי גרויסע שוואַרצע טיכער אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעמאָלן אַ פּאָר ווייסע פאַנטאַסטישע קעפּ וואָס זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ געלעכטער. איך מיט משה לייבן האָבן זיך געזעצט אָן אַ זייט און ער האָט מיר גענומען דערקלערן די אַלערליי בילדער וואָס יאָסל קאָטלער האָט אויסגעמאָלן אויף די הילצערנע ווענט.

דערווייל האָבן זיך שוין צוזאַמענגעקליבן געסט פון די נאָענטע האָטעלן וואָס זיינען געקומען זען די פאָרשטעלונג. די דאַרע פרוי מיט די רויטע האָר און זומער שפּרינקעלעך אויפן פּנים איז אַלע ווילע געלאָפן צו דער בינע, דאָרט עפּעס צוגעגרייט און זיך געשושקעט מיט משה נאַדירן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַ רואיקער און אַ שטאָלצער אין זיין העלער פּעלערינע. אברהם רייזען האָט זיך געהאַלטן זייער פריינטלעך מיט די געסט, באַגריסט דער ערשטער די פאַרמער, געמאַכט קאָמפּלימענטן זייערע פרויען און טעכטער און אייניקע מיידלעך אַפילו געקושט אין קאָפּ, אַז זיי זיינען טייערע און ליבע יידישע קינדער. זיין שטילע פרוי איז אים נאָכגעגאַנגען און געבעטן ער זאָל גיין לייגן שלאָפן זייער טעכטערל, זי וויל אַמאָל אויך האָבן אַ פרייען אָוונט. ער האָט זיך פּרובירט בייזערן, אַ פּאָר מאָל געגאַנגען צום אַרויסגאַנג און זיך ווידער אומגעקערט. און דער טעאַטער איז געוואָרן אַלץ פולער. אָט האָבן זיך שוין אַלע פאַנאַנדערגעזעצט אויף די לאַנגע שמאָלע בענק. דער זאַטער, צופרידענער עולם לאַכט און שפּאַסט און מען קוקט מיט אומגעדולד אויף די שוואַרצע פאָרהאַנגען.

מען האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט, און דער פאָרהאַנג האָט זיך פאַנאַנ־דערגענומען. אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען אָנגעטאָן ווי אַן אוקראַינקע. אימיצער האָט אויף אַ פידל גענומען שפּילן און דאָס קינד איז אַוועק טאַנצן, גראַציעז באַוועגנדיק איר קליינינקן דינעם קערפּערל. דערנאָך איז אַרויסגעטראָטן אַן אַנדער מיידעלע און דעקלאַמירט אַ ליד וועגן אַ פויגל „ערגעץ ווייט דאָרט אין וואַלד". אַז זי האָט געענדיקט, האָט זיך דער עולם צעשריען בראַוואָ און גענומען

טופען מיט די פיס. דאָס מיידעלע האָט זיך דערשראָקן און אויף גיך זיך באַהאַלטן הינטער די קוליסן.

עס זיינען אויפגעטראָטן נאָך אַ פּאָר קינדער און ענדלעך האָט זיך אויף דער בינע באַוויזן משה נאַדיר אין זיין העלער קורצער פּעלערינע. עס איז געוואָרן שטיל.

משה נאַדיר האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן די נייע פאָלק־שולן וואָס פאַרשפּרייטן זיך איבערן לאַנד און לאָזן ניט אונטערגיין אונדזער שפּראַך, אונדזער געשמאַקן האַרציקן יידיש דאָ אין אַמעריקע. דערנאָך מיטאַמאָל, שאַרף געביטן דעם טאָן און גענומען ריידן וועגן יענע יידן וואָס וויסן נאָר פון פאַרגעניגנס, פּרעסן, שפּילן נאָכאַנאַנד אין קאָרטן און זוכן אַלערליי ביליקע פאַרגעניגנס, פון וואָס זייערע נשמות ווערן פאַרשמוצט, און צום סוף האָט ער הויך אַ פרעג געטאָן:

— ווער גיט די ערשטע צען דאָלער פאַר די פאָלקס־שולן?

קיינער האָט ניט געענטפערט. משה נאַדיר האָט ווידערהאָלט:

— ווער גיט די ערשטע צען דאלאר?

אַ מאַן האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען פּראָטעסטירן: מען האָט זיי אַהער צוזאַמענגערופן צו באַליידיקן. עס זיינען מיטאַמאָל צוגעשטאַנען צו אים נאָך עטלעכע יונגע מענער און אַ פרוי און עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ טופּעריי מיט די פיס. משה לייב האַלפערן איז פלוצלינג אויפ־געשפּרונגען און גענומען שרייען:

— אַרויס, ווער דאַרף אייך דאָ? אַרויס!

דער גרויסער פּאָעט, וואָס האָט געהאַט אַן אָרעם שווער לעבן, האָט זיך ניט געקענט באַרואיקן. אַ גרויסער ווייטיק און טיפער פאַרדרוס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרצן. פון זיין מויל האָבן זיך געשאָטן בייזע און גיפטיקע ווערטער. עס איז קענטיק געווען, אַז ער האַסט אָט די אַלע זאַטע און צופרידענע „אַלרייטניקעס" וואָס וויסן נאָר ווי צו מאַכן געלט און לאָזן אונטערגיין די יידישע ליטעראַטור און פילע פון אירע שאַפער זיינען געצוואונגען צו לעבן אין נויט און צו ווערן אָפט דער־נידעריקט און באַליידיקט.

דער עולם האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן צום אַרויסגאַנג פון טעאַטער און עס האָט זיך דערהערט אַ פייפעריי פון די אויטאָמאָבילן. און משה נאַדיר אַליין איז אויסערלעך געבליבן רואיק און געוואַרט ביז אַלע וועלן זיך פאַנאַנדערגיין. אָבער אברהם רייזען איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן און מיט פאַרדרוס גערעדט:

— איר האָט ניט געדאַרפֿט זיין אַזוי שאַרף. פּשוטע יידן, וואוילע יידן, טייערע יידישע טעכטער. מיט אַ גוט וואָרט וואָלט איר ביי זיי געקראָגן אַ פּאָר הונדערט דאָלער. און די יוגנט, פֿיינע קינדער, פֿיינע.

ענדלעך איז אויפֿן פֿאַרם געוואָרן שטיל און אין טעאַטער האָט מען אויסגעלאָשן די ליכט. פֿון הינטער די בערג האָט זיך באַוויזן אַ רויטע, פֿאַרשפּעטיקטע לבנה. משה לייב האָט זיך שוין באַרואיקט און איז אַוועק אויף אַ שפּאַציר. יענע נאַכט האָב איך לאַנג ניט געקענט איינשלאָפֿן. עס איז מיר אַלץ קלאָרער געוואָרן די שווערע דאָליע פֿון די יידישע שרייבער און לייענער אין אַמעריקע.

אין דער פֿרי האָב איך פֿאַרלאָזן משה נאַדירס פֿאַרם.

לייענענדיק דר. מוקדונים בוך „אויסלאַנד"

דר. מוקדונים בוך „אויסלאַנד", וואָס איז דערשינען אין „צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע", האָב איך געלייענט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס. איך אַליין האָב פאַרבראַכט צען יאָר פון מיין יוגנט אין שווייצאַריע און האָב גוט געקענט פיל פון די סטו־דענטן און פּאָליטישע אימיגראַנטן וועגן וועלכע דר. מוקדוני דערציילט אַזוי אינטערעסאַנט און לעבעדיק, אַז מען קען ממש די מענטשן אָנטאַפּן מיט די הענט, און פילן דעם אַראָמאַט פון יענער צייט.

אמת, איייניקע גוט באַקאַנטע פערזענלעכקייטן האָט דר. מוקדוני געשילדערט צו שאַרף און אַרויסגעוויזן, גלויב איך, ניט גענוג פאַר־שטענדלעכקייט פאַר זיי, כאָטש ער האָט זיי אפשר געקענט אויסגעצייכנט. אָבער אַ שרייבער, באַזונדערס אַ קינסטלער, טאָר זיך ניט רעכענען מיט אייגענע סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס, נאָר דאַרף זיך אויפהויבן העכער פון דעם.

באַזונדערס מיין איך דאָ דאָס קאַפּיטל „יעקב קלאַצקין". איך האָב אויך גוט געקענט דר. קלאַצקין און אים געזען גאָר אין אַן אַנדער ליכט. איך האָב שטענדיק באַמערקט אַ סך סימפּאַטישע שטריכן אין זיין כאַ־ראַקטער. און וועד פון די יידישע און העברעאישע שרייבער אָדער געלערנטע האָט ניט געזוכט קיין מעצענאַטן, וואָס זאָלן אים געבן אַ מעג־לעכקייט צו זיצן רואיק און טאָן זיין אַרבעט? און אַפילו דאָס פאַרשטעלן זיך יערלעך פאַר זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ רב אין לובלין, איז אויך געווען אַ פיינער שטריך אין אים. דר. מוקדוני זאָגט אַליין אַז „כדי ניט צו פאַרשאַפן זיין פאָטער, דעם צדיק און גאון עגמת נפש" פלעגט דר. קלאַצקין פאַרלאָזן אַ באָרד און בייטן דעם גאַנצן הילוך זיינעם. ניין, עס איז ניט געווען קיין „מאַסקאַראַד", ווי דר. מוקדוני האָט זיך אויסגע־דריקט, נאָר אַכטונג און ליבע פאַר אַ פאָטער א רב.

איך האָב זיך גלייך אָפּגעשטעלט אויף דעם און אַרויסגעזאָגט וואָס איך האָב געפילט, אַז איך זאָל ווייטער קענען רואיק איבערגעבן די

שטימונגען און דעראינערונגען, וואָס דר. מוקדוניס בוך האָט אין מיר אַרויסגערופן.

יאָ, און נאָך עפּעס, דר. מוקדוני איז אַ געבוירענער בעלעטריסט, וועלכער שילדערט מענטשן און לאַנדשאַפטן זייער שאַרף און פאַרביק. ער דערמאָנט דעם זיידן מענדעלע. אָבער דערביי איז ער אויך אַ פּובליציסט און קריטיקער. און דאָס שטערט אים. איינער וויל אָפּט איינשלינגען דעם צווייטן און בלייבן אַליין. פאַרענדיקט ער ניט אַמאָל די שילדערונגען און הייבט אָן אַרויסזאָגן מיינונגען אָדער קריטיקירן.

אַז דר. מוקדוני איז ביז גאָר אַ פיינער דערציילער, האָט מיך איבערצייגט דאָס קאַפּיטל „אין וואַלד“ אין אָנהייב פון בוך (זייט 355). דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק. ערטערווייז האָב איך געפילט דעם פּחד וואָס דער אַלטער וואַלד וואַרפט אָן ווען אַ שטאַרקער ווינט לויפט אָן אויף אים און ער הייבט אָן רוישן. היינט די פּראַכטפולע שילדערונגען פון וואַלד זומער און ווינטער, די צייכענונגען פון די אַרבעטער, פויערים און זייער צאָרן קעגן דעם באַלעבאָס.

דער לאַנג פאַרשטאָרבענער רוסישער ליבעראַלער שרייבער וולאַדימיר קאָראָלענקאָ האָט אויך אַ קליינע דערציילונג „ליעס שומיט“ וואָס איך האָב געלייענט אין דער יוגנט. אָבער דר. מוקדוניס קאַפּיטל „אין וואַלד“ איז שטאַרקער און אַפילו שטימונגספולער אָנגעשריבן. ער גיט איבער אַ וועלט פון לעבעדיקע נפשותלעך, וואָס פלאָדיען זיך צווישן די געדיכטעניש פון די אַלטעביימער. און די איינוואוינער פון הויז „אין וואַלד“. יעדער פון זיי איז ווי איינגעהילט אין די סודות און וואונדער וואָס דער וואַלד האָט פאַרטאַיעט אין זיך.

אַז איך בין אָנגעקומען קיין בערן, די הויפּט שטאָט פון דער שווייץ, אין 1908, איז דאָרט, דאַכט זיך, דר. מוקדוני שוין ניט געווען. זיין פּנים וואָלט זיך איינגעשניטן אין מיין זכרון אָבער איך געדענק אים ניט. און איך האָב געקענט אַלע יידישע סטודענטן וואָס האָבן באַזוכט דעם בערנער אוניווערסיטעט, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ הויכן פּלאַץ. דאַן געדענק איך, האָבן עטלעכע סטודענטן געענדיקט זייער סטודיום און זיינען גלייך פון שווייצאַריע אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל. איינער פון זיי איז געווען דר. מאָסענזאָן, וואָס איז אַביסל שפּעטער געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער נייער גימנאַזיע אין תל־אביב, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן בויען. איך האָב אגב אורחא, געהאָלפן בויען די דאָזיקע גימנאַזיע. געשלעפּט אַרויף גראָבע שווערע שטיינער, וואָס צוויי דאַרע תימנער

יידן פלעגן מיר אַרויפֿלייגן אויפֿן רוקן. נאָר ניט דאָס בין איך איצט אויסן.

דאָס קאַפּיטל „אין דער הויפּט שטאָט פֿון דער שווייץ", האָט מיך שטאַרק דערמאָנט מיין אָנקומען קיין בערן... איך בין אויך אַרויס פֿון וואָקזאַל אין אַ זוניקן טאָג און גלייך דערזען די ווייסע קעפּ פֿון די דריי הויכע אַלפּען בערג, וואָס האָבן געפֿינקלט מיט מיליאָנען בריליאַנטן אַקעגן דער זון. דר. מוקדוני שילדערט אין קורצע שטריכן זייער שיין דעם געוואַלדיקן איינדרוק וואָס די אַלפּן בערג האָבן אויף אים געמאַכט. ער שילדערט זיי אין פֿאַרשיידענע שעהען פֿון טאָג און אין אַלערליי וועטערן. ער מאַכט עס אין עטלעכע און צוואַנציק קורצע שורות, אָבער איר זעט די בערג און פֿילט די שטימונג אַרום זיי. דערנאָך מאָלט ער די שטאָט בערן און אירע אַלטע מאָנומענטן, וואָס דערמאָנען אָן מיטלאַלטער. ער האָט אָבער פֿאַרגעסן צו דערמאָנען דעם גרויסן פּראַכטפֿולן וואַלד וואָס רינגלט אַרום אַ טייל פֿון דער שטאָט בערן און דעם „אייז־ברונעם" אין דעם דאָזיקן וואַלד.

אין דעם זעלבן קאַפּיטל דערציילט דר. מוקדוני וועגן אַ גרויסער דעבאַטע, וואו ער איז בייגעווען עטלעכע טעג נאָך זיין אָנקומען קיין בערן. אויך איך האָב באַזוכט ענלעכע פֿאַרזאַמלונגען פֿון יונגע סטודענטן און פּאָליטישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן דיסקוטירט רעוואָלוציאָנערע פֿראַגן מיט אַ באַזונדערער ליידנשאַפֿט און ענטוזיאַזם. איך קען ניט זאָגן, ווי דר. מוקדוני, אַז אַלע מיידלעך אויף די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען זיינען געווען אמת שיין אין זייערע אַלטע קליידער און אַלטע שיך. גענוג ניט שיינע פֿלעגן זיך דאָרטן געפֿינען. און דאָס געדענק איך גאַנץ גוט, ווייל איך פֿלעג זיך צוקוקן צו די פֿרויען און זוכן מיט די אויגן אַ פֿיין פּנים. דערצו זיינען די מערסטע יידישע סטודענטקעס געווען גאַנץ פּראַקטישע מיידלעך, פֿילע פֿון זיי שוין ניט קיין יונגע, וואָס האָבן געזוכט אַ שידוך און די „נאָענטע גאולה פֿון דער באַטריבטער וועלט" איז זיי ניט באַזונדערס שטאַרק אָנגעגאַנגען. דר. מוקדוני אידעאַליזירט אַביסל צופֿיל די דאָזיקע דעבאַטעס, כאָטש זיי זיינען געווען פֿול מיט לעבן און אָפּטמאָל זייער אינטערעסאַנט.

אָבער ער שילדערט קורץ און גוט אַזאַ פֿאַרזאַמלונג. ער האָט ממש אויס ווי פֿון שטיין יעדע פֿיגור. ער נעמט איינצלנע מיידלעך און בחורים פֿון אַלע קלאַסן און שטעלט זיי פֿאַר אייך אַוועק אין אַלע זייערע קאָלירן, ווי אויף אַ גרויס קינסטלעריש געמאָלן לייוונט, ווי אַזוי זיי רעאַגירן

ביי דער פאַרזאַמלונג, אויסהערנדיק די רעוואָלוציאָנערע רעדעס. און אין איין פּלאַץ באַמערקט ער טאַקע, אַז „עד היום פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס אַ מאלער מיט טאַלאַנט האָט נישט פאַראייביקט איינע פון די דאָזיקע פאַר־זאַמלונגען“.

צום סוף פון דעם קאַפּיטל שרייבט דר. מוקדוני, אַז צייטנווייז, ווען עס פלעגט אָנקומען אַ גוטע בשורה פון רוסלאַנד, האָבן זיך אויך געפרייט די שווייצאַריער מיט די זיגן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג. נו, אוודאי זיינען זיי געווען שווייצער סאָציאַליסטן וואָס האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער פרייד פון דער קאָלאָניע, אָבער זייער צאָל איז געווען זייער קליין. די מערסטע בערנער איינוואוינער האָבן ניט ליב געהאַט די „רוסן“, וואָס פלעגן מאַכן אַ סך טומל און שטערן זייער רו.

דר. מוקדוני צייכנט זיך אויס מיט אַ וואונדערבאַרן זכרון. איך לייען דעם ניינטן קאַפּיטל און זע מענטשן וועלכע איך האָב געקענט און שוין לאַנג פאַרגעסן אָן זיי. דעם שרייבער יעקב ראַבינאָוויטש האָב איך געזען אין ארץ־ישראל. אָבער מיט דעם דיכטער יעקב כהן האָב איך זיך באַקענט אין בערן.

איך לייען ווייטער. אָט איז דר. ש. מלמד, וועלכן איך האָב אַזוי גוט געקענט. מען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געענדיקט די בערנער גימנאַזיע און כדי צו קענען זיך דערנערן און דערנאָך אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט, האָט ער אַרומגעפירט מילך איבער די הייזער, אויף אַ קליין וועגעלע, וואָס איז געווען געשפּאַנט מיט צוויי גרויסע סאָן בערנאַרד הינט. ער פלעגט, דאַכט זיך, שטענדיק ריידן נאָר דייטש. צווישן די ציוניסטישע סטודענטן האָט ער פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט. איך דערמאָן זיך אָן אַ סטודענטישן באַל אין בערן. דרויסן פאַלט אַ שניי. איך גיי אַריין אין זאַל. אַן אָרקעסטער שפּילט און מערסטנס יונגע פאַרלעך טאַנצן. איך ווער פאַרכאַפּט פון די מעלאָדישע, אַ ביסל אומעטיקע, טענער פון רוסישן וואַלץ. אָבער אָט באַמערק איך אָן אַ זייט צוויי מענער פאַר וועלכע איך האָב אַ גוואַלדיקן דרך ארץ. איינער פון זיי איז גרויס און פעט און זיין נאָמען איז אַמפיטעאַטראָוו, דער צווייטער האָט אַביסל אַן איינגעבויגענע פּלייצע, טראָגט לאַנגע האָר און מען רופט אים אַנסקי. ביידע זיינען גוט באַקאַנטע רוסישע שרייבער און רעוואָלוציאָנערן. אגב, באַשרייבנדיק אַנסקין, דערמאָנט ניט דר. מוקדוני, אַז אַנסקי האָט אויך אָנגעשריבן אַ בוך רוסישע דערציילונגען, דוכט זיך פון פּויערשן לעבן.

אָבער אָט שטייט פאַר מיר אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל מיין פריינט

צבי אַבערסאָן. איך געדענק אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער אַבער־סאָן האָט גערעדט כמעט צוויי שעה און איז אַלע ווײַלע געשטערט געוואָרן פון די מערסטע צוהערער, וואָס זײַנען געווען קעגן ציוניזם. אין יענער צייט זײַנען אין רוסלאַנד אין געוויסע שטעט פאָרגעקומען פּאָגראָמען. אבערסאָן האָט גערעדט אויסערגעוויינלעך שטאַרק און איבערצייגנדיק. ער איז געשטאַנען אויף דער עסטראַדע אָן אַ רעקל און זיך נאָכאַנאַנד געווישט דעם שווייס פון זײַן צעקנייטשט פּנים. אין די ערשטע רייען זײַנען געזעסן געוויסע באַקאַנטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן. מיט אַמאָל האָט אבערסאָן אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו זיי און אויסגעשריען: — „וואַשי רוקי אָבאָגראַני יעווריעיסקאָיו קראָוויו״! — אייערע הענט זײַנען רויט פון יידיש בלוט. — אין זאַל איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל און אייניקע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער עסטראַדע שלאָגן אבערסאָנען. אָבער די ציוניסטישע יוגנט, האָט אים ענג אַרומגערינגלט און ניט דערלאָזן דערצו. ער האָט דערנאָך אַפילו פאַרענדיקט זײַן רעדע.

ער האָט געלעבט מיט זײַן פרוי, וואָס האָט דאַן זיך געקליבן ווערן אַ מוטער, אין אַ קליין אָרעם וואוינונגל און איך פלעג אָפט הערן אַז די נויט שטייט שטענדיק ביי זײַן טיר. דערצו איז זײַן פרוי ניט געווען יונג און דאָס טראָגן האָט איר פאַרשאַפט קראַנקייטן. און אַז דאָס קינד, דוכט זיך אַ ייִנגעלע, איז געבאָרן געוואָרן, איז די פרייד אין די ציוניסטישע קרייזן געווען גרויס.

פאַר מײַן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, פלעגט אבערסאָן מיך אַמאָל אַ קיבעץ טאָן, אַז „ווען איך וועל ווערן אַ זשאַרגאָנישער שרייבער און אַרויסגעבן אַ בוך, זאָל איך ניט פאַרגעסן אַריינצוגעבן אין בוך מײַן בילד. די „פיקטשע״ וועט שטאַרק אויסנעמען ביי די לייענער, „כע־כע־כע!״

איך האָב אַזוי געטאָן און אים צוגעשיקט מײַן ערשטן בוך „דער ים רוישט״, וואָס האָט טאַקע געהאַט אַ געלונגענע פאָטאָגראַפיע פון מיר.

האָט דר. מוקדוני ריכטיק געשילדערט אבערסאָנען? איך גלויב אַז יאָ, כאָטש ער דערציילט וועגן אים זאַכן וואָס שטעלן אים אַרויס אין אַ ניט גאָר גינסטיקער ליכט. איך האָב געקענט אבערסאָנען ווי זייער אַ שטאָלצן מענטשן. אָבער עס זעט אויס, אַז דר. מוקדוני האָט אים גע־קענט בעסער פון מיר און ער ברענגט עס אַרויס זייער קלאָר.

איך געדענק אויך דעם טומל אין דער קאָלאָניע מיט דעם מאַטראָס פון דער קריגס־שיף „פּאָטיאָמקין״, וואָס דר. מוקדוני גיט איבער זייער לעבעדיק. ער לאָזט גאָרניט דורך אין זײַן בוך „אויסלאַנד״ און פון די

קורצע קאַפּיטלען באַקומט זיך טאַקע אַ פול בילד פון יענער צייט, ווי איר וואָלט געלייענט אַ ראָמאַן פון אַ קינסטלער וואָס שילדערט יענע עפּאָכע.

אָבער ווי אין אַ בוך פון זכרונות, דוכט זיך מיר, האָט דר. מוקדוני וויניק דערציילט וועגן זיך. עס פעלן פּערזענלעכע שטריכן, גוטע און שלעכטע וואָס גיבן צו דעראינערונגען אַ געוויסן חן. עס פעלט אָפּנ־האַרציקייט וועגן זיך, וואָלט איך געזאָגט. נאָך אַלעמען מאַכט יעדער מענטש טעותן און עס פאַלט אויך אַמאָל אַ שאָטן אויף אַ מענטשן. אַנדערש קען דאָך נישט זיין. קענטיק אַז זייער וויניק שרייבער קענען דערציילן וועגן דער שאָטנדיקער זייט פון זייער כאַראַקטער. באַזונדערס אַז מען פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין לעבן און אין דער ליטעראַטור. יאָ, דר. מוקדוני דערמאָנט זיין שוואַכקייט צו טעאַטראַלישקייט, אָבער ער טוט עס אגב אורחא און ווי מיט אַ שמייכל.

און אָט זיינען אייניקע פון די פּראָפעסאָרן פון בערנער אוניווערסי־טעט, וועלכע איך זע ווידער פאַר מיינע אויגן, לייענענדיק ווייטער דר. מוקדוניס בוך „אויסלאַנד". ווי אַ פרייער צוהערער פלעג איך אָפּט הערן די לעקציעס פון די פּראָפעסאָרן שטיין און וואַקער. ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, פלעג איך עטלעכע טעג אין וואָך פאַרברענגען אין אוני־ווערסיטעט. מערסטן בין איך געזעסן אין ביבליאָטעק און געלייענט ניטשעס „זאַראַטוסטראַ" אין אָריגינאַל. דאָס בוך האָט מיך ממש פאַרכאַפּט מיט דער שיינקייט פון דער שפּראַך און איך פלעג גאַנצע קאַפּיטלען זיך באַמיען אויסצולערנען אויף אויסנווייניק, וואָס איז מיר, אגב, ניט שטענדיק געלונגען, כאָטש איך האָב געהאַט אַ גוטן זכרון.

אָבער אָט האָב איך באַשלאָסן אַוועקגיין וואַנדערן איבער איטאַליע און בין געקומען צו פּראָפעסאָר רייכעסבערג בעטן, ער זאָל מיר אַרויס־געבן אַ מין שריפט, דאָס איך גיי שטודירן איטאַליע. דער פּראָפעסאָר האָט עס געקאָנט טאָן און מיר גלייך אַרויסגעגעבן אַזאַ פּאַפּיר, אויף וועלכער ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין שטעמפּל. דערביי האָט ער מיר אנגעוואונטשן אַלדאָס גוטס און געקוקט אויף מיר מיט נייגיר און אפשר אויך מיך מקנא געווען וואָס איך בין יונג, געזונט און האָב דעם חשק אַוועקצושפּאַנען צופוס איבער אַ לאַנד. און ער איז שוין אַלט און מוז זיצן אויף איין פּלאַץ...

און איצט, פאַרענדיקנדיק דאָס אַרטיקל, ווילט זיך מיר נאָך עפּעס צוגעבן. אין איין פּלאַץ שרייבט דר. מוקדוני, אַז פון צייט צו צייט פלעגט

זיך אימיצער אָנשיכורן אין דער קאָלאָניע און מאַכן אַ סקאַנדאַל אויף אַ באַל. אַזוי האָט דער וואָגלערישער שרייבער תלוש צעבראָכן אַ יאָלקע אויף אַ באַל פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. נו, דאָס איז געווען ניט אַזוי פשוט ווי דר. מוקדוני דערציילט. דעם דאָזיקן באַל מיט אַ יאָלקע, וואָס די יידישע סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן האָבן אַראַנזשירט, האָט זיך געקליבן צו באָיקאָטירן די גאַנצע ציוניסטישע יוגנט. אין דער קאָ־לאָניע האָבן זיך אַפילו געשאַפן צוויי ריכטונגען: „יאָלקיסטן" און „אַנטי־יאָלקיסטן". עס זיינען געווען סטודענטן וואָס האָבן געסטראַשעט צו מאַכן אַ סקאַנדאַל אויפן באַל און צעברעכן די יאָלקע. צווישן זיי איז אויך געווען יעקב קלאַצקין. אָבער אין אָוונט פון באַל זיינען די העלדן אַוועק טרינקען ביר אין בובענבערגס קאַפע. די יאָלקע האָב איך צעבראָכן און בין דאַן געווען זייער ניכטער. אויך דער סטודענט שאטענשטיין, וואָס איז איצט אַ לערער אין ישראל, און וועלכער האָט מיך פאַרטיידיקט, ווען פילע האָבן זיך געוואָרפן מיך שלאָגן, איז אויך געווען ניכטער.

איך האָב פאַרמאַכט דר. מוקדוניס בוך „אויסלאַנד" מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום מחבר, ווייל ער האָט מיך געמאַכט צו דערמאָנען זיך אָן יענע וואונדערבאַרע יאָרן פון מיין יוגנט, וואָס זיינען געווען די בעסטע און די שענסטע אין מיין לעבן.

דער מאַרטירער

וועגן דעם באַוואוסטן העברעאישן שריפטשטעלער י. ח. ברענער, וועלכער איז אומגעקומען פון אַראַבישע רוצחים מיט אַ מאַרטירער טויט אין ארץ־ישראל, האָט מען אַ סך געשריבן און באַזונגען זיין זעלטן פיינעם כאַראַקטער און ליידנדע נשמה. און אָט האָב איך אויך פאַרצייכנט עפּעס וועגן מיינע באַגעגענישן מיט אים, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין 1911, ווען איך בין דאָס צווייטע מאָל געקומען קיין ארץ־ישראל.

באַקענט האָב איך זיך מיט ברענערן ביי די צוויי שוועסטער ציזשיק, חנה און לאה, וועלכע זיינען געווען קינדער פון אַ קאָלאָניסט אין גליל, און האָבן געוואוינט אין יפו אין אַן אַלט־אַראַביש הויז, אויפן ברעג פון ים. חנה האָט, דאַכט זיך, געאַרבעט אין אַן אַפּטייק, און לאה, אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן אָדער זעכצן, האָט נאָך געלערנט. חנה איז געווען ברייט און שטאַרק געבויט, מיט שוואַרצע ווי פלוימען אויגן, און פון איר גאַנצער פיגור האָט געווייעט מיט אַ זומערדיקן טאָג אין פעלד, ווען שניטער מיט קאָרנבלומען אין די האָר ציען לאַנגזאַם אַן איינטאָניק ליד, זאַמלענדיק די תבואה. לאה האָט געהאַט ליבע חן־גריי־בעלעך אויף די פולע ראָזעווע באַקן און געטראָגן אַ לאַנגן צאָפּ, און כאָטש זי האָט שוין געהאַלטן ביי ווערן אַ לערערין אין אַ קינדער־גאָרטן, האָט זי נאָך אַלץ אויסגעזען ווי אַ באַאיוו, זאָרגלאָז קינד און שטענדיק געלאַכט און געפּלוידערט וועגן אַלץ אין דער וועלט.

איך געדענק אַן אָוונט. איך בין אַריינגעקומען צו די שוועסטער. זיי האָבן נאָר וואָס אָפּגעגעסן וועטשערע. אויפן טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ מיט אַ פּאַפּירענעם אַבאַזשור און געוואָרפן אַרום זיך אַ וויך־בלייך ליכט.

— היינט וועט דאָ זיין ברענער, — האָט געזאָגט איינע פון די שוועסטער. און אַ ווײַלע שפּעטער איז ער אומבאַמערקט אַריינגעקומען.

ברענער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ שמאָלער ברוסט, ער האָט אָבער געהאַט אַ פולן, ברייט פּנים. זיין אויסזען האָט דערמאָנט אַן

אַ קליינשטעטלדיקן קרעמער. נאָר זיינע אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַ ווייכן, בלוילעכן שיין פון שטילן אומעט און קלוגער, גייסטיקער גע־האָרכזאַמקייט.

מען האָט מיר פריער דערציילט, אַז ברענער איז געווען אַן אַנאַרכיסט און אַ קעגנער פון ציוניזם. קיין ארץ־ישראל איז ער כלומרשט אַריינ־געפאַלן צופעליק, און האָט אָנגעהויבן דאָ פריידיקן, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף ווידער אויפלעבן אויף זיין אייגענער ערד.

ברענער האָט באַגריסט די שוועסטער און מיר דערלאַנגט די האַנט. אימיצער האָט אים שוין אַפּנים איבערגעגעבן וועגן דעם „בלאָנדן בחור“, מיט די לאַנגע האָר, וואָס שרייבט דערציילונגען אין רוסיש און אַרבעט איצט מיט אַ גרופּע „טאָטשעטשניקעס“ ביי די געביידעס אין תל אביב. ער האָט מיך עפּעס געפרעגט און דערנאָך געזאָגט, אַז אַהער איז ער געגאַנגען מיט דער אַקטריסע ליזאַ וואַראָן. זי וועט מסתמא באַלד קומען.

איך האָב געקוקט אויף ברענערן און זיך דערמאָנט, ווי איך האָב אַמאָל, אין אַ יידיש־רוסישן זשורנאַל, איבערגעלייענט זיינע אַן איבער־זעצטע קורצע דערציילונג, וואָס האָט געהייסן „דוואַזשדי“, און די זאַך האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק, מיטן טיפן אומעט, וואָס האָט געוויינט פון יעדער שורה.

ברענער האָט גערעדט צו לאהן און געשמייכלט:

— בעכטן אָוונט, שטיפעריקע, בין איך, ווי אַ בעטלער, געשטאַנען ביי דיין טיר, געקלאַפּט, געקלאַפּט און קיינער האָט מיר ניט געענטפערט. האָב איך זיך אַזוי אַוועקגעשלעפּט אַהיים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

— ליבער ברענער, — האָט זיך לאה פאַרענטפערט. — מיר זיינען אין הויז ניט געווען.

— נו, גוט, גוט, — האָט ער אָנגערירט איר האַנט.

יענעם אָוונט זיינען ביי די שוועסטער געווען אַ היפּש ביסל געסט. אָפט האָט זיך געהערט לאהס הילכיק געלעכטער און ברענער האָט ניט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון איר. אימיצער האָט פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן זיינע אַ לענגערע דערציילונג און געהאַט צו אים טענות, אַז ער מאָלט אַלץ מיט צו טונקעלע פאַרבן. דער העלד נודיעט, וויינט און פילט זיך ווי אַ פאַרלוירענער. דאָס איז אַן אמתער גלות־מענטש. קיין איין שטאַרקער פאַרלאַנג. פאַרוואָס האָט ער נישט דער־

ציילט וועגן די בראַווע שומרים, וואָס קאָנען אַזוי שיין לעבן און שטאַרבן פאַר ארץ־ישראל?

ברענער האָט ניט געוואָלט דיסקוטירן וועגן זיינער אַן אַרבעט און ער האָט נאָר באַמערקט, אַז דאָס איז ניט אַזוי.

איך האָב אויף אים געקוקט און געטראַכט, אַז דער דאָזיקער שרייבער מיט דער „קראַנקער נשמה", האַלט זיך אַזוי פשוט און פילט זיך אפשר נאָך קלענער פון די אַרומיקע. מיר האָט זיך זייער געוואָלט באַקענען מיט אים נאָענט, דערציילן אים וועגן מיינע ליטעראַרישע פּלענער און הערן וואָס ער וועט מיר זאָגן, ווייל זיין מיינונג האָט געקאָנט זיין נאָר אַן עהרלעכע.

שפּעט אין אָוונט האָב איך מיט ברענערן באַגלייט ליזאַ וואראָן אַהיים. די ספּרדקע ליזאַ האָט מיט אים גערעדט העברעאיש און איך האָב געשוויגן. און אַז מיר זיינען געבליבן אַליין און געגאַנגען ווייטער, איז מיר עפּעס איינגעפאַלן, אַז ברענערן וואָלט געפּאַסט גיין אין צעריסענע קליידער, זיך פּייניקן און זוכן אַ טראַגישן טויט, אָדער אַרומוואַנדערן ווי אַ למד־וואָווניק.

ביים טויער פון חיים ברוכס אכסניה, וואו איך בין איינגעשטאַנען, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט.

— קומט אַמאָל אַריין צו מיר — האָט געזאָגט ברענער, — איר ווייסט דאָך וואו איך וואוין.

איך האָב זיך דערפרייט פון דער איינלאַדונג און אים באַדאַנקט.

* * *

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך געטראָפן ברענערן אין גאַס. איך האָב ביי זיך געהאַט אַ קליינעם רוסישן מאַנוסקריפּט. דאָס איז געווען אַ פאַנטאַסטישע מעשהלע וועגן אַ יידישן שומר אויף אַ כרם און אַן אַראַבערקע. די זאַכעלע איז געווען פול מיט קרענקלעכן אומעט, תאוה און „פאַרוויאַנעטע הערבטס בלומען". איך האָב געזאָגט ברענערן, אַז איך וואָלט עס געוואָלט פאַר אים פאָרלייענען. ער איז גלייך געווען גרייט צו הערן און מיר זיינען אַריין אין אַ טויער פון עפּעס אַן אַלט אַראַביש הויז וואָס איז געשטאַנען ליידיק. מיר האָבן זיך ביידע אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און איך האָב אָנגעהויבן לייענען די מעשהלע.

ברענער האָט געדולדיק געהערט, כאָטש אויף זיין פּנים האָב איך שוין באַמערקט אַן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט און פאַרשטאַנען, אַז די מעשהלע געפעלט אים ניט. אַז איך האָב געענדיקט, האָט ער קורץ אַ זאָג געטאָן:

— עס איז אַ ליגן!

דאָן האָט עס מיר ווי געטאָן, נאָר שפּעטער, אַז איך האָב זיך נעענטער באַקענט מיט אים און שוין געוואוסט זיין קוק אויף ליטעראַטור, האָב איך אים פאַרשטאַנען.

ער האָט זייער ליב געהאַט אברהם רייזענס רעאַליסטישע קורצע דער־ציילונגען, וואָס האָבן געשילדערט די יידישע אָרעמקייט. ער פלעגט תמיד ריידן מיט אַ סך ליבע וועגן רייזען. און ווען איך האָב אים איינמאָל דערציילט, אַז איך לייען איצט קנוט האַמסונס „וויקטאָריאַ" און בין באַ־גייסטערט פון דעם ראָמאַן, האָט ער מיך אַ פּאָר מאָל איבערגעפרעגט, צי מיין איך עס טאַקע אויפריכטיק און זיך געוואונדערט. אים געפעלט עס ניט, עפּעס גלאַט און זיס.

ברענער פלעגט שרייבן אויף אַ שטענדער שטייענדיקערהייט און מיר האָט זיך אָפט געדאַכט, אַז דאָס שטייט אַ קלויזניק און לערנט אַ בלאַט גמרא און אָט וועט זיך פאַנאַנדערטראָגן איבערן גרויסן, כמעט פוסטן צימער, זיין טרויעריקער קול: — תנו רבנן!

ער האָט ליב געהאַט איך זאָל אים דערציילן וועגן מיין וואַנדער־לעבן און וואָס פאַר אַ ליידן איך האָב דורכגעמאַכט, און יעדעס מאָל פלעגט ער זיך וואונדערן, וואָס איך בין פאַרבליבן ניט פאַרביטערט און אין אַ געוויסן זין נאַאיוו, כאָטש די נשמה „ווערט פאַרברענט אין מיר", ווי איך פלעג זיך אויסדריקן פאַר אים.

איינמאָל האָט ער צו מיר געזאָגט:

— די פרייד אין אייך איז פון אַ פּריצס אַ זון, וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין וואוילטאָג. עס קומט אויס, אַז די שווערע קינדער־יאָרן און די שפּעטערדיקע ליידן האָבן אייך ניט אָנגערירט, האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן ווי אַ ווינט.

איינמאָל האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָלט איר געקענט שילדערן אַזאַ טיפּ ווי איך?

ער האָט געשמייכלט און גאָר ניט געענטפערט.

איך האָב שוין פריער געהאַט געקענט ניט איין העברעאישן און יידישן שרייבער, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אין דער שווייץ. איך בין אַפילו מיט אַ פּאָר פון זיי געווען באַפריינדעט. נאָר ברענערן האָב איך באמת ליב געהאַט פאַר זיין באַשיידנקייט און אויסערגעוויינלעכער ערלעכקייט, פאַר זיין פיינער באַציאונג צו מענטשן.

אָט גיי איך מיט אים איבער אַ טומלדיקער גאַס אין יפו. אַנטקעגן

קומט אונדז אַ צעטראָגענער חיים ברוך, דער באַלעבאָס פון דער אכסניה. ברענער שטעלט אים אָפּ, רירט אָן זיין פּלייצע און פרעגט וואָס ער מאַכט. חיים ברוך ענטפערט ניט און לויפט ווייטער. ברענער שמייכלט עפּעס פאַרלוירן און זאָגט צו מיר:

— איך האָב גוט געמיינט.

אַ לומפּ האָט פאַרפירט אַ יידישע מיידל אין יפו, מיט איר כלומרשט חתונה געהאַט. איך האָב זיך צופעליק באַקענט מיט דער מיידלס מוטער, וועלכע האָט מיר דערציילט ווי אין דער חופּה־נאַכט האָט דער לומפּ איר טאָכטער געפּייניקט און דערנאָך האָט ער זי אָוועקגעפירט קיין עגיפּטן און דאָרט פאַרקויפט אין אַ שאַנד־הויז. איך האָב די געשיכטע איבער־געגעבן ברענערן און ער האָט ממש געוויינט פון פאַרדרוס און שאַנדע, וואָס אַזוינס קען פאָרקומען צווישן יידן אין ארץ־ישראל.

גאַנץ אָפט פלעגט ברענער אַריינקומען אין חיים ברוכס אכסניה און פאַרברענגען מיט די אַרבעטער. נאָך וועטשערע פלעגט חברה אַמאָל פלוצלינג אויסטאָן די שיך, פאַרקאַטשען די הויזן ביז די קני, אָקסל צו אָקסל און די הענט אַרום די העלדזער און היידאַ טאַנצן אַ „האָרא״. ברענער איז קיינמאָל ניט אָפּגעשטאַנען פון דער חברה און איך פלעג זיך צוקוקן ווי ער צעוואַרעמט זיך אַלץ מער און פאַלט ענדלעך אַריין אין גרויסער התלהבות.

איך האָב קיינמאָל ניט געהערט קיין וויץ פון ברענערן, ניט געהערט ער זאָל זיך חכמהן און דערציילן קאָמישע זאַכן, אָדער שפּאַסן איבער אימיצן. נאָר איינמאָל האָט ער מיך געבעטן אַ בריוו צו מרדכי בן הלל הכהן און האָט זיך דערביי אַ וויצל געטאָן אויף זיין חשבון. דערביי האָט ער געשמייכלט און געקוקט אויף מיר אַביסל פאַרשעמט, וואָס פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן ניט קיין עטיש וואָרט.

* * *

איך האָב זיך גענומען באַגעגענען מיט ברענערן אַלץ אָפטער און אָפטער. דאָס פלעגט פאָרקומען ביי די שוועסטער ציזשיק אָדער אויפן דאַך פון דעם הויז, וואו די אַקטריסע ליזאַ וואראָן האָט געהאַט איר צימער. איך האָב אַלץ מער גענומען באַמערקן, אַז זיין באַציאונג צו דער יונגער און נאַאיווער לאהן איז אַ סך טיפער און ערנסטער ווי מיר אַלע האָבן זיך געקענט פאָרשטעלן, ווייל אויסערלעך האָט ברענער עס מיט גאָר ניט אַרויסגעוויזן און קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם.

און איך בין זיכער, אַז אויך לאהן האָט ער קיינמאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן זיינע געפילן צו איר און עס באַהאַלטן טיף אין זיין נשמה. אין יאָרן האָט ער דאָך געקענט זיין איר פּאַטער. און מער פון אַלץ האָט ער אפשר מורא געהאַט צו ווערן באַליידיקט. דאָס יונגע מיידל האָט זיך געקענט אויסלאַכן פון אים, ווען ער שטייט צו צו איר מיט זיין ליבע, און דאָס וואָלט אים שרעקלעך ווי געטאָן.

ברענער האָט, דאַכט זיך, געקענט פּרויען זייער ווייניק און ניט געוואָגט צוצוקומען צו זיי נעענטער און דערפאַר האָט ער שרעקלעך געבענקט נאָך אַ פרויס לאַסקעס. איך גלויב ניט, אַז אין דעם האָט אים געשטערט זיין אויסזען פון אַ קליין־שטעטלדיקן קרעמער, נאָר גיכער זיין צוריקגעצויגענער כאַראַקטער און די איינגעבוירענע שעמעוודיקייט פון אַ געוועזענעם ישיבה־בחור. אָבער ווי אַזוי זיינע בלויע קינדערשע אויגן פלעגן פאַרליבט קוקן אויף לאהן, קען איך ניט פאַרגעסן.

איך בין אויך געווען ביי ברענערן אויף אַ סדר. חנה, לאה און ליזאַ וואראַן האָבן אַלץ צוגעגרייט און געמאַכט אַביסל היימישער זיין גרויסן, כמעט ליידיקן צימער. געקאָכט די וועטשערע האָט מען ביי דער באַלע־באָסטע אין הויז. ער אַליין איז אין דער פרי אַוועק צום ים און דאָרט געלייענט דאָסטאָיעווסקין, ביי וועמען ער האָט אָפּנים געשעפּט שטימונג פאַר זיינע שוועד־מוטיקע דערציילונגען. די מיידלעך האָבן אין שפּאַס אים פאַרבאָטן צו קומען אַהיים ביז אַלץ וועט זיין פאַרטיק.

איך בין שוין געווען ביי ברענערן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים. זיין צימער האָט ער כמעט ניט דערקענט און זיך ברייט צע־שמייכלט, ווען ער איז אַריינגעקומען. אין מיטן חדר איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, באַדעקט מיט אַ ריינעם טישטוך, אַ פאַרצעלייען וואַזע מיט עטלעכע צווייגלעך פון געלע, שמעקעדיקע אַקאַציעס און ביי די זייטן דאָס געשיר און פלעשער וויין.

צום סדר זיינען אויך געקומען עטלעכע אַרבעטער, צווישן זיי ברענערס אַ גוטער חבר, דער בלאָנדער יאַנקל, מיט וועמען ער איז אויף איין שיף געקומען קיין ארץ־ישראל. יאַנקל איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלויער „קאַסאָוואָראָטקע” און אויסגעפּוצט אין זיינע נייע סאָלדאַטסקע שטיוול, וואָס ער האָט געכאַפּט אַ מציאה ביי איינעם, וואָס האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

ברענער האָט דורכגעפירט אַן אמתן סדר און די פיר קשיות האָט געפרעגט לאה, וועלכע איז געזעסן לעבן אים. ביים עסן האָט מען

געטרונקען און אַלע זיינען געוואָרן אַלץ פריילעכער. נאָכן סדר האָט זיך ברענער צוגעלייגט אויף דער סאָפע, וואָס איז געווען זיין שטענדיקער געלעגער. ער האָט אַביסל צופיל געטרונקען, זיך דערפילט שטאַרק אומ־רואיק און אויסגעדריקט די מורא ער זאָל ניט קריגן אַ נערוועזן אַנפאַל. ער האָט געוואָלט צערייסן אויף זיך דאָס העמד.

ער האָט גערופן צו זיך לאהן, נאָר אויפן ברעג פון דער סאָפע האָט זיך אַוועקגעזעצט זיין גוטער חבר יאַנקל. ברענער האָט עפּעס גערעדט צו אים און עס איז אויסגעקומען, אַז דאָס, וואָס ער איז אַ שרייבער, ברענגט אים ניט קיין גליק. ער האָט אויך גערעדט וועגן בעטלער און קאַליקעס, וואָס זיינען געליבט פון פרויען. ער האָט געוויינט ביז ס'איז ענדלעך געלונגען אים צו באַרואיקן. דערנאָך איז ער איינגעשלאָפן.

איך געדענק גוט יענעם סדר. איך בין פאַרבליבן ביי ברענערן, ווען אַלע זיינען זיך שוין צעגאַנגען. איך בין אַרויס אויפן טעראַסע. עס האָט זיך געהערט ווי דער ים רוישט. איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטיינערנעם זייל און געטראַכט וועגן ברענערן. דער דאָזיקער מענטש האָט מיך געצויגן צו זיך מיט זיין טיפן עלענט און גייסטיקער שיינקייט, מיט זיין פאַרלוירנקייט און אומבאַהאָלפנקייט אין לעבן. עפּעס גייט ער אַרום ווי אַ פרעמדער אויף דער וועלט און קומט אַלץ נאָענט צו אָפּגרונטן, וואָס קאָנען אים פאַרשלינגען. ער פילט עס און דאָך שטעלט ער זיך ניט אָפּ.

איך האָב דערהערט ברענערס קול. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געבעטן אַ טרונק וואַסער.

* * *

לאה איז אַוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן קיין גליל צו גאַסט, און אָט איז זי איינמאָל אַרויס אין פעלד אַ באַרוועסע און זיך פאַרשטאָכן אַ פוס מיט אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק. אין דריי טעג אַרום איז זי גע־שטאָרבן פון בלוט־פאַרגיפטונג. איר טויט האָט אונדז אַלעמען שטאַרק דערשלאָגן און ברענער איז געוואָרן נאָך שטילער און טרויעריקער. ער האָט זיינע ליידן פאַרבאַהאַלטן טיף אין זיין נשמה, זיך אָפּגעזונדערט פון אונדז און איך פלעג אים שוין ניט באַגעגענען אַזוי אָפט. אָבער איינמאָל, אין אַ בלויען אָוונט, האָב איך אים געטראָפן לעבן דעם הויז, וואו ליזאַ וואראָן האָט געוואוינט. ער איז נאָר וואָס געקומען צופוס פון אַ נאָענטער קאָלאָניע און האָט אויסגעזען זייער מיד און פאַרשטויבט. צוליב וואָס ער איז געגאַנגען אין דער קאָלאָניע האָט ער מיר ניט געזאָגט

און איך האָב אים ניט געפרעגט. נאָר איך האָב שוין געוואוסט, אַז די לעצטע צייט גייט ער אָפּט אַוועק פון שטאָט גאַנץ פרי און קומט צוריק אין אָוונט. עפּעס קען ער זיך ניט געפינען קיין אָרט. ער האָט אַפילו אויפגעהערט צו שרייבן און ער שפּאַנט אַלץ אַרום איבער די ארץ־ישראלדיקע וועגן. האָט יענע אומרו געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט לאהס טויט? איך גלויב, אַז יאָ, נאָר זאָגן עס אויף זיכער קען איך ניט.

* * *

איך האָב געהאַט שווערע טעג און זיך געקליבן אַוועקצופאָרן. בין איך געקומען צו ברענערן און אים דערציילט אַלע מיינע פּלענער. ער האָט מיך געטרייסט און אַרויסגעהאָלפן מיט וואָס ער האָט געקענט. ער האָט עס געטאָן ווי אַ חבר און זייער פשוט. מער האָב איך אים שוין ניט געזען. וועגן זיין מאַרטירער טויט האָב איך זיך דערוואוסט אין אַמעריקע.

איינער פון די לעצטע

ערשט לעצטן דעצעמבער האָב איך פון אים דער־האַלטן אַ קאַרטל פון שווייצאַריע. ער האָט מיר געשריבן:

„אַ האַרציקן גרוס אייך פון ‚אונזער' שווייץ! וואָס מאַכט איר אין געזונט! זייט איר געווען דעם ווינטער אין פלאָרידא, אָדער איר זייט נאָך דאָרט? לאָזט הערן פון אייך.

זייט געזונט, אָבער אויף אַן אמת.

אין פריינטשאַפט,

אייער י. קלאַצקין".

די עטלעכע שורות האָבן מיך דערפרייט. זיין פרוי האָט זיך געפונען אין דער שווייץ. איצט וועט ער האָבן אַ באַענטן מענטשן וואָס זאָל אויפ־פּאַסן אויף אים, ווייל דר. קלאַצקין האָט די לעצטע יאָרן געליטן פון אַ הויכן בלוט־דרוק און געלעבט איינזאַם. אמת, אין אַמעריקע האָט ער געהאַט גוטע פריינט, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר אים, נאָר וועמען פון די יעניקע, וואָס האָבן אַמאָל געליטן נויט, איז ניט באַקאַנט דאַנטעס באַרימטע שורה איז זיין „געטלעכער קאָמעדיע", אַז „ביטער איז דאָס פרעמדע ברויט און שווער זיינען די טרעפּ פון אַ פרעמדן שוועל".

מיט קלאַציקנען האָב איך זיך באַקענט אין בערן. איך געדענקט שוין ניט פינקטלעך מיט וויפיל יאָרן צוריק, נאָר ביידע זיינען מיר דאַן געווען יונג און דאָס לעבן, פול מיט גלויבן און אינהאַלט, האָט זיך פאַרביק און לאָקנדיק געשפרייט פאַראויס. אונדזער באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען אויף אַ באַל, אין אַ ניי־יאָר נאַכט, כאָטש איך האָב אים שוין פריער אַ סך מאָל געזען אין דער סטודענטישער קיך, אויף ציוניסטישע פאַרזאַמ־לונגען און אין די קאָרידאָרן פון אוניווערזיטעט, וואו איך פלעג אָפט קומען ווי אַ פרייער צוהערער אויף די פילאָזאָפישע לעקציעס פון פּראָ־פעסאָר שטיין. אָבער מיר האָבן ניט געהאַט קיין געמיינזאַמע אינטערעסן. דר. קלאַצקין האָט זיך געהאַט זיין קרייז און איך מיינעם. נאָר אָט האָט אין דער קאָלאָניע פּאַסירט אַ געשיכטע מיט אַ יאַלקע. די קליינע גרופּע

סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן די מערסטע פון זיי יידן, וואָס האָט פון שטענדיק אָן געהאַט די חזקה אויף דעם ניי יאָר באָל, האָט פאַנאַנדערגע־קלעפּט מודעות, אַז דאָס מאָל וועלן זיי אויך אָנצינדן אַ קריסטמעס בוים, אַ יאָלקע.

די ציוניסטן זיינען געוואָרן אויפגעבראַכט. אין צאַרישן רוסלאַנד זיינען אין יענער צייט פאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף יידן, און דאָ אָראַנ־זשירט מען בעלער מיט יאָלקעס! זיי וועלן אין אָוונט פון באָל מאַכן דעם גרעסטן סקאַנדאַל און צעשטערן די אונטערנעמונג. זיי וועלן ניט דערלאָזן צו אַזאַ נאַציאָנאַלע דערנידערונג. קורץ, גאָר גיך האָט זיך די גאַנצע קאָלאָניע צעטיילט אין צוויי גרופּן: „יאָלקיסטן" און „אַנטי־יאָלקיסטן".

אָבער די ציוניסטן זיינען ניט געקומען צעשטערן די אונטערנעמונג, ווי זיי האָבן געסטראַשעט. אַלס פּראָטעסט האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אין בובענבערגס קאַפע טרינקען ביר.

איך האָב די יאָלקע צעבראָכן. האָט אַ סטודענט אַ ציוניסט, מיטן נאָמען שאַטענשטיין, וועלכער האָט געהאַט אָנטייל גענומען אין רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, און געקראָגן אַ וואונד אין קאָפּ, מיר פאַרטיידיקט ווי אַ לייב, ווען פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן צו מיר אויסגעשטרעקטע הענט מיט פויסטן.

דערנאָך זיינען געקומען צולויפן די ציוניסטן פון בובענבערגס קאַפע. דר. קלאַצקין איז געווען מלא שמחה. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר און אין זיין התפעלות עטלעכע מאָל מיך פאַרגליכן מיט יהודה המכבי, מיט איינעם פון די חשמונאים. שוין אָפּגערעדט פון מיין אַלטן חבר ל. קוסמאַן, וואָס האָט דאַן געטראָגן אַ בלויי היטעלע מיט אַ מגן־דוד פון דער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע „בר כוכבא". איך האָב גע־פּאָדערט מען זאָל אַרויסגיין אין אָן אָפענעם קאַמף קעגן די אַסימילאַטאָרן.

מיט אַ יאָר אַכט אָדער ניין שפּעטער האָב איך אים ווידער געטראָפן. דאָס מאָל איז עס געווען אין זשענעווע. עס האָט זיך שוין אנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה. איך האָב געוואוינט אין אַן אַלט הויז, אין אַ היג־טערגעסל, וואָס האָט געטראָגן דעם שיינעם נאָמען „רי דע לאַ וויאָלעט" — די גאַס פון פיאַלקעס, כאָטש אַ חוץ קראָפּיווע און אַ פּאָר פאַרטריקנטע ביימער, איז דאָרט גאָרניט געוואוקסן, אָבער אין דער פּאָליטישער אימי־גראַנטן קאָלאָניע האָט מען שוין געוואוסט, אַז מאַקסים גאָרקי האָט רעקאָמענדירט מיינע אַ דערציילונג אַ פּעטערבורגער מאָנאַטלעכן זשור־

נאָל און די דערציילונג איז אָפּגעדרוקט געוואָרן. עס פלעגן אין מיין אָרימען חדרל זיך אָפּט צוזאַמענקלייבן רוסישע סטודענטן און סטור־דענטקעס, פּאָליטישע אימיגראַנטן, און מיר האָבן פיין פאַרבראַכט. אונדזערע געזאַנגען האָט מען געהערט ווייט אַרום. האָט זיך פון דעם דערוואוסט דר. קלאַצקין, וועלכן איך פלעג זען זעלטן. ער האָט מיך געטראָפן און געבעטן אים געבן איבערלייענען מיין רוסישע דערציילונג און דערביי געגעבן אָנצוהערן, דאָס ער וואָלט גערן געקומען צו מיר אַביסל פאַר־ברענגען. מיר האָט עס געשמייכלט און איך האָב אים האַרציק איינגע־לאַדן. כאָטש ער האָט זיך געטראַכט, אַז ער וועט זיך אפשר ניט אַריינ־פּאַסן אין דער חברה, ער איז דאָך פאַרט אַ דענקער, אַ פילאָזאָף. אָבער דר. קלאַצקין האָט קענטיק ליב געהאַט דאָס לעבן אין אַלע זיינע פאָרמען.

* * *

יאָרן און יאָרן זיינען פאַרביי. איך בין שוין לאַנג געווען אין אַמעריקע.

איינמאָל זיץ איך און רעד מיט אהרן צייטלינען.
און אָט דערציילט ער מיר עפּעס וועגן דר. קלאַצקינען.
— איז ער אין ניו יאָרק?
— איר ווייסט עס דען ניט?
— ניין, איך ווייס ניט. מיט די העברעער טרעף איך זיך דאָך ניט.
איר זייט דער איינציקער.
קען מען אים זען?
— זיכער. ער וואָלט זיך גערן געטראָפן מיט אייך. ער האָט עס מיר געזאָגט.

צייטלין האָט מיר געגעבן דר. קלאַצקינס אַדרעס. און מיר האָבן ווייטער גערעדט וועגן אים. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיין לאַגע איז ניט קיין פרייגלדיקע און דאָס האָט מיר פאַרדראָסן. יאָ, ער איז ניט פאַר אַמעריקע.

דר. קלאַצקין האָט געוואוינט אין האָטעל לאָורעלטאָן אויף דער פינף און פופציקסטער גאַס. איך בין שוין געזעסן אין לאָבי פון האָטעל מיט אַ צוואַנציק מינוט פריער און געוואַרט דער זייגער זאָל ווערן פיר. וואָס פאַר דעראינערונגען זיינען מיר ניט דורכגעפלויגן אין קאָפּ פאַר די צוואַנציק מינוט, דעראינערונגען פון יענע יאָרן ווען כ׳האָב געלעבט אין שווייצאַריע. איצט איז דאָס קליינע, וואונדערבאַרע, באַרגיקע לאַנד אַזוי ווייט פון מיר. וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אויף דער וועלט פאַר די אַלע

יאָרן? וויפיל גרויסע יידן אין אַ סך לענדער זיינען אומגעקומען און פאַרשוואונדן מיטן לויף פון דער צייט? עס זיינען דאָ און דאָרט פאַר־בליבן איינצלנע, וואָס די עלטער רוקט זיך שוין אויך אויף זיי און זיי זיינען קראַנק. אַט ווי דר. קלאַצקין. זיי וועלן אויך באַלד אַוועקגיין פון יידישן לעבן און קיין אַנדערע קומען ניט אויף זייער פּלאַץ. עס שטאַרבט אויס אַ זעלטן שיינער דור.

* * *

דר. קלאַצקין האָט אין ניו יאָרק געוואוינט אין אַן איינפאַכן ניט קיין גרויסן צימער. אויף אַ קליין טישעלע איז געשטאַנען אַ טעלער מיט פּרוכטן, אָרנאַזשן, באַנאַנעס, עפּל און אַ הענגל שוואַרצע ווייַנטרויבן. עס איז אויך געשטאַנען אַ פלאַש מיט אַביסל רויטן וויין. אויפן קליינעם קאָמאָד, איבער וועלכן עס איז געהאַנגען אַ שפּיגל, זיינען געלעגן ספרים.

דר. קלאַצקין האָט זיך אַריינגעזעצט אין טיפן שטול און מיר האָט ער געבעטן זיך אַוועקזעצן נעבן אים. ער האָט אויף מיר געקוקט און עס איז געווען קענטיק, דאָס אים וואונדערט וואָס איך האָב חתונה געהאַט און אַרבעט אין אַ צייטונג.

דאָס האָט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, ווייל ווי האָב איך עס געקענט זיך איינשפּאַנען אין יאָך פון אַמעריקאַנער טומלדיקן לעבן און שלעפּ שוין דעם וואָגן אַזוי לאַנג? איך האָב עס פאַרשטאַנען פון זיינע איינצלנע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט זייער שטיל און פאַר־טראַכט. עס איז אויסגעקומען, אַז אַט ער, דער דענקער און פילאָזאָף, האָט אַן אומרואיקן געמיט און אים איז שווער זיך צו קאָנצענטרירן די לעצטע יאָרן פאַר זיין גייסטיקער אַרבעט, און איך, אַ מענטש וואָס האָט אַמאָל, אין שווייצאַריע, געלעבט אָן אַ טאָלק און אָן אַ תכלית, פריי ווי אַ ווינט אין פעלד, שרייב אַלע וואָך.

דר. קלאַצקין האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן פון שטול און אָנגע־גאָסן צוויי גלעזלעך וויין.

— פאַר אונדזער יוגנט, פאַר „אונדזער" שווייץ!

מיר האָבן אויסגעטרונקען, ער האָט פאַרביסן מיט אַ פּאָר טרויבן.

דערנאָך זיינען מיר געזעסן און גערעדט ווייטער. מיר האָבן דער־מאָנט אייניקע אַלגעמיינע באַקאַנטע פון בערן און פון זשענעווע. איך האָב געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ער האָט מיר ניט געלאָזן. דער ווינטער פאַרנאַכט האָט זיך מיט אַמאָל אָנגערוקט אין צימער. טרויעריקע שאָטנס האָבן איינגעוויקלט דר. קלאַצקינען און איך האָב עפּעס פּלוצלינג דער־

פילט זיין איינזאַמקייט, זיין עלנד און אפשר אויך זיין פאַרלאָרנקייט אין דער גרויסער טומלדיקער שטאָט, וואו שטילע נאַטורן ליידן אַפּט זייער שטאַרק.

— דר. קלאַצקין, איר האָט דאָ אייגענע ?

ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין איין און איינציקער זון דינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און איז איצט אין ניו־יאָרק און ער האָט דאָ אַ רייכע שוועסטער, נאָר באַזוכט איר זעלטן. „גיי און פּוץ זיך אויס אַלע ווילע אין אַ טאַקסידאָ, ווייל צו איר קומען אַזוינע וואַזשנע לייט!"

ער האָט עס ניט ליב. און זי וואוינט טאַקע דאָ ניט ווייט פון אים.

דאָס צווייטע מאָל בין איך געקומען אים נעמען צו זיך. ער האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט מיין משפחה. אַרויסגייענדיק פון סאָבוויי, אין די בראָנקס, האָבן מיר געדאַרפט נאָך גיין עטלעכע קליינע בלאָקס. עס איז געווען אַ כמאַרנער טאָג. ניט קיין גוטער פאַר מענטשן מיט אַ הויכן בלוט־דרוק. ער פלעגט זיך אַלע ווילע אָפּשטעלן און מיך נעמען אונטערן אָרעם, אָדער בלייבן שטיין אַ ווילע און קוקן אין אַ פענסטער פון אַ קענדי־סטאָר. איך בין געווען צופרידן, ווייל אויך מיר איז געווען שווער צו גיין. אָבער מיר האָבן קיין וואָרט ניט געזאָגט איינער דעם צווייטן וועגן דעם. אָט מיר האָבןביידע גלאָט ניט וואָס צו איילן...

* * *

איך האָב אים באַזוכט נאָך עטלעכע מאָל. איינמאָל האָב איך ביי אים געטראָפן זיין זון.

— מיין זונס מוטער איז אין די שוויץ, — האָט ער מיר געזאָגט.

און אָט בין איך געקומען מיט אים געזעגענען, ווייל איך האָב זיך געקליבן אַוועקפאָרן קיין פלאָרידע. מיר האָבן ווייטער זייער פריינטלעך געשמועסט. אגב, האָט ער דערמאָנט דר. מוקדוניס אַ רעצענזיע וועגן זיינעם אַ בוך. די רעצענזיע איז געווען ניט קיין גינסטיקע פאַר אים. אַז איך האָב זיך שוין געקליבן אַוועקגיין, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— גיט איבער אַ גרוס דר. מוקדונין און זאָגט אים, אַז איך בין אויף אים ניט ברוגז.

ער האָט מיך באַגלייט ביזן עלעווייטאָר און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיינעם אַן אַקסל.

— פאָרט געזונט און קומט געזונט. און לאָזט פון זיך הערן.

שטאַרק זיינען די פעדים וואָס פאַרבינדן מענטשן אין דער יוגנט. זיי ווערן אָפט ניט צעריסן ביזן טויט.

ה. רויזענבלאַט

עס וועט קלינגען ווי אַ שיינע פראַזע, נאָר יעדעס מאָל ווען איך טראַכט וועגן דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט אָדער לייען זיינע לידער און פאָעמען, שטעלט ער זיך מיר פאָר ווי אַ קאַרשנבוים, וואָס האָט זיך אויף דער עלטער וואונדערבאַר צעבליט. און אפשר איז עס ניט קיין מליצה, ווייל אונדזערע הייליקע שריפטן פאַרגלייכן דאָך דעם מענטשן צו אַ בוים: כי האדם עץ השדה.

אַז איך בין געווען דער סעקרעטאַר פון י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין, איז איינמאָל רויזענבלאַט געקומען קיין ניו יאָרק און דער פאַראיין האָט אים געגעבן אַ קבלת־פנים אין אַ גרויסן זאַל. האָט ער מיר דערנאָך געשריבן פון לאָס אַנדזשעלעס: „טייערער קאָלעגע תלוש, איר האָט געוויס געמיינט, אַז איך וועל פאַרגעסן אָן אייך, ווי עס פירט זיך ביי לייטן... האָט איר ניט געטראָפן, ליבער קאָלעגע! מיר זיינען פראָ־ווינציאַלן און פירן זיך פראַסט און פויעריש... אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון דער רייזע, דערמאָן איך זיך אָן גוטע פריינט, חברים, נעמט־זשע צו מיין האַרציקן דאַנק פאַר אייער גאַסטפריינטלעכקייט, אייער, מיט קאָ־לעגיאַלער באַציאונג".

שפּעטער בין איך פאַרוואָגלט געוואָרן קיין קאַליפאָרניע. צוערשט בין איך געפאָרן קיין שיקאַגאָ אין די אינטערעסן פון מיין בוך „וואָג־לעניש". מיין פריינט, דער טאַלאַנטפולער דערציילער נח גאָלדבערג, וואָס איז אַ תושב אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט מיר שטאַרק געראָטן קומען קיין קאַליפאָרניע און צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. פון זיין בריוו איז אויסגעקומען, אַז די יידן פון לאָס אַנדזשעלעס וואַרטן נאָר אויף מיין בוך. אמת, צווישן די שורות פון זיין בריוו האָט זיך געפילט, אַז אים איז גוט אומעטיק און אים ווילט זיך זען אַ חבר, מיט וועלכן מען קען אַביסל פאַרברענגען און זיך אַראָפּריידן פון האַרצן.

איך בין געקומען קיין קאַליפאָרניע. נח גאָלדבערג האָט מיך באַ־געגנט אויפן וואָקזאַל. איך האָב אַביסל פאַרבראַכט ביי אים אין הויז און

דערנאָך האָט ער מיך אַוועקגעפירט אין אַ האָטעל. עס איז געווען אין מיטן זומער. מיין האָטעל־צימער איז געווען אַ האַלב־טונקעלער. דער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען. פּלוצלינג איז מיך באַפאַלן אַ מאָדנע בענק־שאַפט. אַ לאַנגווייליקער אומעט, וואָס איז דערנאָך מיר נאָכגעגאַנגען די אַלע עלף חדשים פון מיין זיין אין קאַליפאָרניע, כאָטש איך האָב דאָרט געהאַט אַ סך גוטע און זוניקע טעג.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. עס איז געקומען דער פּאָעט גאָל־דאָווסקי, מיך איינלאַדן צו זיך. ביי אים אין הויז האָב איך געטראָפן דעם דערציילער ש. מילער, וועלכן איך האָב שוין פון לאַנג געוואָלט גוט קענען, ווייל זיינע ווערק אינטערעסירן מיך שטענדיק. דערצו האָב איך געהערט, אַז מילער איז אַ שיינער און אויסערגעוויינלעך ערלעכער מענטש, וואָס גייט זעלטן אויף קאָמפּראָמיסן מיט זיין געוויסן. אָבער מילער — אַ טונקעלער, אַ קליינינקער, איז געזעסן איינגענורעט אין אַ טיפן שטול און עפּעס געריבן זיך די הענט. איך האָב זיך בייגעריק צוגע־הערט. פון זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז ער איז ניט צופרידן מיט זיך.

יענעם אָוונט האָט גאָלדאָווסקי אויך געוואַרט אויף רויזענבלאַטן און ישראל אָסמאַנען, נאָר זיי האָבן ניט געקענט קומען.

אויף מאָרגן איז רויזנבלאַט געקומען צו מיר. איך בין געווען גע־שמייכלט. ריידנדיק מיט מיר אויף זיין האַרציקן אופן, האָבן זיינע בלויע לעבעדיקע אויגן געשמייכלט. ער האָט מיך דערמאָנט, ווי נאָך זיין קבלת־פּנים אין ניו יאָרק, וואָס דער י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין האָט אַראַנזשירט, האָב איך אים געפירט אין אַ רעסטאָראַן עסן סטייק און טרינקען וויין. איך בין געווען דער איינציקער יענעם אָוונט, וואָס האָט אים ערגעץ איינגעלאַדן און ער האָט עס ניט געקענט פאַרגעסן.

— יאָ, טאַטעלע, — האָט ער געזאָגט, — איצט וועט איר זיין אונדזער גאַסט. — און גלייך מיך גענומען ראָטן זיך באַזעצן מיט דער פאַמיליע אין לאָס אַנדזשעלעס. — ניט געפערלעך, וועט צוקומען נאָך איינער אין דער שרייבער־משפּחה. מען וועט זאָרגן פאַר אַלעמען.

דערנאָך האָט די קליינע גרופּע שרייבער מיר געגעבן אַ קבלת־פּנים אין קאָרפּמאַנס הויז. רויזענבלאַט איז געווען דער פאָרזיצער. איך האָב געזען, אַז ער איז זייער צופרידן, וואָס ער קען מיר שוין מיט עפּעס אָפּדינען.

אין אַ וואָך אַרום האָט ישראל אָסמאַן מיך געפירט צו פּרץ הירשביינען,

ע״ה. אין זיין אַלטער קאַר איז אויך געזעסן רויזנבלאַט און דר. בוכמאַן, מיינער אַן אַלטער פריינט נאָך פון שווייצאַריע. פּרץ הירשביין האָט געוואוינט אין האַליוואוד, אין אַ הויז וואָס האָט זיך געפונען אין אַ שטילן אָפּגעזונדערט ווינקל, אין שאָטן פון ביימער און ביי אַ קליינעם וואַסערל.

די דיכטערין אסתר שומיאַטשער, פּרץ הירשביינס פרוי, האָט פריינט־לעך אויפגענומען די געסט. דערנאָך האָט הירשביין געבעטן זיין זון עמוס שפּילן פּיאַנאָ. דער פאַרשטאַרבענער שריפטשטעלער האָט מיך ערנסט געפרעגט, צי דענק איך ניט, אַז זיין יינגל וואַקסט אַ מוזיקער, אַ קאָמפּאָזיטאָר. שפּעטער האָבן מיר אַלע געטרונקען טיי אין קליינעם עס־צימערל. איך האָב דערציילט וועגן פלאָרידאַ און אסתר שומיאַטשער האָט אויסגעדריקט אַ וואונטש, אַז זי וואָלט גערן אַוועקגעפלויגן קיין מיאַמי ביטש. איר שוואַרץ חנעוודיקער פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ וואָלקנדל פון בענקשאַפט.

פאָרנדיק צוריק, האָט רויזנבלאַט ווייטער מיט מיר געגומען ריידן וועגן פאַרבלייבן אין קאַליפאָרניע. אין ניו יאָרק ענגען זיך די שרייבער אויף אַ קליינעם פעלד. די קאָנקורענץ פאַר כבוד און פּרנסה איז גרויס. און מסתמא דערפאַר איז נישטאָ קיין פריינטשאַפט צווישן די יידישע שרייבער, קיין פיינע באַציאונג איינער צום צווייטן, ווי עס וואָלט באַ־דאַרפט צו זיין.

שפּעטער איז מיין פאַמיליע געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, אָבער דער אומעט און די לאַנגוויל האָבן מיך אַלץ פאַרפאָלגט.

איינמאָל האָט מיך רויזנבלאַט איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ וואַרעמס. דער דיכטער וואוינט אין אַ קליינעם הויז מיט אַ גערטנדל אַרום. עס איז געווען אַ זוניקער טאָג. זיין שיינע טאָכטער האָט מיך באַגעגנט אויפן שוועל. דערנאָך האָט זיך באַוויזן רויזענבלאַט און זיינע בלויע אויגן האָבן פריינטלעך געשמייכלט. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין הויז און באַקענט מיט זיין פרוי. און ביז דאָס עסן איז געוואָרן פאַרטיק, זיינען מיר געזעסן און גערעדט. ער האָט זיך אינטערעסירט, צי עס ווערט גוט פאַרשפּרייט מיין בוך „וואָגלעניש״, וואָס איך פאַרקויף צו־ביליק. דערביי האָט ער גוטמוטיק געלאַכט, דאָס איך בין שוין איינמאָל אַ ביזנעס־מאַן...

ביים עסן איז פאַרגעקומען אַ טשיקאַווע סצענקע, וועלכע עס ווילט זיך מיר ניט דורכלאָזן. רויזענבלאַט האָט אַפּנים דאַן געפּילט אַביסל ניט מיט אַלעמען, און זיין פרוי, אַ גראַדואירטע נוירס, האָט אים פאַר־

באָטן טרינקען אַביסל משקה. ער האָט אָבער דאָך געוואָלט מאַכן מיט מיר אַ כוסה. האָט ער באַהאַלטן אַ פלעשעלע סקאָטש אין קעשענע און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט ווען זיין פרוי וועט אויף אַ מינוט אַוועק פון טיש. נאָר די פּאַטראָוועס האָט דערלאַנגט די טאָכטער. מיר האָבן שוין אויפגעגעסן די פּאַרשפּייז און דעם זופּ און זי רירט זיך אַלץ ניט פון אָרט. רויזענבלאַט קוקט אויף מיר און שמייכלט ביטרעוואַטע, אַז ניט געזאָרגט, ברודער, מיר וועלן נאָך מאַכן אַ לחיים. און כך הוה! מיר האָבן טאַקע צוויי מאָל אויסגעטרונקען צו ביסעלעך און די פרוי האָט עס ניט באַמערקט, כאָטש זי איז ניט אַוועק פון טיש די גאַנצע צייט. רויזענבלאַט האָט עס געמאַכט פלינק און קונציק. איך האָב מיט פאַר־געניגן געקוקט ווי אַזוי פשוט און שפּאַסיק עס קען זיך האַלטן דער אַלטער וואונדערבאַרער דיכטער.

ווינטער האָט דער קולטור־קלוב פון לאָס אַנדזשעלעס מיר געגעבן אַ קבלת־פּנים. נאָך גאַנץ פרי איז דער זאַל געווען איבערגעפּאַקט. רויזענ־בלאַט, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער, האָט אויסגעדריקט פאַרן עולם זיין איבעראַשונג און צופרידנקייט.

נאָכן אָונט האָט ער צו מיר געזאָגט:

— נו, איצט זייט איר מיט אונדז „פאַר גוט".

איך האָב אויך אַזוי געוואָלט, נאָר עס האָט פּאַסירט אַנדערש. איך און מיין פרוי האָט געבענקט נאָך ניו יאָרק. און אַזוי האָט זיך דער ווינטער געצויגן.

און דאָ וויל איך איבערגעבן נאָך אַ בריוו פון רויזענבלאַטן.

„טרעפנדיק זיך מיט ש. מילערן מיט אייניקע טעג צוריק, האָבן מיר געשמועסט וועגן אייך און אייערע. מילער האָט אונדז, מיין פרוי און מיר, דערציילט, אַז אייער פרוי איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין איר געזונט־צושטאַנד. אַזוי ווי מיין פרוי איז כמעט אַ גאַנצער פּראָפעסאָר און האָט באמת פיל דער־פאַרונג, צוליב איר לאַנג־יאָריקער פּראַקטיק אין איינעם פון די באַרימט־סטע האָספּיטעלער דאָ אין קאַליפאָרניע, דרינגט זי אַז די קען אייך זייער שטאַרק צונויץ קומען.

„גלויבט מיר, טאַטקעלע, אַז מיר וואָלטן מיט פאַרגעניגן געקומען צו אייך אין אָושען פּאַרק. אָבער איך וויל אייך בעטן: מאַכט אַזוי, אַז אימיצער זאָל אייך ברענגען כאָטש אין שטאָט אַריין. פון דאָרט וועלן מיר

איך ברענגען צו זיך אין הויז אַריין. קומט צו וועטשערע. איר וועט הונגעריק ניט אַוועק. אַפילו אַביסל בראנפן וועט אויך זיין".

דער פרילינג איז געקומען. און אָט האָבן צוויי מענער אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. איינער איז געווען מיינער אַ פריינט פון שיקאַגאָ. ער איז געקומען זיך געזעגענען מיט מיר. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן פאָרן מיט אים. אין מאַשין איז געווען גענוג פלאַץ. איך האָב אָנגעקוקט מיין פרוי. זי האָט שטיל אַרויסגערעדט: פאָר. איך און העלען וועלן קומען דערנאָך.

מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן וואָס איך האָב זיך ניט געקענט געזע־גענען מיט רויזענבלאַטן און מיט די אַנדערע קאָלעגן. איך בין אַריין אין קאַר און עס האָט זיך אין מיר דערוועקט מיין וואַנדערלוסט. גוט וועט זיין צו פאָרן איבערן מדבר. אַוועק, דו אומעט און לאַנגווייל!

זאָל דער אַלטער וואונדערבאַרער קאַרשנבוים נאָך בליען יאָרן און יאָרן.

ב. עפּעלבוים

איך האָב געבלעטערט אַ נומער „אידישע קולטור" און אָט ביים סוף פון זשורנאַל באַמערקט אַ קליינעם נאָטיץ מיט אַ בילד פון דעם פאַרשטאָרבענעם בעלעטריסט ב. עפּעלבוים. דאָס האָט דער ב. עפּעלבוים קולטור און לייען־קרייז ביים איקוף אין פילאַדעלפיע באַגריסט האַרציק דעם אַמעריקאַנישן יידישן קולטור־צוזאַמענפאָר און דעם צען־יאָריקן יובילעי פון איקוף־זשורנאַל „אידישע קולטור".

איך האָב לאַנג געקוקט אויף עפּעלבוימס בילד און עפּעס איז מיר אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, אַז ער איז שוין עטלעכע יאָר פון די „אַוועקגעגאַנגענע". דאַכט זיך, אַז גאָר ניט לאַנג צוריק, האָב איך אים געזען אין רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל", וואו מיר האָבן צוזאַמען אַ צוואַנציק יאָר געשריבן סקיצן, ראָמאַנען און אַלערליי פאַרצייכענונגען. אָט שטייט ער און רעדט מיט מיר און דעם לעבעדיקן וועגן ליטעראַטור, און איז פאַר עפּעס אין כעס אויף שמואל ניגערן.

איך קוק אים אָן מיט אַ שמייכל, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז דער כעס איז מער אַ געמאַכטער, כאָטש זיינע טונקל־בלויע שאַרפע אויגן לויכטן מיט צאָרן; די צוויי קנייטשן אַרום מויל ווערן טיפער, און די דינע ליפּן ציטערן אומבאַמערקט.

עפּעלבוים האָט אַלע זיינע יאָרן, וואָס ער איז געווען אין אַמעריקע. געוואוינט אין פילאַדעלפיע. קיין ניו־יאָרק פלעגט ער קומען, אַז ער האָט געדאַרפט עפּעס „אַטענדן" אין רעדאַקציע, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו. ער איז געווען געגנוג קלוג זיך צו באַזעצן אויף דער פּראָווינץ וואו מען האָט אים געקענט „אָנזען". ער האָט גוט געוואוסט, אַז צווישן די קאָלעגן אין ניו־יאָרק וואָלט ער געהאַט ווייניק פּריינט און זיך ניט געקענט אויסלעבן. און דאָס פאָלק, אַזוי צו זאָגן, די לייענער, פאַר וועלכע ער האָט

געשריבן זיינע פיינע סקיצן און חסידישע מעשיות, איז זייער באַציאונג צום יידישן קינסטלער אים געווען באַקאַנט...

איך בין מיט עפּעלבוימען געווען באַפריינדעט ניט נאָר ווי קאָלעגן פון איין רעדאַקציע. מיר פלעגן אויך אַמאָל שמועסן וועגן זיין פאַר־שטאָרבענעם שוואָגער, דעם העברעאישן שרייבער יהודה שטיינבערגס איינציקן זון, וואָס האָט שטודירט אין זשענעווער אוניווערסיטעט מעדיצין און וועלכן איך האָב גוט געקענט, ווייל אויך איך האָב אין יענער צייט געוואוינט אין שווייצאַריע.

ווילט זיך מיר איצט דערציילן וועגן אַ פּאָר פון מיינע באַגעגענישן מיט עפּעלבוימען. איך גלויב, אַז דאָס וועט געבן אַ שטיקל כאַראַקטע־ריסטיק פון זיין פּערזענלעכקייט. דאַרף מען וואָס אָפטער דערמאָנען פאַרשטאָרבענע שרייבער, ווייל זיי ווערן ביי אונדז אַזוי גיך פאַרגעסן, אַז עס איז פּשוט אַ פאַרדרוס.

איך בין צוויי מאָל געווען אין פילאַדעלפיע אין די אינטערעסן פון מיינע ביכער.

עפּעלבוים האָט געוואוינט ווייט, נאָר אין שטאָט האָט ער געהאַט אַ צימער, אַ סטודיאָ, ווי ער האָט עס גערופן, וואו ער פלעגט אַרבעטן. דאָס איז געווען אַ שמאָלע, ניט גאָר קיין ליכטיקע גאַס. איך בין צוגעקומען צום פענצטער און דערזען, אַז ער זיצט ביי אַ קליינעם טישל, וואָס איז באַלויכטן מיט אַן עלעקטרישן לעמפּעלע, כאָטש עס איז אין מיטן טאָג, און שרייבט. ער איז געזעסן שטייף און זיין פּנים איז געווען ערנסט און פאַרטראַכט. ער האָט לאַנגזאַם געפירט מיט דער פּען איבער אַ בייגעלע פּאַפּיר, אויסגעצאַצקעט פערלדיקע אותיות. איך האָב אויף אים געקוקט און מיר איז געקומען אויפן זינען דער זיידע מענדעלע מוכר ספרים, וועגן וועמען עפּעלבוים האָט אָנגעשריבן פּראַכטפולע דעראינערונגען. איך האָב דעם זיידן ניט געקענט פּערזענ־לעך, נאָר עפּעס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז עפּעלבוים האָט דאָס פון אים איבערגענומען די פּאָזע ביים שרייבן.

איך בין אַזוי געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט אויף אים אפשר אַ פערטל שעה. אַריינגיין, אָדער ניט אַריינגיין? עס האָט זיך ניט געוואָלט אים שטערן. איך ווייס וואָס עס מיינט אַז מען שטערט דיר פּלוצלינג אין מיטן שרייבן. אָבער אָט האָט עפּעלבוים אַוועקגעלייגט

די פּען און איז אויפגעשטאַנען פון שטול. בין איך צוגעגאַנגען צום טיר און אָנגעקלאַפּט.

ער האָט געוואוסט, אַז איך בין אין שטאָט, און זיין ערשטע פראַגע איז געווען:

— נו, ווי גייט עס מיט די ביכער?

איך האָב אים דערציילט איניקע טשיקאַווע באַגעגענישן מיט לייענער, וואָס איך האָב געהאַט אין פילאַדעלפיע.

עפּעלבוים האָט עפּעס ווי שולדיק געשמייכלט און געשוויגן. דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיין פרוי, יהודה שטיינבערגס טאָכטער, וואָלט וועלן זיך מיט מיר באַקענען. איך האָב דאָך געלעבט צוזאַמען מיט איר ברודער אין זשענעווע.

— ווען קענסטו קומען צו מיר אין הויז? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב זיך געקליבן פאַרלאָזן פילאַדעלפיע און ניט געוואוסט ווען איך וועל קענען זיין ביי אים. זיינען מיר אַזוי ווייטער געזעסן אויף דער אַלטער קושעטקע פון זיין צימער און גערעדט וועגן זיין שוואָגער.

שטיינבערגס זון האָט געהאַט אַ צעברענטן פּנים און איין אויג. דאָס האָט מיט אים פּאַסירט אַן אומגליק, דאַכט זיך, נאָך אין די קינדער־יאָרן. קיין זשענעווע איז ער געקומען מיט אַ ווייב. אַ יונגע, קליין־געוויקסיקע פרויקע, אַ רונדינקע, מיט פּוכקע בעקעלעך און זייער אַ באַוועגלעכע. עס האָט אויסגעזען, אַז זי איז איבערגעגעבן איר מאַן, כאָטש ער האָט אַזאַ אויסזען. זי איז געווען אַ ציוניסטקע און געטומלט אין דער פּאָליטישער אימיגראַנטן־קאָלאָניע. שטיינבערגס זון איז שטענדיק געווען שטיל, טרויעריק, נאָר אַמאָל שאַרף אין זיינע אויסדרוקן אָדער פאַרביטערט. אָבער דאָס איז געווען אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז אַלע פלעגן אים פאַרשוויגן. מען האָט געהאַט אַ סך דרך־ארץ פאַר זיין גרויסן פאָטער און פאַר די גרויסע ליידן, וואָס זיין צעברענטער פּנים פאַרשאַפט אים. און אַז עפּעלבוים האָט מיר דערציילט, אַז די קליינינקע טומלדיקע פרויקע, די ציוניסטקע, האָט פאַרלאָזן שטיינבערגס זון און איז אַנטלאָפן מיט אַ קריסט, האָט עס אויף מיר געמאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק. איך האָב זיך עס גאָרניט געקענט פאָרשטעלן.

— און וואָס איז געוואָרן מיט שטיינבערגס זון?

— ער האָט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. דערנאָך אַוועק־

געפאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָר אים האָט זיך דאָרט עפּעס געלעבט שווער. מען זאָגט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

איך האָב אַ ווײַלע געשוויגן. פאַר די אויגן האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן יענע צײַט אין זשענעווע ווען איך בין געווען יונג און געהאַט אַלערלײַ ליבטיקע פּלענער פאַר דער צוקונפט. און שטײַנבערגס זון האָב איך געזען. ער רעדט עפּעס צו מיר שטיל און טרויעריק. אָבער וואָס האָב איך זיך ניט געקענט דערמאָנען.

מײַן געשפּרעך מיט עפּעלבוימען האָט זיך פאַרענדיקט וועגן ליטעראַטור. ער פלעגט, אגב אורחא, שטענדיק פאַרבאַהאַלטן פון מיר, אַז ער שרײַבט שונד־ראָמאַנען אונטער אַן אַנדער נאָמען אין „אַמעריקאַנער". אָבער איך פלעג זיך מאַכן ניט וויסנדיק, ווײַל וואָס טוט מען ניט צוליב פּרנסה...

פון מיר אַלס שרײַבער האָט ער געהאַלטן און ניט געהאַלטן. ער האָט אַלץ ניט געקענט פועלן בײַ זיך מיר צו געבן פולע אַנערקענונג.

— פאַרשטייסט, האָסט אָנגעשריבן אַ פײַנע מעשה, נאָר עפּעס פעלט. — און אַז איך האָב געוואָלט דערגיין וואָס איז דער „עפּעס", האָב איך ניט געקענט.

איך, ווידער, האָב זייער געהאַלטן פון עפּעלבוימען. באַזונדערס האָב איך מקנא געווען זײַן רײַכן יידיש און דאָס קענען גוט העברעאיש, כאָטש איך פלעג ניט „גלײַכן" ווי ער שילדערט די נאַטור אין זײַנע דערציילונגען. ער פלעגט פאַנאַנדערשטעלן אין זייביימער, בלומען, קוסטעס און בערג, ווי מען טוט עס אויף אַ סצענע אין סעקאָנד עווענױ טעאַטער.

ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אַ שרײַבער אָן אַ פּאַרטיי הינטער זיך קען אין אַמעריקע קיין סך ניט אויפטאָן. האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די לינקע און פלעגט זײַן דאַנקבאַר דעם פאַרשטאָרבענעם רעדאַקטאָר פון „מאָרגן זשורנאַל", יעקב פישמאַן, וועלכער האָט אים ניט געשטערט דרוקן פון צײַט צו צײַט אַ דערציילונג אין אַ לינקער אויסגאַבע.

איינמאָל טרעף איך עפּעלבוימען אין רעדאַקציע און ער איז ווײַך און ביז גאָר אויפגעלייגט. מיר גייען בײדע אַרויס אין גאַס און ער זאָגט צו מיר:

— מען מוז עפּעס טאָן, אַז די יידישע שרײַבער אין אַמעריקע זאָלן

ווערן פריינטלעכער איינער צום צווייטן. מען קען דאָך אַזוי ניט לעבן. עס איז דושנע, שטיקנד, שווער. די איינזאַמקייט עסט ממש אויף.

איך קוק אָן זיין טונקעלן פּנים און גיב מיט אַ שמייכל אַ פרעג:

— נו, און מיט שמואל ניגערן וואָלסטו געמאַכט שלום?

ער האָט זיך שטיל צעלאַכט:

— אַפילו מיט שמואל ניגערן.

דערנאָך דערציילט ער, אַז ער וואָלט געוואָלט איבערזעצן זיינעם אַ ראָמאַן אין ענגליש און קען ניט קריגן קיין גוטן איבערזעצער. איז אפשר וואָלט איך אים רעקאָמענדירט בערנאַרד גילבערט גוירני, וואָס האָט איבערזעצט מיין בוך „די נייע בית לחם" (דער בונט).

איך זאָג אים גערן צו עס צו טאָן. דער איבערזעצער וואוינט טאַקע אויך אין סי געיט, ביים ים, און מיר קענען זיך מאַרגן אַלע צוזאַמענקומען ביי מיר אין הויז. עס וועט אויך זיין צוגעגרייט אַ מיטאָג מיט אַ ביסל משקה.

אַזוי איז געווען. עפּעלבוים איז מיטן איבערזעצער גיך דורכגעקומען וועגן פּרייז און געגעבן גוירנין הונדערט דאלער אַן אַוואַנס. דערנאָך האָבן מיר געגעסן און געטרונקען. עס איז געווען קענטיק אַז עפּעלבוים איז זייער צופרידן, ווייל דער ראָמאַן איז געווען פון אַמעריקאַנער לעבן און ער האָט געהאַט האָפענונגען, אַז ער וועט קריגן אַ „פּאָבלישער", וואָס זאָל דאָס בוך אַרויסגעבן. אָבער ליידער זיינען די האָפענונגען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דעם זעלבן טאָג האָב איך באַקומען פון איבערזעצער פינף און צוואַנציק דאלער „קאָמישאָן". איך בין גלייך אַוועק צו עפּעלבוימען, וועלכער האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין סי־געיט אַ פּאָר טעג, און געדונגען אַ צימער אין פּרומקינס ווילאַ. איך האָב אים געטראָפן אין גאַס און געזאָגט, אַז איך האָב עפּעס פאַר אים.

— אַ שטייגער וואָס? — האָט ער נייגעריק געפרעגט.

איך האָב אים דערלאַנגט די פינף און צוואַנציק דאלער און דערקלערט וועמענס געלט דאָס איז. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע שאַרפע אויגן און זיין טונקעלער פּנים איז ווי געוואָרן בלאַס פון איבעראַשונג. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אויב אַזוי, קומט דאָך דיר אַ מתנה אַ „טאַי". דו האָסט עס כשר פאַרדינט.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער בין איך ווידער געווען אין פילאַדעלפיע.

אליעזר שערמאַן האָט ווידער געזאָרגט, אַז איך זאָל פאַרשפּרייטן וואָס מער ביכער. ער אַליין איז געגאַנגען און אַלץ געטאָן. איך בין אויך אַ פּאָר מאָל געווען ביי אים אין הויז. שערמאַן האָט מיר דערציילט, אַז ער קלייבט מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם בוך, וואו ער וועט שילדערן זעלטן שיינע טיפּן פון יידישע שטעטלעך, וואָס זיינען חרוב ומוחרב געוואָרן. ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן זיין צוקינפטיקער אַרבעט, אָבער עס איז אים ניט געווען באַשערט עס אָנצושרייבן.

אין פילאַדעלפיע בין איך פאַרבליבן מער ווי אַ וואָך. פאַר דער צייט האָב איך עטלעכע מאָל געזען עפּעלבוימען אין דער קיבעצאַרניע. מיט די מערסטע פון די שרייבער האָט ער ניט גערעדט. קומען פלעגט ער אַהין כאַפּן מיט מיר אַ שמועס. מיר פלעגן זיך אַוועקזעצן ביי אַ זייטיקן טישל. ער האָט זיך פאַרענטפערט, וואָס ער העלפט מיר ניט פאַרשפּרייטן אַ ביסל ביכער. איצט קלייבט ער זיך אַליין אַרויסצוגעבן אַ בוך און דאַרף אָנקומען צו געוויסע יידן. זאָל איך אים שפּעטער שרייבן, אויב איך וועל עפּעס דאַרפן, און ער וועט אַלץ טאָן פאַר מיר. יאָ, און ער פילט עפּעס אויך ניט מיט אַלעמען. ער קריגט אָפט ווייטיקן אין מוסקול פון האַרץ. אַמאָל זייער שאַרפע.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— פאַרוואָס רעדסטו ניט מיט די יידן פון קיבעצאַרניע ? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— מיט די דאָזיקע באַסיאַקעס, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— נו, איך בין דאָך אויך אַ באָסיאַק.

— אַזוינע באַסיאַקעס ווי דו האָב איך ליב, — האָט ער זיך צעשמייכלט.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט מיך עפּעלבוים איינגעלאַדן אויף אַ וועטשערע. דאָס איז געווען אַ פּרייטיק צו נאַכט. זיין סימפּאַטישע, שטילע פרוי, יהודה שטיינבערגס טאָכטער, האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען. וועגן איר ברודער האָט זי קיין וואָרט ניט דערמאָנט. איך האָב אויך געשוויגן. עס איז אויך געקומען עפּעלבוימס איין און איינציקע טאָכטער מיט איר מאַן. מיר האָבן אַלע פיין פאַרבראַכט ביים עסן די געשמאַקע מאכלים. עפּעלבוים אַליין האָט זיך געפילט עפּעס יום־טובדיק, גוט. ער האָט געהאַט אַ גאַסט אין הויז, אַ קאָלעגע מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקריגט אָדער אַפילו געאַמפּערט. יאָ, פאַר די צוואַנציק

יאָר וואָס מיר האָבן זיך געקענט און געשריבן אין איין צייטונג, האָבן מיר קיינמאָל איינעם דעם אַנדערן ניט געזאָגט קיין בייז וואָרט.

אמת, ניט מיט אַלעמען האָט ער געקענט אויסקומען. אָבער ער האָט זיכער געהאַט אינטימע פריינט אין פילאַדעלפיע, וואָס האָבן אים ליב געהאַט צווישן די לינק־געשטימטע קרייזן, צו וועלכע ער האָט זיך צוגעטוליעט אין זיין שרייבערישער איינזאַמקייט. דאָס באַשטעטיקט אויך „דער עפּעלבוים קולטור און לייען קרייז ביים איקוף", וואָס האָט זיך געגרינדעט נאָך זיין טויט.

איצט קוק איך ווידער אויף זיין בילד אין זשורנאַל „אידישע קול־טור" און אַלץ גלויבט זיך מיר ניט אַז ער איז שוין טויט אַ זעקס יאָר, און איך שרייב אַ דערמאָנונג וועגן אים.

אברהם משה דילאָן

וויפיל מאָל האָב איך שוין געלייענט די אונטן־ציטירטע יוסף ראָלניקס ליד „ער וויזט זיך צו מיר", צו אברהם דילאָנס אַ יאָרצייט, און איך לייען עס איצט נאָך און נאָך. די פּראָכטפולע שטילע שורות וועגן אַ נאָענטן קאָלעגע, וואָס איז שוין נישטאָ צווישן אונדז, ווייען אָן אויף מיר אַ סך דעראינערונגען. איך זע אַלץ פאַר מיינע אויגן דעם שטענדיק ברויזנדיקן ערלעכן דיכטער, וועלכער האָט אין זיין שווער אָרעם לעבן פאַר קיינעם זיך ניט געבויגן און קיינמאָל ניט געמאַכט קאָמפּראָמיסן מיט זיין געוויסן.

אָט איז יוסף ראָלניקס ליד:

ער וויזט זיך צו מיר אין טיפן שלאָף,
כמעט יעדע עטלעכע נעכט.
איך זע אים ווי איך בין געוואוינט געווען —
איך זע אים ברויזנדיק און עכט.

אין אַן אָנגעפּאַקטן הויז מיט געסט,
אין געלן לאָמפּן ליכט,
אין גרויען בגד מיטן רענצל אין האַנט,
מיט אַן אָפּגעלעבטן געזיכט.

איך כאָפּ אים אָן ביים אַרבל פון ראָק,
איך שריי צו די מענטשן פון שטוב:
„איר הערט ווי ער לאַכט? און איר זאָגט מיר אַלץ
אַז ער ליגט טויט אין גרוב"

און איך שטיי אויף — דעם גאַנצן טאָג —
זיין געלעכטער גייט מיר נאָך.

עס איז מיר היימלעך און פריילעך מיט אים,
איך וויל זען אים נאָך און נאָך.

נאָר לעצטן מאָל איז ער אין שטול
געזעסן פאַרזאָרגט און בלאַס.
זיין פּנים און האָר, די קליידער אויף אים
געווען איז אַלץ פּיטש נאַס.

ווי דורכגעשניטן וואָלט ער אַ טייך
אויף זיין נאַכטיקן וועג אַהער.
ער האָט זיך אויפגעשטעלט: „איך מוז גיין,
איך טאָר ניט זיין דאָ מער!"

איך האָב אים געפרעגט: „וואו ביסטו געווען
און וואָס איז געשען מיט דיר?"
„ניט פרעג מיך. אָ, איר ווייסט גאָר ניט,
וואָס זיי טוען דאָרט מיט מיר".

איך האָב דילאָנען ליב געהאַט. אמת, ער פלעגט פאַרפּלאָנטערן אָפט פרעמדע רייד און איבערגעבן זאַכן און געשעענישן, פון אונדזער ליטעראַרישער וועלט ניט ריכטיק און שטאַרק צוגעפּאַרבט. איך האָב געוואוסט דאָס ער גלייכט אַביסל צו צעקלינגען אַ רכילות און זיך אַמאָל טומלען אָן אַ טאָלק און אָן אַ פּאַרוואָס. אָבער דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אַזוי קינדיש און נאַאיוו, אַזוי ניט באַטראַכט, אַז בייזערן זיך אויף אים האָט מען פּשוט ניט געקענט.

דאָ דערמאָן איך זיך אָן אַ סצענע וואָס איז פאָרגעקומען אין הויז פון אַ יונגן שרייבער צוליב דילאָנען. ביים קאָלעגע איז געווען ערשט עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה. ער האָט ווייניק פאַרדינט און זיין פרוי האָט אויך אַביסל געאַרבעט. קומען מיר ביידע אַריין און די יונגע פרוי באַגעגנט איר מאַן שווייגנדיק. זי זיצט איינגעבויגן איבער דער ניי־מאַשין אַן אָנגעכמורעטע און ענטפערט ניט אויף זיין פריינט־לעכן שמייכל. ער פאַרשטייט ניט וואָס דאָס באַדייט און נעמט צושטיין צו איר זי זאָל אים זאָגן וואָס האָט דאָ פּלוצלינג פּאַסירט.

אָבער די פרוי שווייגט אַלץ און טרערן באַווייזן זיך אין אירע אויגן.

דער מאַן ווערט אויפגערעגט און פאָדערט אַן ענטפער. ענדלעך צע־וויינט זי זיך און דערציילט, אַז פריער איז אַרויפגעקומען דער פאָעט דילאָן און איר איבערגעגעבן דאָס ער האָט אים היינט אין דער פרי געזען אַרומשפּאַצירנדיק מיט צווי מיידלעך איבער בראָדווי.

און דאָס אַלץ דריי חדשים נאָך זייער חתונה. זי וועט עס ניט אַריבערטראָגן. דער מאַן ווערט צעטומלט, ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. אין דער פרי האָט ער גאָר געשריבן נייס פאַר אַ רעדאַקציע און האָט קיין מיידלעך אַפילו אין זינען ניט געהאַט. איך דערקלער דער יונגער פרוי, אַז דילאָנען האָט זיך די גאַנצע געשיכטע געקענט פשוט אויס־דוכטן. זי באַרואיקט זיך אַביסל און שמייכלט שוין דורך טרערן. אָבער מיין חבר וויל עס ניט פאַרגעסן און סטראַשעט דאָס ער וועט דעם פאָעט שוין איינמאָל דערלאַנגען אַ פאַרציע.

אין עטלעכע טעג אַרום באַגעגן איך דילאָנען און מוסר אים:

— ווי טוט מען עס אַזאַ זאַך. אַ יונגע פאָר פאָלק, זאָל זיין אפילו אמת. מאַלע וואָס אַ מאַן טרעפט צופעלק צווי מיידלעך אויף בראָדווי.

דער פאָעט קוקט מיך אָן. צוערשט געדענקט ער גאָרנישט. דערנאָך דערמאָנט ער זיך פלוצלינג. יאָ, ער האָט געזען צווי וואונדערבאַרע מיידלעך אויף בראָדווי. צי זיי זיינען געגאַנגען מיט יענעם קאָלעגע, צי מיט אַן אַנדער מאַן, ווייסט ער ניט אויף זיכער. דאָס איז פאַר אים ניט וויכטיק. אָבער די וואונדערבאַרע מיידלעך האָט ער געזען. ער קען שווערן.

דערביי איז ער אַזוי באַגייסטערט, צעטומלט און צום סוף לייענט ער מיך פאָר זיינס אַ ניי ליד, וועלכע קלינגט זייער טרויעריק, איז פול מיט מענטשלעכן אומעט, און דערמאָנט אויף זיין אויסגעשריי „אויף וועמעס מזל קלאָגט דער רעגן?"

יאָ, איך גלויב אַז ער איז געווען אַ גאָט געבענטשטער דיכטער, כאָטש זיינע מערסטע לידער זיינען אָרעם אין אינהאַלט. ער האָט גע־שפּילט אויף אַ קליינער פאַסטוך פייפעלע און כמעט נאָכאַנאַנד ווידער־האָלט די זעלבע מאָנאָטאָנע עטלעכע טענער. דאָך האָט זיך עס גע־וואָלט הערן און הערן, ווייל עס האָט געקלונגען עכט האַרציק און זייער טרויעריק, ווי קיין פרייד וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט עקזיסטירט.

ער האָט געדאַרפט לעבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אַרומוואַנדערן איבער וועגן און דערפער און פאַר די אָרימע, אומגליקלעכע זינגען זיינע לידער. די איצטיקע וועלט, מיט אירע ביטערע מלחמות, מיט די

פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס זוכן איינע די אַנדערע צו פאַרניכטן, איז אים געווען אַזוי פרעמד און ניט פאַרשטענדלעך. ער האָט ניט געקענט באַנעמען דאָס איין קלאָס מענטשן באַהערשט אַ צווייטן און דערפאַר פעלט אים אָפּט אויס זיין שטיקל ברויט, זיין געזונט ווערט פאַר דער צייט געבראָכן און ער האָט ניט קיין אייגן ווינקל. די סאָציאַלע קאַמפן פאַר אַ בעסערן לעבן האָבן אים געשראָקן און ער האָט געגלויבט, אַז רחמנות, יושר און גערעכטיקייט, קען מען אַרויסרופן ביי די הער־שער דורך לירישע לידער און שטילע תפילות. אָט דער שטענדיק ברויזנדער אומרואיקער דיכטער האָט, דאַכט זיך, מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם שאָטן.

אָט שטייען מיר ביידע אויף די אייזערנע טרעפּ, ביים אַריינגאַנג פון דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע, אויף איסט בראָדוויי. עס איז אַ זוניקער נאָכמיטאָג אין אָקטאָבער. ער האַלט זיין רענצל אין האַנט. איז אָרעם אָנגעטאָן און דער פּנים האָט אַ קרענקלעכן קאָליר. ער רעדט גיך, אָפּגעהאַקט. אַלץ וויל ער וויסן מיט איין מאָל. סטאַרעט זיך אַרויסצובאַקומען ביי מיר מיינונגען וועגן באַרימטע שרייבער. וואָס זאָג איך אויף מאַקסים גאָרקין, האַ? זיינע באָסיאַקעס פילאָזאָפירן צופיל. אָבער אַנטאָן טשעכאָוו איז אַ גרויסער קינסטלער. ווי קומט גאָרקי צו אים! אַהאַ, פרייט ער זיך ווי אַ קינד, כאָטש איך זאָג גאָרנישט. מיט טשעכאָוון האָט ער מיך באַזיגט, געפּאַקט.

עס זיינען דעמאָלט נאָך געווען גוטע צייטן, אין פאַרשיידענע וועכנט־לעכע ליטעראַרישע אויסגאַבן האָט מען געקענט לייכט מאַכן אַ צענערל און אין די אָוונטן האָט מען די פּאָעטן און דערציילער געזען אין די רומענישע וויין קעלערן.

דילאָן פלעגט אין די פלעצער זיין אַן אָפּטער גאַסט, כאָטש גע־טרונקען האָט ער ווייניק. נאָר שטענדיק האָט ביי זיין זייט געמוזט זיצן אַ „געליבטע״, וועלכע ער פלעגט האַלטן אַרומגענומען, שעפּטשען איר באַגייסטערטע ווערטער און קושן די פינגער פון אירע הענט. מערסטנס זיינען דאָס געווען עלטערע מיידלעך, מיט בלאַסע אויסגעמאַטערטע פּנימער, מיט טונקעלע רינגען אונטער די אויגן. זיי פלעגן שטיל לאַכן פון זיינע לאַסקעס און וואונדערבאַרע רייד און אַפּנים דערביי טראַכטן מיט פאַר־דרוס דאָס חתונה האָבן מיט אים וועט מען דאָך ניט קענען, ווייל ער איז אַזוי ניט פּראַקטיש, אָרעם און וועט זיך קיינמאָל צו גאָרנישט ניט קענען צושלאָגן.

— אַך דילאַן, דילאַן, ווען וועט איר שוין ווערן אַ מענטש?

— נאָך איין קוש, מיין געטלעכע, איין קוש.

אין ווײַן קעלער פלעגט זיין טומלדיק, אָנגערויכערט און איבער אַלץ און אַלעמען האָט זיך אַלע ווײַלע צעגאָסן די הייזעריקע שטימע פון אַ האַלב בלינדן קופּלעטיסט, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער פּיאַנאָ, אין אַ ווינקל און געזונגען „מיט דײַנע שוואַרצע אויגן, האָסטו מיך צוגעצויגן״...

דערנאָך פלעגט ער דערציילן דאָס ער האָט געהוליעט מיט אַ גאַנצער חברה שרײַבער ערגעץ אויף בראָדוויי אין אַן ערשט־קלאַסיקן רעסטאָראַן און אין אים האָט זיך פאַרליבט אַ וואונדערבאַרע זינגערין. אויב מען גלויבט אים ניט קען ער זי גלייך ברענגען אין ראָיאַל קאַפע און אַלע וועלן זי זען.

פאַמעלעך האָבן זיך אונטערגערוקט די שווערע יאָרן פון קריזיס. איך פלעג דעם דיכטער זען כמעט יעדן טאָג. אָט גייט ער איבער איסט בראָדוויי אָדער סעקאָנד עוועניו און רעדט צו זיך, שאַפט אַ ליד. שרייט אַרויס דעם אומעט, וואָס שטיקט אים, דערנאָך זוכט ער אימיצן פון די יונגע פּאָעטן פאַר וועמען ער זאָל קענען דאָס ליד דיקטירן, עס אָנשרייבן, פאַנאַנדערשטעלן ריכטיק די קאָמאָס און פונקטן. לייענט עס פאַר פּאָר אייניקע קאָלעגן, איז באַגייסטערט און לויפט ערגעץ אָפּגעבן אין אַ זשורנאַל.

ער פלעגט אָפט באַזוכן פאַרשיידענע קאָנצערטן און זיך געהאַלטן פאַר אַ פאַרשטייער פון קלאַסישער מוזיק. צו די דאָזיקע קאָנצערטן האָט ער תמיד געקראָגן אומזיסטע בילעטן, אַפילו ווען ס׳פלעגן אויפטרעטן גרויסע קינסטלער. און אַזוי יאָר־איין, יאָר־אויס: מוזיק, לידער, פרויען, הוליאַנקעס און ליטעראַרישע פּליאָטקעס. תמיד באַגייסטערט פאַר עפּעס וואָס אינטריגירט, פאַרכאַפּט. אַלץ ווייטער פון אמתן, גרויען, שווערן טאָג־טעגלעכן לעבן פון זיינע קאַמפן פאַר אַ שטיקל ברויט. עס איז נאָך פאַראַן אַן אַלטע גוטע מאַמע, וואָס גיט אַ ווינקל וואו איבערצונעכטיקן. וואָס זאָל זי טאָן מיט איר זון, וועלכער קען ניט שפּאַנען פעסט איבער דער ערד און לעבט אין אַ וועלט פון חלומות און פאַנטאַזיעס?

דאָך האָט ער זיך גענומען עפּעס טאָן און אָנגעהויבן פאַרקויפן פאַרביקע קראַוואַטן און ביכער. עס איז געגאַנגען ניט גוט. ער האָט צו קיינעם ניט געקענט צושטיין. זיך געשעמט. די קראַוואַטן און ביכער קויפען ניט אַלע גענוג. נאָר מען האָט אויף אים רחמנות געהאַט און אים

געגעבן אַ דאָלער צו פאַרדינען. דאָס האָט ער שטענדיק געפילט, פאַר־לאָרן געשמייכלט און פלעגט צוגעבן: — קוקט נאָר אָן די קאָלירן. אַ וואונדערבאַרער טאַי.

אין יענער צייט פלעגט ער גאַנץ אָפט עסן וועטשערע אין קאַפע ראָיאַל אָדער אין קאַפע „אייראָפּע". אָבער אָט האָט ער אויפגעגעבן די „ביזנעס" און דער דיכטער טרינקט שוין ווידער אַ סך וואַסער, סמאָטשקעט שטיקלעך צוקער און זיצט אַ שווערער און אַ פאַרטראַכטער אין אַ ווינקל. וואָרט אימיצער זאָל אַריינקומען אין דער קאַפע און ער וועט ווידער קענען מיט ברען און באַגייסטערונג אַרונטעררייסן אין פּאָעט און לויבן אַ צווייטן.

און דער קאָליר פון זיין פּנים ווערט אַלץ קרענקלעכער און בלאַסער.

— דילאָן, איר זעט אויס אויסגעמאַטערט. וואָס איז אייך? — פלעג איך אים פרעגן.

— אָט דאָ, דאָ, — פלעגט ער זיך קלאַפּן מיט אַ פינגער ביים האַרצן און דערביי וואַרטן אויף אַ גוט וואָרט, אויף אַ טרייסט און זיך אַביסל ווי וועלן איבערנעמען מיט זיין קראַנקהייט, — אָן אָדער, אָן אָדער איז ביי מיר עפּעס ניט מיט אַלעמען.

— פאַרוואָס גייט איר ניט שלאָפן אין צייט? איר דאַרפט רוען אַ סך.

ער ענטפערט גאָרנישט און שמייכלט. אַזאַ פראַגע קען נאָר שטעלן אַ פּראָזע־שרייבער און שפּעט אין אָוונט טרעף איך אים ווידער.

עס שפּריצט אַ ווינטערדיקער רעגן, אַן איינגעגעסענער. איך גיי איבער דער באַוערי. אין אַ פינצטערן אַריינגאַנג באַמערק איך עפּעס אַ באַקאַנטע פיגור, וואָס שטייט איינגעבויגן. אַ, דאָס איז דילאָן. ער קושט די פינגער פון די הענט ביי אַ מיטל־יאָריקער פעטער יידישער אַקטריסע, וועלכע וואוינט אין דעם טונקעלן אַלטן הויז, און איין האַנט האַלט ער זיין רענצל און דער רעגן נעצט אים דורך.

אַ פריינט מיינער, אַ דאָקטאָר, וואָס האָט אונטערזוכט דילאָנען, האָט מיר געזאָגט, אַז דער דיכטער איז אַ חולה מסוכן. ער ליידט פון אַ שווע־רער האַרץ־קראַנקהייט. דער דאָקטאָר האָט אים אַפילו אָנגעשראָקן. אָבער דילאָנען האָט עס ניט געאַרט. לייג זיך שלאָפן עלף דעם זייגער, אַז זיין נייע „געליבטע", די בלייכע און צאַרטע אַקטריסע, וועגן וועלכער ער רעדט מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג אין אַלע קאַפעס און כמעט אויף אַלע ראָגן ענדיגט ערשט שפּילן נאָך האַלבער נאַכט און ער מוז וואַרטן אויף

איר ביים טעאַטער און דערנאָך זי פירן אונטערן אָרעם איבער סעקאָנד עווענוּ און ריידן אַ סך, גיך און אָפּגעהאַקט ווי ליב ער האָט זי און אַז ער שרייבט אַ רינג סאָנעטן און אַז ער איז איצט דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט!

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום ווערט ער אַנגעבלאָזן, פֿאַרכמורעט. זי האָט אים עפּעס ניט אַזוי געענטפֿערט. ער פֿאַלט ביי זיך, בלייבט שטיין אין מיטן גאַס און דריקט צו די האַנט צום האַרצן. אָ, דער אָדער, דער אָדער וואָס איז ביי אים ניט מיט אַלעמען. און די בלייכע צאַרטע אַקטריסע ווערט דערשראָקן, גיט אים אַ גלעט, זאָגט אַ גוט וואָרט און דילאָן שמייכלט שוין ווידער.

די לעצטע זומער חדשים פֿון זיין לעבן, פּלעג איך אים אָפּט טרעפֿן בייטאָג אין ראָיאַל. ער פּלעגט דאָרט זיצן אין אַ ווינקל און דרעמלען אַן אויסגעמאַטערטער פֿון די שווערע, שטיקנדיקע היצן. די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעלאָזט. דאָס רענצל ביי זיינע פֿיס. אין די מינוטן האָט ער אויסגעזען אַ סך עלטער פֿון זיינע עטלעכע און פֿופֿציק יאָר. די מערסטע פּאָעטן זיינען זיך צעפֿאָרן אין די בערג און צום ים און עס איז נישטאָ מיט וועמען אַרויסצוריידן אַ וואָרט, צעקלינגען אַ שטיקל ליטעראַרישע נייס.

און אָט פֿאַר איך אויך אַוועק אויף מיין וואַקאַציע. איך קום צוריק ענדע סעפּטעמבער און מען דערציילט מיר, אַז דילאַנען איז עפּעס ניט גוט געוואָרן אויף אַ שמחהלע ביי זיינע פֿריינט און אַז איצט איז ער אין האָספּיטאַל.

איך גיי אים מבקר־חולה זיין. ער ליגט אין אַן אַלגעמיינער פּאַלאַטע. ער שמייכלט צו מיר. ער האָט זיך גאָרניט געביטן. פֿאַרקערט, ער זעט אויס אויסגערוטער און איז געוואָרן אַביסל שטילער. דאָך קען ער אַלץ ניט ריידן געלאַסן און איך בעט אים ער זאָל זיך ניט אויפֿרעגן, ווייל דאָס איז פֿאַר אים שעדלעך. ער שווייגט אַ ווײַלע, פֿאַרטראַכט זיך און איך קוק אויף אים און בין צופֿרידן וואָס שטענדיק האָבן מיר געלעבט גוט און ער האָט אייניקע מאָל מיר אַריינגעשריען אין פּנים:

— איר זייט אַן ערלעכער, אַן ערלעכער!

עס איז אַ רעגנדיקער אָוונט. אַרום נאָך זעקס. איך וויל אַרויסגיין פֿון קאַפֿע ראָיאַל. נאָר אַ יונגער מאַן שטעלט מיך אָפּ, פֿרעגט צי קען איך אים אָנווייזן אויף אַ יידישן שרייבער. ער קומט איצט פֿון בית־ישראל האָספּיטאַל. דאָרט איז נאָר וואָס געשטאָרבן דער פּאָעט דילאָן.

די טרויעריקע נייס צעטראָגט זיך אין אַ פּאָר מינוט. אַן אומעט און אַ שרעק פאַרן טויט באַפאַלט די שרייבער. מען נעמט אים דער־מאָנען צום גוטן און איינער פון די אַלטע קעלנערס פון קאַפע ראָיאַל ווידערהאָלט עטלעכע מאָל:

— יאַ, יאַ, דיזער מאַן האָט נור וואַסער געטרונקען און צוקער געגעסן. יאַ, יאַ, איך ערינער מיך.

און אָט בין איך ביי זיין לוויה. מען האָט דעם נפטר געבראַכט אין „פאָרווערטס"־געביידע. דער קליינער האָל איז פול מיט מענטשן. ביים ארון ברענען ליכט און אַ פּאָר באַוואוסטע שרייבער, וואָס ווילן האַלטן אַ הספד, צעוויינען זיך און קענען ניט ענדיקן. ווי יעדער פון זיי וואָלט געפילט, אַז אויך ער איז שולדיק אין דעם וואָס דער דיכטער האָט געהאַט אַזאַ אָרעם לעבן. נאָר אָט האָבן שוין די שרייבער אַרויס־געטראָגן דעם קאַסטן. איך קוק זיך איין אין דילאָנס אַלטער מאַמע. זי האָט נאָר געזאָרגט וואָס וועט זיין מיט איר זון נאָך איר טויט, ווער וועט אים געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ ווינקל זיך אויסצורוען?

ער האָט עס געפונען אין קבר...

ברוך ריבקין

יעדעס מאָל, ווען מיר קומט אויפן זינען ברוך ריבקין, דערמאָן איך זיך ווי אַ פּאָר חדשים פאַר זיין טויט, האָב איך אים אין אַ נאָכמיטאָג געזען אין רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל". ער איז אַריינגעקומען שטיל, קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט, און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ פרייען „דעסק". ער האָט געקוקט אַרום זיך, נאָר זיין בליק איז געווען אַזאַ, ווי ער וואָלט ניט געזען און ניט באַמערקט די שרייבער, וואָס דרייען זיך אַרום איבערן גרויסן צימער פון רעדאַקציע.

איך בין געשטאַנען אָן אַ זייט און ניט אַראָפּגענומען מיינע אויגן פון זיין נידעריקער פיגור, וואָס האָט די לעצטע צייט פאַרלאָרן אַ סך וואָג. איך האָב געוואוסט, אַז ריבקין האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע און איז נאָך אַלץ אַ חולה־מסוכן. אָבער צוליב וואָס איז ער אַריין אַהער, אַז ער אַרבעט גאָר אין „טאָג"? וויל ער אימיצן זען פון די קאָלעגן, וועלכע דאַרפן נאָך קומען, אָדער ער פילט שוין אַז זיין סוף איז נאָענט און פאַרבייגייענדיק די באָוערי, האָט אים אַ צי געטאָן זיצן דאָ אַ ביסל און אַלץ מער איינאָטעמען די אַזוי אים נאָענטע לופט פון אַ יידישער רעדאַקציע? ווער ווייסט! זיין אויסזען און די ניט־דאָאיקע שטילקייט, וואָס האָט איצט געווייעט פון אַלע זיינע גלידער, האָט מיך אַ ביסל געשראָקן און געמאַכט זייער אומעטיק. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַז ריבקין זאָל ווערן שטיל. תמיד האָט ער געפּאָדערט געדעכטיקייט פאַר זיך און פאַר אַנדערע אָרעמע קאָלעגן און דערביי געברומט ווי אַ לייב. ער איז געווען שטאַרק געבויט און האָט פאַרמאָגט אַ סך טעמפּעראַמענט.

איך האָב זיך דערמאָנט אונדזער ערשטע באַגעגעניש, וואָס איז פאַרגעקומען אויף אַ טשיקאַווען אופן. איך בין אַריין אין רעדאַקציע פון „די צייט", וואו ריבקין און איך זיינען געווען שטענדיקע מיטאַרבעטער, אָבער איך האָב אים נאָך פּערזענלעך ניט געקענט. דער צימער, וואו ריבקין האָט געשריבן, איז געווען אין אונטערשטן עטאַזש פון דער געביידע. איך

האָב געדאַרפֿט זען דעם דיכטער ביאַלאָסטאָצקי, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פֿון רעדאַקציע און זיך אויך געפֿונען אין זעלבן חדר. פּלוצלינג האָט ביאַלאָסטאָצקי אַ זאָג געטאָן צו ריבקינען, וואָס האָט איבערגעקוקט אַן ענגלישע צייטונג:

— ריבקין, באַקענט זיך מיט תלושן, און לאָמיר טאַקע זען ווער וועמען עס וועט אַוועקלייגן. ער באַרימט זיך מיט זיין פּיזישן כח. נו, גיט אים אַקאָרשט אַ כאַפּ אין אייערע הענט.

ריבקין האָט מיך אַנגעקוקט און עפּעס אַ ברום געטאָן. דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט די צייטונג און מיר געגעבן די האַנט. איך האָב אַ ביסל פֿאַרלאָרן געשמייכלט, און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. איך האָב געהאַט פֿאַר ריבקינען אַ סך דרך־ארץ. איך האָב שוין געלייענט אַ פּאָר אַרטיקלען זיינע וועגן דעם דיכטער לייוויק, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין אַ זאַמלבוך. אמת, די אַרטיקלען זיינען געווען אַ ביסל ניט אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעך פֿאַר מיר, ווייל ריבקינען האָט געפֿעלט קלאָר־קייט פֿון סטיל אין זיין שרייבן, כאָטש ער פֿלעגט זיך דערגרונטעווען צו טיפֿע אָריגינעלע געדאַנקען, אָבער אַרויסזאָגן זיי פּראָסט און פּשוט, וואָס איז זייער וויכטיק, איז אים געווען שווער. און איך גלויב, אַז דאָס איז געווען דער גרעסטער פֿעלער אין זיין שרייבן. אַנדערש וואָלט ער פֿאַרנומען גאָר אַ הויכן אָרט אין אונדזער קריטיק און עסייאיסטיק. אָבער איך בין ניט אויסן צו זאָגן מיינונגען וועגן ריבקינס טאַלאַנט, ווייל דאָס איז ניט מיין באַרוף. איך וויל נאָר פֿאַרצייכענען עפּעס וועגן אונדזער לאַנגער פֿריינטשאַפֿט, ווייל אויך מיך האָט ריבקין געהאַלטן פֿאַר אַ בונ־טאַר, וואָס פֿאַרטראָגט ניט קיין עוולות.

אַ פּאָר מינוט זיינען מיר געשטאַנען און זיך נייגעריק אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. איך האָב גאָר ניט געהאַט קיין חשק זיך צו „ראַנג־לען" מיט ריבקינען. דערצו — אין אַ צימער פֿון דער רעדאַקציע. אָבער ביאַלאָסטאָצקי האָט אונדז אונטערגערייצט, אַז מיר זיינען פּייגלינגע, טרוסן. ענדלעך האָט ריבקין געמאַכט אַ באַוועגונג צו מיר און אויסגעשטרעקט זיינע קורצע הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט מיך פּלוצים אַרומכאַפּן. אַזוי איז טאַקע געווען, נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אָפּגערוקט זיין שווערער דעסק און ריבקין איז געלעגן אויפֿן „פּלאָר".

איך האָב זיך אַנטשולדיקט, און אים געהאָלפֿן זיך אויפֿהויבן. עס איז אַרויס פֿון אַ חדרל יואל ענטין, און געפֿרעגט וואָס דאָ איז פֿאָר געקומען. ביאַלאָסטאָצקי האָט אים דערציילט און איז געווען מלא שמחה.

ענטין האָט מיך קאָסעוואַטע אַנגעקוקט און באַמערקט אויף מיין לינקער האַנט אַ זילבערנעם רינג, אין דער פאָרם פון אַ קאָפּ פון אַ סקעלעט.

— טוט עס אויס, — האָט ער געזאָגט, — מאַטראָסן טראָגן אַזוינע רינגען.

איך האָב אים געפאָלגט, אָבער דאָס רינגל, אַ מתנה פון אַן איטאַליענישער סטודענטקע פון זשענעווער אוניווערזיטעט, געפינט זיך נאָך ביי ביי מיר ביז היינט צו טאָג.

איך בין געוואָרן באַפריינדעט מיט ריבקינען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אויך מיינער אַ שטיקל לאַנדסמאַן. ביידע זיינען מיר געבאָרן געוואָרן ביי דעם טייך דווינע, ביידע זיינען מיר פון איין גובערניע און ביידע האָבן מיר ליב געהאַט אָפט אַביסל אַ הוליע צו טאָן. מיט איין וואָרט, ריבקין איז מיר געווען צום האַרצן, ווייל ער איז פאָרט געווען ניט ענלעך אויף די אַלע אַנדערע יידישע שרייבער, וואָס פילע פון זיי האָבן מיר מיט זייערע האַנדלונגען אָפט דערמאָנט אָן קליין־שטעטלדיקע קאַרגע קרעמער.

נאָך אין ערשטן יאָר פון מיין זיין אין אַמעריקע האָט אַ פאַרלאַג מיטן נאָמען „קולטור", מיט וועלכן עס האָט פאַרוואַלטעט מיינער אַ פריינט, סעקולער, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון מיינע סקיצן און צוויי לענגערע דערציילונגען. די אַלע זאַכן זיינען געווען איבערזעצט פון רוסיש פון פאַרשיידענע שרייבער, וואָס ניט יעדער פון זיי האָט פאַרמאָגט אַ לעבעדיקן יידיש. דאָס בוך האָט געהייסן „דער ים רוישט" און דאָס איז געווען דער ערשטער און מסתמא אויך דער לעצטער מאָל, וואָס אַ פאַרלאַג האָט מיר באַצאָלט האָנאָראַר.

די לייענער האָבן דאָס בוך אויפגענומען זייער וואַרעם, און אויך פילע רעצענזענטן איבערן לאַנד. „דאָס טאָגעבלאַט" האָט דאָס בוך געגעבן אַלס פּרעמיע, אָבער שמואל ניגער האָט זיך אָפּגערופן ניט גוט, כאָטש ער האָט געשריבן, אַז „דער פּראָפעסער איז זיכער באַגאַבט און סימפּאַטיש". ער האָט קריטיקירט די שפּראַך, וואָס איז געווען ניט מיינע, און פאַרגליכן די העלדן און די העלדינס פון די סקיצן צו שאָטנס, וועלכע באַוועגן זיך אין אַ טונקעלן קעלער. אַלע זאַכן זיינען נאָר טעמעס.

דער ליבער דוד פּינסקי, דער רעדאַקטאָר פון „די צייט", איז געווען שטאַרק אומצופרידן מיט ניגערס רעצענזיע. ער האָט געהאַלטן אַז דער קריטיקער איז ניט גערעכט. ריבקין האָט געברומט ווי אַ לייב

און געסטראַשעט, אַז ער וועט ניגערן ענטפערן מיט צוויי אַרטיקלען. עס האָט גענומען אַ צוויי וואָכן צייט און ענדלעך האָט ער זיך פאַר־שפּאַרט אין אַ זייטיקן חדר, אויפן דריטן עטאַזש, געהייסן מיר אים אַרויפטראָגן עטלעכע פלעשלעך ביר און אַ גרויסע שטיק וואורשט. איך האָב אים די ביר און די וואורשט געבראַכט. ער האָט ווידער גע־ברומט און זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

אין זיין ענטפער צו ניגערן האָט ריבקין געשריבן צווישן אַנדערן, אַז „אַ קריטיקער טאָר זיך ניט אַראָפּוואַרפן מיט זיין גאַנצער מבינות אויף איין שרייבער. מיט דער מבינות פון איין קריטיקער מיט אַ צענטל פון אַ נאָרמאַלן שרייבערס כוח קען מען דערהרגענען צען גאַנצע שטאַרקע שרייבער. וואָרום וואָס איז מבינות? ערשטנס, אַ געפיל זאַך, צוזאַמען מיט די כללים פון גוט שרייבן. די כללים פון גוט שרייבן האָבן די קריטיקער אָפּגעדרונגען פון די מוסטערן אין דער ליטעראַטור".

און ווייטער:

„בפרט ווען מיר ווייסן פון דער אַנדערער זייט, אַז דער שרייבער אינטערעסירט, אינטריגירט, פאַרכאַפּט אַ ברייטן קרייז לעזער, און די די אינטעליגענטערע צווישן זיי, וואָס קענען אויסדריקן זייער מיינונג, זאָגן אויף אים, אַז ער איז זאַפטיק, צאַרט, ראָמאַנטיש — מיט איין וואָרט, וועקט זייער געפיל און מונטערט זייער פאַנטאַזיע, — מוז דער שטרייט צווישן דעם קריטיקערס כללים פון קונסט און דעם שרייבערס אַנטשידן ווערן לטובת דעם שרייבער".

איך האָב געקוקט אויף ריבקינען, ווי ער זיצט אַ שטילער, אַ טרויעריי־קער און וויל, דאַכט זיך, ניט פאַרלאָזן די רעדאַקציע פון „מאָרגן זשור־נאַל", וואוהין ער איז צופעליק אַריינגעקומען. איך האָב זיך דערמאָנט דעם ווייטערדיקן אינהאַלט פון זיינע צוויי אַרטיקלען. ער האָט מיך אויפגעכאַפּט, פאַרשטאַנען און געזאָגט דאָס, צו וואָס ניגער האָט שפּעטער צוגעשטימט און עס אויסגעדריקט קלאָרער אויף זיין שטייגער. איך האָב געוואָלט צוגיין צו ריבקינען און אים זאָגן עטלעכע טרייסט־ווערטער, דערציילן, וואָס פאַר מיר האָבן דאַן געמיינט זיינע צוויי אַרטיקלען וועגן מיין בוך „דער ים רוישט". איך בין נאָך געווען אַ גרינער און מיר האָט ווי געטאָן דער שפּאָטישער שמייכעלע פון אייניקע קאָלעגן, ווי איינער זאָגט: נו, האָסט געקראָגן די אמתע פּאַרציע פון ניגערן. אוודאי איז ער גערעכט. אָבער עפּעס האָב איך זיך ניט גערירט פון אָרט און פון אַ זייט אַלץ געקוקט אויף מיין אַלטן גוטן קאָלעגע, און געוואַרט ווי לאַנג

וועט ער נאָך אַזוי זיצן, קוקן אַרום זיך מיט זיינע ניט־דאַאיקע בליקן און קיינעם ניט זען...

איך האָב זיך דערמאָנט ווי ריבקינס פּרוי איז ערנסט קראַנק גע־וואָרן און אין הויז איז ניט געווען אויף דאָס נויטיקסטע. ער האָט כמעט תמיד געליטן נויט, כאָטש ער האָט אַ סך געשריבן. אָבער זיין בונטאַרישע נאַטור האָט אים ניט געלאָזט לאַנג זיך האַלטן אין אַ צייטונג. ער פלעגט פּלוצלינג אָנהויבן זיך צו בונטעווען און אַוועקגיין. מען דערציילט אַז איינמאָל, ווען ער האָט געאַרבעט אין „טאָג", האָט ער עפּעס געהאַט אַן איבעררייד מיט עדלינען, וועלכער איז דאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. ריבקין איז געוואָרן אָנגעצונדן און אַ וואָרף געטאָן אויף עדלינען אַ טינטער מיט טינט, וואָס האָט שטאַרק באַפלעקט דעם רעדאַק־טאָרס העלן זומערדיקן אָנצוג. איך גלויב, אַז ער איז געווען דער איינציקער יידישער שרייבער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט עס צו טאָן, ווי מען זאָל ניט קוקן אויף דעם. די מערסטע שרייבער האָבן ניט שטאַרק ליב זייערע רעדאַקטאָרן, אָפטמאָל אפילו טראָגט מען אַ האַס קעגן זיי, נאָר אין די אויגן רעדט מען רייד פול מיט חניפה. ניין, ריבקין האָט עס ניט געקענט. ער האָט עס ניט געהאַט אין זיין נאַטור, ניט געקענט עס פאַרטראָגן.

אמת, אין פאַרלויף פון די יאָרן וואָס איך האָב אים געקענט האָט ער אַ פּאָר מאָל געמאַכט דזשאָבס, אַזוי צו זאָגן, פּאַר פּאָעטן, וועלכע האָבן זיך ווייניק אויסגעצייכנט און ניט געקענט קריגן אָנערקענונג. אָבער איך בין זיכער, אַז דאָ האָבן ניט געשפּילט קיין ראָל די קליינע טובות, וואָס ער האָט אפשר דערפון געהאַט, נאָר פּשוט אַ געפיל פון רחמנות צו די ליידנדע דיכטער, און זיין אויסערגעוויינלעכן ווילן אָפּ־צוזוכן און אַרויסברענגען דאָס בעסטע, וואָס יעדער שרייבער האָט פאַרמאָגט. איך פלעג ריבקינען באַזוכן און ברענגען אַ ביסל הילף פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, ווען זיין פרוי איז געווען קראַנק. איך געדענק איר אויסגעצערטע פיגור און דעם געלבלעכן קאָליר פון איר פּנים און דעם צערפולן אויסדרוק פון אירע אויגן, ווייל זי האָט שוין מסתמא געמען פאַרשטיין אַז זי ליידט אויף אַ קענסער, און דער סוף איז נאָענט.

ריבקין האָט שרעקלעך געליטן אין דער צייט פון איר קראַנקהייט. ער האָט מיך דאַן אָפט גערופן טרינקען. איך פלעג גערן גיין מיט אים. ביי אַ גלאָז ווין אָדער וויסקי, האָט ער וואונדערבאַר גערעדט וועגן לי־טעראַטור און ספּיריטואַליזם, כאָטש ניט שטענדיק אַרויסגעבראַכט לאַנג־

זאָם און קלאָר זיינע טיפע געדאַנקען. אָבער איך פלעג אים אויסהערן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דערצו האָט ער אַלע ווײַלע דערמאָנט זיין פרוי פלעגט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און טרויעריק ברומען, אַז אַלץ איז הבל הבלים, גאָרניט מיט גאָרנישט, ווײַל מען קען ניט אויסמיידן דעם טויט פון דיינע נאָענטסטע און ליבסטע.

איך וויל אויך באַמערקן, אַז ריבקין האָט געקענט גוט טרינקען. ער פלעגט ניט ווערן שיכור, נאָר אומרואיק, און געדאַנקען האָבן פון אים געשטראָמט ווי אַ קאַלירטער וואַסערפאַל. און אַליין איז ער געווען פון נידעריקן וואוקס, אַ פולער, מיט אַ גרויסן קאָפּ. ער האָט שטענדיק געטראָגן שפּאַקולן.

ריבקין האָט אַ סך געשריבן וועגן ספּיריטואַליזם. עס איז אויסגעקומען, אַז ער קען אַרויסרופן גרויסע גייסטער פון אַמאָליקע דורות און ריידן מיט זיי. נו, איך בין ניט באַקאַנט מיט דער לערע פון ספּיריטואַליזם און גלויב ניט, אַז עס זיינען פאַראַן גייסטער — גוטע אָדער שלעכטע. אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן גוטע און שלעכטע, אַ סך, אַ סך מער שלעכטע ווי גוטע, דאָס ווייס איך יאָ. האָב איך אַלץ געזוכט אַ געלעגנהייט אַ שמועס צו טאָן מיט ריבקינען וועגן ספּיריטואַליזם. די געלעגנהייט איז ענדלעך געקומען.

עס איז געווען אַ ווינטער־נאַכט. איך בין געפאָרן מיט דער דריטער עוועניו „על", וואָס האָט מיך געדאַרפט ברענגען אין רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל". אויף דער צווייי און פערציקסטער גאַס איז אין וואַגאָן אַריין ריבקין. ער האָט עפּעס אַ ברום געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר.

— וואָס מאַכט איר ? — האָב איך אים געפרעגט. שוין לאַנג אייך ניט געזען.

ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין פרויס טויט. דערנאָך האָט ער זיך אינטערעסירט מיט מיין געזונט־צושטאַנד, ווײַל דאַן האָב איך שוין אָנגעהויבן צו פילן ניט מיט אַלעמען.

— גייט אַוועק פון איסט בראָדוויי, — האָט מיר ריבקין געזאָגט.

— פאַרוואָס ? ! — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איר קענט זיך ניט צופּאַסן און דאָס וועט אייך מאַכן נאָך קראַנקער. איר זייט פון די פלאַנצן וואָס ווערן גיך פאַרוויאַנעט אויף אַזאַ באָדן.

— נו, עס איז ניט אַזוי. איך האָב גראָד ליב די ליטעראַרישע סביבה פון איסט בראָדוויי, כאָטש ניט אַלע מאָל איז זי מיר צום האַרצן.

ער האָט זיך צעברומט ווי אַ לייב, און מיר גאָרניט געענטפערט. אַז ער איז געוואָרן שטיל, האָב איך אים פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— ריבקין, זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר גלויבט טאַקע אין ספּי־ריטואַליזם?

ער האָט מיך אָנגעקוקט און זיך צעשמייכלט מיט זיין ריינעם קינ־דערשן שמייכל, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט. אָבער ריידן וועגן דעם האָט ער ניט געוואָלט, הגם איך האָב ווידערהאָלט מיין פראַגע. און אַזוי האָב איך טאַקע פון אים קיין ענטפער ניט באַקומען. אָבער דער איינ־דרוק ביי מיר איז פאַרבליבן, אַז ריבקין אַליין האָט אויך ניט געגלויבט אין זיינע ספּיריטואַליסטישע אַרטיקלען, כאָטש זיכער אין דעם בין איך ניט. אָבער מסתמא איז עס ביי אים געווען אַ „פּיטשור" פאַר די צייטונגען, אַזוי צו זאָגן.

אַ געוויסע צייט נאָך זיין ווייבס טויט, איז זיך ריבקין צוזאַמענגעקו־מען מיט אַ פרוי, וואָס איז שטענדיק געווען זיינע אַ גרויסע פאַרערערין. דאָס איז די דיכטערין מינאַ באָרדאָ ריבקין. זי האָט אַ סך מקריב געווען צוליב אים און יאָרן נאָך ריבקינס טויט זאָרגט זי אַליץ, אַז זיינע ווערק זאָלן דערשיינען און ער זאָל ניט פאַרגעסן ווערן. זי טוט עס מיט ליבע און זעלטענער איבערגעבנקייט. און מיר דערמאָנט זיך אַ ליד וואָס זי האָט אָפּגעדרוקט צו ריבקינס זיבעטן יאָרצייט וואָס איך וויל דאָ איבער־דרוקן:

דער נדר

איך האָב פאַרנומען דיין געוויין,
דיין גסיסהדיקע טרער,
די ווערטער זיך געזיפּט דורך דיינע ציין:
אוי, וויי! פאַרנעמען וועט מיין פּלאַץ, אַ, ווער?

כ׳האָב אויפגעציטערט פון די לעצטע רייד
פון דיר כ׳האָב ניט גענומען קיין אָפּשייד.
פאַר מיר דיין פּנים, לבנה אין הימל, תמיד שיינט,
אַ בונד פון לעבן און פון טויט איך האָב מיט דיר באַנייט.

אויף אַלע מיינע וואַנדער־וועגן ליגט דיין אָפּשיין העל־פאַרטראַכט,
איך בין מיט דיר צוזאַמען: כ׳בין אַ טאָג וואָס הילט זיך אין דיין נאַכט;

און מעשה־שטן גייט מיין לעבן אַזוי כסדר אָן:
נאָך פרומער פון מיין מאַמען, כ׳האַלט דעם נדר איך האָב זיך געטאָן...

— — — — — — — — — — — — —

ריבקין איז דאַן אָפּגעזעסן אין רעדאַקציע־צימער פון „מאָרגן־זשורנאַל" אפשר מער ווי אַ שעה. ער איז אַלץ געזעסן שטיל און גע־שוויגן. האָט ער מיך געזען, ווי איך שטיי אָן אַ זייט און קוק אויף אים? אָבער איך האָב ניט געקענט צוגיין צו אים, ווייל ער איז געווען זייער טרויעריק. איך האָב אים ניט געוואָלט שטערן.

ענדלעך האָט ריבקין זיך אויפגעהויבן און פּאַמעלעך זיך געלאָזט גיין צום הינטערשטן אַרויסגאַנג פון רעדאַקציע. איך האָב זיך גע־וואונדערט פאַרוואָס ער נעמט ניט דעם „עלעווייטער" און וויל אַראָפּגיין מיט די טרעפּ. עס האָט מיך אַ צי געטאָן אים נאָכצוגיין און ריידן מיט אים, נאָר איך האָב עס ניט געטאָן, און דאָס פאַרדריסט מיר ביז היינט צו טאָג, ווייל מער האָב איך אים שוין ניט געזען. ער איז גאָר אין גיכן געשטאָרבן.

עס איז אַוועק פון דער יידישער גאַס אַן אייגנאַרטיקער שריפט־שטעלער און אַן אייגנאַרטיקער מענטש, וואָס מען קען ניט געפינען קיין ענלעכן צו אים.

צום אַנדענק פון אַ קאָלעגע

איך האָב געלייענט דאָס זאַמלבוך „זישע לאַנדוי", וואָס אַ גרופּע חברים האָבן אַרויסגעגעבן נאָך דעם דיכטערס טויט, צו־זאַמענגעשטעלט פון דעם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער דוד קאַ־זאַנסקי.

איך האָב מיט אַ באַזונדערן אינטערעס זיך צוגעכאַפּט צו דוד קאַ־זאַנסקיס כאַראַקטעריסטיק וועגן לאַנדוין. ער רירט אין דעם אַרטיקל אָן אַ סך וויטיקדיקע פּונקטן, וואָס זיינען מיר ניט אינגאַנצן באַקאַנט און איך וואָלט געזאָגט אַביסל פרעמד. אָבער דאָ און דאָרט האָט ער מיך ממש איבערראַשט מיט זיין אָפנהאַרציקייט און שאַרפע שילדערונגען פון געוויסע שרייבערס, וועלכע ער האָט ניט געוואָלט אנערקענען, ווייל ווי ניט קיין סימפּאַטישע מענטשן, לויט זיין מיינונג, האָבן זיי ניט געקענט זיין קיין אמתע קינסטלער. ער האָט מיך אויך שטאַרק צו־געצויגן מיט אייניקע שילדערונגען.

עס איז אומפאַרגעסבאַר די סצענע, ווי זיין יינגעלע איז מיט יאָרן צוריק קראַנק געוואָרן און מען האָט אים געמוזט, אין מיטן דער נאַכט, צונעמען אין שפּיטאָל און דורכפירן איבער אים אַ קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע. לאַנדוי איז גלייך געקומען צולויפן און זיך באַמיט מאַכן אַלץ צו גאַרנישט — די אָפּעראַציע איז אַ קלייניקייט און דאָס יינגעלע וועט גיך געזונט ווערן. אָבער איז דערנאָך מיט קאַזאַנסקין געגאַנגען צום שפּיטאָל, דאָרט געוואַרט אַ פּאָר שעה אין דרויסן און ענדלעך ניט אויסגעהאַלטן און זיך היסטעריש צעווײנט.

די דאָזיקע פיינלעכע איבערלעבונג האָט קאַזאַנסקי געשילדערט קורץ און זייער שאַרף, אַז מען קען עס לאַנג ניט פאַרגעסן.

פיר חברים זיינען זיי געווען, וואָס האָבן נאָר געחלומט צו באַריי־כערן די יידישע ליטעראַטור. נאָר דאָ וועל איך נוצן קאַזאַנסקיס ווער־טער:

„יאָ, נאַראָנים זיינען מיר געווען, פיר נאַראָנים, געבענטשטע אָדער פאַרשאָלטענע, מיט דעם קלוגן לאַנדוי אַלס הויפּט־נאַר".

אָבער נאַראָנים זיינען מיר דאָך אַלע, אַלע...

באַקאַנט האָט מיך מיט קאַזאַנסקין דאַכט זיך דער לעבעדיקער. אַמאָל פלעגן מיר אַלע דריי זיצן אין אַ קאַפעטעריע און שמועסן וועגן ליטעראַטור. דער לעבעדיקער, וואָס האָט מערסטנס קיין צייט ניט געהאַט, פלעגט מיט אַ פעקל ביכער אונטערן אָרעם, אַוועקאײַלן און איך מיט קאַזאַנסקין האָבן ווייטער גערעדט. איך געדענק זיין ליבן שמייכל אויפן פנים און דעם אומבאַמערקבאַרן פלאַטער פון זיין דינער פיגור. ער זאָגט מיר אַריין ביטערע אמתן וועגן מיין שרייבן, און באַזונדערס וועגן מיינע איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור. אָבער עפעס קען איך אויף אים ניט ברוגז ווערן; ענטפערן מיט אַ בייז אָדער שלעכט וואָרט, ווייל ער טוט עס חבריש, אויפריכטיק.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פלעגט ער מיר גאַנץ אָפט דערציילן, ווי ער פאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ פאַרן „טאָג" און זוכט נייע סובּ־סקרייבערס. דערביי האָט ער אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט פאַר־שידענע יידישע טיפּן אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען און דאָס וועט ער אַמאָל אויסנוצן פאַר אַ ראָמאַן פון היגן לעבן. אָדער ער פלעגט זיך אַמאָל באַקלאָגן פאַר מיר אויף זיין שלעכטן געזונט צושטאַנד און זיך ממש בעטן איך זאָל ניט עסן די ברויטן וואָס ווערן פאַרקויפט אין די בעקערייען. עס איז גיפט פאַרן מאָגן. ער קען קיין ברויט ניט עסן. איך פלעג אים אָנקוקן און טראַכטן, אַז דאָס אַרומוואַנדערן איז ניט גוט פאַר אים. ער עסט אין די קאַפעטעריעס און רעסטאָראַנען און דערפאַר איז ער אפשר קראַנק. נאָר מעגלעך, אַז שוין דאַן האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אין זיין קערפּער דער קענסער, וואָס האָט אים צוגענומען פון דער וועלט פאַר דער צייט.

קאַזאַנסקי האָט דאַכט זיך אַרויסגעגעבן צוויי ביכער. דאָס ערשטע בוך האָב איך געלייענט און דער איינדרוק איז געווען אַ גוטער. עפעס צאַרטעס האָט געוויעט פון יעדן זייטל פון בוך, אָבער איך געדענק שוין ניט דעם אינהאַלט און דאָס איז אויך איצט ניט וויכטיק פאַר מיר. איך וויל דאָ ניט אַרויסזאָגן קיין מיינונגען וועגן זיין שרייבן. איך וויל נאָר דערציילן ווי אַ קאָלעגע, מיט וועלכן איך בין געווען ניט באַזונדערס באַפריינדעט און האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אים נאָך זיין טויט, האָט זיך פלוצלינג באַוויזן פאַר מיר צווישן חלום און וואָר. און דערנאָך מיט וואָכן שפּעטער, האָב איך זיך באַקענט מיט זיין פרוי.

אַ נאָכמיטאָג בין איך געלעגן אין מיין חדרל און זיך געדרייט אויפן

בעט אין אַ שווערן דרימל, זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען איינצושלאָפן און ניט געקענט. אַפילו קיין שלאָף־פּיל האָט ניט געהאָלפן. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט, אָבער דער מח איז אַלץ געווען וואַך, כאָטש ווי אין אַ טומאַן. אין דרויסן איז געווען כמאַרנע און אַ ווינט האָט געריסן מיין טיר. אָבער אָט האָט זיך די טיר געעפנט און קאַזאַנסקי איז אַריין. דאָס איז פאַר מיר געווען גאַנץ איינפאַך און פּשוט. מיר זיינען קאָלעגן און ער איז געקומען מיך מבקר חולה זיין. איך בין די לעצטע צייט אַזוי אָפט קראַנק. מיך האָט נאָר אַביסל געוואונדערט וואָס אויף איין האַנט פעלן ביי אים די פינגער און עס זעט זיך אַ גרויסער שוואַרצער פלעק, ווי זיי וואָלטן פאַרברענט, אָפּגעסמאָליעט געוואָרן. אָבער זיין פּנים האָט געשמייכלט ליב און פריינטלעך. אָט אַזוי ווי שטענדיק, ווען מיר פלעגן זיך באַגעגענען אין אַ קאַפעטעריע אָדער אין רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל".

— איר ליגט אַלץ — האָט ער צו מיר געזאָגט און זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ קליינעם, גרינעם שטול, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג פון מיין חדרל, נעבן טיש.

— און וואָס מאַכט איר, קאַזאַנסקי? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט געקוקט אויף די קאָלירטע בילדלעך, וואָס זיינען אָנגע־קלעפּט אויף די ווענט פון מיין חדרל און שטיל געענטפערט:

— מען ליגט אין אומעט און מען ווערט פאַרגעסן.

— פון וועמען? — בין איך געוואָרן נייגעריק.

— פון אַלע גוטע חברים, אַזוי צו זאָגן. געשטאָרבן און אַראָפּ פון מאַרק. אַזוי ווי ניט געווען. נישטאָ מער.

— אַזוי איז עס שוין, אַז מען שטאַרבט — האָב איך טרויעריק צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אָבער עס פאַרדריסט, — האָט אַ זיפץ געטאָן קאַזאַנסקי און זיך אויפגעהויבן.

איך האָב האַלב אויפגעמאַכט די אויגן און אָנגעשטרענגט מיין בליק צום אַרויסגאַנג. געוואָלט אים גוט אָנקוקן. קיינער איז אויפן גרינעם קליינעם שטול ביים טיר ניט געזעסן, איך האָב ווייטער געדרימלט און אַז איך האָב זיך פאַרנאַכט־צו אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך דערמאָנט אָן קאַזאַנסקין און געטראַכט צו פאַרצייכענען די דאָזיקע באַגעגעניש אונדזע־רע אין חלום.

נאָר איך האָב עס ניט געטאָן, ווייל ס'איז ניט געווען גענוג וואָס

צו דערציילן. אָבער איך בין געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך באַוויזן פאַר מיר...

מיט וואָכן שפּעטער האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיינעם אַ פריינט און קאָלעגע, אַז אין מיאַמי ביטש געפינט זיך איצט קאַזאַנסקיס אלמנה און איך זאָל זיך באַקענען מיט איר. זאָל זי האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורייִדן. געקומען איז זי קיין פלאָרידא פאַרבעסערן איר געזונט צושטאַנד.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם חלום און געטראַכט, אַז דאָס אַלץ איז אַ פּשוטער צופאַל, ווייל איך גלויב ניט אין קיין חלומות. אָבער דאָך האָט אַ פאַרבאָרגענע מיסטישע סטרונקע אַ ציטער געטאָן אין מיר... איך האָב גלייך אָנגעשריבן פרוי קאַזאַנסקי אַ בריוול און געפרעגט ווען און וואו איך קען זי זען. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי געקומען צו מיר מיט אירער אַ קוזינע, מיט וועלכער זי האָט געוואוינט אין איין צימער. פרוי קאַזאַנסקי האָט זיך געהאַלטן אַביסל פרעמד; אַ פּאָר מאָל געפרעגט, צי איך האָב גוט געקענט איר מאַן פּערזענלעך און ווי האָבן מיר זיך באַצויגן איינער צום צווייטן, ווייל ווי זי געדענקט האָט ער קיינמאָל ניט דערמאָנט מיין נאָמען פאַר איר. און וואָס איז מיר געפעלן געווען אין אים, אַז מיר פלעגן זיך באַגעגענען?

— זיין וואַרימער שמייכל, — האָב איך געזאָגט, — און זיין אויפ־ריכטיקייט.

זי האָט מיר אָנגעקוקט מיט אַ לאַנגן פאַרטראַכטן בליק און גאָרניט געענטפערט.

די פרויען זיינען אַוועק און איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן. אמת, פרוי קאַזאַנסקי האָט מיך געבעטן צו קומען אַמאָל צו זיי. אָבער ווי מיר האָט זיך געדוכט האָט זי עס אַרויסגערעדט אָן חשק. וועל איך קומען איז אַלרייט און אַז ניט איז אויך גוט.

אָבער איך האָב באַשלאָסן יאָ צו קומען און זיך נעענטער באַקענען מיט איר. קאַזאַנסקיס פריוואַטער לעבן איז מיר געווען כמעט אומבאַ־קאַנט און מיר האָט זיך געוואָלט וויסן מער וועגן אים. זי זעט אויס צו זיין אַ קלוגע פרוי און האָט איר מאַן מסתמא גוט געקענט און פאַר־שטאַנען. דאָס איז אַ הויכע מדרגה. וויפיל פרויען פון יידישע שרייבערס פאַרשטייען זייערע מענער?!

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך, אין אָוונט, געזעסן ביים ים און פרוי קאַזאַנסקי מיט איר קוזינע זיינען פאַרבייגעגאַנגען. איך האָב זיי אָפּגע־

שטעלט און געבעטן זיך צוזעצן מיט מיר אויפן באַנק. זיי האָבן עס געררן געטאָן. באַלד האָט פרוי קאַזאַנסקי אָנגעהויבן ריידן וועגן דער פריינט־שאַפט צווישן זישע לאַנדוי און קאַזאַנסקין. איך האָב זיך נייגעריק צו־געהערט און עס האָט אויפגעטויכט אַ ווינטער אָוונט אין ניו יאָרק, דער לעצטער אָוונט פון זישע לאַנדויס לעבן. אָט האָב איך אים געזען אין קאַפע ראָיאַל. ער זיצט ביי אַ טישל אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע פּאָעטן; עסט עפּעס מיט גרויס אַפּעטיט און רעדט וועגן זיינס אַ ניי בוך, וואָס דאַרף אין גיכן דערשיינען. און אָט איז ער אַריינגעקומען אין בידערמאַנס בוך געשעפט, באַגלייט פון די זעלבע פּאָעטן, מיט וועלכע ער איז געזעסן אין קאַפע ראָיאַל. ער איז אומרואיק, צעטראָגן, דער קלוגער זישע לאַנדוי. איך קוק אים אָן און באַמערק, דאָס ער זעט אויס ניט גוט. און עס לויפט דורך אַ געדאַנק, אַז ער וואָלט איצט גאָר געדאַרפט זיין אין דער היים און רוען. דער אָוונט איז אַ נאַסער און די פייכטקייט נעמט דורך די ביינער. אָבער מען דאַרף ריידן מיט חברים וועגן נייעם בוך. און אָט דערהער איך ווי ער זאָגט צו מיר אַביסל שטרענג:

— הויב מיר אויף מיין היטל!

ער האָט געהאַלטן זיין „קאַשקעט" וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט, און איינבויגן זיך איז אים געווען שווער. איך בין געשטאַנען נעבן אים און אים דערלאַנגט דאָס היטל.

דערנאָך איז ער געפאָרן אַהיים און זיך דערפילט אויפן וועג ניט גוט. שלעפנדיק זיך צו זיין וואוינונג איז ער אַריין אין אַ דראָג סטאָר אימיצן אָפּרופן און געפאַלן אַ טויטער אין טעלעפאָן „בוט".

קיין נייעס וועגן קאַזאַנסקין האָב איך זיך ניט דערוואוסט פון זיין פרויס רייד. כמעט אַלץ, וואָס זי האָט מיר דערציילט, האָב איך געלייענט אין קאַזאַנסקיס אַרטיקל „אויף מאָרגן", אין דעם זישע לאַנדוי זאַמלבוך, וואָס איז אַרויס נאָך דעם דיכטערס טויט.

איך האָב זיך אָנגעהויבן אָפטער באַגעגענען מיט פרוי קאַזאַנסקי און כמעט יעדעס מאָל איר געבעטן מיר איבערגעבן מער פאַקטן פון איר מאַנס לעבן, און איינמאָל האָב איך איר אַפילו דערציילט, אַז קאַזאַנסקי האָט זיך מיר באַוויזן אין חלום און זיך באַקלאָגט, דאָס זיינע חברים האָבן גיך פאַרגעסן אָן אים. זי איז געווען איבערראַשט עס צו הערן און מיך אַ פּאָר מאָל איבערגעפרעגט, צי איך האָב עס ניט אויסגע־טראַכט.

— ווי האָט ער אויסגעזען? — האָט זי מיך געפרעגט און זיך ניט געקענט באַרואיקן.

איך האָב גערעדט וועגן זיין שמייכל, נאָר פאַרבאָרגן, אַז אויף זיין האַנט זיינען ביי אים געווען די פינגער אָפּגעסמאַליעט.

זי האָט געזאָגט:

— דאָס איז אמת. זיינע חברים האָבן צוגעזאָגט שרייבן וועגן אים און האָבן ניט געשריבן.

דערנאָך איז פרוי קאַזאַנסקי געוואָרן קראַנק און מען האָט איר געמוזט אַריבערפירן אין אַ שפּיטאָל. עס איז ניט געווען קיין ערנסטע קראַנקהייט, אָבער האָבן צו טאָן אין מיאַמי ביטש מיט דאָקטוירים, איז ניט פאַר אַלעמענס קעשענע.

אין שפּיטאָל האָב איך איר עטלעכע מאָל באַזוכט. פון אירע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי האָט קאַזאַנסקין זייער ליב געהאַט און זיך באַמיט אים אין אַלץ אַרויסצוהעלפן, ווי אַ גוטע פרוי און גוטער חבר. און מיט אויסערגעוויינלעכער ליבע האָט זי אויך גערעדט וועגן איר גע־ראָטענעם איין־און־איינציקן זון. אָבער שטענדיק פלעג איך באַמערקן. אַז זי וויל מיר עפּעס פרעגן, די ווערטער אָבער ווערן ווי פאַרגליווערט ביי איר אויפן צונג און זי קען זיי ניט אַרויסריידן.

וואָס וויל זי וויסן? — האָב איך ניט איינמאָל געטראַכט — צווייפלט זי אין עפּעס.

פרוי קאַזאַנסקי איז אַרויס פון שפּיטאָל און זיך געקליבן מיט איר קוזינע פאַרלאָזן פלאָרידאַ. מיר האָבן באַשלאָסן צו אַראַנזשירן אַ קליי־נעם זיי־געזונט אָוונט און איינלאַדן עטלעכע באַקאַנטע. איך בין געקומען פריער עסן מיט זיי ווטשערע. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן די באַקאַנטע און מיר האָבן אַלע פיין פאַרבראַכט. ניט געקוקט אויף די וויטיקן אין אַ פוס, איז פרוי קאַזאַנסקי געווען גוט אויפגעלייגט. שפּעטער, אַז אַלעמען איז געוואָרן אַביסל צו־וואַרעם אין צימער, ווייל מען האָט עטלעכע מאָל גענומען צו ביסלעך ברענדי און וויין, איז מען אַרויס אין דרויסן כאַפּן פרישע לופט און זיצן ביים הויז, וואו ביי די קוסטעס מיט בלומען זיינען געשטאַנען גענוג אייזערנע טשערס.

איך בין געזעסן נעבן פרוי קאַזאַנסקי און זי האָט גערעדט, אַז געקומען איז זי קיין מיאַמי ביטש מיטן געדאַנק צו פאַרבלייבן דאָ.

— וועט איר עס טאָן קומענדיקן ווינטער.

— ווער ווייסט, — האָט זי געענטפערט.

אַ ווײַלע האָבן מיר געשוויגן. און אַט האָט זי מיך פּלוצלינג שטיל אַ פרעג געטאָן:

— ווי דענקט איר: קאַזאַנסקי האָט געהאַט טאַלאַנט?!

— זיכער — האָב איך איר פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און פאַר־שטאַנען, אַז דאָס האָט זי שוין פון לאַנג געוואָלט ביי מיר פרעגן, אַז דאָס זיינען געווען די ווערטער, וואָס פלעגן פאַרגליווערט ווערן ביי איר אויפן צונג. — זיכער האָט ער געהאַט טאַלאַנט.

זי האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ קוק געטאָן אויף מיר. עס איז איר ווי אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן.

גייענדיק אַהיים האָב איך געטראַכט, אַז די פרוי האָט מסתמא געהערט פאַרשידענע מיינונגען וועגן איר מאַנס שרייבן; ניט איין קאָלעגע האָט אים אָפּנים אַרונטערגעריסן, ווייל אויך ער האָט עס שאַרף געטאָן מיט אַנדערע אין זיין אַרטיקל „אויף מאַרגן". דערצו האָט קאַזאַנסקי פאַר זיין טויט געבעטן, אַז זי זאָל פאַרברענען זיינע שריפטן. דאָס אַלץ האָט אַריינגעוואָרפן אַ צווייפל אין איר האַרצן, וואָס איז ניט באַרעכטיקט, ווייל ער איז יאָ געווען אַ באַגאַבטער שרייבער.

צו וואָס שרייב איך דאָס אַלץ? ניין, עס איז ניט גלאַט אַ דער־מאָנונג וועגן אַ פאַרשטאָרבענעם קאָלעגע, וועלכן איך האָב פון צייט צו צייט באַגעגנט ביים לעבן און געפירט מיט אים פריינטלעכע שמועסן. עס איז עפּעס מער, איך האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג עס צו טאָן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיר באַוויזן אין חלום און זיך באַקלאָגט, אַז ער ווערט פאַרגעסן פון זיינע חברים...

מיינע באַגעגענישן מיט זלמן שניאור

מיינע זכרונות וועגן דעם העברעאיש־יידישן דיכטער און ראָמאַניסט, זלמן שניאור, מוז איך אָנהויבן מיט אַ שטיקל הקדמה. איך וועל אין זיי ניט פּרואוון אָפּשאַצן אָדער אָנווייזן, וואָס פֿאַר אַ געהויבענעם אָרט ער פֿאַרנעמט אין ביידע ליטעראַטורן. דאָס איז ניט מיין באַרוף און ניט מיין ציל.

איך וויל נאָר דערציילן וועגן מיינע אינטימע באַגעגענישן און שמועסן מיט שניאורן, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין מיין יוגנט, צוערשט אין בערן, שווייצאַריע דערנאָך אין פּאַריז און וואָס פֿאַר אַ ווירקונג זיי האָבן אויף מיר געהאַט אין די ווייטערדיקע יאָרן פֿון מיין לעבן, ווייל ער איז געווען דער ערשטער דיכטער, וואָס האָט מיך פֿאַראינטערעסירט מיט דער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור, וואָס איז מיר פֿריער געווען אומבאַקאַנט און אַפּילו אַביסל פֿרעמד. אגב, האָט שניאור מיר אויך געגעבן דעם פּסעוודאָנים „תלוש", וואָס איז שוין פֿאַרבליבן מיין נאָמען אויף שטענדיק. אָבער וועגן דעם וועל איך דערמאָנען שפּעטער.

זייער מעגלעך, אַז געבנדיק מיר דעם נאָמען „תלוש", האָט שניאור אויף מיר געלייגט אַ סך גרעסערע האָפֿענונגען, ווי די וואָס זיינען מקוים געוואָרן. אָבער דאָס איז שוין אַ גאָט־זאַך, ווייל יעדער שרייבער האָט זיך זיינע פֿליגלען און קען זיך ניט אויפֿהויבן העכער, ווי זיינע כוחות דערלויבן אים.

איך וויל נאָך צוגעבן, דאָס איך פֿיל מיך איצט, ווען איך הויב אָן צו שרייבן די דאָזיקע שורות, ווי איך וואָלט געדאַרפֿט דורכגיין אַ שטרעקע אויף גלאָז, וואָס קען אָט־אָט פּלאַצן און איך וועל פֿאַלן און געניזקט ווערן, ווייל גיי הויב זיך אָן מיט שניאורן, וואָס איז איצט, אויף דער עלטער ניט דער זעלביקער, ווי ער איז געווען אין דער יוגנט. עפּעס אַ וואָרט ניט אַזוי און ער וועט קענען מאַכן פֿון מיר „פּיפּקע", אָבער איך וועל זיין אויפֿריכטיק און זיך האַלטן ביים אמת. דערצו דאָס געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט צו אים, פֿאַר אַלץ גוטעס וואָס ער האָט פֿאַר מיר

געטאָן, האָף איך, וועט מיר ביישטיין און איך וועל זיך ניט אויס־גליטשן.

* * *

דאַכט זיך אַז אָנהויב 1908 בין איך פון אָדעס אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד מיטן צוועק צו שטודירן דאָרט. איך האָב קיין מיטלען דערצו ניט געהאַט, נאָר געהאָפט, אַז אפשר וועט מיר געלינגען דורכצופירן אין אַן אַנדער לאַנד דאָס, וואָס אין רוסלאַנד האָט זיך מיר קיינמאָל ניט איינגעגעבן.

איך האָב געהערט טשיקאַווע מעשיות, אַז אין שווייצאַריע, בערן, קען מען אָנקומען אין אוניווערזיטעט ממש מיט אַ באַגאַזש־קוויטאַנציע, אַזוי נאַאיוו און גוטהאַרציק זיינען דאָרט די פּראָפעסאָרן. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ וויץ און איך האָב עס גוט פאַרשטאַנען, אָבער איך בין געווען יונג און עס האָט זיך פאָרט געגלויבט אין נסים... און לערנען האָט זיך מיר שטענדיק געוואָלט, כאָטש עס האָט מיר תמיד געפעלט געדולד און ווי שוין אויבן דערמאָנט, די נויטיקע מאַטעריעלע מיטלען. אָבער מיט אַביסל מער עקשנות וואָלט איך מסתמא געקראָגן אַ רייכע כלה און ענדלעך געוואָרן אַ דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע, אָדער יוריספּרודענץ. און אפשר גאָר אַ מעדיקער. געגנוג טעמפּע און נאַרישע יידן און יידענעס זיינען עס געוואָרן אין בערנער אוניווערזיטעט.

יאָ, דער אומרואיקער גייסט, וואָס האָט זיך אין מיר אַריינגעכאַפּט, ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ יונגער יינגל, האָט געטאָן זיינס און מיך ניט געלאָזט איינזיצן אויף איין פּלאַץ. ער האָט מיך געטריבן וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד און זען יענע ווינקלען פון לעבן, וואו מענטשן מאַטערן זיך אַ סך פון נויט און עלנט, פון דחקות און פּיין, אָבער וואו עס איז פאַראַן פּשוטקייט, אויפריכטיקייט און אָפטמאָל אמתע גוט־האַרציקייט. די ברייטע וועלט פון אָרימע און באַליידיקטע איז געוואָרן מיין אוניווערזיטעט. דערפאַר האַלט איך מאַקסים גאָרקיס „מיינע אוני־ווערזיטעטן" פאַר זיין בעסטן בוך.

מיט פיל שוועריקייטן האָב איך געשוואַרצט די רוסישע גרענעץ און אַ גליקלעכער זיך אַוועקגעלאָזט קיין בערן. די טומלדיקע סטודענטישע און פּאָליטיש־אימיגראַנטישע קאָלאָניע האָט מיך אויפגענומען זייער פריינט־לעך. איך האָב דאָרט גיך געקראָגן אַ סך חברים, באַזונדערס צווישן דער ציוניסטישער יוגנט. איך אַליין האָב זיך דאַן געהאַלטן פאַר אַ ציוניסט־אַנאַרכיסט. מיין אַלטער חבר און קאָלעגע, דער באַקאַנטער דיכ־

טער און דראַמאַטורג לעאָן קוסמאַן, וועלכער האָט דאַן שטודירט אין בערן, האָט מיטן גאַנצן האַרצן באַרעכטיקט מיין נייע פּאַרטיי פון איין מענטשן, אַזוי צו זאָגן. אמת, עפּעס האָט זיך דאָ ניט געקלעפּט און איז געווען לאָגיש ניט אויסגעהאַלטן, אָבער די יוגנט זוכט ניט קיין לאָגיק און איך מיט קוסמאַנען האָבן עס אוודאי און אוודאי ניט געזוכט אין יענע יאָרן.

אַ שטיקל צייט האָב איך עטלעכע שעה אין טאָג געאַרבעט אין דער סטודענטישער ציוניסטישער קיך און דערפאַר באַקומען עסן. אָבער ענד־לעך איז מיר די אַרבעט געוואָרן נמאס און איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן בערן. פאַר מיר איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז מיט אַ „באַגאַזש־קוויטאַנציע״ קען מען אין אוניווערזיטעט ניט אַריינטרעטן, נאָר מען מוז זיך לאַנג לערנען און זיין צוגעגרייט דערצו. און די רייכע מיידלעך, וועלכע האָבן געוואָלט איך זאָל אָנהויבן שטודירן, זיינען מיר ניט געווען צום האַרצן. האָב איך געוואַרט דער פרילינג זאָל זיך אָוועק־שטעלן אין די אַלפּן־בערג און דאַן וועל איך זיך קענען אָוועקלאָזן צופוס צום „סאַנט גאָטאַרד״־באַרג און פון דאָרטן קיין איטאַליע. איך האָב שוין פון לאַנג געחלומט צו זיין אין ווענעציע און באַזוכן אַ סך אַנדערע באַ־רימטע שטעט פון דעם דאַזיקן וואונדערבאַרן לאַנד, וואו עס „בליען ציטרינען און אַפּעלסינען, אייביק גרינען די לאָנקעס און ליידנשאַפטלעך קלינגען די מאַנדאָלינען״, ווי איך האָב געלייענט אין אַ ליד ביי אַ רוסישן פּאָעט.

* * *

אַ פּאָר חדשים האָב איך אַרומגעוואַנדערט איבער איטאַליע און אין איין שיינעם טאָג זיך אומגעקערט צוריק קיין בערן.

איך האָב אויסגעזען מוטיק, פריש און שטאַרק אָפּגעברענט פון דער זון. נאָר די גראָבע שיך מיינע, מיט די טשוועקעס, האָבן זיך אָפּ־געטראָטן און דאָס אָפּגעבלאַקעוועטע טוריסטן־זעקל האָט געהאַט לעכער אין אַ פּאָר פלעצער.

איך האָב באַשלאָסן צו גיין כאַפּן אַ בייס אין וועגעטאַרישן רעס־טאָראַן, וואו עס פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן די מערסטע נאַציאָנאַל־גע־שטימטע יידישע סטודענטן און פּאָליטישע אימיגראַנטן. דאָרט האָב איך געהאָפט צו טרעפן באַקאַנטע און זיך באַוויזן פאַר זיי אין מיין אינ־טערעסאַנטן הלוך.

איך האָב גוט געקענט די עלטערע שווייצאַרקע און אירע צוויי שטענ־דיק־בליענדיקע טעכטער, וואָס האָבן געהאַלטן דעם וועגעטאַרישן רעסטאָ־

ראַן. זיי האָבן אויך געהאַט אַ הויז און אַרויסגעגעבן צימערן. איך האָב ביי זיי געוואוינט אַ קורצע צייט. די עלטערע טאָכטער איז געווען פֿאַר־הייראַט פֿאַר אַ שווייצאַרישן גלחס אַ זון, וועלכן זי האָט זייער ליב געהאַט. נאָר דאָס האָט איר ניט געשטערט צו האָבן אַ פּאָר געליבטע אָרימע סטו־דענטן, וועלכע פֿלעגן זי דאַרפֿן קושן אין שטערן און אין די ראָזעווע באַקן, ווייל די „רויטע ליפּעלעך באַלאַנגען נאָר צום מאַן", פֿלעגט זי האַלטן אין איין דערמאָנען. דערצו האָט זי אירע געליבטע געגעבן אומ־זיסטע מאָלצייטן, אַז יענע האָבן ניט געהאַט קיין געלט. טאָן פֿלעגט זי עס גאַנץ פּשוט: אַריינרוקן אין האַנט אַ פֿראַנק, אַז קיינער זאָל ניט זען, און די סטודענטן פֿלעגן גאָר אָפֿט קריגען אויסגאַב ביי דער אַלטער שווייצאַרקע, וועלכע איז אַלע מאָל געזעסן ביי דער קאַסע.

אין רעסטאָראַן האָבן מיך מיינע באַקאַנטע זייער פֿריינטלעך אויפֿ־גענומען. איך האָב געדאַרפֿט דערציילן וואו איך בין געווען און וואָס איך האָב געזען אויף מיינע וואַנדערונגען איבער איטאַליע.

איך האָב גערן איבערגעגעבן פֿאַרשידענע קאָמישע סצענקעס פֿון מיין רייזע צופֿוס און די קליינע קאָמפּאַניע האָט האַרציק געלאַכט. אָן אַ זייט, אַליין ביי אַ טישל, איז געזעסן אַ הויכער, שלאַנקער, טונקעלער יונגער־מאַן, מיט לעבעדיקע שוואַרצע אויגן און אַ קליין פּעך־שוואַרץ בערדל, וואָס האָט געדיכט אַרומגענומען זיין אַביסל עקשנותדיק פּנים, מיט דער עטוואָס ברייטער נאָז און לענגלעכן מויל. ער האָט אַלע ווײַלע אַ קער־געטאָן דעם קאָפּ אין מיין זייט און מיט אַ ברייטן שמייכל זיך צוגעהערט וועגן וואָס איך רייד. עס איז קענטיק געווען, אַז מיין אויסזען געפֿעלט אים, און עס איז טשיקאַווע צו הערן וואָס איך דערצייל.

אָבער אָט האָט זיך דער מאַן אויפֿגעהויבן פֿון זיין פּלאַץ, איז צו־געגאַנגען צו מיר און געפֿרעגט:

— טאַקע געשפּאַנט צופֿוס איבער גאַנץ איטאַליע?

— איך בין נאָר דערגאַנגען ביז ווענעציע, — האָב איך אים ביי־געריק אָנגעקוקט, ווייל ער האָט אויסגעזען ווי אַ יונגער, סירישער קעניג.

— ווי רופֿט מען אייך?

— איסר מוסעלעוויטש.

— און מיין נאָמען איז זלמן שניאור, — האָט ער פֿעסט געדריקט מיין האַנט.

מיר איז זיין נאָמען נאָך געווען אינגאַנצן פֿרעמד.

שניאור האָט זיך צוגעזעצט צום טישל און איך האָב ווייטער גע־

רעדט וועגן מיינע וואַנדערונגען. ער האָט זיך צוגעהערט און אַלע ווײַלע אַרײַנגעוואָרפן אַ באַמערקונג, אָדער אַ שפּאַסיק ווערטל.

פון רעסטאָראַן זײַנען מיר אַרויס צוזאַמען. אימיצער פון דער קאָמ־פּאַניע האָט מיר שוין געזאָגט אַז שניאור איז אַ גרויסער דיכטער, אָבער אַ קאַפּריזנער מענטש. מיט אַ סך אין דער סטודענטישער קאָלאָניע איז ער צעקריגט און רעדט נישט מיט זיי.

אָבער איך האָב זיך געפילט געשמייכלט וואָס דער דיכטער איז צו־געקומען און זיך באַקענט מיט מיר. איך האָב שטענדיק געזוכט צו זײַן באַפרײַנדעט מיט מענטשן פון גייסט, ביי וועמען איך זאָל קענען עפּעס לערנען. און באַזונדערס די פרײַנטשאַפט פון אַ גרויסן דיכטער, ווען איך אַליין האָב גאָר געחלומט צו ווערן אַ שרײַבער.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָב איך שניאורן געלייך פּאָרטרויט, אַז איך שרײַב אין רוסיש. אמת, איך האָב זיך נאָך אין ערגעץ נישט גע־דרוקט, אָבער אין אָדעס האָט מיך איינמאָל אויפגענומען דער שרײַבער סעמיאָן יושקעוויטש און געלויבט מײַנע אַ קורצע דערציילונג „משהלע״. ער האָט געזאָגט אַז איך האָב אַ לירישן טאָן, נאָר דאַרף נאָך אַ סך אַרבעטן איבער זיך. דערביי האָט יושקעוויטש מיך באַקענט מיט דעם רוסישן פּאָעט און ראָמאַניסט פּיאָדאָראָוו, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען ביי אים, זאָגנדיק: „אָן זאַמעטשאַטעלני מאַלטשיק״ — ער איז אַ וואונ־דערבאַרער יינגל.

דאָס איז געווען מײַן גאַנצער ליטעראַרישער באַגאַזש מיט וועלכן איך האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַר שניאורן. אָבער איך האָב דעם דיכטער פאַראינטערעסירט מסתמא מיט גאָר עפּעס אַנדערש. מעגלעך, אַז ער האָט זיך געפילט אַביסל איינזאַם אין דער קאָלאָניע און געוואָלט טרעפן אימיצן, מיט וועמען ער זאָל קענען אַמאָל אַביסל פאַרברענגען. ער האָט גלייך דערפילט אַז איך בין דער פאַסנדער מענטש פאַר אים. אַזאַ ווי איך וועל מיט אים זיך ניט אַמפּערן און דיסקוטירן. וועל זײַן אַ גוטער צוהערער און אַ גוטער תלמיד. שניאור האָט זיך ניט טועה געווען, און איך אוודאי און אוודאי ניט.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען גאַנץ אָפט. איך האָב געדונגען אַ חדרל ערגעץ אויף אַ בוידעם. שניאור פלעגט קומען צו מיר. אַמאָל פלעג איך אים מכבד זײַן מיט געבראָטענעם הערינג און טיי, וואָס איך פלעג אַליין צוגרייטן. שניאור האָט שטאַרק געלויבט מײַן געבראָטענעם הערינג. עפּעס איז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטענדעניש צווישן אונדז און

דער דיכטער איז געוואָרן אויף מיר ברוגז. איך געדענק שוין ניט איבער וואָס דאָס איז געווען. אָבער ער האָט מיר אָנגעשריבן אַ בייז בריוול, אין וועלכן ער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז כאָטש ער האָט מיט מיר געגעסן געבראָטענע הערינג, דאַרף איך אַלץ וויסן מיין פּלאַץ, אַזוי צו זאָגן. נו, דאָס איז געווען דער איינציקער ברוגז פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים.

מערסטנס פלעגט ער זיצן אין מיין חדרל און פאַר מיר אויפדעקן די אוצרות פון די אַלטע יידישע קוואַלן, באַקענט מיך מיט די ווערק פון אַ סך שרייבער, וועלכע ער האָט זייער שאַרף, טרעפלעך און אָפט מיט הומאָר געשילדערט. באַזונדערס האָט שניאור ליב געהאַט מיר צו דערציילן וועגן דעם זיידן מענדעלע מוכר ספרים. ער פלעגט ציטירן זיינע קלוגע ווערטלעך, זיך געסטאַרעט אַפילו נאָכצומאַכן דעם זיידנס קול און אַלע הועיות זיינע און דערביי אַביסל הייזעריקלעך און גוטמוטיק געלאַכט.

איך האָב ממש געשלונגען שניאורס רייד און פלעג דערנאָך גיין אין דער סטודענטישער ביבליאָטעק לייענען מענדעלעס קלאַסישע ווערק. „פישקע דער קרומער" האָט מיך באַקענט מיטן שוידערלעכן דלות פון יידישן לעבן. אָבער מיט מער געשמאַק פלעג איך זיך צוכאַפּן צום שלום עליכמען, וועלכער איז מיר געווען נאָענט צום האַרצן מיט זיין גע־ניאַלן הומאָר און טיף־מענטשלעכן לירישן טאָן. איך האָב שטענדיק געטראַכט, און טראַכט נאָך איצט, אַז שלום עליכם איז אונדזער גרעסטער קלאַסיקער, ניט געקוקט אויף זיינע זיבן מאָס רייד. איך האָב גערן געלייענט פּרצעס פאָלקס געשיכטעס און רייזענס פּשוטע, האַרציקע אַר־בעטער־לידער און קורצע דערציילונגען. שניאור האָט געמאַכט איך זאָל זיך באַקענען מיט דער יידישער ליטעראַטור און זיך שטאַרקער צובינדן צו מיין פאָלק. איך האָב ליב געקראָגן די קליינשטעטלדיקע טיפּן, וועלכע איך האָב פריער ווייניק געקענט. פון מיין היים־שטאָט דווינסק בין איך אַוועק אַ יינגל און אויף דער וואָלגאַ, וואו איך בין אונטערגעוואקסן, האָב איך, פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע יידן ניט געקענט זען.

שניאור האָט מיר אויך געראַטן איבערצולייענען גרעצס יידישע גע־שיכטע. מיט אַ הייליקן ציטער האָב איך באַוואונדערט אונדזערע גרויסע מאַרטירער פון אַלע דורות און עס האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן אַ וואונטש אַוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל און ווערן דאָרט אַ חלוץ, העלפן בויען דאָס לאַנד אַז מיר זאָלן ווערן אַ פאָלק מיט אַנדערע פעלקער צוגלייך.

שניאור האָט פאַרטונקלט מיינע אַנדערע פריינט אין מיינע אויגן. איך האָב געקענט אַ סך לערנען פון אים. דערצו זיין שטענדיקער הומאָר. אָדער אָט צעזינגט ער זיך פלוצלינג פון יהודה הלוי, פון זיין ליד „ים סוער". ער זינגט מיט אַ מאָדנעם אומעטיקן טאָן, אַז מען דערזעט גלייך דעם שטורעמדיקן ים.

„המו גלים
ועבים קלים
קדרו שמיו
ועלו תהומיו.

און ענדיקט מיט די ווערטער:

ברוץ גלגלים
על־פני הים."

און אַמאָל פלעגט ער אַ שפּאַן טאָן איבער מיין חדרל און אָנהויבן ווי צו דערציילן אין אַ לעגענדאַרישן טאָן:

„איינמאָל זיינען מיר געגאַנגען אין דער מדבר"...

איך האָב לאַנג געטראַכט צו באַווייזן שניאורן מיינע כתבים און הערן וואָס ער וועט מיר זאָגן. האָב איך אים באַוויזן אַ לאַנגן בריוו, וואָס איך האָב אָנגעשריבן צו אַ רוסיש קריסטלעך מיידל, מיט וועלכער איך האָב זיך איבערגעשריבן און בין געווען זייער באַפריינדעט, כאָטש איך האָב זי נאָך קיינמאָל ניט געזען. די דאָזיקע בריוו זיינען געווען זייער „פּאָעטיש" און סענטימענטאַל. איך פלעג אויך אַריינפלעכטן אין זיי גאַסן־סצענקעס און בילדער פון דער נאַטור. שניאור האָט עס איבער־געלייענט, מיר אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל פון אונטער די געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס און ווידער גענומען ריידן וועגן מענדעלע מוכר ספרים.

יאָ, דער זיידע האָט געזאָגט, אַז דאָס שרייבן פון אַן אָנפאַנגער איז פּראָסט און פשוט מעלה־גרה־זיין — מעשה בהמה.

איך האָב זיך פאַרלוירן און מיט אַ שולדיקער מינע אָנגעקוקט דעם דיכטער. איך האָב אים עס ניט געדאַרפט ווייזן. עס איז נאַרישקייטן, סענטימענטאַלער קוואַטש, וואָס יעדער פאַרליבטער בחורל שרייבט צו זיין מיידל.

— איך האָב עס אַפילו ניט איבערגעשריבן, — האָב איך שטיל אַרויסגערעדט און זיך געפילט געקרענקט.

שניאור האָט עס באַמערקט און איז געוואָרן ערנסט.

— נו, נו, — האָט ער גענומען ווייטער דערציילן וואָס דער זיידע

מענדעלע האָט געזאָגט וועגן אָנפאַנגער: דער סדר העולם איז, אַז אַ מענטש איז קודם כל אַ קינד, אַן אומבאַהאָלפן באַשעפעניש, וואָס פויזעט אַרום אין שטוב אויף אַלע פיר. אָט אַזוי קריכט ער אויפן נאַקעטן געזעסל אַ פאַרזשמורעטער, אַ פאַרפאַטשקעטער, אַ צעקײלטער און צעבײלטער, אַ גאַנץ לאַנגע צײַט.

דערנאָך פּרואווט ער זיך שטעלן אויף זײַנע שוואַכע פיסלעך; ער שטעלט זיך און פאַלט, שטעלט זיך ווידער און פאַלט ווידער, צעקלאַפּט זיך אַ פּיסעלע, צעהרגעט זיך אַ הענטעלע, צעדראַפּעט זיך דאָס נעזעלע, און ערשט העט־העט שפּעטער גלינגט אים ענדלך פּלוצלינג בלײַבן שטײן אויף זײַנע אײגענע פּיסעלעך.

אָוועקשטעלן זיך אויף די פיס גלײַך נאָכן געבוירן ווערן קאָן נאָר אַ קעלבל. קעלבלעך ווײסן ניט פון פויזען אויף דער ערד, פאַרשטײען נישט און פילן נישט די יסורים און לײדן פון לערנען זיך גײן.

מיר איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטײן פון האַרצן.

— אָבי איך בין ניט קײן קעלבל, — האָב איך צופרידן געלאַכט.

שפּעטער פלעגט שניאור מיר צוגעבן מוט צום שרײַבן. איך וועל שוין אַלײן געפינען מײַן וועג.

איך האָב זיך מיט שניאורן אָנגעהויבן צו באַגעגענען אַלץ אָפטער. מיר פלעגן אויך צוזאַמען כאַפּן לאַנגע שפּאַצירן איבער די גאַסן פון בערן, אָדער ביים וואַלד, וואָס האָט אַרומגערינגלט אַ טײל פון דער שטאָט. בײדע אין שוואַרצע פּעלערינעס, אָן היטלען, און דער ווינט שפּילט זיך מיט אונדזערע האָר. די שווייצאַרישער פלעגן קוקן אויף אונדז און שמײכלען, ווײל מיר האָבן אויסגעקוקט טשיקאַווע. שניאור — אַ טונקעלער, אַ הויכער, האַלט דעם קאָפּ מערסטנס אַביסל פאַרריסן צו די הימלען; און איך — אַ בלאָנדער, און אין פאַרגלײַך מיטן דיכטער אַ קלײן־געוויקסיקער, און האָב ליב צו קוקן שטענדיק אויף דער ערד.

וועגן וואָס האָט שניאור נישט גערעדט אויף די דאָזיקע שפּאַצירן מיט מיר? אַמאָל פלעגט ער מיר איבערגעבן מעשהלעך פון מדרש און תלמוד, אָדער גערעדט וועגן ביאַליקן. אָבער אָפטער פון אַלץ האָט שניאור שאַרף און טרעפלעך געשילדערט דעם און יענעם סטודענט, אָדער פּאָליטישן אימיגראַנט, פון דער קאָלאָניע. און שטענדיק פלעגט ער עס טאָן אויף אַ הומאָריסטישן אופן, און איך האָב אַ סך געלאַכט.

* * *

די ציוניסטן אין בערן האָבן געהאַט עפּעס אַ קלײנע אונטערנעמונג

און עס האָבן אויסגעפעלט טאַלאַנטן, וואָס זאָלן באַשיינען דעם אָוונט. שניאור איז צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך זאָל דעלאַמירן ביאַליקס „דאָס לעצטע וואָרט". ער האָט מיך אויסגעהערט און איז געווען צופרידן מיט מיין לייענען. איך האָב שטאַרק מורא געהאַט אויפצוטרעטן פאַר אַן עולם, אָבער שניאור האָט מיר אַלץ צוגעגעבן מוט, און ענדלעך האָב איך צוגעשטימט, אָבער אים געבעטן, אַז טאָמער וועל איך ניט געדענקען די ווערטער, זאָל ער זיצן ניט ווייט פון דער פּלאַטפאָרמע און מיר אונטערזאָגן, ווי אַ סופליאָר. שניאור האָט צוגעשטימט און געלאַכט, וואָס איך ציטער אַזוי. אָבער עס איז דורך בשלום, כאָטש איך האָב גאַנץ פיין צעפּלאָנטערט אייניקע ווערטער. קיינער האָט עס אָבער ניט באַמערקט. אפילו ניט שניאור.

און נאָך עפּעס ווילט זיך מיר פאַרצייכענען, איידער איך גיי דערציילן וועגן צוויי שוועסטער, וואָס האָבן געוואוינט אין בערן מיט זייער מוטער און איך מיט שניאורן זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין זיי. עס טויכט אויף אין מיין זכרון אַ קליינע סצענע אין באַזעל, וואו עס האָט געזאָלט אָט־אָט זיך אָנהויבן אַ ציוניסטישער קאָנגרעס.

צו דעם דאָזיקן קאָנגרעס בין איך געגאַנגען פון בערן קיין באַזעל צופוס. שניאור איז אַהין אַוועקגעפאָרן פריער. איך וואָלט אויך געקענט פאָרן, נאָר געוואָלט שפּאַנען צופוס איבער גאָטס וועלט. באַזונדערס נאָך אין דער וואונדערבאַרער שווייצאַריע. אָבער קיין באַזעל בין איך געקומען ממש אָן אַ סאַנטים אין קעשענע, ווייל אויפן וועג האָב איך געטראָפן ניט איין באָסיאַק און מיט יעדן האָב איך זיך צערעדט און דערנאָך געדאַרפט מיט זיי גיין אין שענקל אַריין מאַכן אַ גוט־ברודערישן לחיים.

איך געדענק די געביידע וואו דער קאָנגרעס האָט געדאַרפט פאָרקומען. עס איז געווען אין אָוונט. די פענצטער פון זאַל זיינען געווען באַלויכטן. איך בין אַרויף די טרעפּ און געהאָפט צו טרעפן שניאורן. און אַזוי איז טאַקע געווען. ער איז געשטאַנען און גערעדט מיט עטלעכע יידן. דערזען מיך, איז ער אָפּגעטראָטן פון די מענטשן און מיר געקומען אַנטקעגן. ער האָט מיך אַרומגענומען און מיר האָבן זיך צוקושט.

— געקומען צופוס ?

— יאָ.

— נו, און ממתקים האָט איר ?

איך האָב זיך פאַרשעמט און געשוויגן. האָט ער מיר דערלאַנגט

פינף פראַנק און צוגעגעבן: „שלאָפט די נאַכט איבער אין אַ האָטעל און רוט זיך אויס”.

און איצט וועל איך זיך אומקערן צו די צוויי שוועסטער.

אַלזאַ, אין בערן האָט געוואוינט אַ מוטער, אַן אלמנה, מיט צוויי טעכטער. געקומען זיינען זיי אַלע פון פעטערבורג, ווי מען האָט גערופן אין יענער צייט די צאַרישע הויפּט־שטאָט. די מוטער האָט אָפּגעקויפט אַ געשעפטל פון אָנזיכט־קאַרטלעך און פון דעם געצויגן איר אָרעמע חיונה. די עלטערע טאָכטער האָט ערגעץ געאַרבעט, און די יינגערע, וועלכע איז אַלט געווען אַ יאָר אַכטצן, אָדער צוואַנציק, און איז געווען אַ שײנינקע מיידל מיט קוטשעראַווע, קאַשטאַנאָווע האָר, און מיט אַ באַזונדערס געשמאַקן אַראָמאַט, וואָס האָט זיך שטענדיק געפילט פון איר, האָט, דאַכט זיך, געוואָלט ווערן אַ סטודענטקע און שטודירן מעדיצין.ביידע שוועסטער האָבן גערעדט אַ גוטן רוסיש.

וואו און ווי אַזוי מיר האָבן זיך באַקענט געדענק איך שוין ניט. איך געדענק אפילו ניט דעם נאָמען פון דער יינגערער שוועסטער, מיט וועלכער איך האָב געשפּילט אַ ליבע. אָבער איצט, שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, פיל איך דעם געשמאַקן אַראָמאַט וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר יונגן, פיין־געבויטן, קליינינקן קערפּער. אָבער מסתמא איז עס פאָרגעקומען אויף אַ סטודענטישן באַל, אָדער ביי אַ דיסקוסיע. און אַזוי ווי איך האָב אויך גערעדט ניט שלעכט רוסיש און מיט אַ ריינעם אַקצענט פון אַ „וואָלזשאַנין”, אַזוי צו זאָגן, און בלאָנד און יונג בין איך אויך געווען, איז צווישן אונדז גיך געוואָרן אַ הייסע פריינטשאַפט.

איך וועל דעם מיידל אָנרופן מיטן נאָמען לעלאַ. ווער ווייסט וואָס פון איר איז געוואָרן? אָבער איך וואָלט נישט געווען איבערראַשט, ווען מען דערציילט מיר, אַז לעלאַ איז ניט געוואָרן קיין סטודענטקע אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, נאָר האָט חתונה געהאַט מיט אַ שווייצאַריער, לעבט אַ שטיל קליינבירגערלעך לעבן און האָט שוין גרויסע אייניקלעך, מיט וועלכע זי גייט יעדן זונטיק אין קלויסטער...

איך טראַכט אַזוי, ווייל נאָך דאַן האָט זי כמעט גאָרניט געוואוסט פון ייִדישקייט. מיינע רייד, אַז זי זאָל מיט מיר אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָבן זיך צו איר ניט געקלעפּט. צו־וואָס פאָרן ליידן אין אַ וויסט־לאַנד? זי וואָלט בעסער געוואָלט פאַרבלייבן אין שווייצאַריע, וואו ס'איז אַזוי שיין און אַזוי פריי. דערצו האָט זי בעסער פאַרשטאַנען די שפּראַך

פון לאַסקעס און קושן, אויף וועלכער איך האָב מסתמא דאַן אויך ניט שלעכט געערדט.

גאַנץ אָפּט, אין די אָוונטן, פלעגט זי אַרויסהעלפן איר מוטער אין דעם קלייטל פון אַנזיכט־קאַרטלעך און דערנאָך פלעג איך זי באַגלייטן אַהיים. זיי האָבן געוואוינט אין אַן אַלט הויז, מיט אַ גרויסן גאָרטן אַרום. איידער זי פלעגט אַריין אין הויז, האָבן מיר כמעט שטענדיק אַ שעה־צוויי פאַרבראַכט אויף אַ גרינער באַנק אונטער אַן אַלטן קאַשטאַ־נען־בוים.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָב איך וועגן מיין פריינטשאַפט מיט לעלאַן דערציילט שניאורן. ער האָט געזען ווי איך בין באַגייסטערט פאַרן מיידל און זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין איר.

איינמאָל אין אָוונט האָבן מיר צוזאַמען אַרומגעשפּאַצירט און איך האָב ווידער גערעדט וועגן לעלאַן. מיר זיינען צוגעקומען צו שניאורס וואוינונג און געבליבן שטיין.

— קומט מאָרגן צו מיר מיט לעלאַן אויף אַ גלאָז טיי — האָט שניאור געזאָגט — איך וואָלט זי געוואָלט זען.

— אין אָוונט?

— יאָ, בעסער אין אָוונט.

— זייער גוט, שניאור, מיר וועלן קומען. איך גלויב, אַז זי וועט גערן אָננעמען אייער איינלאַדונג. עס וועט זיין פאַר איר אַ כבוד.

אַ מינוט זיינען מיר געשטאַנען און געשוויגן. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אָן שטערן אין הימל, און אַ גאַנץ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן. דאָס געדענק איך זייער גוט.

מיט אַמאָל האָט שניאור אַ זאָג געטאָן:

— מען דאַרף פאַר אייך געפינען אַ פּאַסנדיקן פּסעוודאָנים. מוסע־לעוויטש איז אַ צו לאַנגער נאָמען. פאַר אייך וואָלט בעסער געפּאַסט דער נאָמען „תלוש“.

— „תלוש“. עס קלינגט גוט און קורץ. אָבער וואָס מיינט עס?

— „תלוש“ מיינט אַן אָפּגעריסענער, אין העברעאיש. אַ קוויטאַנציע, וואָס מ'רייסט אָפּ; איינעם, וואָס וואַנדערט אַרום נאָכאַנאַנד, קען מען אויך רופן „תלוש“.

— אויסגעצייכנט! — בין איך געוואָרן באַגייסטערט — דאָס איז

דער ריכטיקער נאָמען פאַר מיר, און פון היינט־אָן און ווייטער הייס איך „תלוש". איר זענט, שניאור, געוואָרן מיין נאָמען־קוואַטער.

— עס קוקט אויס אַזוי — האָט שניאור געלאַכט. — נו אַ גוטע נאַכט. מאָרגן אָוונט וועט איר זיין ביי מיר מיט לעלאַן.

— איך וועל קומען מיט איר. אַ גוטע נאַכט.

איך בין אַוועק אַהיים אַ „ניי־געבוירענער", מיט אַ נייעם נאָמען, און אויפן וועג נאָכאַנאַנד געשעפטשעט: „תלוש, תלוש, תלוש", וואָס האָט געקלונגען אין מיינע אויערן זייער שיין, ווייל דאָס איז דאָך געווען אַ העברעאיש וואָרט. איך וועל קומען קיין ארץ־ישראל מיט אַ העברעאישן נאָמען.

מאָרגן ביי טאָג האָב איך געטראָפן לעלאַן און מיר האָבן אָפּגערעדט אין אָוונט גיין צו שניאורן. פון אָנפאַנג האָט זי זיך געקווענקלט, ווייל זי האָט בעסער געוואָלט פאַרברענגען דעם אָוונט אין גאָרטן ביי זייער וואוינונג, אויף דער גרינער באַנק, אונטער דעם אַלטן קאַשטאַנען־בוים.

אָבער איך האָב איר אויפגעקלערט, אַז שניאור איז אַ גרויסער דיכ־טער און זי דאַרף זיך פילן שטאָלץ, וואָס ער וויל זי זען.

— „נו, כאָראָשאָ, כאָראָשאָ"! — האָט זי צוגעשטימט — נאָר ניט אויף לאַנג, אַז מיר זאָלן נאָך קענען זיצן אַביסל אין גאָרטן.

אין אָוונט האָט לעלאַ אָנגעטאָן איר בעסטע קלייד און מיר זיינען אַוועק צו שניאורן. דער דיכטער האָט אונדז פריינטלעך באַגעגנט ביים אַריינגאַנג און אַריינגעפירט אין זיין צימער.

ער האָט אָנגעקוקט דאָס מיידל מעשה מבין און זיך ווי אויף אַ מינוט פאַרטראַכט. זיין פּנים איז פּלוצלינג געוואָרן אַביסל אומעטיק אָנגעשטרענגט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָן עפּעס דערמאָנען. ס'איז געווען קענטיק, אַז איר אויסזען געפעלט אים זייער. ער האָט אויך גלייך דערפילט דעם געשמאַקן אַראָמאַט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר, און אים אַריינגעצויגן אין זיינע נאָזלעכער. אָבער באַלד האָט שניאור גענומען שמייכלען און געבעטן לעלאַן זיך אַוועקזעצן ביים טיש, און ניט אויף דער רויטער קושעטקע, וואו איך בין שוין געזעסן, און וועלכע איז געשטאַנען ביים וואַנט.

— „טאָם לוטשע"! (דאָרט איז בעסער) — האָט געזאָגט לעלאַ און פאַרנומען אַ פּלאַץ נעבן מיר.

שניאור האָט זי אַביסל שאַרף אָנגעקוקט, נאָר גלייך צוגעגעבן, מיט אַ שמייכל:

— נו, איך וועל בעטן די באַלעבאָסטע אַריינטראָגן טיי מיט „קוכנס", און ער איז אויף אַ ווײַלע אַרויס.

— לעלאַ, זעץ זיך אַוועק נעבן אים — האָב איך זי געבעטן, אָבער אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זי זיך צוגעטוליעט צו מיר און געשוויגן.

שניאור האָט זיך אומגעקערט. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיין באַלעבאָסטע, אַ הויכע שיינע ברונעטקע, אַריינגעטראָגן אויף אַ זילבערנער טאַץ טיי מיט „קוכנס" און עפּל מיט טייטלען.

מיר זיינען געזעסן און גערעדט. שניאור האָט ניט אַראָפּגענומען זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן פון לעלאַן. זיכער איז זי אים אַלץ מער געפעלן געוואָרן. און מסתמא האָט ער דאַן געטראַכט, אַז מען דאַרף דאָס מיידל צונעמען פון מיר. איך זאָג עס ניט אויף זיכער, נאָר אַזוי האָט עס אויסגעזען פון זיין באַנעמונג יענעם אָוונט. דערצו האָב איך זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז ער האָט באַזוכט לעלאָס מוטער אין איר קלייטל פון די אָנזיכט־קאַרטלעך און, קענטיק, געהאָפט דאָרט צו טרעפן דאָס מיידל, אָבער די מוטער איז געווען ניט גאָר פריינטלעך, און דער דיכטער איז אַוועק מיט גאָרניט, אַזוי צו זאָגן.

אין גיכן האָב איך לעלאַן ווידער געבעטן, אַז זי זאָל פאָרן מיט מיר קיין ארץ־ישראל. אָבער זי האָט שוין געגומען פאַרשטיין, אַז קיין תכלית קען מען מיט מיר ניט דערגרייכן, און זיך פשוט אויסגעלאַכט דערפון. זי האָט שוין געוואָרפן אַן אויג אויף אַ רייכן שווייצאַרישן סטודענט און איז געוואָרן דרייסטער און חוצפהדיקער מיט אירע רייד. דאָס איז געווען דער סוף פון אונדזער פריינטשאַפט.

איך האָב זיך גענומען קלייבן אין באַזעל. דאָרט האָב איך געפונען אַ „וואַנדער"־פונקט פאַר יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען געפאָרן אין פאַרשידענע לענדער. דאַכט זיך דורך שניאורן האָב איך געקראָגן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון אַן אָנגעזעענעם דאָקטאָר פילאָזאָף צו דעם הויפּט פון קאָמיטעט, אַז מ'זאָל טאָן אַ גוטע זאַך און העלפן דעם „אידעאַליסטישן יונגנמאַן, וואָס פאַרמאָגט אויך ליטעראַרישע פעאיקייטן, אַוועקצופאָרן קיין ארץ ישראל. ער וויל נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון די בילו'צעס און ווערן אַ פּיאָנער אין דעם הייליקן לאַנד".

איך האָב באַהאַלטן דעם בריוו און גענומען ציילן די טעג. איך האָב שוין אָנגעהויבן זיך צו געזעגענען מיט די שניי־ווייסע אַלפּן־בערג, מיט

די בליענדיקע טאָלן און בלויע שטילע אָזערעס פון דעם וואונדערבאַרן לאַנד שווייצאַריע.

* * *

פון בערן בין איך געפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואו איך בין אָפּגעוועזן אַ דרייצן חדשים און דערנאָך אויף אַ רוסישער שיף אַוועק קיין אָדעס. דאָרט האָב איך אָפּגעדרוקט מיין ערשטע פאַנטאַסטישע מעשהלע „אין די ווייגגערטנער״, אונטער דעם נאָמען „תלוש״. דאָס דאָזיקע מעשהלע האָט מען פון רוסיש איבערזעצט אין העברעאיש און אָפּגעדרוקט אין „העולם״. דערנאָך בין איך געפאָרן קיין דווינסק זען מיינע אייגענע, — די מאַמע און מיינע שוועסטער. אָבער אין דער היים בין איך לאַנג ניט פאַרבליבן און בין ווידער געקומען קיין ארץ־ישראל. עס איז אַוועק נאָך אַ יאָר און איך האָב אויפסנייע פאַרלאָזט דאָס לאַנד און בין געפאָרן קיין פראַנקרייך, פאַריז, וואו איך האָב געהאַט אַ גוטן פריינט, אַ קריסט־לעכע מיידל, אַ טאָכטער פון אַ פויליש־רוסיפיצירטן גוטבאַזיצער, מיטן נאָמען שוראַ יורקעוויטש.

איך האָב געהאַט עגמת נפש אין ארץ־ישראל און שוראַ האָט מיר געשריבן איך זאָל קומען צו איר קיין פאַריז, וואו זי האָט דאַן שטודירט. זי האָט געוואַרט אויף מיר.

אָבער אָנשטאָט שוראַן האָב איך אין איר צימער געפונען אַ בריוו פאַר מיר.

„דו ווייסט, איסר״, האָט זי מיר געשריבן, „וואָס מיט מיר איז? איך האָב איצט ליב אַזוי הייס, אַזוי אומענדלעך. ביי מיר נאָגט אָפּט די נשמה און דאָס איז אַזוי מאָדנע און ניי פאַר מיר. איך פיל, אַז איך האָב אַוועקגעגעבן די גאַנצע ריינקייט פון מיין האַרץ.

„דער, וועמען איך האָב ליב, איז אין אַן אַנדער שטאָט, נאָר ער איז צייטווייליק געווען אין קיעוו און מיר האָבן זיך איצט באַגעגנט. מיין פאָטער איז קראַנק געוואָרן און איך האָב געמוזט פאַרלאָזן פאַריז און קומען אַהיים.

„איך האָב דיר דערציילט דאָס, וואָס איך האָב מורא געהאַט זיך אַליין צו זאָגן. נו, יאָ, דו וועסט פאַרשטיין, דו ביזט דאָך אַ גוטער חבר. איך וועל קומען אינגיכן צוריק. האָב ניט קיין מורא פאַר פאַריז. דו ביסט דאָך יונג, העגט האָסטו שטאַרקע און קאָנסט אַרבעטן. דו קומסט אַרויס פון אַ פאָלק, נישט ווי איך. דו וועסט שוין ווי עס איז דורכקומען.

„איך האָב ליב די רוסן אין רוסלאַנד, נאָר ניט אין אויסלאַנד. דאָ

איז דער אָפּפאַל פון דער רוסישער געזעלשאַפט. זיי לעבן אין אויסלאַנד אין אַ גרויסן זומפּ מיט אַ סך האַס און קריגערייען. איך קום אײַנגאַנצן ניט אין דער פּאַריזער רוסישער קאָלאָניע און האָב מיט קיינעם פון דאָרט נישט צו טאָן. טו דאָס זעלבע, פּאַריז איז דאָך וואונדערבאַר. אַלץ, אין וואָס אַ קולטורעלער מענטש נויטיקט זיך, איז פאַראַן".

אין שוראַטשקאָס צימער בין איך אָפּגעווען נישט לאַנג. אימיצער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין פּאַריז וואוינט איצט דער דיכטער זלמן שניאור. אָבער זיין אַדרעס האָט יענער ניט געוואוסט. מיך האָט עס זייער דערפרייט. איך וועל אים שוין טרעפן אויפן בולוואַר סען מישעל, אין איינער פון די קאַפעס, אָדער אין לוקסעמבורגער גאָרטן. איך וועל אים שוין אָפּזוכן.

דערווייל האָב איך זיך אויסגעפּוצט אין אַ טונקל־ברוינער סאַמעטענער „טולשורקע" און ברייטע הויזן פון דעם זעלבן סאַמעט, אַז איך זאָל אויסזען ווי אַן אמתער קינסטלער פון לאַטיינישן קוואַרטאַל, און אָנגעהויבן אָפּט אַרומשפּאַצירן איבער דעם בולוואַר סען מישעל. איך האָב געקוקט אויף אַלע הויכע טונקעלע מענער, וואָס טראָגן אַ בערדל, און געזוכט שניאורן. אַזוי איז געווען אַ פּאָר טעג און ענדלעך האָב איך אים געטראָפן.

איך געדענק שוין ניט וואָס ער האָט מיר געזאָגט ביי אונדזער באַגעגעניש, נאָר האָט זיך אויך דערפרייט מיט מיר. ער האָט מיך גלייך אָנגעהויבן פונאַנדערפרעגן וועגן ארץ־ישראל און באַזונדערס וועגן ברענערן, וועלכן איך האָב גוט געקענט און פלעג זיך מיט אים אָפט טרעפן אין יפו. שניאור האָט זייער געוואָלט וויסן אַ סך אייגנצלהייטן פון ברענערס כאַראַקטער, און שוין ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָב איך אים דערציילט אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט און אויסגעדריקט אַ סך באַגייסטערונג פאַר דעם דאָזיקן מערקווירדיקן מענטשן. אָבער שניאור האָט, דאַכט זיך, ניט געטיילט מיט מיר מיין באַגייסטערונג.

איך האָב שניאורן אויך דערציילט וועגן שוראַטשקען און ער איז געגאַנגען מיט מיר אָנקוקן איר צימער, וואו איך האָב נאָך געוואוינט.

אָט זיינען מיר אַרויף איין שטאָק אין האַלב־טונקעלן קאָרידאָר און זיינען געבליבן שטיין ביי אַ טיר. איך האָב שטיל אָנגעקלונגען. עס האָבן זיך דערהערט שווערע טריט, און ווען די טיר האָט זיך געעפנט, איז פאַר אונדז געשטאַנען אַן אַלטע, קליינינקע פרוי. דערנאָך זיינען מיר אַריין אין שוראַטשקעס צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

אין צימער האָט געשמעקט מיט אַ ריח פון פּיאַלקעס, און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב שוראַטשקען גע־טראָפן, האָב איך געפילט דעם זעלבן אַראָמאַט אַרום איר. שניאור האָט זיך אַרומגעקוקט, אויף דעם קליינעם שרייב־טיש איז געשטאַנען אַ פאָ־טאָגראַפיע פון איר מוטער. שניאור האָט אָנגעקוקט די פאָטאָגראַפיע.

דערווייל בין איך צו צום פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין אַן אַלטן, גרויסן פּאַרק מיט אַ פּרויען־מאָנאַסטיר. ס'איז געווען אָסיען־צייט און דיביימער אַרום דער הויכער שטיינערנער געביידע זיינען געשטאַ־נען אין גאָלד און פּורפּור. אַן אַלטער מאַן איז אַרומגעגאַנגען איבער די אַלייען און צוזאַמענגעשאַרט די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, וואָס דער ווינט פלעגט אַלע ווײַלע אָנטראָגן אויף די סטעזשקעס און בייטן, וואו עס האָבן געבליט האַרבסט־בלומען.

איך האָב געמאַכט פייער אין קליינעם קאַמין און מיר זיינען געזעסן און גערעדט וועגן שוראַטשקען. שניאור איז געווען פאַראינטערעסירט אין אַלע קליינע איינצלהייטן פון מיין פריינטשאַפט מיט דער קריסטלע־כער מיידל. ער איז געווען ערנסט און שטיל און גערן אויסגעהערט וואָס איך האָב דערציילט.

פאַרן אַוועקגיין האָט שניאור מיר געגעבן זיין אַדרעס און געבעטן קומען צו אים אַרום עלף, אָדער צוועלף בייטאָג, אַז איך זאָל קענען גיין מיט אים עסן מיטאָג און דערנאָך נעמען אַ שפּאַציר אין לוקסעמ־בורגער גאָרטן. אַזוי האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו באַגעגענען גאַנץ אָפט. איך פלעג קומען צו אים אין דער באַשטימטער צייט, נאָך גאַנץ אָפט אים נאָך טרעפן אין בעט. איך פלעג זיך אַריינזעצן אין אַ ווייכן שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן זיין בעט, און מיר האָבן געשמועסט וועגן אַלץ אין דער וועלט. שניאור פלעגט מיר אויך דערציילן וועגן זיינע דערפאָלגן ביי פרויען.

ניט איינמאָל האָט ער ליב געהאַט מיט מיר זיך אַ ראַנגל צו טאָן און ווייזן ווי שטאַרק ער איז. אָבער כמעט שטענדיק פלעג איך אים אין אַ פּאָר מינוט ווייזן וואָס איך קען און ער פלעגט ליגן אַן אויסגעצ־צויגענער אויף זיין בעט און איך אויף אים.

— קריך אַראָפּ, ממזר — פלעגט ער לאַכן. — אַז דאָס איז גאָר קיין ייד ניט.

גאַנץ אָפט האָב איך שניאורן איבערראַשט מיט מיינער אַ מיינונג

ווענן דעם אָדער יענעם יידישן שרייבער. באַזונדערס מיט מיין מיי־נונג וועגן אברהם רייזען.

— ווי קומט עס צו אייך? — האָט ער מיך פאַרטראַכט אָנגעקוקט.

פאַר די מיטאָגן אין רעסטאָראַן פלעגט צאָלן שניאור. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן פאַרגעניגן, צופֿרידנקייט זיך ווי איך עס. מיין געזונטער אַפּעטיט האָט אים פאַרשאַפט פרייד און מיט אַ לאַכנדיקער מינע פלעגט ער מיר האַלטן אין איין איינריידן: „נו, ברודער, רייב אַריין נאָך אַ שיסעלע קאַשע. איך וועל צורופן דעם גאַרסאָן. רייב אַריין, בחור!"

ביידע זיינען מיר דאַן געווען נאָך גאָר יונג. איך אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, און שניאור מסתמא עלטער פון מיר מיט אַ פּאָר יאָר.

נאָכן עסן פלעגן מיר נעמען אַ שפּאַציר אין לוקסעמבורגער גאָרטן און גאַנץ אָפט אַריינגיין דאָרט זען אויסשטעלונגען פון בילדער פון די גרעסטע מאלער פון פּאַריז. אַמאָל פלעגט מיך שניאור פירן אין לואוור־מוזעי. ביי דער סטאַטוע פון ווענוס פלעגן מיר לאַנג זיצן און ריידן. איך געדענק, אַז כמעט שטענדיק האָט ער מיך דאָרט ווידער און ווידער פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן ארץ־ישראל. און באַזונדערס וועגן ברענערן. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ מענטש איז ברענער אין טאָג־טעגלעכן לעבן און ווי פירט ער זיך.

איינמאָל האָבן מיר אין אָוונט אַרומגעשפּאַצירט איבער די פּאַריזער בולוואַרן. שניאור האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט ביי אַ לויכטנדיקן גאַסן־לאָמפּ, אַרויסגענומען פון בוזעם קעשענע אַ בייגעלע פּאַפּיר און פאַר מיר פאַרגעלייענט זיין ליד „האָב פיינט". איך האָב אויסגעהערט און געשוויגן, ווייל לידער פון „פיינט האָבן", ווי גוט זיי זאָלן ניט זיין געשריבן, זיינען מיר ניט צום האַרצן.

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און איך האָב געדאַרפט אָנהויבן זאָרגן וועגן פּרנסה. שניאור האָט געוואָלט פאַר מיר קריגן ביי אַ פאַרשטייער פון באַראָן ראָטשילד אַ קליינע סטיפּענדיע, נאָר איך האָב זיך פון דעם אָפּגעזאָגט. אַ געוועזענער חלוץ דאַרף ניט קיין סטיפּענדיעס. איך בין אַוועק אַרבעטן ביי פּאַפּירענע זעקלעך, אין אַ פאַבריק, וואָס דער זעלבער באַראָן האָט געגרינדעט פאַר אָרעמע אימיגראַנטן.

געוואוינט האָב איך שוין אין אַ „מאַנסאַרדע", בוידעם שטיבל, און ניט אַליין, נאָר מיט אַ געוועזענעם רוסישן אָפיציר, מיט וועלכן איך האָב

זיך באַקענט אין אַ קאַפע. ער האָט ניט געהאַט וואו צו שלאָפן און איך האָב אים אַריינגענומען צו זיך און געהאַט פון אים גרויסע צרות. דער דאָזיקער אַריסטאָקראַט, ווי ער האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט, האָט געהאַט שוין גאָר ניט קיין אַריסטאָקראַטישע געוואוינהייט, — נישט צו וואַשן די פיס. ביינאַכט איז די לופט אין קליינעם חדרל געווען נישט אַריבערצוטראָגן. געשלאָפן איז דער אָפיצער אויף דער פאָדלאָגע מיטן קאָפּ צו דער טיר און זיינע פיאַטעס האָבן געקוקט מיר אין פנים אַריין. איך האָב עטלעכע מאָל אים געבעטן זיך האַלטן ריין, נאָר דער אָפיצער פלעגט שטאָלץ ענטפערן, אַז זיין פּרינציפּ איז נישט צו וואַשן די פיס. האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז גאָר קיין נאָרמאַלער מענטש איז ער ניט און געטראַכט פטור צו ווערן פון אים.

אין יענער צייט פלעג איך שניאורן שוין ניט באַגעגענען אַזוי אָפט. נאָר אָט האָט עפּעס פּאַסירט און מען האָט מיך משלח געווען פון דער פאַבריק, וואו איך האָב געאַרבעט. איך וואָלט אפשר אָפּגעשניטן נאָך ערגער, ווען דער פאַרשטייער פון באַראָן ראָטשילד וועלכער האָט פאַר־וואַלטעט מיט דער פאַבריק, וואָלט ניט געוואוסט אַז שניאור איז מיינער אַ פריינט.

איינמאָל בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און בין אַוועק צו דער אַרבעט. אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער און עס האָט גערעגנט. עס איז געווען ווינטער. איך האָב זיך געאיילט, געוואָלט אָנקומען אין פאַבריק צו דער מינוט, ווייל אַנדערש וואָלט איך געדאַרפט וואַרטן אַ גאַנצע שעה און פאַרלירן אַ פראַנק פון די פאַרדינסטן, לויט די רעגולאַציעס פון דער פאַבריק. האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָלנער פון רעקל און מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס געשפּאַנט גיך. אָבער אָט האָט זיך אין אַ הויז, וואָס איך בין פאַרבייגעגאַנגען, צעקריגט אַ מאַן מיט אַ פרוי און זי האָט גענומען לויפן צום אַרויסגאַנג, און איר ווייסער פודל פאַראויס און גלייך צווישן מיינע פיס. דער פלאַנטער איז געווען אַן אומדערוואַר־טער און איך האָב זיך אויסגעצויגן אויפן גאַסן טראָטואַר און זיך צע־קלאַפּט די רעכטע קני. די פרוי, וואָס איז אַרויסגעלאָפן פון הויז נאָכן הינטל, האָט מיר געהאָלפן זיך אויפהויבן און עטלעכע מאָל זיך אַנטשול־דיקט: „פּאַרדאָן, מאָסיע, פּאַרדאָן מאָסיע״. אָבער איך האָב שוין ניט געקענט גיין אַזוי גיך און אויף אַ צען מינוט פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט און דער וועכטער ביי דער טיר האָט מיך ניט געוואָלט אַריינ־לאָזן.

איך האָב אים דערציילט די מעשה מיטן פודעל, באַוויזן די צעקראַצטע קני.

— דאָס איז ניט מיין געשעפט, — האָט געזאָגט דער וועכטער.

איך האָב אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר ביידע אַקסלען, לייכט אָפּגעשליי־דערט פון דער טיר, אַריין אין דער פאַבריק און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מיך דער דירעקטאָר אַרײַנגערופן צו זיך אין קאָנטאָר. יאָ, ער האָט געהערט וועגן מיר. דער פּאָעט זלמן שניאור האָט אים דערציילט. ער גלויבט, אַז די אַרבעט פון קלעפּן זעקעלעך איז נישט פאַר מיר. איך זאָל זיך בעסער אָפּזוכן אַ באַשעפטיקונג, וואָס פּאַסט פאַר אַ שריפטשטעלער. ער וועט מיר באַצאָלן פאַר אַ וואָך. דאָס טוט ער פאַר מיר, ווייל שניאור קען מיך.

דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן צו באַקומען אָנפאַלן פון ארץ־ישראל־מאַלאַריע, וואָס פלעגט זיך צו מיר אומקערן אַלע דריי וואָכן אין דער זעלבער צייט. איך פלעג ליגן אין היץ. די ביינער האָבן געבראָכן, די אָדערן פון די פיס האָט אימעצער געצויגן מיט צוואַנגען און דער קאָפּ האָט געברענט. זיך אָפּצופרישן, פלעג איך צודריקן דעם שטערן צום פענצטערל פון דאַך. די פייערלעך פון פּאַריז פלעגן פינקלען און דרייען זיך פאַר מיינע אויגן און די נאַכטיקע געשרייען האָבן אָנגעפילט מיין האַרץ מיט אומעט און שרעק.

די „מאָנסאַרדע" אין גרויסן הויז האָב איך געמוזט אויפגעבן. איך בין געוואָרן אַן אויפפּאַסער אין אַ יידיש־נאַציאָנאַלער סטודענטישער קליינער ביבליאָטעק און לייען־זאַל, וואו מען האָט אויך אין די אָוונטן סערווירט טיי. די דאָזיקע הכנסה האָט באַלאַנגט אינגאַנצן צו מיר. שניאור פלעגט אויך אָפּט אַריינקומען אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק און לייען־זאַל. ער האָט ניט געוואוסט, אַז איך שלאָף אויך דאָרט אויף אַ שמאָלער, הילצערנער, האַרטער באַנק מיט אַ פּאַק צייטונגען אָנשטאָט אַ קישן. איך פלעג אַזייגער עלף פאַרשליסן דאָס פלאַץ, כלומרשט אַוועק־גיין אַהיים, אָבער דערנאָך אומקערן זיך און אין דער שטיל זיך לייגן שלאָפן.

עס איז געווען פרילינג־צייט. עס זיינען געשטאַנען וואונדערבאַרע טעג. שניאור פלעגט מיט מיר אַ סך אַרומשפּאַצירן איבער די בולוואַרן, וואו די קאַשטאַנען־ביימער האָבן זיך צעבליט און געוואָרפן אויף די טראָטואַרן ליכטיק־גרינע אוזאָרן. אַלע ווײַלע פלעגן מיר באַגעגענען אָרע־

מע יונגע מיידלעך, וואָס פֿאַרקויפֿן קליינע בלומען, אַראָמאַטישע פּיאַלקעס און שמייכלען צו די מענער מיט אַזוי פֿיל איינגעבוירענעם ליבע־חן.

מיר פֿלעגן זיצן אין די זאַמדיקע אַלייען פֿון לוקסעמבורגער גאָרטן, וואו עס פֿלעגן זיך פֿריילעך שפּילן קינדער. מיר האָבן געקוקט אויף די פֿאַרליבטע פּאָרלעך וואָס זיינען געזעסן אויף די בענק און זיך גע־קושט, געגלעטשעט, ענטפֿערנדיק מיט שפּאָס אויף די וויציקע באַמער־קונגען פֿון די גוט־אויפֿגעלייגטע פֿאַרבייגייער.

איינמאָל איז שניאור מיט מיר געגאַנגען אין „ראָטשילדס קיך" פֿאַר אָרימע, וואָס האָט זיך געפֿונען אין יידישן קוואַרטאַל, אָדער „אויפֿן פּלעצל", ווי מען האָט עס גערופֿן אין פּאַריז. איך בין דאָרט געווען אַן אָפּטער באַזוכער. פֿאַר עטלעכע סו האָט מען דאָרט באַקומען אַ זאַטן וואַרעמעס און מען איז אָפּט געזעסן ביי איין טיש מיט גאָר פֿיינע פּאַרשוינען, צווישן וועלכע עס זיינען געווען באַגאַבטע מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מוט און חוצפּה דורכבּרעכן די אייזערנע וואַנט צום רום און זיינען פֿאַרגעסן געוואָרן. מען האָט אויך דאָרט געזען געוועזענע שיינהייטן, וואָס האָבן אַמאָל געקערט וועלטן, מיט צעפּוילטע נעזער און פֿאַרלאָשענע אויגן, וואָס ליגן טיף אין די לעכער.

שניאור, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אָנגעטאָן אין אַ גוטן פֿרילינג־אַנצוג, האָט מיט זיין שטאָלצן אויסזען געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אַלע געוועזענע קראַסאַוויצעס, הונגעריקע קינסטלער און גלאַט שנאָרער, קאַליקעס און בעטלער. זיי האָבן הפּנים געמיינט, אַז ער איז געקומען זען צי די שפּייז איז גוט. עפּעס איז געווען אַביסל שטילער ביי די טונקל־מאַרמאָרנע טישן און מען האָט זיך ניט געקריגט און געזידלט אַזוי פֿאַרביסן איבער אַ פּלאַץ ווי יעדן טאָג אין דער צייט.

— אין פֿאַרגלייך מיט מענדעלעס קבצנים, — האָט געשמייכלט צו מיר שניאור, —פֿירן זיי זיך ווי פּרינצן.

דאָס עסן האָט ער נאָר פֿאַרזוכט און מיר זיינען אַוועק אין לאַ־טייבישן קוואַרטאַל פֿאַרענדיקן דעם וואַרעמעס.

ניט איינמאָל פֿלעגט מיר שניאור זאָגן:

— איך וועל נאָך אַמאָל שרייבן וועגן אייך. איך וועל אָנשרייבן אַ בוך וועגן וואָגלער און אייך צוטיילן דעם גרעסטן קאַפּיטל.

אויף וויפֿיל מיר זיינען איצט באַקאַנט זיינע שריפֿטן, האָט ער עס ניט געטאָן. ער האָט, דאַכט זיך, אין ערגעץ ניט דערמאָנט מיין נאָמען.

נאָר אפשר וועט ער עס נאָך אַמאָל טאָן, אַז ער וועט אָנהויבן שרייבן זײַנע זכרונות. שניאור איז שוין ניט קיין יונגער מענטש.

יאָ, דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין 1912.

אינמיטן זומער האָט מען די ביבליאָטעק און לייען־זאַל, וואו איך בין געווען דער אויפפאַסער, פאַרמאַכט און איך בין אַוועק אַרבעטן ביי פרויען־היטעלעך אין דעם יידישן קוואַרטאַל פון פאַריז.

איך האָב פון דראָט געפלאָכטן די פאַסאָנען און נישט שלעכט פאַרדינט, נאָר פלעג נישט קאָנען פאַרטראָגן די שטיקנדיקע לופט פון האַלב־פינצטערן צימער, וואו מען האָט געאַרבעט און נאָכאַנאַנד געזוכט אַ געלעגנהייט צו אַטאַקירן דעם באַלעבאָס, אַז יענער זאָל מיר הייסן גיין, ווייל אַליין זיך אָפּזאָגן האָב איך ניט געהאַט קיין מוט.

לאַנג איז מיר ניט אויסגעקומען צו וואַרטן. איינמאָל האָב איך אויס־געקערט די פאַבריק און אויפגעהויבן מיטן בעזים אַ סך שטויב. דער באַלעבאָס איז אַריינגעקומען און זיך צעשריען אויף מיר. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך שוין אַ פרייער געשפּאַנט איבער די גאַסן מיט עטלעכע און צוואַנציק פראַנק אין קעשענע און געטראַכט, אַז ס׳וואָלט געווען ניט שלעכט זיך אַוועקצולאָזן אויף אַ פּאָר חדשים וואַנדערן איבער די וועגן און דערפער פון פראַנקרייך.

שניאור איז שוין אין פאַריז ניט געווען. האָב איך געטראַכט, אַז איך האָב דאָ ניט וואָס צו פאַרלירן. און עס איז גוט צו שפּאַנען זומער, ווען אַלץ בליט, איבער ווייטע וועגן, אַנטקעגן די וואַרעמע אַראָמאַטישע ווינטן. עס איז גוט צו שלאָפן אונטערן פרייען הימל און פאַרטאָג זען ווי די זון גייט אויף. און אַז דער פרימאָרגן איז אַ כמאַרנער, איז אויך נישט געפערלעך. עס דאַרפן אויך זיין רעגנדיקע טעג און, ווען אַ ווינט צעוויגט די ביימער און זיי הויבן אָן צו רוישן, איז דאָך גאָר אַ פאַרגעניגן, ווייל דאַן זינגט אַלץ אין מיר.

אויף מאָרגן האָב איך פאַרלאָזן פאַריז.

* * *

גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך פאַרלאָזט שווייצאַריע און בין געקומען קיין אַמעריקע. שניאורן האָב איך די גאַנצע צייט ניט געזען און אויך ניט געוואוסט וואו ער איז. אָבער אָט האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין „פאָרווערטס" זיינע „שקלאָווער יידן" און אַנדערע זאַכן. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו זיי און צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט זיין אַרט שרייבן אין יידיש. איך האָב באַוואונדערט

זיין גרויסן טאַלאַנט, נאָר ער איז ניט געווען אינגאַנצן מיין שרייבער, ווייל איך האָב אַ שוואַכקייט צו שטילע שרייבער, וואָס שילדערן מענטשן, געשעענישן און לאַנדשאַפטן מיט אַ לירישן טאָן, מיט מענטשלעכן אומעט, מיט שטימונגען וואָס שוועבן הינטער די שורות און מאַכן זיך צו פאַרטראַכטן, אַז מען פאַרמאַכט דאָס בוך. שניאור איז געווען פאַר מיר צו ברויזנד, צו טעמפּעראַמענטאַל און אַפילו אַ ביסל צו פאַרביק. עס האָט געאָטעמט מיט גבורה און תאווה פון זיינע דערציילונגען און בילדער. איך באַמערק עס ניט ווי אַ חסרון. פאַרקערט, עס איז גאָר אַ סימן פון אַ גרויסן טאַלאַנט, נאָר פאַר מיר האָט געפעלט דאָס לעגענדאַרישע, דאָס מעשהלע, וואָס איז פאַראַן אין לעבן און דאַרף זיך, דאַכט זיך, אָפּשפּיגלען אין יעדן קינסטלערישן ווערק.

אַז שניאור איז געקומען קיין אַמעריקע מיט זיין פאַמיליע, דורכ־מאַכנדיק אַ פיינלעכע רייזע אויף אַ קליינער שיף, בין איך געווען אין קאַליפאָרניע. איך האָב וועגן דעם געלייענט אין די יידישע צייטונגען און זיך שטאַרק געפרייט וואָס שניאור איז שוין דאָ, אין דעם פרייען, רייכן גוטן לאַנד. איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז פאַר די לאַנגע יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, איז ער געוואָרן אַן אַנדער מענטש. איך האָב אַלץ געמיינט אַז ער איז דער זעלבער שניאור, און די יוגנט, וועלכע איז מערסטנס צוגעלאָזן, פרייגטלעך, שטיפעריש און ברייטהאַרציק, האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעטאָן פון אים. אוודאי איז געווען נאַאיוו פון מיר אַזוי צו טראַכטן, אָבער דעם אַנדערן שניאור האָב איך נאָך ניט געקענט.

אָבער ווי נאָר איך האָב זיך דערוואוסט, אַז שניאור איז אין ניו־יאָרק, האָט מיך גענומען ציען צוריק צו איסט בראָדוויי, פון וועלכער איך האָב פריער געוואָלט אַנטלויפן. אָבער מאַכן די רייזע האָב איך ניט געקענט, ווייל עס איז געווען פאַרבונדן מיט אויסגעבן עטלעכע הונדערט דאָלער, וואָס איך האָב זיך דאָן ניט געקענט דערלויבן. האָב איך באַ־שלאָסן שרייבן שניאורן אַ בריוו אויפן אַדרעס פון „פאָרווערטס” און אים באַגריסן מיט זיין אָנקומען קיין אַמעריקע.

אָבער אָט זיץ איך איינמאָל אין דער פרי מיט מיין פרוי און טעכטערל און מיר עסן פרישטיק. פּלוצלינג דערהערט זיך הינטער דער טיר פון מיין באַנגעלאָ אַ שאַרפער פייף פון אַן אויטאָמאָביל און באַלד אַ קלונג ביים אַריינגאַנג. איך לויף צו עפענען די טיר און גלויב ניט מיינע אויגן. פאַר מיר שטייט מיין גוטער באַקאַנטער מישקאַ, מיט וועלכן איך

האָב זיך באַפריינדעט אין מיאַמי ביטש, און מיר האָבן ניט איינמאָל גע־הוליעט צוזאַמען. מישקאַ איז געווען הויך און שטאַרק געבויט, מיט אַ טראַגישער מינע אויפן פּנים. אַמאָל, האָט ער מיר דערציילט, אין רוסלאַנד, איז ער געווען אַ רוסישער אַקטיאָר. מישקאַ האָט אַ סך גע־טרונקען דעם ביטערן טראָפּן, נאָר דאָס האָט אים ניט געשאַדט צו ווערן אַ גוטער ציין־דאָקטאָר. דערצו איז ער אויך געווען גאַנץ פּראַקטיש און געמאַכט אַ פאַרמעגן. אָבער שטענדיק פאַרבליבן אַ גוטער ברודער. באַזונדערס מיט קינסטלער.

— מישקאַ! — האָב איך אַ געשריי געטאָן מיט פרייד. — ווי קומסטו אַהער!?

אָבער מישקאַ איז אַריין אין באָנגעלאָ, און נאָך אים האָט זיך באַ־וויזן אַ טונקעלער קליינינקער מאַן מיט שוואַרצע וואָנצעלעך. קורץ, דער קליינינקער מאַן, וואָס איז געווען מישקאָס אַ פריינט און אַן אייגנ־טימער פון אַ גרויסן האָטעל אַרום שיקאַגאָ, האָט זיך עפּעס פאַרפּלאָנ־טערט מיט אַ שיקסע און געדאַרפט זיך אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע צייט. זיינען זיי ביידע אַוועקגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע און דאָ האָט מישקאַ זיך דערוואוסט אַז איך וואוין אין אָושען פאַרק. און איצט זיינען זיי געפאָרן צוריק קיין שיקאַגאָ.

— ווילסט פאָרן מיט אונדז? — האָט פלוצלינג געפרעגט מישקאַ. — „יעדיעם, בראַט". מיר וועלן אַ הוליע טאָן אויפן וועג.

איך האָב געזאָגט מיין פרוי, אַז איך וואָלט זייער געוואָלט זען שניאורן און דאַרף אויך דערליידיקן אייניקע זאַכן אין רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל". זאָל איך פאָרן?

— פאָר, — האָט זי געענטפערט. — מיר וועלן אויך אונטערקומען שפּעטער.

מישקאַ האָט מיך גענומען איילן. איך האָב אויף גיך פאַרפּאַקט די נויטיקע זאַכן אין אַ טשעמאָדאַן, גענומען דעם קליינעם טייפּרייטער, זיך געזעגנט מיט מיין פאַמיליע און אייניקע שכנים און אָט האָט דער אויטאָמאָביל פאַרקירעוועט אין אַ זייטיק געסל און די באָנגעלאָ, וואו איך האָב זיך געקליבן וואוינען און וואוינען, איז פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן.

אויף דער דאָזיקער רייזע האָב איך פּשוט איינגעשטעלט מיין לעבן, פאָרנדיק מיט דעם כמעט שטענדיק פאַרשנאָשקעטן מישקאַ און זיין קאַפּריזנעם רייכן פריינט. ניט איינמאָל האָב איך געדאַרפט בענטשן

גומל, וואָס די מאַשין האָט זיך ניט אַראָפּגעקייקלט אין אַן אָפּגרונט. עס האָט זייער אָפּט געהאַלטן דערביי. דערצו בין איך קראַנק געוואָרן אין וועג און זיי האָבן מיך געוואָלט לאָזן אין אַ קליין שטעטל, וואו איך האָב קיינעם ניט געקענט.

דאָס אַלץ דערמאָן איך דאָ דערפאַר, ווייל עס האָט אַ שייכות מיט מיינע דעראינערונגען וועגן זלמן שניאור.

* * *

אין ניו־יאָרק האָט מען מיר געזאָגט, אַז שניאור וואוינט אין אַ האָטעל. איך האָב אָפּגעזוכט זיין טעלעפאָן און אים געוואָלט אָפּרופן, נאָר עס ניט געטאָן. עפּעס האָט מיר אָפּגעהאַלטן. אָט, ער קומט דאָך אָפּט אַריין אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" און אין קיבעצאַרניע, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון רעדאַקציע, און איך וועל אים דאָרטן טרעפן. און אַזוי איז טאַקע געווען.

איינמאָל שטיי איך ביי דער „פאָרווערטס" געביידע און רייד מיט עטלעכע קאָלעגן. פּלוצלינג האָב איך באַמערקט שניאורס הויכע פיגור. ער איז געגאַנגען גיך צו דער געביידע. איך בין צו אים צוגעקומען און מיט פרייד אים אויסגעשטרעקט די האַנט:

— שניאור, וואָס מאַכט איר?

ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט, אַז ער איילט זיך אין רעדאַקציע. באַלד וועט ער אַרויס צוריק. עס איז ווי אויסגעקומען, אַז מיר האָבן זיך שוין געזען נעכטן און אייערנעכטן און מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן אַלץ. איך בין געבליבן וואַרטן אויף אים און זיך געפילט מאָדנע און ווי אַ ביסל באַליידיקט. מיר האָבן זיך אַזוי פיל יאָרן ניט געזען און — גאָרניט! אונדזער באַגעגעניש האָט אויף אים קיין איינדרוק ניט געמאַכט. דאָך האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר מוז ער טאַקע איילן וועגן אַ וויכטיקן ענין און איז געווען אַ ביסל צעטומלט, אָבער ווען ער וועט אַרויס פון רעדאַקציע, און מיך ווידער דערזען, וועט ער זיך ערשט אַרומכאַפּן מיט מיר, ווי מיט אַן אַלטן גוטן פריינט פון די יוגנט־יאָרן, און מיר וועלן דערנאָך אַריין אין אַ רעסטאָראַן, און, ביי אַ זייטיקן טישל, אַז קיינער זאָל אונדז ניט שטערן, שמועסן און שמועסן. איך האָב אים דאָך אַזוי פיל צו דערציילן וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין אַמעריקע. און מיר ווילט זיך אויך וויסן וועגן אים.

אָבער שניאור האָט זיך פאַרהאַלטן אין „פאָרווערטס"־רעדאַקציע לאַנג און איך בין אַוועק אַ ביסל אַן אומעטיקער און געטראַכט: „נאַ־

רעשער ייד וואָס דו ביסט, שניאור איז פאַר די יאָרן וואָס דו האָסט אים ניט געזען, געוואָרן באַרימט און רייך. ער איז איינער פון די גרעסטע פּאָעטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור. זיינע ווערק ווערן איבערזעצט אין אייראָפּעאישע שפּראַכן. מאַלע וואָס ער איז מיט דיר געווען באַפריינדעט אין דער יוגנט. איצט ביסטו ניט זיין גלייכן און שטופּ זיך ניט, וואו מען דאַרף ניט".

דאָך האָט עס מיך פאַרדראָסן און גענאָגט אַביסל. דערנאָך האָב איך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מיין שטייגער איז, ווען אימי־צער ווערט מיר ניט צום האַרצן, און ווי איינער זאָגט: זאָל ער זיך גיין געזונטערהייט און דערמיט פּאַסירט.

דערווייל האָט מען מיר גענומען איבערגעבן פאַרשיידענע גרוסן וועגן שניאורן. עס האָט אויסגעקוקט אַז די היגע יידישע שרייבער האָבן אים אויפגענומען ניט אַזוי ווי ער האָט פאַרדינט. אין דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע האָב איך געהערט ניט גאָר קיין גינסטיקע מיינונגען וועגן זיינע שאַפונגען. אָבער דאָס האָט מיך ניט איבערראַשט, וויסנדיק מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן אין שרייבער קריטיקירט אָפט דעם צווייטן, ווי דער פלאַץ אויפן פאַרנאַס, אַזוי צו זאָגן, וואָלט געווען ענג פאַר אַלעמען...

איך האָב שניאורן שטענדיק געליבט, כאָטש, ווי איך האָב שוין באַמערקט פריער, איז ער ניט אינגאַנצן פון מיינע שרייבער, אָבער דאָס שטערט מיר ניט צו שעצן הויך זיין גרויסן טאַלאַנט, זיין אויסער־געוויינלעכע פּאָעטישע קראַפט און דערציילערישע קונסט.

עס איז פאַרביי מער ווי אַ וואָך, און אָט באַגעגן איך ווידער שניאורן אויף איסט בראָדוויי, ניט ווייט פון דער „פאָרווערטס" געביידע. דאָס מאָל וואַרט איך ער זאָל צוקומען צו מיר און ער קומט צו. און ווידער האָב איך דעם איינדרוק, אַז ער האָט מיך געזען נעכטן און אייערנעכטן און מיט מיר שוין אַ סך געשמועסט. שניאור רופט מיך אין אַ קאַ־פעטעריע נעמען מיט אים אַ בייס. אויך איצט איילט ער עפּעס און איז אַ ביסל אומרואיק.

— וואו ווילט איר עסן? — פרעג איך.

— נאָר ניט אין קיבעצאַרניע.

מיר גייען אַריין אין אַ קליינעם רעסטאָראַן, זעצן זיך אַוועק ביי אַ זייטיקן טישל. איך קוק אויף שניאורן מיט נייגיר. האָט ער זיך געביטן אין אויסזען? אוודאי זעט ער אויס עלטער, און גרויע הערלעך

מערקן זיך אין זיינע שוואַרצע האָר און אין דער באָרד. און דער אויסדרוק פון פּנים, אין אַלגעמיין, איז ניט פון אַמאָל, און ער לאַכט ניט אַזוי ווי אַמאָל. עס קוקט אויס, ווי אַמעריקע וואָלט אים עפּעס צעטומלט און אפילו דערשראָקן. די קאַלטקייט פון די היגע יידישע שרייבערס האָבן אויף אים, קענטיק, געווירקט שלעכט. ער האָט זיכער דערוואַרט אַן אַנדער אויפנאַמע.

ער פרעגט מיר, וויפל זאַכן איך שרייב אַ וואָך אין „מאָרגן זשורנאַל". דערנאָך דערמאָנט ער מיין בוך „וואָגלעניש", וואו איך האָב אים פּראָבירט אַ ביסל שילדערן. יאָ, ער האָט דאָס בוך געלייענט. אָבער דערביי באַמערק איך אַ גרימאַסע אויף זיין פּנים, ווי ער וואָלט ניט געווען צופרידן מיט מיינע שילדערונגען, און אפשר אויך מיטן גאַנצן בוך. איך ענטפער אים גאָרניט. מיר עסן און טרינקען ביר. איך דערציילט אים וועגן די היגע שרייבערס און ווי זיי לעבן דאָ אין אַ ליטעראַרישער סביבה. און ווי אָפטמאָל איז מיר דאָ זייער אומעטיק.

אַז איך בין אַרויס מיט שניאורן פון רעסטאָראַן איז ביי מיר געווען אַ פּוסטקייט אויפן האַרצן. ער האָט מיך ניט איינגעלאַדן צו זיך, און האָט ערגעץ אַוועקגעאיילט. אָבער פון דאַן אָן האָב איך אים אָנגעהויבן באַגעגענען גאַנץ אָפט אויף איסט בראָדוויי און מיר פלעגן אַמאָל גיין עסן צוזאַמען אָדער טרינקען אַ גלאָז ביר. זיין נערוועזיטעט און אומצופרידנקייט מיט די היגע קאָלעגן איז אַלץ, דאַכט זיך, געוואַקסן. אַזאַ איינדרוק האָבן געמאַכט אויף מיר זיינע רייד.

אַוועקגייענדיק פון אים האָב איך ניט איינמאָל געטראַכט: פאַרוואָס האָט אַמעריקע ניט אַרויסגעגעבן קיין איין גרויסע עטישע פּערזענלעכקייט, צווישן די שרייבערס, אַרום וועלכער עס זאָל געשאַפן ווערן אַ וואַרעמע ריינע ליטעראַרישע סביבה, וואו די אמתע קינסטלער זאָלן זיך קענען צוטוליען און פילן היימיש. פאַרוואָס האָט אַמעריקע ניט אַרויסגעגעבן אַ י. ל. פּרץ, כאָטש דאָ זיינען פאַראַן שרייבער מיט מער טאַלאַנט, לויט מיין מיינונג, וואו ליגט דאָ די קללה? ווער איז שולדיק אין דעם

ענדלעך האָט מיך שניאור איינגעלאַדן צו זיך. איך בין גערן געגאַנגען צו אים, ווייל איך האָב געוואָלט זען זיין פרוי און זיינע קינדער.

שניאור האָט געוואוינט אין אַ קליינעם האָטעל-אַפּאַרטמענט. ער האָט מיך אויפגענומען אין זיין שרייב-צימער. זיין פרוי האָט עפּעס יענעם טאָג געפילט ניט גוט און איז ניט אַרויס פון איר צימער. אָבער זיין

טאָכטער איז געקומען פון סקול און איז אַריין זען דעם גאַסט. איך האָב איר נייגעריק אָנגעקוקט. ניט קיין הויכע שוואַרץ־חנוודיקע מיידל. שניאור האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר און זי איז אַרויס.

לאַנג בין איך ביי אים ניט געזעסן. ער איז געווען אומרואיק און זיין אומרו האָט זיך מיר ווי איבערגעגעבן. אָבער אַז איך האָב גענומען אַוועקגיין האָט ער מיט אַ נאָטקע פון פאַרדרוס אַ זאָג געטאָן:

— וואָס איילט איר אַזוי?

די צייט איז געגאַנגען. שניאור האָט אין אַמעריקע גענומען אַרויס־געבן זיינע ווערק, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס". די אָפּי־ציעלע קריטיקער האָבן זיך אָפּגערופן ניט גאָר גינסטיק. באַזונדערס דר. מוקדוני. שניאור איז דוכט זיך געוואָרן נאָך מער פאַרביטערט אויף דער היגער ליטעראַרישער סביבה. ער איז אויך, קענטיק, ניט געווען צופרידן מיטן „פאָרווערטס", ווייל איינמאָל, ריידנדיק וועגן דער צייטונג און איר רעדאַקטאָר, אב. קאַהאַן, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— פון דערוויייטנס, פון פּאַריז, האָט אַלץ אויסגעזען גאָר אַנדערש. אַ סך שענער ווי עס איז...

שפּעטער האָב איך געהערט, אַז שניאור איז אַרויסגעפאָרן איבערן לאַנד און מען האָט אים אומעטום זייער פיין אויפגענומען. דאָך האָט מען מיר איבערגעגעבן טשיקאַווע גרוסן. ער האָט זיך אויפגעפירט קאַפּריזנע. אמת, דאָס זיינען געווען קלאַנגען, און מסתמא ניט קיין ריכטיקע. אָבער דאָס געשטאַלט פון דעם יונגן ליבן דיכטער, וועלכן איך האָב געקענט אין דער יוגנט, האָט גענומען קריגן גאָר אַן אַנדער פּנים אין מיינע אויגן, און מיך האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן.

מען האָט מיר געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז שניאור איז שטענדיק געווען דער זעלבער, און איך האָב אים פּשוט ניט געקענט און ניט פאַרשטאַנען אין מיין נאַאיוויטעט. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַזוי. אָבער פאַר זיין פריינטשאַפט אין דער יוגנט וואָס האָט מיך דערנעענטערט צום יידישן לעבן און צו דער יידישער ליטעראַטור, וועל איך אים שטענ־דיק זיין דאַנקבאַר.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען אין אַ כמורנעם פאַרנאַכט, אָסיען־צייט. מיר האָבן זיך געטראָפן אויף איסט־בראָדוויי, און דערנאָך זיינען מיר געפאָרן צו אים. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין שרייב־צימער. אין הויז איז זיין פאַמיליע ניט געווען. עס איז מיטאַמאָל צו־

געפאַלן דער אָוונט. ער האָט אָנגעצונדן ליכט, אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש משקה אויפן טיש מיט צוויי גלעזלעך און מיר געהייסן זיי אָנגיסן.

מיר האָבן אויסגעטרונקען. איך בין געזעסן און ער איז געשטאַנען לעבן מיר. פון די פענצטער האָט מען געזען די באַלויכטענע וואָלקן־קראַצערס, וואָס האָבן אויסגעזען פאַנטאַסטיש אויפן טונקעלן פאָן פון דער נאַכט. שניאור האָט אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דער ליטעראַרישער ניו־יאָרקער סביבה. ער האָט גערעדט בייז און מיט אַ סך פּאַרדראָס, ווי די היגע שרייבערס וואָלטן אים זייער ווייַ געטאָן. און וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ אויפגערעגטער איז ער געוואָרן און מיר איז געווען שווער אים אויסצוהערן. זיין נערוועזיטעט האָט זיך מיר איבערגעגעבן. און עפּעס דושנע איז מיר געוואָרן אין זיין צימער.

— איך דאַרף שוין גיין אַהיים, — האָב איך געזאָגט. — מיין פרוי וואַרט אויף מיר מיט דער וועטשערע.

— וואָס איילט איר? עס איז נאָך פרי. נעמט נאָך אַ שנאַפּס.

— ניין, איך מוז גיין, — האָב איך זיך אויפגעהויבן פון שטול.

— נו, גייט, — איז ער פּלוצלינג געוואָרן שטיל, און מיך באַגלייט צום אַרויסגאַנג.

שפּעטער האָב איך אים געשריבן אַ בריוול און ער האָט מיר גלייך געענטפערט. איך האָב אים געראָטן קומען קיין מיאַמי ביטש אויף אַ וואַקאַציע, נאָר ער האָט ניט געוואָלט.

פון דאַן אָן האָב איך שניאורן מער ניט געזען.

שלמה יודסאָן

שלמה יודסאָן איז יאָרן און יאָרן געווען מיין ליטע־ראַרישער רעדאַקטאָר אין „מאָרגן זשורנאַל״.

ער איז אין „מאָרגן זשורנאַל״ געווען כמעט דער איינציקער, מיט וועמען אַ דרויסנדיקער סקיצן־שרייבער אָדער פּאָעט האָט זיך געקענט צונויפֿמענריידן און ניט פילן דערביי שלעכט אָדער אַפילו אַ ביסל באַ־לייִדיקט, ווייל ער פלעגט ריידן שטיל און ענטפערן איידל. און אין אַ רעדאַקציע פון אַ טעגלעכער צייטונג, וואו די אַרבעט ווערט געטאָן גיך, איז מען אָפט אומגעדולדיק און נערוועז און מען האָט ניט קיין צייט פאַר אַ שרייבער, וואָס האָט ניט קיין גרויסן נאָמען.

איין מאָל האָב איך אַנגעשריבן אַ מעשהלע און בין אַוועק אין „מאָרגן זשורנאַל״ און אין „אַמעריקאַנער״ עס פאַרקויפן.

אין יענער צייט האָבן רעדאַקטירט דעם „מאָרגן זשורנאַל״ די פאַר־שטאָרבענע קאָלעגן פּ. וויערניק און י. פישמאַן, און דער רעדאַקטאָר פון „אַמעריקאַנער״, איז געווען ש. יודסאָן.

עס איז געווען אַ ווינטער נאָכמיטאָג. איך בין ניט געגאַנגען אַריין אין רעדאַקציע און לייכט אַנגעקלאַפּט אין טיר פון צימער, וואו וויערניק און פישמאַן זיינען געזעסן. איך האָב שוין געוואוסט פון פריער, אַז פישמאַן האָט ניט קיין סך געדולד צו פּאָעטן און סקיצן־שרייבער, כאָטש פון דער נאַטור איז ער ניט געווען קיין שלעכטער מענטש. ער האָט פשוט געהאַלטן, דאָס מען דאַרף זיי ניט אין אַ טעגלעכער צייטונג. אַזוי האָט ער זיך אַמאָל אַפילו אויסגעדריקט פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם בעלעטריסט ב. עפּעלבוים, מיט וועלכן ער האָט געהאַט אַן איבערגעריד, און איך האָב עס געהערט. און דערפאַר אַפנים האָט ער איבערגעגעבן די אָפּטיילונג פון ליטעראַטור יודסאָנען, וועלכער האָלט שוין גאָר פון פּאָעזיע און בעלעטריסטיק, ווייל ער אַליין איז אַ טאַלאַנטפולער דערציי־לער. אָבער עס מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז ווען עפּלבוים איז געקומען פון אייראָפּע קיין אַמעריקע און געבראַכט מיט זיך אַ רעקאָ־

מענדאַציע פון ביאַליקן, האָט אים פישמאַן גלייך אָנגעשטעלט אין „מאָרגן זשורנאַל" און „אַמעריקאַנער".

ווערניק האָט מיר געזאָגט אין וועלכן צימער יודסאָן זיצט. איך בין אַריין צו אים. יודסאָנס אויסזען האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. מיר איז געפעלן געוואָרן דער הויכער, שטאַרקער, ברייטפּלייציקער בלאָנדער מאַן, וואָס איז גאָר ניט ענלעך געווען אויף אַ יידישן שרייבער, נאָר דערמאָנט אַ נאַרוועגישן אַריסטאָקראַט אָדער אַ שוועדישן גוט־באַזיצער. און זיין שטילער אַרט ריידן איז מיר געווען צום האַרצן. דערצו דער אַביסל פאַרבאָרגענער שעמעוודיקער שמייכל.

— איר האָט עפּעס געבראַכט? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב אים דערלאַנגט דאָס מעשהלע און ער האָט אָנגעהויבן לייענען. אין אַ פינף מינוט אַרום זאָגט ער צו מיר, אַז די זאַכעלע געפעלט אים, אָבער איך האָב עס ניט פאַרענדיקט. מסתמא זיך געאיילט אויף אַ „סווידאַניע" מיט אַ דאַמאָטשקע, אָדער גלאַט אַזוי זיך פאַרברענגען און ניט באַאַרבעט די ענדע. אָבער ער וועט עס אַריינגעבן אין קומענדיקן נומער „אַמעריקאַנער". און גלייך אָנגעשריבן אַ צעטעלע אויף צען דאָלער, וואָס איך האָב געדאַרפט איבערגעבן דער קאַסירשע פון דער צייטונג און באַקומען דאָס געלט.

איך האָב זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אַלץ אָפטער און אָפטער אין „אַמעריקאַנער" און פון צייט צו צייט אויך אין „מאָרגן זשורנאַל". מיינע בעסערע זאַכן, די דערציילונגען פון שווייצאַריע און ארץ־ישראל, פלעגט יודסאָן אַריינגעבן אין דער צייטונג, וואו אויף דער פאַמיליען־„פיידזש" איז אַלע טאָג געווען געדרוקט אַ סקיצע. איך פלעג אויך פון אים גאַנץ אָפט הערן אַ קאָמפּלימענט און וואַרעמע ווערטער וועגן מיין שרייבן. איך בין אים געווען נאָענט ווי אַ ראָמאַנטיקער. עס פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמפּלימענטן פון רעדאַקטאָר האָבן מיר פאַרשאַפט פאַר־געניגן. אָבער צו מאַכן אַ פולן לעבן, אַזוי צו זאָגן, איז דאָס אַלץ ניט געקומען.

מיט פישמאַנען האָב איך געהאַט ווייניק וואָס צו טאָן און בין געווען צופרידן פון דעם. עס וואָלט מיר מסתמא געווען ניט לייכט צו שרייבן אונטער זיין רעדאַקציע, ווייל איך האָב ניט שטענדיק געקענט לאַכן פון זיינעם אַ וויץ. איך וואָלט זיכער אַרויסגעפלויגן פון דער צייטונג. אָבער יודסאָנס איידלקייט און שטילקייט, איז פאַר מיר געווען

אַ שטיקל גליק, ווייל מען האָט דאָך געקענט זיך אָפּט דרוקן און עפּעס פאַרדינען. און אַזוי איז יודסאָן געווען צו אַלע דרויסנדיקע פּאָעטן און דערציילער.

אמת, איינמאָל האָב איך בייגעוואוינט אַ צוזאַמענשטויס צווישן אים און דעם דראַמאַטורג און דערציילער פּ. בימקאָ, וואָס האָט געדרוקט סקיצן אין „מאָרגן זשורנאַל". יודסאָן האָט זייער געהאַלטן פון דעם דאָזיקן באַגאַבטן שריפטשטעלער, אָבער איינמאָל האָט ער עפּעס געהאַט אויסצוזעצן קעגן זיין שפּראַך, וואָס איז געווען אַ ביסל צו שווער. יודסאָן האָט עס אים באַמערקט אויף זיין איידעלן שטייגער. בימקאָ איז געוואָרן אין כעס און עפּעס שאַרף געענטפערט יודסאָנען. דער סוף איז געווען, אַז בימקאָ איז געוואָרן אויס מיטאַרבעטער פון „מאָרגן זשורנאַל". ער איז, דאַכט זיך, אַליין אַוועק. קורץ יודסאָן האָט אים געטאָן אַ גרויסע טובה, ווייל בימקאָ האָט גענומען זוכן פּרנסה אויף אַנדערע וועגן און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער מענטש. אַנדערש וואָלט ער אפשר פאַרבליבן זיין גאַנצן לעבן אַ בידנער סקיצן־שרייבער.

יודסאָן האָט מיך באַשטימט צו רעדאַקטירן די קינדער־זייט אין „אַמעריקאַנער". ער האָט מיר אַ נאָמען געגעבן „פּעטער עליע" און איך בין געוואָרן אַ רעדאַקטאָר, וואָס האָט זיינע מיטאַרבעטער קיין האָנאָ־ראַר ניט געצאָלט, ווייל דעם מאַטעריאַל האָב איך געמוזט צושטעלן אָן געלט. אָבער די יונגע פּאָעטן און באַזונדערס הערמאַן גאָלד האָבן מיר געבראַכט לידער און מעשהלעך איבער גענוג.

די פריינטשאַפט צווישן מיר און מיין רעדאַקטאָר איז געוואָרן אַלץ וואַרעמער. ער האָט שוין עטלעכע מאָל באַזוכט מיין הויז ווען איך האָב געוואוינט ביים ים, אין סי־געיט, און ניט איינמאָל פלעגן מיר זאַלבע־דריט: איך, יודסאָן און דער לעבעדיקער גיין אין רומעניש קעלער עסן אַ סטייק און טרינקען אַ גלאָז וויין. יודסאָן איז ניט קיין טרינקער, אָבער אַז ער וויל קען ער טרינקען גענוג און בלייבן רואיק. און עס פלעגט פּאַסירן, אַז מיר דריי פלעגן אויסטרינקען גאָר אַ סך.

איך האָב אַרויסגעגעבן אַ בוך אין דעם וואַרשעווער פאַרלאַג „בזשאָ־זאָ". איך האָב אָנגעהויבן צוריידן יודסאָנען, אַז ער זאָל אויך אַרויסגעבן זיינע דערציילונגען און מעשהלעך. אָבער ער פלעגט זיך אַלץ אָפּטרייסלען און זאָגן: צו וואָס? עס פעלן ביכער אויף דער יידישער גאַס? דערצו זיינען זיינע דערציילונגען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע צייטונגען און זיינען אַזש געל געוואָרן פון אַלטקייט. ער האָט ניט וועלן זיך צו פאַרנעמען

מיט דעם. די מערסטע זאַכן דאַרף מען איבערשרייבן. איך האָב עס פאַר אים גערן געטאָן אָן געלט, כאָטש די אַרבעט האָט ביי מיר צו־גענומען אַ סך צייט. אָבער מיר האָט זיך געוואָלט מיט עפּעס אָפּדינען מיין רעדאַקטאָר און פריינט, פאַר זיין פיינער באַציאונג. און זיינע דריי ביכער זיינען דערשינען אין פאַרלאַג „בזשאָזאָ". דערנאָך האָט יודסאָן געמאַכט אַ סעודה ביי זיך אין הויז פאַר אַלע מיטאַרבעטער פון „מאָרגן זשורנאַל" און איך האָב זיך געפילט ווי גאָר אַ נאָענטער מחותן אויף דער דאָזיקער שמחהלע.

יודסאָן איז אַ ליבהאָבער פון מאָלעריי און מוזיק. זיינע איינדרוקן וועגן אויסשטעלונגען פון בילדער און קאָנצערטן, וואָס ער האָט געדרוקט אין „מאָרגן זשורנאַל", צייכענען זיך אויס מיט צאַרטקייט און אַ פיינעם לירישן טאָן און מיט פאַרשטענדלעכקייט.

אויך איך האָב מיט יודסאָנען געהאַט ניט איין מאָל אַן איבעררייד. און שטענדיק זיינען מיר ביידע געווען גערעכט. וועלכער שרייבער האָט עס ניט אַמאָל אַ שטיקל צוזאַמענשטויס מיט זיין רעדאַקטאָר!? אַזוי איז עס שוין. אָבער ווען ווילט זיך געדענקען פאַרדרוסן, אַז מען איז שוין אַלט און אָט־אָט וועט אַלץ זיין געענדיקט. זאָל פאַרבלייבן בלויז דאָס פיינע און דאָס גוטע, וואָס איז געווען צווישן מיר און מיין רעדאַקטאָר און פריינט שלמה יודסאָן.

לעאָן קוסמאַנס בוך „עזרא"

איך ווייל דאָ ניט שרייבן קיין רעצענזיע, ווייל עס איז ניט מיין באַרוף. אָבער קוסמאַנס נײַ ווערק „עזרא", האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ סך ליבע דערינערונגען, און אָט וועגן דעם ווילט זיך מיר עפּעס פאַרצייכענען.

איך קען קוסמאַנען שוין נאָענט צו פערציק יאָר. מיר זיינען אַלטע חברים. און זאָל מיר דאָ גלייך דערלויבט זיין געבן אַ קליינע כאַ־ראַקטעריסטיק פון אים.

כאָטש קוסמאַן האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט די זעכציקער, איז ער נאָך אַלץ פאַרבליבן יונג אין גייסט און גלויבן, און דעם דאָזיקן אוצר היט ער אָפּ אין זיך ווי דאָס טייערסטע אין לעבן.

קוסמאַן גלויבט מענטשן און דערפאַר, אַז ער ווערט אַמאָל אַנ־טוישט אין אימיצן, אָדער אָפּגענאַרט און פאַרפירט, איז אים עס שווער אַריבערצוטראָגן. אָבער דאָס פּאַסירט מיט אים נישט אָפט, ווייל מערסטנס לאָזט ער אַפילו ניט צו צו זיך דעם געדאַנק, אַז מען קען אים אָפּנאַרן.

איך קען פּאָעטן און דערציילער, וואָס וואָלטן גאָר געדאַרפט זיין קרעמער לויט זייערע כאַראַקטערן. אָבער קוסמאַן איז אויך אַ פּאָעט אין לעבן. ער האָט די אומרו פון אַ קינסטלער, די פאַנטאַזיעס און חלומות, די וויזיעס פון אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, מיט וועלכע ער לעבט זיך איין, ווי מיט פּאַסירונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן. ער פאַרמאָגט די ברייטקייט פון אַ „ספּאָרט" און די פרייד פון אַ יינגל ווען ער פאַרברענגט מיט חברים און פריינט.

די צייט, וואָס קוסמאַן שילדערט אין זיין נייעם בוך „עזרא", איז מיר גוט באַקאַנט. ניט אומזיסט האָט ער מיר אין בוך אָנגעשריבן:

„מיין יוגנט פריינט תלוש, אין אָנדענק פון דער ברויזנדיקער צייט ווען מיר האָבן אין דער שווייץ מיטגעלעבט און מיטגעשפּילט אין אין דעם הערלעכן ספּעקטאַקל". און דאָס איז ריכטיק, ווייל אין יענער צייט האָבן אין דער שווייץ געלעבט און געשאַפן מענטשן, וואָס האָבן

שפּעטער איבערגעדרייט די געשיכטע פון פעלקער און איר אַ טרייב געטאָן אויף נייע אַנדערע וועגן.

קוסמאַן האָט מיר צוגעשיקט דאָס בוך קיין מיאַמי ביטש, וואו איך האָב געוואוינט דעם ווינטער. און דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, האָב איך אָנגעהויבן לייענען זיין „עזרא". אין דרויסן האָט גראָד גערעגנט, נאָר שטיל און ליכטיק איז געווען אין מיין קליינעם חדרל. אַלע ווײלע פלעג איך פאַרמאַכן דאָס בוך און זיך פאַרטראַכטן. די געדאַנקען פלעגן מיך אַוועקטראָגן ווייט, ווייט, צו דעם קליינעם באַרגיקן וואונדערבאַרן לאַנד שווייצאַריע, צו מיין יוגנט, וואָס איז געווען שיין און אינטערעסאַנט. כאָטש צייטנווייז פול מיט ליידן און פיין. וואַרט, ווען האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל באַקאַנט מיט קוסמאַנען?! איך קען זיך ניט דערמאָנען. אָבער איך געדענק אַ פרילינג פאַרנאַכט אין בערן, וואָס האָט זיך שאַרף איינגעשניטן אין מיין געדעכעניש. איך שטיי אין גאַס מיט זיין פאַר־שטאָרבענער ערשטער פרוי, די מוטער פון זיינע צוויי זייער געראָטענע זין, רבקה, וואָס איז דאַן, דאַכט זיך, נאָך געווען זיין כלה און איז ערשט געקומען פון ריגע צו אים. מיר שטייען אויף אַ הויכן פּלאַץ, ביי אַ הילצערנעם צוים, ווייל אַנטקעגן אונדז איז אַ משופּעדיקער פלאַץ און עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ סטעזשקע צו אַ גאַס, וואָס איך געדענק שוין נישט איר נאָמען. די זון איז פאַרגאַנגען, נאָר אַנטקעגן ברענט נאָך דער מערב אין אַלערליי קאָלירן. רבקה שטייט מיטן רוקן צו די בונטע פאַרבן און איר הויכע שלאַנקע פיגור צייכנט זיך וואונדערבאַר שיין אויפן הינטערגרונט פון האָריזאָנט. זי דערציילט מיר עפּעס וועגן ריגע. אירע אויגן זיינען שוואַרצע און קוקן ווייך, לאַסטשענדיק. די פאַרבן ווערן טונקעלער אין מערב. דער פרילינג־ווינטל ווערט שטאַרקער. מיר שטייען אַלץ און ריידן, ווייל באַלד דאַרף קומען קוסמאַן פון אוניווערסיטעט, וואו ער שטודירט פילאָסאָפיע. היינט אָוונט וועט ער פאַר אַ גרופּע חברים פאַרלייענען זיינע אַ נייע דערציילונג, און ער האָט מיך אויך איינגעלאַדן. וואַרטן מיר ביידע אויף אים ניט ווייט פון דעם הויז, וואו ער האָט זיין צימער. איך און זיין שיינע כלה.

מיינע דערינערונגען האַקן זיך איבער. איך עפן ווידער דאָס בוך און זוך אין די מאָמענטן רבקהס געשטאַלט, ווייל דאָס בוך איז אויטאָ־ביאָגראַפיש און „עזרא" איז דאָך קוסמאַן אַליין. אָבער איך ווער מיד פון זוכן און פאַרמאַך ווידער דאָס בוך. לייענענדיק ווייטער וועל איך זי זיכער געפינען. שטיל וועט זיך באַווייזן איר פּנים אויף די בלעטער

פון די סאָנעטן און זי וועט אַ קוק טאָן אויף מיר מיט אירע שוואַרצע ווייכע אויגן, וואָס זיינען שוין אַזוי לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן.

איך דערמאָן זיך ווייטער:

אָט לייענט קוסמאַן זיין דערציילונג פאַר דער קליינער גרופּע חברים. דאָס זיינען אַלע יונגע סטודענטן, ציוניסטן, וואָס דאָס יידישע לעבן אינטערעסירט זיי שטאַרק. קוסמאַן לייענט מיט געפיל און באַ־גייסטערונג. זיין כלה זיצט אָן אַ זייט אין אַ ווינקל און קוקט אויף אים מיט ליבע. זי נעמט ממש ניט אַראָפּ אויף אַ רגע אירע אויגן פון אים. און אַז ער ענדיקט לייענען, הויבט מען אָן דיסקוטירן וועגן די טיפּן, וואָס ער האָט געשילדערט. דערנאָך דערלאַנגט זיין כלה טיי און מען פאַרברענגט געמיטלעך. מען זינגט אויך יידישע און רוסישע פאָלקס־לידער. אַלע זיינען גוט אויפגעלייגט, צופרידן. און ווען מען גייט אַרויס אין גאַס נעמט יעדן אַרום דער פרילינג־אָוונט, וואָס לאָקט און רופט און זאָגט צו גליק, וועלכע וואַרט שטענדיק אויף דער יוגנט.

איך וויל זיך דערמאָנען נאָך עפּעס אין פאַרבינדונג מיט דעם אָוונט און קען ניט.

אָבער איך געדענק אָן אַנדער אָוונט, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. דאַן איז אַלץ אַנדערש געווען. קוסמאַן האָט שוין געהאַט צוויי קינדער, ביידע יינגלעך און געלעבט אָרעם. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אין זשענעווע. איך בין געקומען צו אים. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין קיך און געפרעגט, צי איך וויל עסן, כאָטש אין זיין אייז־באָקס איז געווען גאַנץ פּוסט. די פרוי איז געווען אין שלאָף־צימער. אָבער זי האָט אויף אַ מינוט אויפגעמאַכט די טיר, וואָס האָט געפירט אין קיך, און מיך באַגריסט. אירע האָר זיינען געווען צעפּודלט, דאָס פּנים האָט אויסגעזען מיד און פאַרשלאָפן, אָבער אירע ווייכע אויגן האָבן פריינטלעך אַ שמייכל געטאָן און זי האָט מיך געפרעגט:

— וואָס מאַכט איר?

— אָט, איך וואַנדער אַרום איבער די אַלפּן־בערג.

איך בין יענעם אָוונט לאַנג ניט פאַרבליבן ביי קוסמאַנען, ווייל איך בין געקומען צו שפּעט. אָבער פאַר דער האַלבער שעה, האָט ער מיר דערציילט מיט באַגייסטערונג וועגן זיינע נייע קינסטלערישע פּלע־נער און אַז ער קלייבט זיך מיט דער פאַמיליע פאָרן קיין ענגלאַנד. ער מוז אויפגעבן דאָס שטודיום אין מיטן. דאָס צווינגען אים צו טאָן פאַרשיידענע אומשטענדן. ער וועט זיך באַזעצן אין לאָנדאָן. און אַז איך

בין שוין געשטאַנען ביים שוועל, האָט ער פּלוצלינג אויפגעמאַכט די טיר פון שלאָפצימער און געזאָגט:

— רבקה, דער גאַסט גייט אַוועק!

איך האָב דערהערט איר קול פון דער פינצטער. זי האָט מיר גע־וואונטשן אַל דאָס גוטס. מער האָב איך איר שוין ניט געזען.

און ווידער זיינען אַוועק עטלעכע יאָר.

קוסמאַן האָט שוין געוואוינט אין לאָנדאָן, און אָט איז אָנגעקומען פון אים, צו דעם באַוואוסטן ציוניסט אבערסאָן, זיינע אַ פּיעסע „דער וועג צו פרייהייט", וואָס מען האָט געשפּילט אין לאָנדאָן און וועלכע די קליינע גרופּע ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער, האָט זיך גלייך גענומען גרייטן אויפצופירן. איך בין געווען ביי דער פאָרשטעלונג און געהאַט אַ גוטן גרוס פון מיין חבר. די פּיעסע איז געווען אַ דערפאָלג.

דער נאָמען קוסמאַן, וועלכן אַלע האָבן גוט געקענט אין זשענעווע, האָט זיך מיט פרייד געהערט פון אַלעמענס ליפּן. עס איז געווען אַן אמתער יום־טוב.

און שפּעטער, שפּעטער האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. איך בין אַלץ נאָך געווען אין זשענעווע. עס זיינען געקומען יאָרן פון ניט דערעסן און אָפּטמאָל פון הונגער. ברויט האָט מען געגעבן אויף קאַרטלעך און די פרעמדע זיינען געוואָרן ניט קיין געווינטשטע אין דעם קליינעם פריינטלעכן לאַנד. איך האָב אָן קוסמאַנען פאַרגעסן. אָבער אָט האָט זיך די מלחמה געענדיקט און איך בין געקומען קיין אַמעריקע. גיי איך איינמאָל אַריין אין אַ ניו־יאָרקער ליטעראַרישער קי־בעצאַרינע און טרעף אים. מיר איז געוואָרן גוט אויפן האַרצן. קוסמאַן האָט זיך גאָרניט געביטן, כאָטש פאַר דער צייט דורכגעמאַכט אַ סך צרות און נויט. זיין פרוי רבקה איז געשטאָרבן פון דער שפּאַנישער גריפּ. מיר האָבן אַ ווײַלע גערעדט וועגן איר און איך האָב אַלץ געזען פאַר מיינע אויגן ווי איך און זי האָבן אַמאָל אין בערן, אויף אַ הויכן פּלאַץ, געוואַרט אויף קוסמאַנען אין אַ פרילינג פאַרנאַכט, און ווי איר שיינע שלאַנקע פיגור האָט זיך געצייכנט אויפן פאַרביקן הינטערגרונט פון זון־אונטערגאַנג.

קוסמאַן האָט געלויבט מיינע דערציילונגען אין „די צייט". ער האָט עטלעכע מאָל ווידערהאָלט: „באַיעלע, מען זעט גלייך, אַז דו ביסט געקומען פון דער שווייץ, פון פראַנקרייך און פון איטאַליע. עס פילט זיך אַן אמתער אייראָפּעאישער טאָן אין דיינע זאַכן. דו וועסט זיין אַלרייט אין אַמעריקע". פון דאַן אָן זיינען פאַרביי קנאַפּע זיבן און

צוואַנציק יאָר. מיר זיינען ביידע מיטאַרבעטער פון איין צייטונג און מיר זעען זיך גאַנץ אָפט. איך באַוואונדער שטענדיק זיין יוגנטלעכן ברען און גלויבן אין זיינע ליטעראַרישע כוחות. איך בין אָפט מקנא זיין ענטוזיאַזם און דעם ריינעם גלויבן, ווייל איך האָב אים ניט, ווייל מיר פעלט ער אויס. און איך בין ווייט פון צו זיין אַלרייט אין אַמעריקע.

— — — — — — — — — — — — —

עס איז שטיל און ליכטיק אין מיין חדרל. דער רעגן אין דרויסן ווערט שטאַרקער. גרויסע טראָפּנס קלאַפּן אין די „סקרינס" פון מיין פענצטער. עס איז שוין באַלד האַלבע נאַכט. איך לייען נאָך אַלץ קוסמאַנס בוך. עס ווילט זיך טרעפן אַלץ מער באַקאַנטע טיפן פון דער שווייץ, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען פאַרבראַכט אַזוי פיל יאָרן.

אָט גיט איינער אַ שוועב און אָט אַ צווייטער. און אָט דערקען איך זיך אַליין.

„עס האָט אַ בחור, בלאָנד און יונג,
פון רוסלאַנד שטורעם מיטגעבראַכט;
מיט פלאַם אין ברוסט און טרייסט אויף צונג,
געזונגען לידער טאָג און נאַכט."

אָבער ענדלעך פאַרמאַכן זיך מיינע אויגן פון מידקייט. איך דרימל איין, און מיר דוכט זיך, אַז קוסמאַן איז געקומען קיין מיאַמי ביטש, און ער איז איצט ביי מיר. מיר זיצן ביים טיש און פאַרברענגען ביי אַ גלאָז וויין. ער רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן אונדזער יוגנט און וועגן יענער „ברויזנדער צייט, ווען מיר האָבן אין דער שווייץ מיט־געלעבט און מיטגעשפּילט אין דעם הערלעכן ספּעקטאַקל".

און דער רעגן קלאַפּט אַלץ אין די „סקרינס" פון מיין פענצטער.

אליעזר שערמאַן

באַלד נאָך אליעזר שערמאַנס טויט, האָט מיר זיין שוועסטער, העלען זעליטש, געשריבן:

„געוויס האָט איר געהערט, אַז לייזער שערמאַן, מיין ברודער, איז פלוצלינג געשטאָרבן פון אַן אויטאָמאָביל־„עקסידענט". זיין פרוי האָט מיר געבעטן איך שרייבן אַ פּאָר ווערטער, ווייל מיין ברודער האָט זייער געהאַלטן פון אייך. ער איז געווען פריש און געזונט. ער איז געגאַנגען אַהיים, און אַ יונגער וועטעראַן, ערשט אַ באַפרייטער פון דער מלחמה, האָט אים איבערגעפאָרן מיט זיין מאַשין. מיך און זיין פרוי האָט מען גלייך גערופן אין שפּיטאָל. ער האָט אונדז דערקענט און גערעדט צו דער זאַך, כאָטש ער האָט געליטן שרעקלעכע ווייטיקן. זיין שטאַרבן איז געווען צעקלאַפּט. ער האָט זיך געבעטן מען זאָל אים ראַ־טעווען „ווייל עס האַלט שלעכט און איך וויל חלשן", — האָט ער גע־זאָגט. איך האָב אים געטרייסט און געזאָגט: „מיין האַרציקער ברודער, איך וועל זיין מיט דיר די גאַנצע צייט און וועל דיר העלפן געזונט ווערן". אָבער עס האָט ניט גענומען לאַנג און מיין ברודער האָט מיט זיין בלאַסער, דאַרער האַנט אַנגענומען מיין האַנט און זיך געוואָלט אויפהויבן פון בעט, נאָר פלוצלינג אַ געשריי געטאָן: „מיין ליבער גאָט, איך שטאַרב!". דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער, און דאָס איז פאָרגעקומען דעם זיבעטן מערץ, אַכט דרייסיק אין אָוונט, 1946".

מיט אליעזר שערמאַנען בין איך געווען זייער באַפריינדעט. איך געדענק שוין ניט וואו מיר האָבן זיך באַקענט. אָבער דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען אין פילאַדעלפיע, ווען איך בין אַהין געקומען אַמאָל אין די אינטערעסן פון מיינעם אַ בוך. איך האָב געהאַט שוועריקייטן און באַשלאָסן זיך אומצוקערן אַהיים. נאָר דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין פילאַדעלפיע געפינט זיך דער שריפטשטעלער און העברעאישער לע־רער שערמאַן, וועגן וועלכן מען זאָגט, אַז ער איז גאָר אַ וואוילער ייד און האָט אַ פיינע באַציאונג צו קאָלעגן.

אליעזר האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין ריינער שטילער וואוינונג.

מיר האָבן זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן עטלעכע בילדער פון ביאַליקן, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט. אליעזר איז געשטאַנען נעבן מיר, אַ הויכער און אַ דאַרער און מיט אַ שטילן שמייכל גערויכערט זיין ליולקע. אַ ווײלע שפעטער האָב איך אים דערציילט צוליב וואָס איך בין געקומען קיין פילאַדעלפיע. ער האָט געזאָגט, דאָס ער וועט מיט מיר גערן גיין אין אייניקע פלעצער און מסתמא וועט עפעס אַרויסקומען דערפון. דער־נאָך האָט ער מיך באַקענט מיט זיין פרוי, וועלכע האָט זיך באַוויזן פון אַ זייטיקן צימער, און מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט ביי אַ גלאָז טיי און גערעדט וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון דעם יידישן בוך.

אָבער דער שמועס האָט זיך געצויגן נישט לאַנג. שערמאַן איז געווען ביאַליקס אַ חסיד. ער האָט אין אַלגעמיין געהאַט אַ פיינע באַ־ציאונג צו אַלע יידישע און העברעאישע שרייבער און דיכטער. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אים ער זאָל באַריידן אַ קאָלעגע, כאָטש געוויסע שרייבער זיינען אים אפשר ניט געווען צום האַרצן. ביאַליקן האָט ער ממש פאַרגעטערט. איצט האָט ער גערויכערט זיין ליולקע און פאַמעלעך אָנגעהויבן ריידן מיט אַ קוים מערקבאַרן ציטער אין קול וועגן דעם גרויסן העברעאישן דיכטער. זיין פרוי האָט געשוויגן און די גאַנצע צייט געקוקט אויף אים. זי, אַ היי־סקול טיטשערין, אַ געבאָרענע אַמעריקאַנערין, און האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרשטיין אַלץ וואָס איר מאַן דערציילט. איך האָב זיך אויך מיט אינטערעס צוגעהערט צו זיינע דעראינערונגען וועגן ביאַליקן און וועל דאָ עפעס פרובירן פאַר־צייכענען, כאָטש דאָס איז אפשר שוין באַקאַנט, אָבער אַזוי האָט שערמאַן גערעדט צו מיר.

שערמאַן האָט אָפט באַזוכט ביאַליקס הויז אין תל־אביב, וואָס איז געווען אַזוי קינסטלעריש אויסגעשטאַט. אַ בית ועד לחכמים, אויפן אַלטן טראַדיציאָנעלן שטייגער. ער וויל פאַרעפנטלעכן זיינע זכרונות וועגן ביאַליקן און ווייס ניט וואָס צו טאָן, ווייל אויפן שטעל האָט ער ניט פאַרצייכנט דאָס וואָס ער האָט געהערט פון דעם דיכטער, כאָטש ער איז זיכער אַז אים וועט זיך איינגעבן איבערצוגעבן ריכטיק דעם תוכן פון ביאַליקס רייד.

אין זיינע שמועסן מיטן דיכטער האָט ער אים אַ פּאָר מאָל באַמערקט, אַז עס איז אַ שאָד וואָס ער האָט ניט, ווי געטע זיין עקערמאַן, אָדער ווי ביי די פאַרצייטיקע רביים פלעגט זיין אַ חוזר, אַ חסיד, אַ בן־אורין, וואָס פלעגט אויפשרייבן דעם רבינס תורות און שמועסן און אָפדרוקן פון

זיי אַ ספר. ביאַליק האָט אים אויף דעם געענטפערט, אַז ער דענקט, אַז איניקע פון זיינע עפנטלעכע רעדעס און פריוואַטע שמועסן וואָלטן געדאַרפט פאַרעפנטלעכט ווערן און אַז עס טוט אים לייד וואָס דאָס ווערט ניט געטאָן פון זיינע פריינט.

אַ פּאָר וואָכן נאָך ביאַליקס טויט האָט ער אָנגעבאָטן אַ פאַרשטייער פון אַ יידישער צייטונג צו פאַרעפנטלעכן זיינע דעראינערונגען וועגן ביאַליקן, האָט ער באַקומען אַזאַ ענטפער: „באַלד נאָכן טויט פון ביאַליקן האָבן מיר געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן אים פון איינעם פון אונדזערע מיטאַרבעטער. מיט דעם האָבן מיר „געקאָוועט" ביאַליקן. איצט איז ער פאַר אונדז טויט און באַגראָבן".

שערמאַן שווייגט אַ מינוט און קוקט מיך אָן. דערנאָך רעדט ער ווייטער: מיט „צער און צאָרן" האָט ער פאַרלאָזט די רעדאַקציע. פאַר שונד זכרונות איז שטענדיק פאַראַן מער פּלאַץ.

עס זיינען פאַראַן שרייבער, וועלכע נוצן אויס זייער גאַנצן טאַלאַנט זייערע בעסטע גייסטיקע און אינטעלעקטועלע כוחות פאַר זייערע ווערק, שעפּן אויס דעם קוואַל פון זייער יצירה אין זייערע שאַפונגען. אָבער ביאַליק איז אין דעם פּרט געווען אַ גליקלעכער אויסנאַם. זיינע שמועסן האָבן געפינקלט און געבליצט מיט אָריגינעלע רעיונות, אַפאָריזמען, עכט יידישן וויץ און הומאָר.

היינט זיין ערשטע באַגעגעניש אין אָדעס מיט דעם משורר! אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַז ביאַליק איז אַ בלאָנדער יונגערמאַן פון מיטעלן וואוקס, מיט פאַרחלומטע בלויע אויגן, לאַנגע, געקרייזלטע האָר, אַ שיין קמץ־בערדעלע און איבער דעם דיכטערס אַקס־לען איז אַריבערגעוואָרפן אַ פּעלערינע. ווי אַנטוישט איז ער אָבער געוואָרן, בעת מען האָט אים אָנגעוויזן אויפן דיכטער. פאַר אים איז געשטאַנען אַ טיפּ פון אַ קליין שטעטלדיקן סוחר. באַזונדערס האָט אים שאָקירט זיין אויפפירונג אין דער „יבנה" שול. ביאַליק האָט זיך גע־האַלטן פשוט מיט אַלעמען, איז געווען טעטיק אין פאַליש פון שול און גענומען אָנטייל אין פאַרשידענע דיסקוסיעס וועגן ציוניזם, טעריטאָ־ריאַליזם, סאָציאַליזם וכדומה.

עס איז שוין געוואָרן שפּעט. מיר האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן מאָרגן, און עפּעס אויפטאָן פאַר מיין בוך. עס איז געווען שווער, נאָר ער האָט „עפּעס" דאָך אויפגעטאָן. דערביי אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד

און פאַרשטענדעניש, אַז איך זאָל זיך ניט פילן שלעכט אָדער גע־קרענקט. ער האָט אַליין וועגן אַלץ געזאָרגט.

שערמאַן איז מיר געוואָרן נאָענט. עס איז אַזוי שווער צו געפינען אַ קאָלעגע, וואָס זאָל זיין אויפריכטיק און ערלעך. איך פלעג גערן אים איינלאַדן צו זיך, ווען ער פלעגט קומען קיין ניו יאָרק אויף אַ טאָג אָדער צוויי אין די אינטערעסן פון זיינע ביכער. אַ פּאָר מאָל האָט ער געגעכטיקט ביי מיר. ער פלעגט מיר געבן עצות און אַדרעסן פון ליבּ־האָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, צו וועמען ער פלעגט אויך שיקן זיינע ביכער. אָבער מערסטנס האָט ער מיר דערציילט וועגן ביאַליקן. דאָס זיינען געווען די זכרונות וואָס ער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אין אַ בוך.

אַזוי האָט זיך געצויגן אונדזער פיינע שטילע פריינטשאַפט. און אָט האָב איך ווידער געמוזט קומען קיין פילאַדעלפיע מיט מיין בוך „וואָג־לעניש". איך האָב ניט געוואָלט אויסנוצן שערמאַנס גוטסקייט און בין אַריינגעפאָרן צו קאָלעגע מאַלאַמוטן, וועלכער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך.

אָבער די „ביזנעס" האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט. שערמאַן האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט און באַשלאָסן דערליידיקן דעם ענין אַליין. און ער האָט טאַקע אַלץ דערליידיקט אויפן בעסטן אופן און אָן פאַר־דראָס פאַר מיר, וואָס מען האָט כמעט שטענדיק ביים פאַרשפּרייטן אַ יידיש בוך.

שפּעטער זיינען מירביידע געזעסן אין אַ קאַפעטעריע און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער שרייבט אַ סעריע סקיצן און פּאָרטרעטן פון יידן פון די קליינע שטעטלעך, וואָס זיינען חרוב ומוחרב געוואָרן. ער האָט גערעדט מיט שטילער באַגייסטערונג וועגן אָט דער אַרבעט זיינער. איין באַנד האָט ער, דאַכט זיך, שוין געהאַט אָנגעשריבן.

איך בין אַוועקגעפאָרן, דערנאָך האָט ער מיך באַזוכט נאָך אַ פּאָר מאָל אין ניו יאָרק. ווידער גוטע עצות און דעראינערונגען וועגן ביאַליקן. און אַליין איז ער אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לענגלעכן פּנים, אַביסל אַן אומעטיקן און אַ פאַרטראַכטן. און ער רעדט שטיל. אַזאַ פיינער ייד פון דער אַלטער היים, אַזאַ ערנסטער און ערלעכער שריפטשטעלער, און ס'איז אַזוי גוט זיך צו חברן מיט אים. און מיט אַמאָל איז ער אומ־געקומען אין אַן אויטאָמאָביל־„עקסידענט". ער איז געגאַנגען אַהיים,

צו זיין פרוי, צו זיינע מאַנוסקריפּטן און ביכער, צו ביאַליקס פּאָרטרעטן, און איז ניט דערגאַנגען.

אין איר בריוו האָט מיר אויך שערמאַנס שוועסטער באַמערקט, דאָס איך וואָלט געדאַרפט שרייבן וועגן אים. איך האָב אַלץ ניט געהאַט די געלעגנהייט. און אפשר בין איך אויך ניט באַרופן צו שרייבן וועגן אים, ווייל ער האָט געהאַט אַ סך יידיש וויסן. אָבער זאָל דאָס אויבן דערמאָנטע זיין אַ בלימעלע אויף זיין קבר.

ער שטייט מיר אָפט פאַר די אויגן.

דער יידישער פּאָעט פון טשילע

איך האָב דעם יידישן פּאָעט פון טשילע, משה דוד גיסער, פריער קיינמאָל ניט געקענט. מיר איז אויך קיינמאָל ניט אויס־געקומען צו לייענען זיינע לידער, כאָטש מעגלעך, אַז איך האָב איניקע פון זיי יאָ געלייענט און פּשוט פאַרגעסן, ווייל דער זכרון דינט שוין ניט אַזוי גוט. אָבער אָט האָב איך באַקומען אַ געלעגנהייט מיטן דיכטער זיך צו באַקענען און אַפילו ווערן באַפריינדעט.

גיסער איז געקומען קיין ניו־יאָרק און מיין טייערער קאָלעגע, דער פיינער קאַליגראַפער שריפטשטעלער ש. טענענבוים, האָט מיר געשריבן, אַז בערטאַ קלינג, וועלכע שרייבט אַליין לידער און זינגט געשמאַק, האָט אין איר הויז אַראַנזשירט אַן אָוונט לכבוד דער דיכטערין רחל קאָרן. צו דעם דאָזיקן אָוונט האָט מען אויך איינגעלאַדן גיסערן און אימיצער פון די פּאָעטן אָדער שריפטשטעלער, האָט, מסתמא אין שפּאַס, אים אַריינגערוימט, אַז דער קבלת פּנים איז פאַר אים. דער דיכטער האָט זיך דערפילט זייער גוט און ממש אויפגעלויכטן. איז ער דאָך גע־פלויגן אַזאַ ווייטן וועג צו קריגן אנערקענונג און אַ ביסל וואַרעמקייט פון די קאָלעגן פון איסט בראָדוויי, וואָס זיינען אַזוי קאַרג אויף דעם, ווען דער דיכטער איז ניט פון די גרויסע טאַלאַנטן. אמת, זיי האָבן ניט קיין צייט אַרויסצואווייזן פריינטשאַפט אַ קאָלעגע, וואָס איז געקומען צו זיי פון אַ ווייט פאַרוואָרפן ווינקל. מען איז צופיל פאַרנומען מיט זיך, מיט דער אייגענער גרויסקייט. איין קליינקייט, מען מוז שווער אַרבעטן און זיך פאַרזאָרגן מיט אומשטערבלעכקייט.

גיסער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין חכמות, און אָן צו לאָזן זיך בעטן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, זיך אַוועקגעשטעלט לייענען אַ לאַנגע פּאָעמע, וואָס האָט, אַפּנים, ניט שטאַרק אויסגענומען. איז אַ

צווייטער דיכטער אויפגעשפרונגען אַן אָנגעצונדענער, און געפּאָדערט, אַז מען זאָל אים אויך לאָזן פֿאַרלייענען זיינע פּאָעמעס, און דער סוף איז געווען אַ שטיקל סקאַנדאַל.

און נאָך האָט מיר געשריבן טענענבוים: „גיסער איז אָפּגעפֿאָרן, לייען איך אין „פֿאָרווערטס" אַ נאָטיץ, אַז אין אַ רעסטאָראַן אין דער איסט סייד קומט מען זיך צונויף מען פּאַר אַן אָוונט לכבוד דוד גיסערס אָפּפֿאָרן. איך האָב זיך געאיילט צו גיין. נאָר דעם טאָג איז אויסגעפֿאַלן אַ רעגן און ביינאַכט איז געווען אַ געדיכטער נעפּל. איך האָב ניט גוט געפֿילט. איך בין געלעגן אויפֿן בעט, מיך האָט געצויגן גיין אַהין, נאָר דאָס וועטער, דאָס ניט פֿילן גוט, האָט מיך אָפּגעהאַלטן. איך האָב געפֿילט אַז איך דאַרף גיין צום אָוונט. דערצו איז דוד גיסער אַ ראַדאָ־מער, פֿון מיין געגנט. איך האָב צו אים אַ וואַרעם געפֿיל. זיינע לידער קען דוד גיסער פֿאַרטראָגן מיט גרויס פּאַטאָס, אַפֿילו מיט אַרטיסטישער פֿײַערלעכקייט, מיט האַרציקן געפֿיל."

איך האָב איבערגעלייענט טענענבוימס בריוו און אַ ווײַלע געטראַכט וועגן דוד גיסערן, אַז ער מוז זיין זייער אַ נאַאיווער מענטש. דערנאָך האָב איך באַהאַלטן דעם בריוו און מיר האָט פֿאַרשטייט זיך, אַפֿילו ניט געקענט איינפֿאַלן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט דער דיכטער פֿון טשילע קומען קיין מיאַמי ביטש און איך וועל מיט אים ווערן באַפֿריינ־דעט. אָבער אַזוי האָט עס פּאַסירט. צוליב וואָס ער איז געקומען קיין פֿלאָרידע האָב איך ניט געוואוסט און אים אויך ניט געפֿרעגט. מסתמא געוואָלט אָנקוקן די וואונדערבאַרע שטאָט, דעם גן־עדן פֿון אַמעריקע. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, בין איך זייער צופֿרידן, וואָס זיין קומען קיין מיאַמי ביטש האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ סך פֿרייד און ער האָט דאָ אין פֿולער מאָס געקראָגן אָנערקענונג און וואַרעמקייט, וואָס די קאָלעגן פֿון ניו־יאָרק האָבן אים ניט געגעבן.

אַלזאָ, אַן אָוונט זיץ איך מיט באַקאַנטע אין „אַמבאַסאַדאָר" קאַפֿע־טעריע, וואָס איז לעצטנס געוואָרן די קיבעצאַרניע פֿון דער היגער יידישער אינטעליגענץ און פֿון די טוריסטן, וואָס זיינען יידישיסטן, אַזוי צו זאָגן. ביי מיין טיש רעדט מען וועגן פֿאַרשידענע זאַכן. און אָט איז צו מיין טיש צוגעקומען אַ מיטלוואוקסיקער מאַן, מיט אַ בלאַסן פֿולן פּנים און עטוואָס פֿאַרזשמורעטע שמייכלענדיקע אויגן, וואָס האָבן מיר עפּעס דערמאָנט אָן אַ מאָנגאָל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן

ווינטערדיקן אָנצוג און געהאַלטן אונטערן אָרעם אַן אָנגעפּאַקטן שוואַרצן לעדערנעם פּאָרטפעל.

— ווער פון אייך איז תלוש? — האָט ער געפרעגט. — מיין נאָמען איז משה דוד גיסער.

— גיסער! — האָב איך זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ און שטאַרק געדריקט זיין האַנט. דערנאָך האָב איך אים פאַרגעשטעלט פאַר מיינע באַקאַנטע. עס איז געוואָרן אַ שטיקל גערודער ביים טיש. געקומען אַ יידישער פּאָעט פון אַזוי וויט, אַזש פון טשילע. מען האָט אים נייגעריק אָנגעקוקט. באַלד איז אויך צוגעקומען דער „מעיאָר פון מיאַמי ביטש", איציק, און ער האָט גיסערן באַגריסט ביז גאָר פריינטלעך. דערנאָך זיינען צוגעקומען עטלעכע גאַנץ פיינע ווייבלעך, טוריסטקעס, און האָבן זיך באַקענט מיטן דיכטער.

איך האָב זיך געהאַט געקליבן צו אַראַנזשירן אַ שמחהלע ביי מיר. האָב איך גלייך באַשלאָסן עס צו פאַרוואַנדלען אין אַ קבלת פּנים פאַרן דיכטער פון טשילע. איך האָב אים עס געזאָגט און ער האָט געשמייכלט און איז געוואָרן גוט אויפגעלייגט און צופרידן. אויך די באַקאַנטע אַרום האָבן עס אויפגענומען מיט פרייד. מען איז געקומען קיין מיאַמי ביטש אויף אַ קורצער וואַקאַציע און עס איז אַ ביסל לאַנגווייליק אַ גאַנצן אָוונט צו זיצן אין דער קאַפעטעריע און הערן די זעלבע רייד און רכילות. נו, ווער מען אַן אָוונט האָבן אַ גייסטיקן פאַרגעניגן און אַ ביסל אַ הוליע טאָן. איין קליניקייט, ערן אַ יידישן דיכטער! אמת, זיי קענען אים ניט און האָבן קיינמאָל ניט געלייענט זיינע לידער. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק פאַר זיי. זיי פאַרלאָזן זיך אויף מיר. מסתמא איז ער אַ גוטער פּאָעט, אַז איך וויל אים געבן אַ קבלת פּנים.

איך האָב אָפּגערופן דעם „מעיאָר פון מיאַמי ביטש" אָן אַ זייט און מיר האָבן באַשלאָסן דער אָוונט זאָל פאָרקומען אין עטלעכע טעג אַרום, זונטיק. איציק זאָגט צו צו ברענגען מיט זיך אַ פּאָר גוטע זינגערינס. און וואָס איז שייך משקה, זאָל איך אויך ניט זאָרגן, ווייל דער „באָנטש" איז אַ רייכער און יעדער וועט עפּעס מיטברענגען. און טאַקע אויפן פּלאַץ באַשליסן מיר וועמען איינצולאַדן.

אגב אורחא, וויל איך דאָ באַמערקן, אַז ווען די יידישע קולטור־טוער פון מיאַמי ביטש וואָלטן געווען גוט אָרגאַניזירט אין איין קער־פּערשאַפט, און אויך געהאַט אַ וואַרעמע באַציאונג צום יידישן שריי־

בער און דיכטער, וואָס איז געצוואונגען אַמאָל אַרויסצופּאָרן „מאַכן" אַ ביסל געלט און קריגן די נויטיקע אָנערקענונג, אָן וועלכער עס איז זייער שווער צו שאַפן עפּעס, וואָלטן זיי לייכט געקענט אויפנעמען ניט איין וואָרט־קינסטלער אין פּאַרלויף פון ווינטער סעזאָן. דער עולם דאָ האָט זיך אין די אָוונטן ניט אַוואו אַהינצוטאָן און מען וואָלט אָנגעפּילט אַ האָל, וואָס נעמט אַריין אַ הונדערט פּופציק, אָדער צוויי הונדערט מענטשן. דאָס האָט מיר איבערצייגט דער וועכנטלעכער פאָרום, וואָס אַ קליינע גרופּע „איוואָ"־טוער האָבן אַראַנזשירט לעצטן ווינטער און וואָס איז געווען אַ גאַנץ פיינער דערפאָלג.

פאַר די עטלעכע טעג, ביז צום קבלת פּנים לכבוד גיסערן, האָב איך אָפּט פאַרבראַכט מיט אים און זיך דערוואוסט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין 1893, אין ראַדאָם, פּוילן. ער האָט עטלעכע יאָר געוואוינט אין וואַרשע און אין לאָדזש. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אים די דייטשן אַוועקגעשיקט קיין קעלן, וואו ער האָט געאַרבעט אין די הומבאָלדס פאַבריקן אַלס אייזן־טאָקער. זיין ערשטע ליד האָט ער אָפּגעדרוקט אין דעם „אידישן אַרבעטער" אין ווין.

אין 1924 איז ער געקומען קיין אַרגענטינע, וואו ער האָט זיך באַטייליקט אין דער דאָרטיקער פּעריאָדישער פּרעסע. אין 1929 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך קינדער־לידער מיטן נאָמען „פלעמעלעך און פייערלעך". אין 1930 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער „ביי די פייערן" און אין 1933 איז דערשינען זיין בוך „לידער און באַלאַדן". ער האָט אויך רעדאַקטירט די זשורנאַלן „ניי־לאַנד" און „אויפסניי".

אין 1933 האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין סאַנטיאַגאָ, טשילע, וואו ער האָט געעפנט אַ דרוקעריי. אין סאַנטיאַגאָ האָט ער רעדאַקטירט די זשורנאַלן „זיד אַמעריקע" און „פּאַסיפיק". ער האָט מיר אויך דערציילט אַז זיינע קינדער האָט ער דערצויגן אין יידישן גייסט.

גיסער האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. עפּעס האָט ער אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ מענטש מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטער נשמה, אַ נאַאיווער און ניט קיין איבערגעשפּיצטער. אָט, געפּאָרן אַזוי ווייט זוכן אָנערקענונג ביי די ניו־יאָרקער קאָלעגן. און ער האָט מיר אויך פאַרטרויט אַז ער האָט אַ קראַנק האַרץ.

— מיר קענען זיך דריקן די הענט, — האָב איך געזאָגט. — איך געהער שוין יאָרן צו דער זעלבער חברה, און מען לעבט ברוך השם. אָבער אַזאַ ווייטע רייזע האָט איר אפשר ניט געדאַרפט אונטערנעמען.

— געוואָלט אויך זען אייגענע, וואָס וואוינען אין ניו־יאָרק, — האָט ער, מיר דאַכט זיך, געענטפערט, און געשמייכלט מיטן בלאַסן פּנים און עטוואָס געזשמורעט מיט די אויגן, דערמאָנענדיק אַ ביסל אָן אַ מאָנגאָל.

דער קבלת פּנים פאַר גיסערן איז דורך אויסגעצייכנט. די געסט האָבן טאַקע געבראַכט מיט זיך איבערגענוג משקה און גוטע פאַרבייסנס איז אויך געווען לרוב. די פּאָר יונגע בלאָנדע זינגערינס, וואָס דער „מעיאָר פון מיאַמי ביטש״, איציק, האָט געבראַכט, האָבן געזונגען זייער שיין און געגעבן עטלעכע יידישע נומערן לכבוד דעם דיכטער. איך האָב וואַרעם פאַרגעשטעלט גיסערן פאַר דעם קליינעם פריילעכן עולם, וואָס איז שוין געווען בגלופין. מען האָט אים אויפגענומען מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן און ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען זיינע לידער. די קאָמפּאַניע איז שטיל געוואָרן און מען האָט אים אויסגעהערט מיט רעס־פּעקט. קיינער האָט ניט מיט קיין וואָרט אונטערבראָכן זיין לייענען. אַז ער האָט געענדיקט האָבן אים די פרויען אַרומגערינגלט מיט אַ סך באַגייסטערונג און לויב־געזאַנגען. גיסערס פּנים האָט געשיינט, און איך בין געווען ניט ווייניקער גליקלעך ווי ער, וואָס אַלץ האָט זיך אַזוי גוט איינגעגעבן און דער דיכטער וועט אַוועקפאָרן אַ צופרידענער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך מיט אים געזעסן אין סטיישאָן פון „עיר פּאָרט״ און „לימוזין סירוויס״, אויף קאָלינס עוועניו. דאָרט האָבן מיר געוואַרט אויף דעם „באָס״, וואָס האָט אים געדאַרפט ברענגען צום עראָפּלאַן, מיט וועלכן ער איז אָפּגעפלויגן אַהיים, קיין טשילע.

גיסער איז געווען אַ ביסל אומעטיק און גערעדט שטיל. איך האָב געקוקט אויף אים און ווידער געטראַכט, אַז ער מוז זיין איינער פון יענע מענטשן, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעטע נשמות און זיינען מערסטנס נאַאיוו אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ער האָט גערעדט וועגן זיין היים און זיינע קינדער. און נאָכאַמאָל האָט ער מיר געזאָגט אַז ער האָט אַ קראַנק האַרץ. ער איז מיד פון דער רייזע און וואָלט שוין געוואָלט זיין מיט זיינע נאָענטע און אייגענע.

דער „באָס״ איז געווען גרייט אָפּצופאָרן. ער האָט מיר זייער געדאַנקט און מיר האָבן זיך צעקושט. דערנאָך איז ער פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן, אין זיין שוואַרצן וואַרעמען אָנצוג, מיטן שוואַרצן לעדערנעם פּאָרטפעל אונטערן אָרעם.

איך האָב פון אים באַקומען איין בריוו, און איך גלויב, אַז מען דאַרף דעם דאָזיקן בריוו דאָ געבן.

סאַנטיאַגאָ, 11 אויגוסט 1951.

„מיין טייערער תלוש: —

געווען ביי איך אַ הויז, פאַרבראַכט און אַוועקגעפאָרן, איז אוודאי געווען מיין חוב, דער ערשטער צו איך צו שרייבן אַ פּאָר הייסע דאַנקבאַרע ווערטער. אָבער, ווי עס מאַכט זיך ביי משלנו, לאָזט מען זיך באַהערשן פון אומגעלומפּערטע שטימונגען. מען פירט זיך ניט אויף לויט דעם אָנגענומענעם סדר.

איך בין אין דער היים, און דורך אַ צופאַל, האָב איך געמוזט אָננעמען צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון אונדזער פּראָווינציעלער ציטונג „דאָס יידישע וואָרט", כאָטש איך האָב גאָר בדעה געהאַט אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל, וואָס איך וועל עס בקרוב נאָך טאָן.

מיט מיין צוריקקומען האָב איך דאָס היגע פאַרשלאָפענע לעבן אַ ביסל אויפגעלעבט. מיר האָבן דאָ אַ שרייבער־קרייז, וואָס טוט פון ציט צו ציט שיינע אַרבעט, און אַזוי ווי איך בין דער פּרעזידענט, ליגט אויף מיר דער עול, אַז איך זאָל די דאָזיקע אינסטיטוציע, וואָס איז אייגנטלעך אַ שיין היימיש פאַמיליאַר ווינקל, געבן איר אַ שיינעם אינהאַלט.

גאָר בקרוב פאָרט אָפּ מיין עלטסטער זון, אַ בחור פון 26 יאָר, קיין ישראל. האָט ער פאַר דער ציט, וואָס זיין טאַטע איז געווען אין איראָפּע, באַוויזן איבערצוזעצן אויף דער שפּאַנישער שפּראַך לייוויקס „דער גולם", און אונדזער שרייבער־קרייז האָט פאַר דער דאָזיקער איבערזעצונג געווידמעט אַ באַזונדערן אָוונט. ווייל די איבערזעצונג איז אַ וויכטיקע געשעעניש אין אונדזער ישוב. ווייל עס האַנדלט זיך אין נישט קיין געווינלעכער זאַך, נאָר אין אַ ווערק, וואָס איז געשריבן אין גאַנץ קאָמפּליצירטע פערזן און אַרויסברענגען אַזאַ בוך איז נישט פון די גרינגע זאַכן. אויך מיין צווייטער בחור איז נישט פון די אָבי ווער. אַזוי, אַז איך בין אין אַ שטוב פון גאָלע פּאָעטן.

מיין טייערער תלוש, וואָס מאַכט איר עפּעס? אייער ליבע פרוי און טעכטערל, וואָס איך האָב נישט געהאַט די זכיה צו זען, נאָר בלויז דאָס בילד, וואָס איר האָט מיר געוויזן?

ווי גייט מכוח פרנסה? די מעשה „מאָרגן זשורנאַל" איז מיר גוט באַקאַנט. באַזונדערס האָט מיר געשריבן וועגן דעם ענין אהרן צייטלין. אָבער, לאָמיר צו אייך שרייבן אַ בריוול, וואָס אייך קומט עס בכוד גדול. האָב איך דאָך ביי אייך און מיט אייך פאַרבראַכט אַ פּאָר גאָלדענע טעג. וואָס מאַכט די איבעריקע חברה, זיינען זיי נאָך פאַראַנען אין מיאַמי, אָדער זיי האָבן פאַרלאָזן אונדזער טייערן תלוש.

מיין האַרציקסטע און מער ווי האַרציקסטע גרוסן פאַר אייער גוטמוטיקער חברשאַפט. דאַנקט אַלעמען, משה דוד גיסער".

מיט דעם דאָזיקן בריוו האָט מיר גיסער אויך צוגעשיקט אַ קליי־נעם נאָטיץ, פון וועלכן איך נעם אַרויס דאָס אינטערעסאַנטסטע, ווייל עס גיט אַ באַגריף ווי דער דיכטער האָט געפילט די לעצטע צייט, זענעדיק אַז דאָס ליטעראַריש יידיש לעבן אין סאַנטיאַגאָ ווערט אַלץ בלאַסער, הויבט אָן זיך אויסלעשן.

„דער דיכטער מ. ד. גיסער, פּאַרזיצער פון שרייבער־קרייז, דער־עפנט די מסיבה און רעדט מיט באַדויער וועגן דעם פאַרלוסט וואָס די שרייבער־משפחה האָט לעצטנס געליטן מיטן אַוועקפאָרן פון אַ גרע־סערער צאָל אָנגעזעענע חברים, און רופט אָפּצוהיטן דאָס פּיירל וואָס דער יידישער שרייבער־קרייז האָט אָנגעצונדן און ביי וועלכן עס האָבן זיך געוואַרעמט אין משך פון איבער צען יאָר, שרייבער און קולטור־מענטשן. — דער שרייבער־קרייז, פאַרענדיקט מ .ד. גיסער, איז געוואָרן אַן אָאַזיס פון יידישער שעפערישקייט אין דער מיט פון אַ גייסטלאָזן מדבר, און מיר מוזן איצט ווערבירן נייע עלעמענטן, וואָס זאָלן כאָטש טיילווייז אויספילן דעם בלויז וואָס האָט זיך ביי אונדז געשאַפן. ער גיט דערנאָך איבער דאָס וואָרט זיין זון אורי, איבערזעצער פון דער דראַ־מאַטישער שאַפונג „דער גולם".

איך האָב גיסערן געוואָלט גלייך ענטפערן, נאָר ערגעץ פאַררוקט דעם בריוו צווישן פּאַפּירן, און זיין אַדרעס האָב איך אין ערגעץ ניט פאַרצייכנט. דאָס האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן. איך האָב אַלץ געטראַכט אָפּצוזוכן דעם בריוו, אָבער די צייט איז געגאַנגען און איך האָב עס ניט געטאָן. און אָט באַמערק איך אַ קורצע טעלעגראַמע פון דער „איטאַ", אין די יידישע צייטונגען, אַז משה דוד גיסער איז פּלוצלינג געשטאָרבן אין סאַנטיאַגאָ, טשילע. די טעלעגראַמע איז דאַטירט אַפּריל 21, 1951.

איז ער מיר אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן די לעצטע צייט. געשטאַנען ווי איך האָב אים געזען אין מיאַמי ביטש אין זיין שוואַרצן וואַרעמען אָנצוג, מיטן שוואַרצן אָנגעפּאַקטן לעדערנעם פּאָרטפעל אונ־טערן אָרעם, געשמייכלט מיט זיין בלאַסן פּנים און עטוואָס געזשמורעט די אויגן, דערמאָנענדיק עפּעס אָן אַ מאָנגאָל.

זאָל די דאָזיקע פאַרצייכענונג מיינע זיין אַן ענטפער צו זיינע נאָענטע אויף זיין האַרציקן בריוו, וואָס האָט מיר געמאַכט זייער גוט פילן.

אַ ווייסע ציגעלע

איך גלויב אַז די דאָליע פון דעם אַרטיקל־ און נייעס־שרייבער אין דער יידישער פּרעסע איז ווייט ניט קיין דאַנקבאַרע. וואָס איז שייך דער אייביקייט, אַזוי צו זאָגן. ער, דער האָרעפּאַשניק, וואָס מאַכט די צייטונג און מוז קומען אין רעדאַקציע אין היצן און אין קעלט, די ליטעראַרישע קליאַטשע, אויב מען קען זיך אַזוי אויס־דריקן, ווערט גלייך פאַרגעסן נאָכן טויט פון זיינע קאָלעגן, און מען דערמאָנט אַפילו ניט זיינע יאָרצייטן אין די צייטונגען, וואו ער האָט געאַרבעט. דאָס איז אַ גרויסע עוולה, ווייל די מערסטע „הענט" אין די יידישע צייטונגען זיינען אויך ליטעראַריש באַגאַבט, און אייניקע האָבן אַפילו טאַלאַנט, ווי פּאָעטן און בעלעטריסטן, אָבער די אַרבעט אין די צייטונגען האָט זיי ממש „אויפגעגעסן", און זיי זיינען אַוועק פון דער וועלט, ניט דערפילנדיק זייערע קינסטלערישע אַמביציעס און חלומות. איינער פון די דאָזיקע באַגאַבטע האָרעפּאַשניקעס, איז געווען אלכסנדר זעלדין, אַ לאַנג־יאָריקער מיטאַרבעטער פון „טאָג", וועלכן איך האָב געקענט זינט מיין אָנקומען קיין אַמעריקע.

ווילט זיך מיר פּרובירן צוזאַמענקלייבן מיינע אָפּגעריסענע דערינע־נערונגען וועגן אים פון דאָ און דאָרט. אפשר וועט מיר געלינגען געבן אַ שטיקל כאַראַקטעריסטיק פון זעלדינען אַלס מענטש און שריי־בער. אמת, קיין באַזונדערע שטאַרקע און שאַרפע איבערלעבונגען פון זיין לעבן איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען בייצוואווינען. אָבער ער האָט זיי מסתמא זיכער געהאַט, נאָר עס פאַרבאַהאַלטן פון מיר, אַז איך האָב נאָר געקענט אויפכאַפּן די שטימונג אַרום די געשעעענישן און זיך משער זיין אַז ס'איז אַזוי, אָדער אַנדערש.

מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק האָב איך אַ זומער פאַרבראַכט מיט מיין פרוי אין די קעטסקיל בערג. מיר האָבן געוואוינט צוזאַמען מיט מרס. זעלדין, וועלכע האָט געהאָדעוועט איר איין־און־איינציקן זון וואָס איז דאַן געווען אַ בייבי. מיט איר זיינען אויך געווען אירע צוויי ליבע קליינע טעכטערלעך, וואָס האָבן אָנגעפילט די אַלטע פויערישע הויז

וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן פּלאַץ, מיט פרייד און געלעכטער און מיר געשטערט שרייבן. גאַנץ אָפט פלעגןביידע שוועסטערלעך, ניט געבעטענערהייט, זיך אַריינרייסן אין מיין חדרל און האָבן צו מיר טענות, פאַרוואָס איך גיי זיך מיט זיי ניט באָדן אין טייכל, וואָס פליסט אין טאָל. די מאַמע לאָזט זיי ניט גיין אַליין.

— מאַ, הייס אים גיין, — פלעגט שרייען די עלטסטע און אַרויס־רייסן די פּאַונטן פען פון מיין האַנט. — שוין גענוג געשריבן מעשהלעך.

אויפן שוועל פון מיין צימער פלעגט זיך באַווייזן די שיינע שלאַנ־קע מרס. זעלדין, און הייסן די קינדער אַוועקגיין. אָבער באַלד האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און געבעטן:

—גייט טאַקע מיט די קינדער כאַפּן אַ שווים, עס וועט אייך אָפּפרישן.

כמעט אויף אַלע „וויק ענדס” פלעגט קומען זעלדין. ער האָט זיך געשפּילט מיט זיין בן יחידל און געקליבן נחת פון זיין קדישל. אָבער אַזוי, דאַכט זיך, האָט ער דעמאָלט זיך עפּעס געפילט ווי אַ שולדיקער, ווי זי וואָלט געווען ברוגז אויף אים, און זיי האָבן ווייניק גערעדט צווישן זיך. אָבער איך האָב עס געשענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט, ווייל מאַלע איבער וואָס מאַן און ווייב קענען זיין צייטווייליק אין כעס איינער אויפן אַנדערן.

שבת אָונט פלעגן אַמאָל אונדזערע פרויען אַוועקגיין אין אַ גרויסן נאָענטן האָטעל וואו אין קאַסינאָ האָט געשפּילט אַ קליינער אָרקעסטער און מען האָט געטאַנצט. און איך און זעלדין פלעגן בלייבן אין הויז. ער האָט געהיט די קינדער, באַזונדערס — זיין ייִנגעלע, וואָס פלעגט זיך אָפט אויפכאַפּן פון שלאָף, וויינען און וועלן מען זאָל אים ווידער פאַרוויגן מיט אַ לידעלע. זעלדין פלעגט עס טאָן מיט ליבע און געדולד. אָבער אַז די קינדער זיינען רואיק געשלאָפן, זיינען מיר זיך ביידע געזעסן ביים אַריינגאַנג פון הויז און געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. עס פאַרשטייט זיך, אַז מער וועגן אונדזערע קאָלעגן און ליטע־ראַטור. אַמאָל פלעגן מיר זיך אויך פאַרטרויען אונדזערע ליטעראַרישע פּלענער און חלומות. זעלדין האָט אַלץ געטרוימט אָנצושרייבן אַ גרויסן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן. ער האָט מיר דערציילט, אַז אַ געוויסע צייט האָט ער אין ניו־יאָרק געאַרבעט אַלס סטאָליער. געווען אַ פּשוטער אַרבעטער. אין זיין טאָן האָט זיך געפילט אַ נאָטקע פון שטאָלץ. איך פלעג דאַן אָנקוקן זיין גרויסע, שטאַרקע, עטוואָס סטולעוואַטע פיגור

און זיין איינפאַכן פנים, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ דאָרפּישן מענטשן, און פלעג ווייטער גערן הערן וואָס ער דערציילט וועגן זיך. עס איז געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט. אַ מענטש האָט זיך געריסן צו אַ גייסטי־קער וועלט, אָבער די דאָזיקע גייסטיקע וועלט איז געווען ניט דאָס וואָס ער האָט געזוכט. ער האָט שוין אָנגעהויבן פילן, אַז די אַרבעט אין רעדאַקציע פאַרשקלאָפּט אים אַלץ מער, כאָטש גאַנץ אָפּט זעט מען זיין נאָמען אין דער צייטונג. ער ווערט באַקאַנט צום ברייטן עולם און מען רעכנט זיך מיט אים אויך צווישן די אייגענע קאָלעגן. אָבער ער שרייבט ניט, וואָס ער וואָלט געוואָלט שרייבן. ער האָט ניט קיין צייט דערצו, ווייל פון רעדאַקציע קומט ער אַ מידער און אין הויז זיינען שוין פאַראַן דריי קינדער, וועלכע נעמען צו זיין פרייע צייט.

זעלדין פלעגט זיך פלוצלינג פאַרטראַכטן און בלייבן שטיל. איך פלעג אויך שווייגן און זיך טראַכטן מיינע טראַכטונגען. פון דערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן פאַרבענקטע טענער פון אַ פידל און אַ פלייט. ערגעץ נאָענט האָט אַ גריל געגרילצט. און אַמאָל איז דער הימל איבער אונדז געווען אָן וואָלקנס און געלויכטן מיט מיליאָנען שטערנדלעך.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך אויך געוואוינט ניט ווייט פון זעלדינען אין די בראנקס און פלעג אַמאָל אין אָוונט אַרויפקומען צו אים, אָדער מיר האָבן זיך באַגעגנט אין קראָטאָנאַ פּאַרק, וועלכער האָט זיך געפונען אין יענעם געגנט. און ווידער האָבן מיר געפירט די זעלבע שמועסן. ער האָט אַלץ געחלומט אָנצוהויבן שרייבן דעם אויטאָ־ביאָגראַפישן ראָמאַן. אָט, אָט, זאָל נאָר זיין בחורעץ אַ ביסל אונטער־וואַקסן און ער וועט דאַן האָבן מער צייט אין די אָוונטן און זיך געשמאַק אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט. אָבער די יאָרן זיינען געגאַנגען, און וואָס עלטער די קינדער זיינען געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך געשאַפן זאָרג אין הויז וועגן זיי, און עס איז ניט געווען קיין כוח זיך אָפּצורייסן פון די דאָזיקע זאָרגן, וועלכע פלעגן ביי אים צונעמען ניט נאָר די אָוונטן, נאָר אויך גאַנץ אָפּט דעם שלאָף פון דער נאַכט.

זינט „די צייט" האָט זיך פאַרמאַכט, בין איך נאָך אַלץ געווען אַ „דרויסנדיקער" פאַר די יידישע רעדאַקציעס און פלעג אָפּט פּרובירן פאַרקויפן אַ דערציילונג אין דער אָדער יענער צייטונג. איינמאָל האָב איך באַשלאָסן אַריינטראָגן עפּעס אין „טאָג". דאָס איז געווען אַ מעשה וועגן צוויי קריסטלעכע ברידער, וואָס איינער האָט דערהרגעט דעם צווייטן צוליב אַ האָטעל־קיפּערס אַ טאָכטער. די דראַמע האָט זיך אָפּ־

געשפּילט סוף ווינטער, אין אַ שניי, אַ זאַווערוכע, אין די קעטסקיל בערג. די זאַך האָט ביי מיר צוגענומען דער דיכטער און פּובליציסט גלאַנץ־לעיעלעס, און אין עטלעכע טעג אַרום עס מיר אומגעקערט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די דערציילונג איז גוט אָנגעשריבן אָבער... איך האָב פאַרשטאַנען אַז דער „אָבער" מיינט, אַז אימיצער וואָס שרייבט אויך דערציילונגען אין „טאָג" האָט געשטערט. איך האָב שווייגנדיק צוגע־נומען דעם מאַנוסקריפּט און בין אַוועק.

אַ געוויסע צייט שפּעטער זאָגט מיר זעלדין, אגב אורחא אַז ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיטרעדאַקטאָר פון „טאָג" און האָט איצט דאָס רעכט אָנצונעמען מאַנוסקריפּטן. דאָס האָט ער מיר געגעבן אַ פריינטלעכע אָנצוהערעניש, אַז איך קען זיך אָנהויבן צו דרוקן אין „טאָג". איך האָב לאַנג ניט געוואַרט און אים געבראַכט אַ הומאָריסטישע מעשהלע. ער האָט עס איבערגעלייענט אויפן אָרט און גלייך געגעבן זיין „אָ קעי", אַזוי צו זאָגן. ער האָט מיר ניט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטן. איך זע זעלדינען איצט פאַר מיינע אויגן, ווי ער זיצט ביי זיין דעסק אָן אַ רעקל און לייענט מיין מעשהלע, אויף זיין פּנים שוועבט אַ גוטמוטיקער שמייכל, און איך שטיי לעבן אים און נעם ניט אַראָפּ מיינע בליקן פון אים.

אין גיכן האָט ער די מעשהלע אָפּגעדרוקט און איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן אין „טאָג" גאַנץ אָפט, וואָס האָט זיך געצויגן אַ יאָר אַכט.

זעלדין איז געווען איינער פון די גרינדער פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין, און פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען סעקרעטאַר, איז ער אויך איינמאָל געווען דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן. מיט אים איז מיר געווען אַ סך לייכטער צו אַרבעטן, ווי מיט די אַנדערע פּרע־זידענטן, וואָס האָבן אָפט „געבלאָזן" פון זיך און געהאַט אַלערליי קאַ־פּריזן. זעלדין האָט זיך תמיד געהאַלטן פּראָסט און פּשוט, ווי אַ גוטער חבר און קאָלעגע, פלעגט זיך גערן צוהערן צו מיינע מיינונגען און עצות, וואָס איז געווען שייך די ענינים פון פאַראיין; ער האָט מיר אַפילו איינמאָל געגעבן אָנצוהערן אַז ער וויל פאַרשלאָגן דער עקזעקו־טיווע, מען זאָל מיר געבן פינף דאָלער אַ וואָך אַ הוספה.

יאָ, ער האָט זיך שטענדיק באַמיט צו האַלטן אַזוי, איך זאָל ניט מיינען, אָדער פילן, אַז ער איז מיט עפּעס העכער פון מיר, כאָטש ער איז פּרעזידענט פון פאַראיין און איך דער סעקרעטאַר, וועלכער דאַרף אויספילן די שוואַרצע אַרבעט, אַזוי צו זאָגן.

איינמאָל, אַז איך בין געווען מיט אים אַליין אין אָפיס, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, זעלדין, שרייבט איר אייער אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן, וואָס איר האָט שוין פון לאַנג פאַרטראַכט?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— דערווייל נאָך ניט. אָבער איך וועל אין גיכן קומען אויף דעם ליטעראַרישן יאַריד פון איסט בראָדוויי מיט אַ ווייסער ציגעלע.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָב איך געפרעגט, און פאַר מיינע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן אַ בילד, ווי דער פעסט־געבויטער שווערער זעלדין פירט מיט אַ שטריקל איבער איסט בראָדוויי פאַרביי די יידישע רעדאַקציעס אַ ווייסע ציגעלע, וועלכע גייט אים געהאָרכזאַם נאָך און מעקעט.

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ מעשה וועגן אַ ווייסער ציגעלע, און קלייבט זיך עס אַרויסגעבן.

איך האָב געקוקט אויף זעלדינען און געשמייכלט. ער איז מיר געוואָרן נאָך מער צום האַרצן. און שפּעטער, אַז דאָס ביכל איז אַרויס, האָבן אַלע די מעשה גוט אויפגענומען, און שמואל ניגער האָט, דאַכט זיך, וואַרעם געשריבן וועגן זעלדינען, האָב איך געהאַט אַ סך פאַרגעניגן פון זיין דערפאָלג. עס איז געווען אַ קליין ביכל און אַ קליינער דערפאָלג. אָבער זעלדין האָט זיך געפילט יום־טובדיק און דערהויבן. פאָרט זיך אָפּגעריסן פון די סקאַרבאָווע אַרטיקלען און „קליפּינגס" און אַרויס מיט עפּעס וואָס איז גוט פאַר גרויסע און קליינע לייענער, וואָס איז דערציילעריש און האָט קאָלירן און עפּעס פון דער ליבער אַלט־היימישער סביבה.

די יאָרן זיינען געגאַנגען. איינמאָל טרעף איך זעלדינען אויף איסט בראָדוויי. מיר בלייבן שטיין אוןריידן אַ ווילע. ער פרעגט זיך נאָך אויף מיין געזונט און באַמערקט, אַז די לעצטע צייט פילט ער עפּעס ניט מיט אַלעמען. דער בלוט־דרוק האָט זיך ביי אים שטאַרק אויפגעהויבן און דאָס האַרץ איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט. עס שווינדלט אים אָפט אין קאָפּ, אַז ער קען ניט שרייבן. מיט איין וואָרט, האָט ער אַ שמייכל געטאָן, איך האָב זיך שוין ניט מיט וואָס איבערצונעמען. ער איז אויך קראַנק.

— פאָרט אַוועק קיין פלאָרידא, — האָב איך אים געראָטן.

— ווי קען איך? — איז דער שמייכל פאַרשוואונדן פון זיין

פּנים, און איך האָב פּלוצלינג באַמערקט, אַז זעלדין האָט זיך שטאַרק פאַרעלטערט און זײַנע ברייטע פּלייצעס האָבן זיך נאָך מער איינגעבויגן.

מיט חדשים שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זעלדין האָט פּלוצלינג געקראָגן אַ „סטראָק״ און ליגט אין אַ שווערן צושטאַנד אין אַ האָספּיטאַל. ער איז אָבער אַרויס פון שפּיטאָל, נאָר קומען צו זיך שוין ניט געקענט. פאַר דער צייט פון זיין קראַנקהייט האָב איך אים ניט געזען, ווייל איך האָב זיך געפונען אין מיאַמי ביטש. אָבער איך האָב אָפט געטראַכט וועגן אים און אַ ווייסע ציגעלע איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. דערנאָך האָב איך זיך דערוואוסט וועגן זיין טויט. מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז צווישן די נאָענטע און קאָלעגן, וואָס האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו, איז אויך געגאַנגען די ווייסע ציגעלע פון דער אַלטער היים, וועלכע ער האָט אַזוי האַרציק באַזונגען.

אָט דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב זיך געקענט דערמאָנען וועגן מיין פריינט און קאָלעגע אַלעקסאַנדער זעלדין.

יעקב שטיינבערג

זינט עס איז אָנגעקומען די טרויעריקע נייס פון ארץ־ישראל, אַז דאָרט איז פּלוצלינג געשטאָרבן פון אַ האַרץ אַטאַקע דער יידיש־העברעאישער דיכטער, עסעאיסט און דערציילער, יעקב שטיינ־בערג, שטייט ער מיר פאַר די אויגן. איך זע אים, ווי ער רייבט זיך גיך מיט די פינגער ביי דער נאָז, שמייכלט גוטברודעריש, און פרעגט מיר:

— נו, וואָס מאַכסטו, מוסעלעוויטשקע? (מיין אַמאָליקער נאָמען איז געווען מוסעלעוויטש).

און די גאַנצע צייט פאַרפאָלגט מיך דער וואונש עפּעס אָנצושרייבן וועגן אים, כאָטש כ׳בין ניט באַרופן צו געבן אַפילו אַ לייכטע אָפּשאַ־צונג פון זיין רייכער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט.

פון אַלע מיינע באַגעגענישן מיט יעקב שטיינבערגן, האָבן זיך באַזונדערס איינגעשניטן אין מיין זכרון בלויז צוויי. און וועגן זיי וויל איך עס דערציילן.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים אין 1908, אין בערן, שווייצאַריע. ביי וועלכע אומשטענדן קען איך זיך ניט דערמאָנען. נאָר מסתמא איז עס געווען ביים עסן אין דער סטודענטישער קיך, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קעלער, אָדער ביי אַ פאַרזאַמלונג פון פּאָליטישע אימיגראַנטן. אָבער גלייך זיינען מיר געוואָרן באַפריינדעט און אויף „דו״. איך ווייס ניט וואָס עס איז אים געפעלן געוואָרן אין מיר, נאָר מיך האָט באַזונדערס צוגעבונדן זיין האַרציקער שמייכל, וואָס פלעגט ממש באַלויכטן זיין בלאַסן פּנים מיט די ביסל אַרויסגעשטאַרטשעטע באַקן־ביינער. ער איז געווען פון נידעריקן וואוקס, דאַר, זייער באַוועגלעך, און האָט עפּעס דערמאָנט אַן אַ וואוילן יאַט ערגעץ אין פּוילן, כאָטש געבאָרן איז ער אין אוקראַינע.

אין יענער צייט זיינען אויך געווען אין בערן זלמן שניאור און דער דיכטער יעקב כהן. שניאור פלעגט מיט מיר אָמאָלריידן וועגן שטיינ־בערגן, וועמעס לידער ער האָט געלייענט, כאָטש געפונען אין זיי פרעמדע

איינפלוסן. אָבער איך האָב קיין מיינונג ניט געקענט אַרויסזאָגן און געשוויגן. מיך האָט עס ווייניק געאַרט. שטיינבערג אַליין איז מיר געווען ליב, און דאָס איז פּאַר מיר געווען גענוג.

אָט וועל איך אים מאָרגן ווידער טרעפן אין דער סטודענטיש ציוניסטישער קיך. ער וועט זיך אַ רייב טאָן מיט די פינגער ביי דער נאָז, האַרציק שמייכלען און ביי מיר ווידער גוטברודעריש אַ פרעג טאָן:

— נו, וואָס מאַכסטו, מוסעלעוויטשקע?

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג בין איך געקומען צו אים. ער האָט געוואוינט אין אַ קליינעם צימער, ביי אַן אָרעמער שווייצאַרישער פרוי. ער איז געלעגן אין בעט אין די קליידער און געלייענט אַ יידיש־אַמערי־קאַנער וואָכנשריפט, וואָס ער האָט אינדערפרי באַקומען, און וואו עס איז געווען אָפּגעדרוקט זיינס אַ ליד. ער האָט מיך געבעטן זיך אַוועק־זעצן אין טיפן וויכן שטול, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ קליינעם טישל, אַנטקעגן אים, און האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן אַמעריקע. ער האָט מיר דערציילט, אַז אַלע וואָך באַקומט ער פון ניו יאָרק, פון דער וואָכנ־שריפט 10 דאָלער, און דערפאַר דאַרף ער צושטעלן אַ קליינע עסעי, דערציילונג אָדער ליד. דערנאָך האָט ער מיר געעצהט, אַז איך זאָל אָנהויבן שרייבן יידיש און זיך פאַרבינדן מיט אַמעריקע. אפשר וועל איך אויך קענען קריגן צען דאָלער אַ וואָך פון אַ וועלכער עס איז אַמעריקאַנער צייטונג אָדער וואָכנשריפט.

— דאָס וואָלט דיר צוניץ געקומען, — האָט ער געזאָגט מיט זיין האַרציקן שמייכל.

— איך גלויב אַזוי. צען דאָלער אַ וואָך. איין קלייניקייט. דאָס וועט זיין אויסגעצייכנט. און שרייבן יידיש. איך בין געווען באַגייסטערט, ווייל ווערן אַ יידישער שרייבער איז געווען מיין גרעסטער וואונש, מיין חלום...

שטיינבערג האָט אויף מיר אַ ווײַלע פאַרטראַכט געקוקט. פון דאַן אָן זיינען פאַרביי פערציק יאָר, נאָר איך געדענק נאָך אַזוי גוט דעם מילדן און קלוגן אויסדרוק פון זיין פּנים אין יענע מינוטן. דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט די וואָכנשריפט. איך האָב עטלעכע מאָל איבערגעלייענט זיין ליד, וואָס האָט זיך מיר גלייך איינגעשניטן אין זכרון. און איך געדענק עס נאָך, דאַכט זיך, ביז היינט צו טאָג. איך האָב אַוועקגעלייגט די וואָכנשריפט אויפן טישל און אָנגעהויבן דעקלאַמירן דאָס ליד אויף אויסווייניק:

„ס׳בלאָזט אַ קילער אָונט ווינטל
גלעטנד שטילערהייד די בוימער ;
העל באַלויכטן איז דער הימל,
וואָס איז טיף און בלוי.
און אַ בענקענדע לבנה
מיט אַ צנועהדיקן פּנים,
קוקט אויף דער ערד אַראָפּ
צו מיין בענקענדער נשמה...

— — — — — — — —

ווייטער בעט דער דיכטער, אַז זיין נשמה זאָל אַוועקפליען, קומען צוריק און אים ברענגען טרייסט, שטילן טרוים, נאָר ניט קיין וויסן.

שטיינבערג איז געווען איבערראַשט פון מיין זכרון.

— אין עטלעכע מינוט אויסגעלערנט אויף אויסווייניק, — האָט ער זיך געוואונדערט. און צום ערשטן מאָל פון אונדזער פריינטשאַפט, האָט ער געוואָלט וויסן פון וואַנען איך קום און ווער זיינען מיינע עלטערן. אַז איך האָב אים אין קורצן דערציילט וועגן זיך און מיינע אייגענע, האָט ער זיך אַ רייב געטאָן מיט די פינגער ביי דער נאָז און באַמערקט:

— עפּעס זעסטו מיר ניט אויס ווי קיין ייד, מוסעלעוויטשקע!

מיר האָבן יענעם נאָכמיטאָג נאָך לאַנג פאַרבראַכט צוזאַמען. מיר האָבן גערעדט וועגן שניאורן און יעקב כהן. שטיינבערג האָט געשמייכלט ווען איך האָב אים געשילדערט ווי יעקב כהן האָט מורא זיך צו שליטלען ווינטער אין די בערג. ער וויל זיך זעצן אויפן לאַנגן שליטל מיט מיר און די אַנדערע יונגעלייט, און זיך אַראָפּלאָזן פון קליינעם באַרג, וואו אָפּטביים פוס קוליעט מען זיך איבער מיטן שליטל צוזאַמען אין וויסן פוכיקן שניי, און מען ווערט אַזוי ווילד פריילעך. נאָר עפּעס האָט ער ניט קיין מוט עס צו טאָן, איינשטעלן דאָס לעבן, אַזוי צו זאָגן. שטייט ער אויפן באַרג און קוקט אַביסל אַ פאַרשעמטער, ווי חברה זעצט זיך אַריין אין שליטל. איך שלאָג אים פאָר נאָך אַמאָל.

— כהן, זעצט זיך אַוועק נעבן מיר, איך וועל אייך צוהאַלטן, האָט ניט קיין מורא. דאָס איז אַזאַ פאַרגעניגן. און די קופּעס שניי אונטן זיינען ווייך און ריין. עס איז אַ מחיה זיך צו וואַלגערן אין זיי.

— שפּעטער, שפּעטער, — ענטפערט כהן, און בלייבט אויפן באַרג, אַרומגערינגלט פון די אַלפּן, אין אַ וואונדערבאַרער ווייסער וועלט שטייט

אַליין דער יונגער, בלאָנדער, שטילער העברעאישער דיכטער, וואָס האָט אַזוי געבענקט נאָך ארץ־ישראל, זייענדיק אין דער שווייץ.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך ווידער פאַרבראַכט אַ נאָכמיטאָג מיט יעקב שטיינבערגן. עס איז געווען אין מיטן זומער. ער האָט מיר געבעטן, דאָס איך זאָל גיין מיט אים זוכן אַ צימער ערגעץ הינטערן שטאָט. ער וויל זיך אָפּרוען און זיין אַליין, עס וואָלט געווען גוט צו קריגן אַ חדרל אין אַ קליינער שאַלע (שווייצאַרישע הויז), אין אַ וואַלד.

איך האָב גענומען מיט יעקב שטיינבערגן אַ שפּאַציר צום גרויסן וואַלד, וואָס רינגלט אַרום כמעט בערן. באַלד זיינען מיר שוין געגאַנגען מיט אַ ברייטן, שאָטנדיקן וועג און מיט פאַרגעניגן איינגעאָטעמט די געשמאַקע, אַביסל פייכטע אַראָמאַטן, מיט וועלכע די בוימער און די וואָרצלדיקע ערד אַרום האָט געאָטעמט. איך בין געגאַנגען און געזונגען. שטיינבערג האָט געשוויגן, שטיל געשמייכלט. אָט האָט זיך דער וועג אַראָפּגעלאָזט באַרג־אַראָפּ און אויף אַ פרייען פּלאַץ האָבן מיר דערזען אַ קליינע שאַלע מיט אַ גאַניק און אַ גערטנדל אַרום. אַביסל ווייטער פון די נאָענטע בערג איז געלאָפן אַ גיכער שטראָם וואַסער און גערוישט.

— נו, ווי געפעלט דיר דער פּלאַץ, — האָב איך געפרעגט שטיינבערגן.

— מוסעלעוויטשקע, דאָ איז וואונדערבאַר. עס איז דאָס וואָס איך זוך.

מיר זיינען צוגעגאַנגען צו דער שאַלע און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אויף דעם שוועל האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער מאַן מיט אַ ווייסער, לאַנגער באָרד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער פּאַטריאַרך. מיר האָבן אים געפרעגט צי דאָ איז פאַראַן אַ צימער צו פאַרדינגען, און שטיינבערג האָט צוגעגעבן אַז ער איז אַ סטודענט און וויל פאַרברענגען זיין וואַקאַציע אין וואַלד. דער אַלטער האָט אונדז אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ און געענטפערט אַז זיין טאָכטער האָט צו פאַרדינגען אַ קליין חדרל, אָבער מיר וועלן דאַרפן אַביסל וואַרטן אויף איר, ווייל זי איז אַוועק צו אַ שכנה, אויף יענער זייט וואַסער, נאָר די הערן קענען אָנקוקן דאָס צימערל.

דער אַלטער האָט אונדז אַריינגעפירט אין שאַלע, געוויזן דאָס חדרל. יעקב שטיינבערג האָט געזאָגט, אַז עס געפעלט אים, און פון פרייד, קענטיק, אָנגעהויבן זיך רייבן מיט די פינגער ביי דער נאָז. פון פענצטער זעט מען דעם וואַלד און די בערג אַרום. אויף דער פּרייז האָט זיך אַרויסגעוויזן צוגענגלעך פאַר אים. פופצן פראַנק אַ חודש.

דערווייל האָט אונדז דער אַלטער איינגעלאַדן צו זיך אין צימער. אויף זיין טיש איז געלעגן אַן אָפּענער גרויסער תנ״ך אין פראַנצויזיש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס ער מיט זיין טאָכטער קומען פון זשענעווע, נאָר זיי ריידן אויך דייטש. יעקב שטיינבערג האָט נייגעריק אַריינגעקוקט אין תנ״ך און פאַרפירט אַ שמועס מיטן אַלטן וועגן אַלטן טעסטאַמענט. מיר איז געוואָרן לאַנגווייליק און בין אַרויס אויפן גאַניק. און דאָס פאַרדריסט מיר ביז היינט צו טאָג. איך האָב דאַן געדאַרפט אויסהערן וואָס יעקב שטיינבערג האָט צו זאָגן וועגן תנ״ך, אָבער איך האָב נאָך ניט געוואוסט ווער מיין חבר איז.

אָט איז צו דער שאַלע צוגעקומען אַ ברייט־פּלייציקע יונגע פרוי מיט פייער־רויטע האָר אויפן עטוואָס צו גרויסן קאָפּ און עטלעכע פּיצינקע פרישטשיקלעך אויף די פולע, פרישע באַקן. זי האָט מיך געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג, געשמייכלט און מען האָט געזען, אַז זי האָט גלייכע, שאַרפע און ווייסע ציין.

יאָ, זי קען פאַרדינגען אַ צימער, נאָר פריער מוז זי פרעגן איר מאַן, וועלכער אַרבעט אין שטאָט און קומט ערשט פאַרנאַכט אַהיים. אַליין קען זי עס ניט באַשליסן. און זי וויל זען מיין קאַמעראַד.

יעקב שטיינבערג האָט געפונען חן אין אירע גרינלעכע קעצישע אויגן, און זי האָט אים צוגעזאָגט היינט ריידן מיט איר מאַן. און ער זאָל זיין אַזוי גוט און קומען מאָרגן ווידער. דערנאָך האָט אונדז דער אַלטער אַרויסבאַגלייט פון שאַלע און מיר זיינען צוריק אַריין אין וואַלד.

איך ווייס ניט צי יעקב שטיינבערג האָט דאָס חדרל געדונגען, ווייל איך בין אויף מאָרגן אַוועק אין די אַלפּן, אויף מיין זומער וואַקאַציע. און מער, דאַכט זיך, האָב איך אים ניט געזען. איך האָב זיך גענומען קלייבן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געלייענט יעקב שטיינבערגס פאַרביקע, געדיכטע דערציילונגען פון יידישן לעבן אין אוקראַינע, און איך האָב גענומען פאַרשטיין און באַגרייפן וואָס פאַר אַן אָריגינעלער קינסטלער ער איז. בין איך געווען אין האַרצן שטאָלץ און אים דאַנקבאַר פאַר זיין חברשע באַציאונג צו מיר.

זיין געשטאַלט איז פאַרבליבן ריין און טייער אין מיר.

צבי הירשקאַן

ווענן דעם פאַרשטאָרבענעם טאַלאַנטפולן שריפט־שטעלער צבי הירשקאַן האָב איך זיך פון איניקע קאָלעגן אָנגעהערט אַלערליי געשיכטעס, וואָס האָבן אים ניט שטענדיק געמאָלן פון דער זוניקער זייט. מעגלעך, אַז מען האָט אים געשילדערט ריכטיק, אָבער נאָך מעגלעכער אַז ניט, ווייל איך האָב געקענט גאָר אַן אַנדערן צבי הירשקאַן.

נאָענט באַפריינדעט זיינען מיר געוואָרן עטלעכע יאָר פאַר זיין טראַגישן טויט. מיר האָבן צוזאַמען געוואוינט אין סיגייט, אין איין הויף, און ער האָט דאָ געלעבט מיט זיין צווייטער פרוי ראַשעל.

ראַשעל האָב איך געקענט פון לאַנג, ווייל איר ערשטער מאַן איז געווען מיינער אַ חבר נאָך פון דער יוגנט, פון ארץ־ישראל, אויב איך מאַך ניט קיין טעות. אין אַמעריקע זיינען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען. פאַרוואָס דאָס האָט פּאַסירט, האָט איך ניט געוואוסט. אָבער מען האָט געשמועסט, אַז זי איז כלומרשט ניט געווען צופרידן מיט איר „פשוטן" מאַן. זי האָט געזוכט אַ פריינט אין לעבן וואָס זאָל זיין אַ קינסטלער.

איז אַט איין מאָל, שפּאַצירנדיק איבערן באָרדוואָק אין קוני־איילאַנד, האָב איך פלוצלינג דערזען ראַשעל מיט צבי הירשקאַן. זיי זיינען געגאַנגען און זיך געהאַלטן פאַר די הענט, ווי דאָס טוען פאַר־ליבטע. זייערע פנימער האָבן געשיינט. איך האָב זיי נייגעריק אָנגעקוקט און פאַרשטאַנען, אַז צווישן זיי הויבט זיך אָן צו וועבן אַ ראָמאַן. ראַשעל האָט אויסגעזען זייער שיין. איר סימפּאַטישער פולער פנים האָט ליב געשמייכלט און די דיקלעכע פיגור איז געוואָרן בויגעוודיק ווי ביי אַ יונג מיידל. ווי שלאַנק זי טוליעט זיך דאָס צו אים. איך האָב זיי אין האַרצן געוואונטשן אַ סך גליק און בין אַוועק זיך ווייטער שפּאַצירן איבערן באָרדוואָק.

שפּעטער האָט צבי הירשקאַן מיט ראַשעלן זיך אַריבערגעקליבן קיין סי־גייט אין דעם זעלבן הויז, וואו איך מיט מיין פאַמיליע האָבן שוין געוואוינט עטלעכע יאָר. ראַשעל האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל פון דער־

וויטנס מיט מיר. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען דערפֿאַר, ווייל איר ערשטער מאַן איז געווען מיינער אַ חבר און זי האָט מסתמא געמיינט, אַז איך דאַרף טראָגן אַ פּאַרדרוס קעגן איר פֿאַר מיין חבר, ווען זי האָט, דאַכט זיך, פֿאַרלאָזן. אָבער דאָס איז נאָר אַ השערה. די אורזאַכן פֿון איר „קאַלטקייט״, אַזוי צו זאָגן, איז פֿאַר מיר פֿאַרבליבן אַ סוד ביז היינט צו טאָג.

אָבער מיט צבי הירשקאַן בין איך אַלץ מער באַפריינדעט געוואָרן. ער האָט דעמאָלט געשריבן אין „טאָג״ און גאַנץ אָפט אין „צוקונפט״. זיין קאָנצענטרירטער, פֿאַרביקער אַרט שרייבן איז מיר געווען געפֿעלן, כאָטש די איראָניע און קאַלטקייט, וואָס האָט געוויינט פֿון הינטער די שורות פֿון זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען, האָט ניט שטענדיק מיר פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן, ווי בעלעטריסטיק דאַרף פֿאַרשאַפֿן. דאָך האָב איך אויך געשעצט זיין טאַלאַנט. ניט אַלע שרייבער דאַרפֿן און קענען זיין ליריקער, ניט אַלע קענען ליב האָבן זייערע מיטמענטשן, ווי מיר וואָלט זיך עס געוואָלט. פֿאַרקערט, די דאָזיקע כלומרשטע חסרונות אין זיין שרייבן זיינען גאָר מעלות, ווייל ליריקער האָבן מיר צופֿיל. און אַ קינסטלער מוז קענען קריטיקירן און שאַרף אַרונטעררייסן דאָס מיאוסע אין לעבן.

דערנאָך האָט פּאַסירט עפּעס, וואָס האָט מיך נאָך מער צוגעבונדן צו אים. כמעט אַלע טאָג פֿלעגן מיר זיך באַגעגענען אין קליינעם הויף פֿון הויז, וואו זומער האָבן געבליט קוסטעס מיט בלומען און רויזן. דאָרט איז אויך געשטאַנען אַ באַנק. מיר פֿלעגן אָפֿט זיצן אויף דעם דאָזיקן באַנק און ריידן. ניט איינמאָל האָט זיך פֿאַר מיר הירשקאַן געקלאָגט, אַז ער האָט שאַרפֿע ווייטיקן אין האַרץ. ער פֿלעגט עס אַרויס־זאָגן מיט זיין אַ ביסל הייזעריקלעכער שטימע, שטיל, און שמייכלען דערביי, אַז מיר פֿלעגט ניט איינמאָל איינפֿאַלן, אַז דאָס וויל ער מיך טרייסטן, ווייל איך האָב אַ שוואַך האַרץ און בין שוין ניט איינמאָל געלעגן אין שפּיטאָלן. אָבער ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער, האָט הירשקאַן געזאָגט דעם אמת. ער האָט טאַקע, קענטיק, געהאַט פֿאַר־האַרטעוועטע אָדערן און אַ פֿאַרגרעסערטע האַרץ. אוודאי קען מען מיט די דאָזיקע חלאתן לעבן ווען אַלץ גייט רואיק און שטיל און מען איז פֿאַרזאָרגט מיט פּרנסה אָבער צבי הירשקאַן האָט געליטן נויט די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן. און מסתמא פֿריער אויך ניט געלעבט אין „ראָסקאָש״. איז ער שוין געוואָרן מיד פֿון דעם שטענדיקן קאַמף

און געוואָלט האָבן רו און אפשר אויך מורא געהאַט, אַז דער דחקות זאָל ביי אים ניט אַוועקרייסן ראַשעל, וואָס דאָס וואָלט געווען פאַר אים דער גרעסטער קלאַפּ.

אמת, מען האָט אים אַ ביסל אַרויסגעהאָלפן. ער פלעגט פון מיר ניט באַהאַלטן, אַז די ברידער ברוך וולאַדעק און שמואל ניגער זיינען זייער חבריש צו אים. מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט האָט ער גערעדט וועגן וולאַדעקן, וועלכער האָט זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט זיינע זאָרגן.

עס איז געווען אַ זוניקער טאָג אין אָקטאָבער, עס האָט זיך שוין געפילט דער אָסיען, דער „אינדיען" זומער, וואָס איז אַזוי פּראַכטפול אין אַמעריקע אָבער אַ דינער אומעט האָט געשוועבט אין דער גאָלדיקער לופט. אין סי־גייט איז געווען שטיל. די זומער־געסט זיינען זיך שוין צעפאָרן. צבי הירשקאַן איז געזעסן מיט מיר אויפן באַנק און גערעדט. איך בין דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין און ער האָט געוואָלט וויסן מיין מיינונג וועגן דעם און יענעם מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, וועגן פרעזידענט. דערנאָך האָט ער מיר געבעטן אַריינגיין מיט אים אין זיין וואוינונג און אַ ביסל פאַרברענגען, ווייל ראַשעל איז ערגעץ אַוועק און זי וועט זיך אומקערן ערשט צו וועטשערע.

— עס איז מיר עפּעס היינט אומעטיק, — האָט ער געזאָגט.

איך בין אַריין צו אים. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין שרייב־צימער און מיר האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף אַ קאַנאַפּע. באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז מיט זיין ערשטער, פרוי מיט וועלכער ער האָט זיך געגט, האָט ער געהאַט אַ יינגעלע, וואָס איז צו דרייצן יאָר געשטאָרבן. און היינט עפּעס אַ גאַנצן טאָג גייט דאָס קינד ניט אַרויס פון זינען. ער זעט אים אַלץ פאַר זיינע אויגן. הירשקאַן האָט פאַר מיר געשילדערט ווי אַזוי דאָס יינגעלע איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן און וואו דאָס איז געווען, נאָר אַזוי ווי איך געדענק ניט די איינצלהייטן, וועל איך עס דורכלאָזן. און עס האָט אויך ניט צו טאָן מיט דעם וואָס איך וויל איצט דערציילן.

הירשקאַן האָט פאַרלאָרן זיין אַרבעט אין „טאָג". ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט ווייס איך ניט, אָבער מען האָט אים אויפגעהערט צו דרוקן. ער איז געבליבן אָן פרנסה און זיך געווענדעט נאָך שטיצע אין י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין. די עקזעקוטיווע פלעגט אַרויסגעבן עטלעכע נויט־

באַדערפטיקע שרייבער, וואָס האָבן שוין געהאַט נעמען, צו צען דאָלער אַ וואָך. דאָס זעלבע האָט מען באַשטימט פאַר הירשקאַנען, אָבער ער איז געווען ניט צופרידן און געפאָדערט פופצן דאָלער. אוודאי איז ער געווען גערעכט, ווייל מיט צען דאָלער אַ וואָך האָבן צוויי מענטשן ניט געקענט דורכקומען ווי שפּאַרזאַם ראַשעל איז ניט געווען.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע טעג פאַר הירשקאַנען. ער האָט זיך באַמיט האַלטן דאָ און דאָרט אַ ליטעראַרישן פאַרטראַג, כדי צו מאַכן אַ ביסל געלט, נאָר דאָס פלעגט אים ניט אָפט געלינגען. שטענדיק איז עס געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און אַפילו מיט דערנידעריקונגען. קיין גרויסן עולם האָט הירשקאַן ניט געקענט צוציען, ווייל קיין אינטערעסאַנטער רעדנער איז ער ניט געווען. ער פלעגט פריער אָנשרייבן זיין פאַרטראַג און עס דערנאָך פאַרלייענען אַ ביסל מאָנאָטאָן. אמת, ער האָט שטענדיק גוט געקענט די ליטעראַרישע טעמע, וואָס ער האָט באַאַרבעט און זיין שפּראַך איז געווען קאָלירפול און בולט, אָבער דער פאַקט וואָס די צוהערער האָבן געוואוסט, אַז פאַר זיי שטייט אַ שרייבער, וועלכער נויטיקט זיך אין די „עטלעכע דאָלער" האָט ניט געטויגט. הירשקאַן האָט עס געפילט און געליטן דערפון.

דערווייל האָט ער אַלץ גערעדט מיט מיר, ווי צום סעקרעטאַר פון פאַראיין, אַז איך זאָל באַשטיין, מען זאָל אים געבן די פופצן דאָלער אַ וואָך. די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, און באַזונדערס דער פּרעזידענט, זיינען געווען קאַטעגאָריש קעגן. מיט וואָס איז ער בעסער פון דעם אָדער יענעם באַוואוסטן שרייבער, וואָס קריגט צען דאָלער אַ וואָך און שווייגט? איך האָב דאָ גאָרניט געקענט אויפטאָן און פלעג עס הירשקאַנען איידל דערקלערן. אָבער ער האָט זיך אויפגערעגט אַלץ מער וועגן דעם דאָזיקן פיינלעכן ענין און איינמאָל פשוט געסטראַשעט, אַז ער וועט אימיצן פון דער עקזעקוטיווע עפּעס אָפּטאָן...

— נו, הירשקאָן, איר מיינט עס ניט ערנסט, — האָב איך זיך באַמיט אים צו באַרואיקן, און דערביי דערציילט, ווי אַ צווייטער חשובער שריפטשטעלער, אַ ייד אַ תּלמיד חכם, האָט אַמאָל אויך געסטראַשעט, וואָס איז שייך שטיצע, אַז ער וועט גיין מיט אַ שטעקן שלאָגן די עקזעקוטיווע, אָבער מען איז דורכגעקומען בשלום. יידישע גזלנים. אַזוי וועט אויך זיין מיט אים.

איך האָב געפילט, אַז דער פאַקט וואָס הירשקאָן האָט פאַרלאָרן זיין פּרנסה ווירקט אפשר ניט גוט אויף זיין צוזאַמענלעבן מיט ראַשעל.

אפשר קומען פֿאַר צוליב דעם שטילע צוזאַמענשטויסן. אַ פֿרוי וויל שטענדיק דער מאַן זאָל איר מפֿרנס זיין. ער האָט זי אַזוי ליב.

אָבער עס האָט מיר פֿאַרדראָסן ביז גאַר, וואָס דער י. ל. פּרץ שרייבער־פֿאַראיין האָט ניט קיין שטענדיקן גרויסן פֿאָנד, פֿאַר נויט־באַדערפֿטיקע און קראַנקע שרייבער. מען האָט עס פֿאַרנאַכלעסיקט. עס זיינען געווען צייטן, ווען אַזאַ פֿאָנד איז געווען ניט שווער צו שאַפֿן. מען האָט נאָר געדאַרפֿט האָבן דעם חשק, דעם גוטן ווילן צו העלפֿן די יעניקע קאָלעגן, וואָס האָבן די הילף געדאַרפֿט. אָבער די גוט פֿאַרזאָרגטע שרייבער פֿון די צייטונגען האָבן עס ניט שטענדיק געטאָן. אמת, זיי האָבן פֿון צייט צו צייט געשאַפֿן קליינע פֿאָנדן פֿאַר נויטבאַדערפֿטיקע, אָבער דאָס געלט פֿלעגט זיך צעגיין און די קאַסע איז ווידער געווען כמעט פּוסט. און מען האָט דאָך געקענט אַזוי פֿיל אויפֿטאָן: האָבן אַן אייגענע היים, וואו שרייבער זאָלן זיך קענען צו־זאַמענקומען, און אַ גרויסן פֿאַרלאַג, אַז שרייבער זאָלן ניט דאַרפֿן פּעדלען מיט זייערע אייגענע ביכער און ווערן באַליידיקט. איך האָב ניט איינמאָל אין דער עקזעקוטיווע פֿון י. ל. פּרץ שרייבער־פֿאַראיין פֿאָרגעשלאָגן די אַלע פּלענער, אָבער מען האָט געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ נאַאיוון מענטשן, וואָס חלומט פּוסטע חלומות.

און איצט דאַרף אַ טאַלאַנטפֿולער שרייבער פֿירן אַ קאַמף מיטן פֿאַראיין צוליב פֿינף דאָלער אַ וואָך.

— איך וועל אַליין גיין ריידן צו די מיטגלידער פֿון דער עקזעקו־טיווע, — האָט צו מיר געזאָגט הירשקאָן.

— גוט, קומענדיקן מאָנטיק איז אַ מיטינג.

עס איז געווען פֿרייטיק בייטאָג און פֿאַרנאַכט האָט מיך הירשקאָן איינגעלאַדן צו וועטשערע. ראַשעל האָט אָפּגעקאָכט געפֿילטע פֿיש. איך האָב גערן אָנגענומען די איינלאַדונג, ווייל מיין פֿרוי און די טעכטערל זיינען אַוועק צו די אייגענע אין די בראָנקס.

יענער פֿרייטיק צונאַכט האָט זיך שאַרף איינגעשניטן אין מיין זכרון. הירשקאָן איז געווען זייער אויפֿגעלייגט, אַפֿילו פֿריילעך. זיין טונקעלער פּנים האָט געשיינט, ווען ער האָט אַלע ווײַלע געוואָרפֿן פֿאַרליבטע בליקן אויף ראַשעל, וואָס האָט דערלאַנגט צום טיש. אין דער ציכטיקער וואוינונגל איז געווען באַזונדערס איינגענעם. די געפֿילטע פֿיש האָט געהאַט אַלע זיבן טעמים. אין מיטן עסן האָט הירשקאָן אָנ־געהויבן זינגען זמירות. ער האָט געזונגען שטיל, אָבער געשמאַק: „שלום

עליכם, מלאכי השרת, מלאכי עליון, ממלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא". איך האָב אים אונטערגעהאַלפן. ראַשעל האָט מיך נייגעריק אָנגעקוקט. איך האָב דערזען ווי אירע אויגן זיינען פייכט געוואָרן פון טרערן. אָבער גלייך האָט זי אַ שמייכל געטאָן און באַמערקט:

— צבי, ער קען דאָך אויך זינגען.

מיר האָבן יענעם אָוונט גוט פאַרבראַכט ביים עסן און הירשקאָן איז אַלץ געווען אויפגעלייגט און פריילעך. ער האָט ווי פאַרגעסן און ניט געוואָלט טראַכטן וועגן די טאָג־טעגלעכע זאָרגן, און אַז מאָנטיק דאַרף ער גיין ריידן פאַר דער עקזעקוטיווע פון י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין און בעטן מען זאָל אים געבן מיט פינף דאָלער מער אַ וואָך שטיצע.

דער מיטינג פון דער עקזעקוטיווע איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן צימער פון דער „פאָרווערטס"־געביידע, ווייל דער אָפיס פון פאַראיין איז געווען עפּעס פאַרנומען. אָט זיצן שוין אַלע מיטגלידער ביי אַ לאַנגן טיש און מען וואַרט אויפן פּרעזידענט. איך, אַלס סעקרעטאַר, קוק נאָך אַמאָל איבער די בריוו און בקשות, וואָס זיינען אָנגעקומען אין פאַרלויף פון דער וואָך. הירשקאָן איז אַריינגעקומען און מיין האַרץ האָט גע־נומען קלאַפּן שטאַרקער. מען האָט געזען אַז ער איז שטאַרק אויפ־גערעגט, נאָר באַמיט זיך צו באַהערשן. איך האָב אים באַגריסט און געבעטן זיצן. אָט באַלד וועט אַריינקומען דער פרעזידענט און מען וועט אים אויסהערן. הירשקאָן האָט מיך אָנגעקוקט, גאָרניט געענטפערט און אָנגעהויבן נערוועז אַרומשפּאַנען איבערן צימער. די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע האָבן אַ ביסל אָנגעכמורעטע געוואָרפן אויף אים פאַרשנדיקע בליקן, צי האָט ער טאַקע ניט אַ מעסער מיט זיך... איך געדענק שוין ניט גענוי וואָס הירשקאָן האָט געזאָגט, ווען דער פּרעזי־דענט איז געקומען און דער מיטינג האָט זיך געעפנט, אָבער די סצענע האָט אויף מיר געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק, כאָטש מען האָט, דאַכט זיך, באַוויליקט זיין בקשה אויף אַ געוויסער צייט.

* * *

הירשקאָן איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער „פרייהייט". צי ער האָט טאַקע געגלויבט אין רוסישן קאָמוניזם, קען איך ניט זאָגן. גיכער ווי אַלץ לייגט זיך אויפן שכל אַז ניט, ווייל ער האָט געהאַט אָפענע אויגן און געזען ווייט. און אפשר האָט ער זיך געלאָזט פאַרוויגן אין

דער רויטער וויגעלע. עס האָט זיך געוואָלט האָבן אַ שטיקל גייסטיקן ווינקל. עס איז דאָך אַזוי וויכטיק פאַר אַ שרייבער צו האָבן וואו זיך צו דרוקן. און וויכטיקער פון אַלץ איז פאַר אים מסתמא געווען, אַז ער וועט פאָרט קענען אַלע וואָך ברענגען זיין געהאַלט צו ראַשעל און זיי וועלן ווייטער זיך קענען לעבן רויק און ניט דאַרפן אָנקומען נאָך קצבה.

אָבער די ראָל פון אַן אמתן קאָמוניסט האָט הירשקאַן דאָך געשפּילט. איינמאָל האָב איך אים געטראָפן מיט דעם שרייבער ראַבאָי, וואָס איז שוין אויפן עולם האמת. זיי זיינען געזעסן אין „אָטאָמאַט" אויף דער פערצנטער גאַס. איך האָב זיך צוגעזעצט צו זייער טישל און מיר האָבן גערעדט וועגן אַרויסגעבן ביכער און זיי דערנאָך איבערזעצן אין ענגליש.

— דאָס איז אַ שווערער ענין פאַר אַ יידישן שרייבער אין אַמעריקע, — האָב איך באַמערקט.

— אָט וועט באַלד קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע און פאַר פּראָלעטאַרישע שרייבער וועט עס זיין גאָר ניט שווער, — האָט מיר ערנסט געענטפערט הירשקאַן.

דער ליבער נאַאיווער ראַבאָי האָט פרום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זאָל נאָר קומען אין אַמעריקע די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

— הלוואי וואָס גיכער, — האָב איך צוגעגעבן און אָנגעקוקט הירשקאַנען ווי איינער זאָגט: וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב דער בידנער פרנסה.

ווי באַקאַנט, איז הירשקאַן געשטאָרבן פּלוצלינג, אויפן וועג פון דער „פרייהייט"־רעדאַקציע אַהיים. מען האָט מיר דערציילט — אָבער איך קען ניט קאָווירן אַז אַזוי איז טאַקע געווען — הירשקאַן איז געקומען אין רעדאַקציע און אַליין, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער ציטונג, האָט אים אַריינגערופן צו זיך, און אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט אַרויסגערעדט:

— חבר הירשקאַן, מיר קענען ווייטער ניט דרוקן אייערע אַרטיקלען. איצט איז ביי אונדז אַ פּאַראייניקטער פראָנט און מיר דאַרפן אייך מער ניט האָבן.

וואָס הירשקאַן האָט דערפילט אין יענער מינוט ווייסט איין גאָט. ווי אַזוי האָט ער געקענט קומען אַהיים און דערציילן ראַשעלן אַז ער האָט פאַרלאָרן דעם דזשאָב אין דער „פרייהייט". ער האָט ניט געקענט גיין אַהיים. זיין האַרץ האָט עס ניט אויסגעהאַלטן. אויף אַ סאָבוויי סטיישאָן איז צבי הישקאַן געפאַלן און געשטאָרבן.

אַ גאַסטפריינטלעכער קאָלעגע

צווישן די העברעאישע און יידישע שרייבער, וואָס איך האָב געקענט און קען, צייכנט זיך אויס דער געלערנטער און ראָמאַניסט יוחנן טווערסקי מיט אַ באַזונדער גאַסטפריינטלעכקייט. איך טראַכט אָפט וועגן מיין באַזוך אין באָסטאָן, וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין מוטער, און מיר ווילט זיך שוין פון לאַנג באַצייכענען וועגן אונדזער באַקאַנטשאַפט.

אַז עס איז אָנגעקומען פון וואַרשע מיין בוך „דער בונט", וואָס דער פאַרלאַג בזשאָזא האָט אַרויסגעגעבן, בין איך געווען געצוואונגען בכבודי ובעצמי אַליין אָנהויבן פאַרשפרייטן די ביכער, ווייל די בוכהאַנדלונגען האָבן שוין פון פריער געקויפט ביכער ביי בזשאָזאַן, כאָטש לויט דעם קאָנטראַקט, האָט עס דער פאַרלעגער ניט געטאָרט טאָן. אָבער גיי זוך גערעכטיקייט און פאָדער יושר ביי בוכהענדלער, וואָס קענען נאָך ווערן ברוגז אויף דיר און אין גאַנצן ניט וועלן פאַרקויפן דיינעם אַ בוך.

אַוועקפאָרן אויף לאַנג פון ניו יאָרק האָב איך ניט געקענט. האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין באָסטאָן, וואו עס וואוינט שוין יאָרן לאַנג מיין אַלטער חבר נאָך פון ארץ־ישראל, דער בעלעטריסט ז. ברכות. מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין דער קאָלאָניע רחובות מיט פערציק יאָר צוריק, געהיט ווייגגערטנער און פלעגן אויך צוזאַמען גאַנץ אָפט טרינקען אַ גוטע גלאָז וויין. בין איך געווען זיכער, אַז ברכות וועט מיר העלפן מיט ראַט און טאַט. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

אַרויסגעפאָרן קיין באָסטאָן בין איך מיט אַ שיף פאַרנאַכט. איך האָב מיט זיך מיטגענומען אַ הונדערט ביכער. דאָס איז געווען אַ שווע־רער פעקל. ביינאַכט בין איך געזעסן אויפן דעק פון שיף און ניט געקענט איינשלאָפן. די ביכער זיינען געלעגן נעבן מיר. עס איז מיר געווען אומעטיק און ניט צום האַרצן די גאַנצע רייזע. עס האָט זיך אַלץ געטראַכט: ווי אַזוי וועל איך קענען צוקומען צו פרעמדע מענטשן און זיי פאָרשלאָגן, זיי זאָלן קויפן מיין בוך. אפשר וועלן זיי גאָרניט וועלן און זיי וועט זיין שווער מיר אָפּצוזאָגן. ניין, מען וועט מוזן געפינען

אַ וועג, אַז טאָן זאָלן עס אַנדערע און ניט איך אַליין, דער פּראָפעסאָר פון בוך. און די קליינע שיף האָט געשניטן די רוישנדיקע כוואַליעס פון ים און אַלץ מער זיך דערנענטערט צו באָסטאָן.

אין דער פרי האָב איך אין באָסטאָן אָפּגעזוכט ברכותן. ער האָט מיך אַביסל אויפגעמונטערט און געראָטן זיך צו באַקענען מיט יוחנן טווערסקין, וועלכן איך האָב דאַן נאָך ניט געקענט פּערזענלעך.

— טווערסקי איז אַ וואוילער ייד — האָט געזאָגט ברכות — און ער וועט מסתמא מיט עפּעס דיר העלפן פאַרשפּרייטן דאָס בוך. מיר וועלן נאָכמיטאָג צוגיין צו אים.

איך האָב זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט און ניט געגלויבט, אַז דער העברעאישער ראָמאַניסט און געלערנטער וועט זיך וועלן „באַדערן" מיט מיר און מיינע ביכער. פון דער דערפאַרונג האָב איך געוואוסט, אַז די מערסטע באַוואוסטע העברעאישע און יידישע שרייבער צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין גוטסקייט און פריינטלעכקייט. פאַרקערט, עס קומט גאָר אויס אַז גאָט האָט געבענטשט מיט אַ סך טאַלאַנט די ניט גוטע, קאַרגע און קאַפּריזנע.

איך האָב עס געזאָגט ברכותן, אָבער ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז יוחנן טווערסקי איז ניט אַזאַ מענטש.

נאָכמיטאָג איז ברכות געגאַנגען מיט מיר צו טווערסקין. דער שריפטשטעלער האָט געוואוינט אין אַ שטילן געגנט, נעבן אַ וואונדערבאַרן פּאַרק מיט פאַרשידענע, פון דער גאַנצער וועלט איבערגעפלאַנצטעביימער, וואָס פאַרשיכורן אין פרילינג מיט די אַראָמאַטן פון זייער צוויט אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן אַרום. אָבער דאַן איז געווען ווינטער, כאָטש דער טאָג אַ זוניקער, אַ גאָלדענער.

מיר זיינען אַריין אין דער געביידע, ברכות האָט אָנגעקלונגען. פון דריטן עטאַזש האָט מען געפרעגט ווער דאָס איז.

מיר זיינען אַרויפגעקומען.

אַ יונגערמאַן פון מיטעלן וואוקס, אַ פעסט געבויטער, מיט אַ ליכטיק פנים און געדיכטע, כמעט בלאָנדע האָר, האָט אונדז פריידנדלעך און פאַרטראַכט באַגעגנט ביים טיר.

עס איז געווען קענטיק, אַז מיר האָבן טווערסקין פלוצלינג אָפּגעריסן פון דער אַרבעט און ער האָט זיך געפילט אַביסל פאַרלאָרן און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

מיר זיינען אַריין און ברכות האָט מיך פאַרגעשטעלט. טווערסקי

האָט אונדז אַריינגעפּירט אין זיין צימער און געבעטן זיצן. דערביי האָט ער אַליין פאַרנומען זיין פּלאַץ ביים שרייב טיש און לאַנגזאַם געגומען קלאַפּן מיט צוויי פינגער איבער די אותיות פון „טייפּרייטער". געוואָלט פאַרצייכענען אַ געדאַנק. דאָס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט.

דערווייל האָב איך איבערגעקוקט די אויפשריפטן אויף די רוקנס פון די פאַרשידענע דיקע ספרים און ביכער, וואָס האָבן כמעט פאַרנומען צוויי ווענט פון דעם גאַנץ באַקוועמען צימער. טווערסקי האָט געשוויגן און אַלץ געקלאַפּט לאַנגזאַם אויפן „טייפּרייטער".

— ברכות, לאָמיר אַוועקגיין, — האָב איך שטיל געזאָגט צו מיין חבר — מיר זיינען, דאַכט זיך, געקומען ניט אין צייט.

— מיר וועלן קומען אין אַ שעה אַרום, — האָט אַ זאָג געטאָן ברכות צו טווערסקין. מיר זיינען אַוועק.

אין דרויסן האָב איך זיך געבייזערט אויף ברכותן: צו וואָס האָט ער מיך אַהער געבראַכט. דער שריפטשטעלער איז פאַרנומען און פילט זיך פאַרלאָרן אַז מען שטערט אים אין זיין אַרבעט. דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. אָבער ברכות האָט געלאַכט און מיר ווידער פאַרזיכערט אַז טווערסקי און זיין מוטער זיינען אויסערגעוויינלעך ליבע מענטשן און אין אַ שעה אַרום קערן מיר זיך אום צוריק. דאַן וועט אויך זיין מוטער זיין אין הויז.

איך האָב זיך געלאָזט איבעררייִדן. די שעה זיינען מיר אָפּגעזעסן אין פּאַרק און דערמאָנט אונדזער אַמאָליקן לעבן אין ארץ־ישראל. ברכות האָט אויך גערעדט וועגן אַרויסגעבן זיינע דריי ביכער אין פאַרלאַג „בזשאָזאַ". ער האָט געוואָלט איך זאָל אים פאַרבינדן מיטן פאַרלעגער.

אָבער דאָס צווייטע מאָל האָט מיך טווערסקי פון הויז ניט אַרויסגע־לאָזן. עס האָט אַביסל אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט אינגאַנצן ניט גע־דענקט, אַז איך האָב אים מיט אַ שעה צוריק שוין געזען, אַזוי פאַרטאָן איז ער פריער געווען אין זיין אַרבעט. ער האָט זייער פריינטלעך גע־רעדט און ברכות האָט געקוקט אויף מיר און מיט צופרידנקייט גע־שמייכלט, ווי איינער זאָגט: „נו, איצט גלויבסטו מיר?!"

ער האָט מיר געבעטן פאַרבלייבן ביי אים אויף וועטשערע, און אַז איך האָב טווערסקין געזאָגט, דאָס איך דאַרף נאָך גיין דינגען פאַר זיך אַ „רומקע", האָט ער זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַז ער פאַרשטייט ניט אַזאַ שפּראַך און דער אויסדרוק „רומקע" שניידט אים אין אויער. איך וועל זיין זייער גאַסט. איך וועל בלייבן ביי זיי. מען מוז אים ענטשולדיקן

וואָס ער האָט ניט געווּג פרייע צייט. ער איז אַזוי פאַרנומען. ער האָט אַ סך אַרבעט. דערצו מוז ער עטלעכע שעה אַ טאָג האַלטן לעקציעס אין „היברו אינסטיטוט". אָט ביים עסן וועלן זיי תמיד קענען אַ שמועס טאָן און אַמאָל אויך אין אָוונט. מען דאַרף אים ענטשולדיקן.

— איך אַליין האָב מערסטנס אויך ליב צו שווייגן, — האָב איך געזאָגט.

— גוט, — האָט זיך דערפרייט טווערסקי. עס איז אַ געלונגענער שידוך. אויך זיין מוטער איז צו מיר צוגעשטאַנען, איך זאָל פאַרבלייבן ביי זיי. די פרוי האָט עס גאָר אַנדערש ניט געוואָלט פאַרשטיין. איר סימפּאַטישער פּנים האָט אויסגעדריקט פאַרדראָס: טאָמער וויל דער גאַסט אַוועקגיין. איך דאַרף עס ניט טאָן. זי וועט גלייך צוגרייטן אַ צימער פאַר מיר. איך האָב באַדאַנקט און צוגעזאָגט ברענגען מיינע זאַכן. און אין דרויסן האָט ברכות ווידער געלאַכט!

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט!

איך האָב אַריבערגעבראַכט דעם טשעמאָדאַן און דאָס פּעקל ביכער. דערנאָך בין איך אַוועק און זיך אומגעקערט שפּעט אין אָוונט. דער געלעגער איז געווען אויסגעבעט און אויף אַ טישעלע דערביי איז געשטאַנען אַ גלאָז וואַרימע מילך. איך בין געווען גערירט פון דער גוטסקייט.

אין דער פרי האָט טווערסקיס מוטער שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר פון מיין צימער און געפרעגט וואָס וויל איך טרינקען פאַר פרישטיק. און אַביסל שפּעטער ביים אָנבייסן, האָט זי מיך געפרעגט ווי גייט עס מיט די ביכער. מיר האָבן זיך צערעדט וועגן געוויסע שרייבער און זייערע ווערק.

— וואו האָט איר אייער וויסן באַקומען? — האָב איך געפרעגט.

זי האָט אַביסל פאַרשעמט געשמייכלט: — ניט געפּערלעך. אַ געוויסע צייט איז זי מיט איר יוחנן געווען אין בערלין און אויך אין פּאַריז.

ער האָט דאָרט שטודירט און זי האָט זיך אויך געסטאַרעט, אַז איר צייט זאָל ניט אַוועקגיין אומזיסט.

ביי טאָג האָבן מיר ווידער גערעדט. די פרוי איז געזעסן אין אַ ווינקל שטול ביים פענצטער און דערציילט וועגן זיך. אָבער די מערסטע געשעענישן האָט זי נאָר פאַרבייגייענדיק אָנגערירט און ניט פאַרענדיקט.

עס איז קענטיק געווען, אַז איר איז שווער צו זיין אָפנהאַרציק מיט איינעם, וועלכן זי קען נאָך אַזוי ווייניק.

עס זיינען פאַרביי עטלעכע טעג. איך האָב זיך גענומען פילן אַלץ

היימישער מיט די דאָזיקע ליבע אינטערעסאַנטע מענטשן. צוויי מאָל אין די אָוונטן האָב איך שוין פאַרבראַכט מיט טווערסקין, וועלכער האָט מיט זיין ליכטיקן אויסזען מיר אַלץ עפּעס דערמאָנט אָן אַ שטיפער אַ בחור, וואָס וויל ניט וויסן פון קיין זאָרג און אָט וועט ער זיך גאָר אַוועקלאָזן אין אַ טענצל. אָבער אונדזערע שמועסן זיינען געווען ערנסטע און האַרציקע און איך האָב זיך געפילט אין טווערסקיס געזעלשאַפט עפּעס ווי אויסגעוואַקסן און דערהויבן...

* * *

איינמאָל אין אָוונט איז טווערסקי געזעסן אין אַ טיפן ווייכן שטול און געררוט. ער האָט אויסגעזען מיד. די נאָזלעכער האָבן ווי געפּלאַטערט ביי אים און די אויגן־דעקלעך האָבן זיך אַלע ווייַלע עטוואָס צוגעמאַכט. איך בין געזעסן אַנטקעגן אים און איבערגעקוקט אַ בוך מיט רעפּראָ־דוקציעס פון לעוויטאַנס רוסישע פּייזאַזשן. אַ וואַלד פלאַקערט אין פאַרבן פון זון אונטערגאַנג. שטילע וואַסערן און אַ סטעזשקע וואָס פאַרלירט זיך ערגעץ אין אַ ווייטן פעלד. און נאָך און נאָך פאַרחלומטע ווינקלען פון רוסישע לאַנדשאַפטן. אַזאַ שטילער אומעט וועיעט פון די אַלע בילדער. טווערסקי האָט ליב לעוויטאַנען און רעדט וועגן אים מיט איינגעהאַלטענער באַגייסטערונג.

— דערציילט מיר עפּעס וועגן זיך — זאָגט טווערסקי.

מיר ריידן און איך וואָלט געוואָלט, אַז דער אָוונט זאָל זיך גאָרניט ענדיקן. נאָר טווערסקיס מוטער באַווייזט זיך אויפן שוועל, דערמאָנט אַז ס'איז שוין שפּעט און בעט ביידן גיין טרינקען אַ גלאָז וואַרימע מילך פאַרן שלאָף.

דערנאָך ליג איך אויף מיין געלעגער מיט אָפענע אויגן און טראַכט מיט וואָס פאַר אַ ליבע און איבערגעבנקייט די דאָזיקע פרוי פילט אָן די טעג פון איר זון, ווי נאָענט און פאַרשטענדלעך איר זיינען זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן און ווי צאַרט עס קלינגט איר קול אין די אָוונטן, ווען זי בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל פאַרלאָזן דעם שרייבטיש און גיין רוען.

מיר איז אויך אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ שבת־צו־נאַכט ביי די טווערסקיס. עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן פאַרשידענע געסט. די מו־טער האָט דערלאַנגט „כיבוד״. אָנגעשטעלט אַ טיש מיט געשמאַקע נאַ־שערייען און וויין. מען האָט גערעדט וועגן ארץ־ישראל, געזונגען חסידישע נגונים און אַפילו רוסישע לידער. אָבער טווערסקי איז געזעסן די גאַנצע צייט שטיל, עפּעס געטראַכט און די נאָזלעכער האָבן ביי אים אַלע וויַיל

אויפגעציטערט. איך האָב אויף אים געקוקט און ניט פאַרשטאַנען פאַר־וואָס ער רעדט כמעט ניט. נאָר צום סוף פון אָוונט האָט ער רעזומירט אַלע אינטערעסאַנטע מיינונגען, וואָס זיינען צופעליק אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון דעם אָדער יענעם און עס איז געווען צו באַוואונדערן זיין זכרון און די טיפקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט יעדן געדאַנק.

מער ווי אַ וואָך האָב איך פאַרבראַכט ביי די טווערסקיס אין הויז.

זייערע פריינט האָבן פאַר מיר פאַרקויפט א געוויסע צאָל ביכער און איך האָב ניט געדאַרפט עס טאָן אַליין. און ביי דעם קבלת פּנים, וואָס דער פועלי ציון קלוב פון באָסטאָן האָט אַראַנזשירט לכבוד מיר, איז יוחנן טווערסקי געווען דער פאָרזיצער און זייער פיין כאַראַקטערי־זירט מיין אַרט לעבן און שרייבן, אָפּשטעלנדיק זיך באַזונדער אויף מיין דערציילונג „אונטערגאַנג", וועלכע ער האָט פאַרגליכן מיט אַ דערציי־לונג פון אַ גרויסן רוסישן שרייבער.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז יוחנן טווערסקי איז שטענדיק געווען גרייט אַרויסצוהעלפן יעדן יידישן קינסטלער, וואָס האָט נאָר געדאַרפט זיין הילף.

* * *

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך פאַרבראַכט דעם העי־פיבער סע־זאָן אין בעטלעהעם, די „וווהאַיט מאונטעינס". איך האָב געוואוינט אויף מעין סטריט. און אָט איינמאָל, פאַרנאַכט צו, זיץ איך אַזוי אויף דער וועראַנדע פון דעם קליינעם האָטעל און וויג זיך אין אַ „ראָקינג טשער". מיט אַמאָל דערהער איך מיין נאָמען און זע ווי ביים אַריינגאַנג שטייט יוחנן טווערסקי און נעבן אים אַ הויכע פרוי מיט אַ שיינעם טונקעלן אָריענ־טאַלישן פּנים. איך בין צוגעלאָפן צו זיי.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טווערסקיס פרוי האָט אויך העי־פיבער און געמוזט פאַרלאָזן באָסטאָן, כאָטש זי האָט אין דער היים געלאָזן אַ קליין קינד.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַגעגענען כמעט אַלע פאַרנאַכט. טווער־סקי פלעגט מיך אָוועקפירן אין עק פון מעין סטריט, וואו נעבן אַ משופּעדיקן פלאַץ זיינען געשטאַנען אַ פּאָר בענק און פון וואַנען מען האָט געקענט זען ווי די זון פאַרגייט הינטער די „ווייסע בערג" און דער אָוונט פאַלט צו. מיר פלעגן מערסטנס זיצן און שווייגן, ביז ס'פלעגט

ווערן פינצטער. דערנאָך פלעג איך אים און זיין פרוי אַביסל באַגלייטן און ער האָט זיך אַלץ אינטערעסירט מיט מיינע ליטעראַרישע אַרבעטן.

איינמאָל האָב איך אים דערציילט אַז איך שרייב דעם צווייטן באַנד „וואָגלעניש", וואו איך דערצייל אַ סך וועגן די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער. ער האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט מיט דער טעמע. און אָט איז ער געקומען זיך מיט מיר געזעגענען, ווייל ער האָט שוין געמוזט פאָרן צוריק קיין באָסטאָן מיט זיין פרוי, כאָטש דער העי־פיבער סעזאָן האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. עס איז געווען אַרום דעם צוואַנציקסטן סעפּטעמבער.

— מיר וועלן מסתמא אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל — האָט ער צו מיר געזאָגט — מיין פרוי וועט דאָרט פילן בעסער און איך וועל זיין אויפן פּלאַץ. און איך, תלוש, וויל איך בעטן, אַז איר זאָלט אָנשרייבן דאָס צווייטע בוך „וואָגלעניש", לייגט עס ניט אָפּ. און זייט געזונט.

טווערסקי מיט זיין פרוי זיינען טאַקע אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און זיך דאָרט באַזעצט, און אָפּט דערמאָן איך מיר זיינע ווערטער, אַז איך זאָל ניט אָפּלייגן און ענדיקן מיין אַרבעט. וואָס איך האָב שוין פון לאַנג אָנגעהויבן, און אַ געפיל פון וואַרעמקייט און דאַנק־באַרקייט פיל איך אין מיין האַרצן צו יוחנן טווערסקי.

צום אָנדענק פון דעם דיכטער שלאָמאָוויטש

עס איז מיר צופעליק אַריינגעפאַלן אַן אַלטער נו־מער פון דעם זשורנאַל „צוקונפט״, וואָס איך האָב פריער ניט געלייענט און דאָרט באַמערקט דעם נאָמען שלאָמאָוויטש און דריי פון זיינע לידער, און אונטן אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע: „עס איז אָנגעקומען אַ טרויעריקע נאַכריכט, אַז דער דיכטער שלאָמאָוויטש איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. יונגערהייט איז ער אַוועק פון דער וועלט. ער האָט ניט דערלעבט צו זען זיינע לידער אין זשורנאַל, וואָס ניט לאַנג צוריק האָבן מיר אים געגעבן צו וויסן, אַז זיי זיינען אָנגענומען צום דרוק״.

אָט זיינען די דריי לידער.

דו האָסט מיין האַרץ

דו האָסט אין מיין האַרץ אַ שטילע וועלט איינגעכישופט מיט זיבן זונען.
די גאָב פון דיין האַנט געלייטערט, באַזעלט,
און אין גאָלד געשפּונען.
איך טראָג מיט לויב צו דער וועלט דיין גאָב
באַשיידן אין ליכטיקן גאַנג
און די פשטות, וואָס גייט אויף אין מיין טאָג
איז שטילער נאָך פון מיין געזאַנג.

ל י ד

לערן זיך ביי די ביימער
אויפצונעמען דעם שטורעם,
און זאָל דיין קאָפּ נישט
זיין געבויגן
ווען ווינטן שניידן דורך
און צעטרייסלען דיין לעבן.
לערן זיך ביי דעם שטאָם
ליב צו האָבן אַלע טעג
אַפילו ווען נעפּלען

שפּרייטן זיך אין וועג.
און לערן זיך ביי דער נאַכט
די חכמה פון שווייגן:
ביז אויפהעלן וועט די פּראַכט
פון צעבליטע צווייגן.

מיט מיינע פינגער

איך בין איינגעקלאַמערט מיט מיינע פינגער
און האַלט זיך אין די דיילן פון דער וועלט.
דער טרויער, אַ דורכזיכטיקער, דינער
ווערט פון מיר באַהעלט.
ווי אַ פויגל צו זיין נעסט דער טאָג פליט אָפּ,
לאָזט איבער אין הימל אַ בלוטיקן פלעק.
דער אָוונט מיט טונקעלע פליגלען שטייגט אויף
און ס׳גליווערט ביי די שוועלן די שרעק.

איך האָב דעם דיכטער שלאָמאָוויטש געקענט און ניט געקענט. אין יענער צייט, מיט איבער פופצן יאָר צוריק, זיינען נאָך געווען פיל יונגע־לייט, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די יידישע שרייבער. זיי האָבן באַזוכט די ליטעראַרישע קאַפעס און קאַפעטעריעס און די שרייבער האָבן זיי געהאַלטן פאַר נאָענטע און כמעט אייגענע. מען האָט דיסקו־טירט מיט זיי ווי מיט גלייכע און מען האָט גערן אויסגעהערט די ביסל רכילות וואָס זיי האָבן דערציילט וועגן דעם אָדער יענעם דיכטער. אָבער אַז מען איז אַוועק פון דער קאַפע אָדער קאַפעטעריע האָט מען זיך ניט געקענט דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם מענטשן און ער איז לייכט פאַרשוואונדן פון אייער זכרון.

אָט אַזאַ איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די ערשטע צייט דער שטילער, שטענדיק אַביסל פאַרשעמטער שלאָמאָוויטש. כאָטש קיין שלעכטן וואָרט וועגן עמיצן האָב איך פון אים קיינמאָל ניט געהערט און וואָס איז שייך פּליאָטקעס איז אָפּגערעדט.

ווען ס׳איז אַרויס מיינער אַ בוך, האָט ער זיך צו מיר אומבאַמערקט צוגעשאַרט און ווערנדיק רויט שטיל אַרויסגערעדט, אַז ער וואָלט גע־וואָלט האָבן אַ קאָפּיע. איך זאָל עס אים געבן אַ מתנה מיט אַן אונטער־שריפט.

וועלכער יידישער שרייבער זשאַלעוועט צו געבן זיינע ביכער אומ־זיסט ? אַנדערע טראָגן נאָך אונטער דעם לייענער אַ קאַווע מיט אַ בולקע, אַבי נעם און זאָל עס זען די ליכטיקע וועלט און ניט ליגן ערגעץ אין אַ פינצטערן קעלער.

דאָך האָב איך דעם יונגנמאַן אויף טשעקאַוועס געפרעגט:

— פאַרוואָס ווילט איר ניט קויפן מיין בוך ?

ער האָט מיך אָנגעקוקט זייער פאַרלאָרן און נאָך שטילער געזאָגט:

— איך קען ניט.

— ביי וואָס אַרבעט איר ?

— איך בין אַ דיכטער.

— גיט מיר אייער אַדרעס.

ער האָט מיר געזאָגט זיין נאָמען. געגעבן דעם אַדרעס און איך האָב אים צוגעזאָגט צו שיקן אַ בוך.

— איך דאַנק אייך — און אַ צופרידענער האָט ער זיך אַ שאַר געטאָן ווייטער צו אַן אַנדער טישל פון דער קאַפעטעריע, וואו מיר האָבן זיך געפונען. שפּעטער האָב איך געזוכט צו דערמאָנען זיך, צי כ׳האָב ערגעץ באַמערקט, אין די קליינע זשורנאַלעכלעך, זיין נאָמען און אַלץ אומזיסט.

אָבער זיין אויסזען און דער בלוילעך רויטלעכער קאָליר פון זיין פנים איז מיר ניט אַרויס פון זינען. פון וואַנען קומט די קרענקלעכע בלויקייט ביי אַזאַ יונגנמאַן ?! און עפּעס איז ער אַ שעמעוודיקער, ווי אַ קליין־שטעטלדיקער בחור, און אַז ער גייט דוכט זיך אַז איין אַקסל איז ביי אים אַביסל העכער ווי דער צווייטער. באַזונדערס ווען ער שפּאַנט גיך.

טרעף איך אים אויפסניי, צופעליק, אויף דער פערצטנטער גאַס.

ער דאַנקט מיר ווידער פאַרן בוך און דערציילט מיר, אַז דאָקטוירים זאָגן אַז ער האָט אַ בלוט־דרוק נאָענט צו דריי הונדערט. איך פאַרזיכער אים, אַז ער מאַכט אַ טעות. דאָס איז דאָך אוממעגלעך. ער איז אַלט אינגאַנצן דרייסיק יאָר. אָבער ער שמייכלט אין פאַרלעגנהייט, ווי ער וואָלט געווען שולדיק אין דעם, און ווידערהאָלט ווידער דאָס זעלבע:

— נאָענט צו דריי הונדערט.

מיך אינטערעסירט ווי אַזוי קומט ער דורך מיט חיונה. נאָך האָב איך פון עמעצן געהערט, אַז פריער איז ער אין פּעטערסאָן געווען אַ וועבער. פון זיינע לידער האָט ער דאָך ניט קיין פרנסה. נו, וואָס איז דאָ צו וויסן. ער קריגט רעליף. אַ צימערל האָט ער און עסן ווי ס׳מאַכט זיך.

לייען איך זיינע דריי לידער און מיר פאַרדריסט שטאַרק, פאַרוואָס איך האָב אים קיינמאָל ניט פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן זיין פריערדיקן לעבן, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן, ווי ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער יאָרן און ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, אין דעם רייכן לאַנד, וואו זיין פאַרבלאָנדזשעטע נשמה און שעמעוודיקע נאַטור האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צום טאָג־טעגלעכן קאַמף.

און אָט איז מיר אויסגעקומען מיט שלאָמאָוויטשן אָפט זיך צו באַ־געגענען.

איך בין געווען דער סעקרעטאַר פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין און פלעג כמעט אַלע שבת אָוונט אַראַנזשירן אַלערליי קולטורעלע אונטער־נעמונגען לטובת די נויטבאַדערפטיקע שרייבער. איך האָב געדאַרפט האָבן אַרויסהעלפער ביי די טירן. דער עולם איז כמעט תמיד געווען אַ גרויסער. איך האָב געדונגען אַ פּאָר אָרעמע פּאָעטן פאַר דער אַרבעט. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען שלאָמאָוויטש און ער איז געווען זייער שטאָלץ מיט דעם „דזשאַב", ווייל דאָס האָט שוין געמיינט, אַז דער פאַראיין „אנער־קענט" אים אַלס דיכטער. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט פלעגט יעדער פּאָעט קריגן עטלעכע דאלער. אָבער וואָס איז פאַר שלאָמאָוויטשן געווען די דאָזיקע „גוואַלדאָוונע" סומע, כאָטש ער האָט זיך אַזוי גענויטיקט? מער פון אַלץ האָט אים געוואַרעמט און גערייצט דער פריילעכער טומל פון דער אונטערנעמונג. עס קומען אַריין אַזויפיל יונגע און אַפילו שיינע פרויען און דערלאַנגען אים די בילעטן. ער רירט אָן מיט זיינע פינגער זייערע צאַרטע הענט. פון אייניקע פילט זיך אַ דינער געשמאַקער אַראָמאַט פון פּאַרפיום אָדער אָדעקאָלאָן, און דאַן גיט אים אויף אַ רגע אַ שווינדל אין קאָפּ און דערנאָך, אַז דער גאַנצער עולם זיצט שוין אויף די פּלעצער און דער קאָנצערט אָדער די דיסקוסיע גייט אָן און ער איז אַביסל פריי, גיט ער זיך שטיל אַ שאַר צו אַ הויכער בלאָנדער פרוי וואָס שטייט כמעט שטענדיק אין אַ זייט. מיט דער דאָזיקער פרוי איז ער איינמאָל נאָך אָן אונטערנעמונג געגאַנגען אין אַ קאַפעטעריע און אויסגעגעבן זעכציק סענט פון די צוויי פאַרדינטע דאלער. האָט ער שוין געהאַט אַ שטיקל „חזקה" אויף איר.

ער בלייבט שטיין נאָענט צו איר, און פאַררייסט דעם קאָפּ, וואָס דערגרייכט קוים אירע ווייכע פולע אַקסלען. זיין פּנים ווערט טונקל רויט. ער רופט איר מיטן ערשטן נאָמען און פרעגט צי זי וועט שפּעטער מיט אים גיין אין קאַפעטעריע. אַמאָל מאַכט זי זיך ניט הערנדיק און אַמאָל

הערט זי טאַקע ניט, ווייל זיין קול איז אַזוי שטיל און אַביסל דערשראָקן. אָבער ענדלעך גיט זי זיך אַ נויג צו אים און ענטפערט עפּעס. אין די מינוטן פלעג איך שטענדיק אויף אים קוקן און נאָכן אויסדרוק אויף זיין פּנים שוין געוואוסט, וואָס די הויכע בלאָנדע פרוי האָט אים געזאָגט.

איינמאָל איז אַן אונטערנעמונג דורכגעפאַלן. דער פּרעזידענט פון פאַראיין איז געווען אויפגערעגט. די פּאָעטן וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער טיר, האָבן ניט געקראָגן גענוג באַצאָלט. זיי האָבן פּראָטעסטירט און עס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס שלאָמאָוויטש האָט פאַרלאָרן דעם „דזשאָב״.

ער איז געווען אויסער זיך און איך האָב אים געראָטן גיין צו דער עקזעקוטיווע פון פאַראיין און דאָרט וועט מען שוין אַלץ אויסגלייכן, ער האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט. דאָס וועט אים נאָך מער דערנענטערן צו די אמתע שרייבער. ער וועט האָבן צו זיי טענות, זיך באַקלאָגן, פאָדערן גערעכטיקייט און זיי וועלן אים ענטפערן. ער וועט שטיין פאַר זיי ווי פאַר גלייכע.

— אָבער מען וועט מיך אויסהערן? — האָט ער נאָך אַלץ געצווייפלט און איז געווען אין כעס אויף דעם פּרעזידענט.

— זיכער, — האָב איך אים באַרואיקט, — איר וועט ווידער קענען צונעמען די בילעטן ביי די שיינע פרויען און זיך פילן יום טובדיק.

ער האָט זיך פאַרשעמט.

אין אַ וואָך אַרום איז ער געקומען צו דער עקזעקוטיווע. אַריין אין אַ זייטיקן צימער און געוואַרט מען זאָל אים אַ רוף טאָן. דער פּרעזידענט איז געווען קעגן און איינער פון די שרייבער האָט אַפילו גענומען פילאָזאָפירן וועגן „שוואַכע הינדעלעך״, וואָס דאַרפן ניט עקזיסטירן. נאָר צום סוף האָט מען אים אַ רוף געטאָן. ער האָט דערציילט זיין קלאַגע, און מערקווירדיק, זיין קול האָט געקלונגען גאַנץ קלאָר און אפילו פעסט. ער האָט גערעדט אויך פאַר די אַנדערע פּאָעטן.

דערנאָך האָב איך אים געטראָפן אין גאַס. ער איז געווען צופרידן מיט זיין „זיג״. אָבער דערביי האָט ער מיר געוויזן אַ בריוו פון אַ דאָקטאָר, עפּעס אַז מען זאָל אים אַריינגעמען אין אַן אַנשטאַלט פאַר אומהיילבאַרע קראַנקע.

דאָך איז ער פאַרבליבן ביים טיר ביי די אונטערנעמונגען פון דעם פאַראיין ביז דער פרילינג האָט זיך אונטערגערוקט.

געשטאָרבן איז שלאָמאָוויטש אין זיין חדרל פלוצלינג, ביינאַכט.

דאַנקבאַרקייט

איך האָב שוין פון לאַנג געוואָלט דערציילן וועגן מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם אידישן פראַנצויזישן שרייבער און מאָלער, מישעל זשאָרזש מישעל, נאָר אַלץ אָפּגעלייגט. עס האָט זיך ניט געוואָלט, אַזוי צו זאָגן, אַרויסשטעלן די אייגענע מידות־טובות, כאָטש פאַר מיין ביסעלע גוטסקייט האָט ער מיר אָפּגעצאָלט כפל־כפלים, און קען עס, דאַכט זיך, ניט פאַרגעסן ביז היינט צו טאָג.

אָבער לאָמיר דערציילן כסדר.

מיט אַ יאָר זעקס צוריק בין איך אין מיטן אויגוסט געקומען קיין מיאַמי ביטש און גענומען אַ צימער אין אַן אַלטער גרינער באַנגעלאָו, מיט קרומע פּאַלמען הינטער די פענצטער. פון אַלע מיינע באַקאַנטע אין שטאָט פלעגט אָפט צו מיר אַריינקומען אַ מאַן, וואָס איז געווען אַ גאַלי־ציאַנער און דערצו נאָך געהאַט אַ שוואַך האַרץ. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט בילדונג, און האָט אויך גוט געקענט די יידישע ליטעראַטור, און אויך פערזענלעך פיל יידישע שרייבער. מיט מיר האָט ער ליב געהאַט צו ריידן און דיסקוטירן וועגן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד, און שטענדיק מיך קריטיקירט, דאָס איך קען ניט רוסלאַנד.

און אָט ליג איך אין מיין צימער און לייען אַ בוך לידער פון אַ יונגן יידישן דיכטער. עס איז שפּעט נאָכמיטאָג. אין די פענצטער בלאָזט אַריין אַ געשמאַקער ווינטעלע פון ים. די לידער געפעלן מיר און איך לייען זיי ווידער און ווידער. מיט אַמאָל אַ קלאַפּ אין טיר, און עס קומט אַריין יענער באַקאַנטער מיינער.

— איך בין געקומען צו אייך מיט אַ פראַנצויזישן שרייבער און מאָ־לער, — האָט ער געזאָגט — ער איז אַ פּליכטלינג, און וויל זיך באַ־קענען מיט אייך. עס איז אַ גאַנצע געשיכטע. ער וואַרט אין דרויסן, זאָל איך אים אַריינפירן?

איך האָב אָנגעקוקט מיין באַקאַנטן; זיין נידעריקן וואוקס, אַביסל

כיטרעוואַטן פּנים, און פֿליכעוואַטן קאָפּ. וואָס לאָזט ער עפּעס אַ מענטשן אין גאַס. אוודאי זאָל ער אים אַריינרופֿן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז מישעל אַריין צו מיר. ער איז אַ הויכער, פֿעסט־געבויטער טונקעלער מאַן, אַלט מסתמא אַ יאָר זעכציק אָדער אַביסל מער. די שוואַרצע אויגן לעבעדיקע, די באַוועגונגען אומרואיקע, נער־ווערזע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער איז געקומען צו פֿליען קיין מיאַמי ביטש פֿון האַוואַנאַ, קיובאַ. געקומען אָן דער דערלויבעניש פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, און מען וויל אים איצט אַרויסשיקן פֿון לאַנד. דער פֿריינט פֿון רוסלאַנד האָט זיך אַלע ווילע אַריינגעמישט אין מישעלס רייד און פֿלעגט צוגעבן, אַז איך קען דאָ קיין סך ניט אויפֿטאָן. אָבער איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם שריפֿטשטעלער דוד איגנאַטאָוו, וואָס איז אָנגעשטעלט אין „האַיאַס" און וועלכער האָט געקענט שוין גאָר אַ סך אויפֿטאָן אין דעם פֿאַל. איך האָב אויסגעהערט מישעלן, וועלכער האָט גערעדט פֿראַנצויזיש און אַביסל ענגליש און אים צוגעזאָגט גלייך שרייבן איגנאַטאָוון וועגן דעם גאַנצן ענין. און זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז דוד איגנאַטאָוו האָט זיך גלייך וואַרעם אָפּגערופֿן, און דער סוף איז געווען, אַז דער „האַיאַס" האָט פֿאַר מישעלן געקראָגן אַ דערלויבעניש צו פֿאַרבלייבן אין אַמעריקע.

דערנאָך האָבן מיר גערעדט וועגן ליטעראַטור. מישעל האָט געקענט טאָלסטאָיען, מאַקסים גאָרקין און אַנדערע באַוואוסטע רוסישע שרייבער. ער האָט גערעדט מיט אַ סך ליבע וועגן די רוסישע שרייבער. וועגן זיך האָט ער מיר, דאַכט זיך, באַמערקט, אַז ער קומט אַרויס פֿון די דריי־פּוסעס, און אין פּאַריז האָט ער איבערגעלאָזט אַן אַלטע מאַמע. אים איז אויך, קענטיק, געווען צום האַרצן וואָס איך האָב פֿריער געשריבן רוסיש.

אַז מיר זיינען אַלע דריי אַרויס אין גאַס, איז דער קאָמוניסט אַוועק אַביסל פֿאָראויס. מישעל איז געבליבן שטיין, אָנגעוויזן אויף אים מיט אַ פֿינגער, און געזאָגט מיט האַרץ:

— „אַי דאָנט לאַיק דיס מען, אַי לאַיק יו".

מישעל האָט אָנגעהויבן קומען צו מיר גאַנץ אָפֿט. איצט פֿלעגט ער שוין קומען אַליין, אָן דעם קאָמוניסט. פֿאַרוואָס ער האָט אים אויסגעמיטן האָב איך ניט געוואוסט. ער פֿלעגט וועגן דעם ניט ריידן. אָבער מיר האָבן זיך אַלע צוזאַמען גאַנץ אָפֿט געטראָפֿן אין אַ קאַפֿעטעריע, און אויך ביי אַ געוויסער יידישער פּיאַניסטין, וועלכע האָט געוואוינט מיט איר אַלטער מוטער אין מיאַמי ביטש. די דאָזיקע צוויי ליבע פֿרויען האָבן

זייער מקרב געווען דעם טאַלאַנטפולן פליכטלינג. באַזונדערס די אַלטע מוטער.

איך בין אויך אַ פּאָר מאָל געווען ביי מישעלן, וועלכער איז איינגע־שטאַנען אין „בלעקסטאָון" האָטעל, און געזען זיינע אייניקע בילדער. ער האָט ליב געהאַט צו מאָלן בלומען, וואָס פלעגן ביי אים אַרויסקוקן אַזוי פריש און פאַרביק, אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס זיי אָטעמען אויפן לייוונט מיט געשמאַקע אַראָמאַטן.

מיר זיינען אַלץ מער באַפריינדעט געוואָרן. אמת, מישעל האָט ניט געהאַלטן פון יידיש, און דאָס האָט אַביסל געשטערט אונדזער פריינט־שאַפט. איך פלעג אים דערציילן וועגן די יידישע שרייבער און זייערע ווערק, ווי די יידישע ליטעראַטור איז אויסגעוואקסן אין אַמעריקע, אַז זי האָט זיך ניט וואָס צו שעמען פאַר די ליטעראַטורן פון די אַנדערע קול־טורעלע פעלקער. אָבער ער פלעגט כמעט שטענדיק באַמערקן, אַז מיך האַלט ער פאַר אַ רוסישן שרייבער, און איך וועל זיך נאָך אומקערן קיין סאָוועטן פאַרבאַנד.

ענדלעך האָב איך אויפגעהערט מיט אים צוריידן וועגן דעם. מיינע אַרגומענטן פאַר יידיש האָבן זיך ניט געקלעפּט צו אים. אגב, האָט ער דייטש פאַרשטאַנען און יידיש ניט. אַזוי פלעגט ער זאָגן. אָבער דער מענטש איז געווען עלנד אין מיאַמי ביטש, האָט געדאַרפט מיין געזעל־שאַפט, און מיר מיט אים איז אַוודאי געווען אינטערעסאַנט. פלעגן מיר זיך באַגעגענען כמעט אַלע אָוונט אין קאַפעטעריע אָדער זיצן ביים ים און ריידן וועגן פאַריז, וואו איך האָב אַמאָל אויך געוואוינט גאַנץ אָפט.

זיין בענקשאַפט נאָך פראַנקרייך, נאָך דער רואינירטער היים, איז געווען גרויס. ער פלעגט ריידן וועגן דעם ממש מיט טרערן אין די אויגן, ווערן זייער נערוועז און ניט קענען איינזיצן אויף אַן אָרט.

מיך האָט אָפט באַאומרואיקט דער געדאַנק, אַז אפשר האָט ער ניט קיין מיטלען צום לעבן, און איך האָב עטלעכע מאָל פאַרזיכטיק פּרובירט עס דערגיין ביי אים. אָבער ער פלעגט עס פאַרשווייגן, ווערן אַנגעכמורעט. האָב איך געטראַכט, אַז אַן מיטלען וואָלט ער דאָך ניט געקענט איינשטיין אין דעם גרויסן און רייכן האָטעל „בלעקסטאָון". דערצו וואָלט ער מיר מסתמא פאַרטרויט זיין נויט.

מיר האָבן זיך שוין געקענט אַ פּאָר חדשים. פאַר דער צייט האָב איך זיך אַריבערגעקליבן אין אַ האָטעל, וואו איך האָב געהאַט אַ „קיטשענעט",

און מישעל האָט מיך אָפּט באַזוכט. און אָט איינמאָל, אין אָוונט, זיץ איך ביים ים און וואַרט אויף אים. דער זייגער איז געוואָרן אַכט און ניין און ער איז אַלץ ניט געקומען. איך האָב געוואָלט אַוועקגיין, נאָר פּלוצלינג האָט זיך פאַר מיר באַוויזן זיין הויכע, ברייטע פיגור, און ער האָט גלייך זיך אָנגעהויבן קלאָגן:

— „טומאָראָ מאַי בוירטדעי, אַי העוו נאָ פרענדס, נאָבאָדי.״

— נו, נו, „דאָנט וואָרי״, — האָב איך אים גענומען טרייסטן, אָבער ער איז פאַרבליבן זייער טרויעריק און צערודערט דעם אָוונט.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָב איך אים אָפּגערופן און איינגעלאַדן קומען צו מיר אין האָטעל אויף דינער. איך האָב אויך איינגעלאַדן דעם קאָמוניסט. דערנאָך האָב איך געקלונגען צו אייניקע מיינע באַקאַנטע, און זיי געבעטן קומען אין אָוונט צו אַ „בוירטדעי פּאַרטי״, און געזאָגט וועמעס געבורטסטאָג עס איז. אַלע האָבן מיר צוגעזאָגט קומען און דער־וויל מאַכן אַ שוויגן, אַז מישעל זאָל זיך עס ניט דערוויסן. פאַר אים האָט עס געדאַרפט זיין אַ „סורפּרייז פּאַרטי״.

אַלץ איז געגאַנגען זייער גוט און דאָס האָט מיר פאַרשאַפט פרייד. מיר האָבן אַלע דריי אָפּגעגעסן אַ גוטן דינער, געטרונקען משקה. מישעל איז אפילו געוואָרן אַביסל בגלופין און געזונגען. פאַרן אַוועקגיין האָב איך אים זייער געבעטן קומען צו מיר ניין אַזייגער אין אָוונט, און מיר וועלן ביידע אַרויסגיין צום ים. ער האָט מיר צוגעזאָגט קומען.

אַ פּאָר פרויען זיינען געקומען פאַרנאַכט און צוגעגרייט אַ טיש מיט אַלערליי פרוכטן און געטראַנקען. מען האָט אויך געבראַכט אַ גרויסן „בוירטדעי קעיק״, אָבער אָן ליכטלעך, ווייל מיר האָבן ניט געוואוסט מישעלס יאָרן.

האַלב נאָך אַכט זיינען שוין אַלע געסט געווען ביי מיר. עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ קאָמפּאַניע פון צוועלף מענטשן, די מערסטע פרויען. און פּונקט ניין האָט מישעל אָנגעקלאַפּט אין טיר. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל, האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן זינגען:

— העפּי בוירטדעי טו יו! העפּי בוירטדעי טו יו!״

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים. עס איז געווען אַ געמיש פון טיפן טרויער און גרויסער פרייד. אַ מינוט איז ער געבליבן שטיין אויפן שוועל און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער אַ שפּאַן געטאָן צו מיר, מיך אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

די שמחהלע איז געווען אַ פריילעכע. מישעל האָט געקראָגן עטלעכע באָקסעס קענדי פון די פרויען. און מיר זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז מישעל פּלוצלינג אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, וואו ער האָט געהאַט קרובים, און מיט מיר זיך ניט געזעגנט. דער קאָמוניסט האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט באַקומען די נויטיקע פּאַפּירן פון „האַיאַס". איך האָב זיך געפילט מאָדנע און עס ניט געקענט פאַרשטיין. אָבער אינגיכן האָב איך עס פאַרגעסן. נו, ער איז ניט דער ערשטער וואָס האַנדלט אַזוי מיט מיר...

אָבער איך האָב געמאַכט אַ טעות. אין אַ חודש אַרום, אין אַ נאָכמיטאָג, הער איך ווי דער באַדינער פון האָטעל רופט מיך. די פּאָטשט האָט געבראַכט פאַר מיר אַ גרויסן פּעקל.

איך גיב אַ קוק: יאָ, דאָס איז פון מישעלן. וואָס זשע שיקט ער מיר אין דעם שווערן פּעקל? איך צערייס די שטריק, מאַך אויף די פּאַפּירענע באָקס. בקיצור, אינעווייניק צוויי פלעשער קאָניאַק, צוויי פלעשער בענעדיקטין, און נאָך עפּעס אַ פלאַש משקה. און אַ בריוו מיט „פאַרגעס מיך ניט" בלימעלעך, געמאָלט פון אים. און ער שרייבט מיר, אַז ווען ער האָט באַקומען די נויטיקע פּאַפּירן, איז ער גלייך געלאָפן צו מיר, נאָר מיר ניט געטראָפן. ער איז געווען אַזוי צעטומלט פון פרייד, אַז ער האָט פאַרגעסן מיר צו לאָזן אַ צעטעלע. די מתנה וואָס ער שיקט מיר, האָט ער געקויפט פאַר די ערשטע געלט וועלכע ער האָט פאַרדינט אין ניו־יאָרק. און אַז איך וועל קומען אַהיים, זאָל איך למען השם אים באַזוכן.

אין פרילינג בין איך געקומען אַהיים און אין אַ פּאָר טעג אַרום געגאַנגען באַזוכן מישעלן. ער האָט מיך ווידער אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן. עס איז קענטיק געווען, אַז ער איז זייער צופרידן מיט מיין קומען. ער האָט מיר געוויזן זיינע נייע גרויסע בילדער. אייניקע לאַנדשאַפטן, נאָר די מערסטע בלומען. רויטע רויזן אויף קוסטעס. ער האָט מיר דערציילט, דאָס ער פאַרדינט גוט. מען קויפט זיינע מאַלערייען. און ער האָט אויך פאַרקויפט צו אַ פראַנצויזישן פאַרלאַג אין ניו יאָרק אַ פּאָר נייע ביכער. יאָ, צוויי ביכער וועגן זיינע איבערלעבונגען אין פלאָרידע, אין מיאַמי ביטש. און ער דערמאָנט אויך מיר אין יענע ביכער, זיין בראַוון פריינט. (די ביכער זיינען שפּעטער דערשינען). דערנאָך האָט ער מיך געפירט אין אַ פראַנצויזישן רעסטאָראַן עסן מיט אים דינער. ער האָט ממש געצוואונגען צוויי וועיטאָרס זיי זאָלן מיך באַדינען. ער האָט

מיך געצוואונגען עסן און טרינקען צופיל, אַז איך בין דערנאָך שיר ניט קראַנק געוואָרן. און איך האָב געמוזט אים צוזאָגן, אַז אינגיכן וועל איך ווידער זיין ביי אים.

קורץ, יעדעס מאָל פלעגט זיך ווידערהאָלן דאָס זעלבע. אַמאָל פלעגן מיר אויך גיין צוזאַמען זען אַ קונסט־אויסשטעלונג, וואו ער פלעגט מיר פאַר זיינע פריינט פאָרשטעלן אַלס „ראַשען רייטער". מיינע באַמערקונגען, אַז איך בין אַ „דזשואיש רייטער", האָבן ניט געהאָלפן. ער איז זיך גע־בליבן ביי זיינס.

שטענדיק, אַז איך בין מיט אים געגאַנגען אין גאַס, פלעגט ער מיר וועלן קויפן מתנות. ער האָט געזאָרגט, אַז מיינע אַ נאָוועלע, וואָס איז אַמאָל געווען געדרוקט אין פראַנצויזישע צייטונגען און אילוסטרירט פון דעם באַוואוסטן מאלער פראַנץ מאַזערעל, זאָל אַרויס אין אַ בוך. נאָר עפּעס איז פון דעם גאָרניט געוואָרן. פאַרוואָס, ווייס איך ניט. ער האָט מיר איינמאָל פאָרגעשטעלט פאַר דעם באַרימטן אַדוואָקאַט אַנרי טאָרעס, און שטאַרק געלויבט. טאָרעס האָט מיר געפּאַטשט אין פּלייצע, און גע־דריקט די האַנט, וואָס איך בין געווען פיין צו זיינעם אַ לאַנדסמאַן, וועל־כער האָט איבערגעלעבט שווערע טעג.

אָבער וואָס ווייטער פלעג איך אַלץ זעלטענער קומען צו מישעלן. מיין געזונט צושטאַנד האָט מיר ניט דערלויבט שפּאַנען מיט אים גיך איבער די גאַסן, און עסן און טרינקען אין די פראַנצויזישע רעסטאָראַנען. דערצו דאָס פאָרשטעלן מיך פאַר אַלעמען אַז איך בין אַ „ראַשען רייטער".

שפּעטער האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו פון פּאַריז. ער האָט דאָרטן צוגעגרייט אַ נייע אויסשטעלונג פון זיינע בילדער, און מיר אויך צוגעשיקט די פּראָגראַם. ער איז טאַקע אַוועק צוריק קיין פראַנקרייך, צו זיין היימאַט, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי געבענקט אין אַמעריקע. איך האָב אים געענטפערט אין יידיש, און געוואונטשן אַלדאָס גוטס. זיין דאַנקבאַרקייט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. עס איז גוט צו באַגע־גענען אַזוינע מענטשן.

יידישע נשמות

איך קען ניט פאַרגעסן א. ליטווינס לוויה און מיר ווילט זיך פאַרצייכענען אַ פּאָר פון די קורצע שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיטן פאַרשטאָרבענעם, פאַר די יאָרן וואָס איך פלעג אים טרעפן פון צייט צו צייט אין רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל״ אָדער אויף איסט בראָדוויי.

עס פאַרשטייט זיך, אַז עפּעס נייס וועגן דעם וואונדערבאַרן מענטשן און פאַרפאַסער פון די „יידישע נשמות״, דעם אמתן „נאַראָדניק״, קען איך ניט צוגעבן, ווייל אים האָבן שוין כאַראַקטעריזירט און באַוויינט באַוואוסטע שרייבער אין אַלע יידישע צייטונגען.

אָבער אַ געפיל זאָגט מיר און פלאָגט, אַז מען האָט אים באַהאַנדלט ניט אַזוי, ווי ער האָט פאַרדינט. באַזונדערס די לעצטע יאָרן פון זיין שיין לעבן, און ביי זיין לוויה. נאָר איך וועל דערציילן כסדר.

אַז איך בין נאָך געווען יונג און געזונט, האָב איך שטאַרק געחלומט צו ווערן אַ פאַרמער אין אַמעריקע. עפּעס האָב איך שטענדיק געפילט, אַז די דאָליע פון אַ סקיצן שרייבער אין אַ יידישער צייטונג, איז ניט קיין וואַזשנע, ווי דערפאָלגרייך מען זאָל ניט זיין. עס איז שווער צו שרייבן אַלע וואָך. דערצו צאָלט מען ווייניק, און אַזוי ווי די שטאָט מיט איר טומל און הו־האַ איז מיר קיינמאָל ניט געווען צום האַרצן, האָב איך גענומען ערנסט טראַכטן וועגן קויפן אין די בערג אַ כאַטע מיט אַ פּאָר אַקער לאַנד, עטלעכע קי און אַ הונדערט טשיקענס. די פאַרם האָט אויך געדאַרפט האָבן אַביסל עפּעל־ביימער און קאַרשן־ביימער, און וואָס איז שייך אַ גאָרטן פון אַלערליי גרינסן, וועל איך שוין אַליין פאַרפלאַנצן. נאָך אין ארץ־ישראל און אין די שווייץ איז מיר אויסגעקומען צו אַר־בעטן ביי גערטנעריי און מען האָט מיר גוט באַצאָלט. דער פּלאַן איז געווען אַן אויסגעצייכנטער און, דוכט זיך, זייער אַ פּראַקטישער, ווייל וואָס קאָן נאָך זיין פּראַקטישער ווי צו פאַרזאָרגן זיך און די פאַמיליע מיט אַן אייגן ווינקל אין קאַנטרי, וואו מען קען לעבן שטיל און רואיק און נאָך דער

אַרבעט אַפּילו געפינען גענוג צייט צו שרייבן זאַכן, וואָס זאָלן באַפרידיקן דעם קינסטלערישן געשמאַק. קורץ, אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי פיין און לאָקענד. מיין פרוי האָט שוין אויך צוגעשטימט צו ווערן אַ פּאַרמערקע. נאָר קיין געלט האָב איך ניט געהאַט. אמת, מיינע צוויי נאָענטע קרובים,ביידע ביזנעס לייט, האָבן מיר צוגעזאָגט לייען אַ פּאָר הונדערט דאלער אַז עס וועט קומען צו עפּעס. נו, בין איך געפאָרן אין די קעטסקיל בערג אָנקוקן פאַרמס. אַן אַגענט האָט מיך אַרומגעפירט אין אַ מאַשין אַן אַ פּעני געלט, און אָט האָב איך ענדלעך געפונען דעם ריכטיקן פּלאַץ — עס שטייט אַ ווייסע כאַטע אויף אַ בערגל און אַרום בליען פּרוכט־בוימער און קוסטעס מיט רויטע מאַלינעס און שוואַרצע יאַגדעס. אַביסל ווייטער אַ קליינער שטאַל מיט אַ רויטן דאַך, וואָס געפעלט מיר אַזוי, און די פּאַרמערקע, אַן עלטערע פרוי, אַן אלמנה, וויל עס פאַרקויפן ממש פאַר „נאָטינג“, ווייל זי פאָרט אַוועק צו אירע קינדער קיין קאַליפאָרניע.

איך בין געפאָרן צוריק קיין ניו יאָרק בעטן ביי מיינע קרובים דאָס געלט, וואָס זיי האָבן מיר צוגעזאָגט צו לייען. אָבער זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון זייער צוזאָג און מיר געראַטן ווייטער שרייבן געשיכטעס אין די צייטונגען. דערביי האָבן זיי מיר געעצהט איך זאָל אָנשרייבן אַ פּיעסע, וועלכע מען זאָל אויך קענען פאַרקויפן אין אַן ענגלישן טעאַטער אויף בראָדוויי, און אַז די פּיעסע וועט אָנרייסן, וועל איך דאַן זיך קענען קויפן צען פאַרמס מיט קי, אָקסן, טשיקנס און אפילו ציגן, און מיין פרוי האָט מיר אויך קאַטעגאָריש דערקלערט:

— איך וועל אויף אַ פאַרם ניט גיין.

דאָס אַלץ האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן. אין עטלעכע טעג אַרום טרעף איך אויף איסט בראָדוויי ליטווינען. ער האָט געשפּאַנט מיט שווערע קרומלעכע טריט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט איז דער פּאַסיקער מענטש פאַר וועמען איך קען זיך אַראָפּריידן פון האַרצן וועגן מיין ענין. איך האָב אים אָפּגעשטעלט און אַלץ דערציילט. ער האָט מיך אויסגעהערט נייגעריק און ערנסט. דערנאָך געזאָגט, אַז איך זאָל ניט זאָרגן און קומען צו אַ פאַרזאַמלונג, וואָס ער רופט צוזאַמען פון וואוילע פשוטע יידן. ער גייט גרינדען אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע און איך וועל קענען ווערן אַ פאַרמער מיט גאָר ווייניק געלט. זאָל איך נאָר קומען צו דער פאַרזאַמלונג.

איך האָב אים צוגעזאָגט קומען און בין נישט געקומען. איך געדענק שוין ניט וואָס עס האָט מיך אָפּגעהאַלטן. דערנאָך האָב איך ליטווינען לאַנג

ניט געזען. אָבער אָפט געטראַכט וועגן אים און זיך געפילט עפּעס אַביסל שולדיק. פאַר דער צייט בין איך אַ פּאָר מאָל געווען אין די קעטסקיל בערג ווינטער און זומער, זיך דאָרט באַפריינדעט מיט אייניקע יידישע פאַרמערס און אָנגעשריבן אַ דערציילונג „אַ זומפּ", וואו איך האָב פּרובירט שילדערן זייער לעבן. די דערציילונג האָט זיך געדרוקט אין „צוקונפט" און שפּעטער אַרויס אין אַ בראָשור. ליטווין האָט דעם „זומפּ" געלייענט און אָט טרעפן מיר זיך אין „עלעווייטאָר" פון „מאָרגן זשורנאַל". מיר האָבן זיך האַרציק באַגריסט און פריער פון אַלץ האָט ער מיר געפרעגט: „צי איך וויל קומען צו אַ פאַרזאַמלונג וועגן אַ קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע, וואָס ער גייט גרינדן. דערנאָך האָט ער גערעדט מיט מיר וועגן מיין דערציילונג און זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אייניקע איינצלהייטן, וואָס האָבן אים אויסגעזען צו זיין צוגעטראַכט אָדער ניט ריכטיק געשילדערט. אָבער אין אַלגעמיין איז געווען קענטיק, אַז ער איז צופרידן וואָס מיך אינטערעסירן יידן־פאַרמער, וועלכע אַנטלויפן פון שטאָט און ווילן לעבן מיט דער נאַטור. אמת, זייערע „באָרדער ביזנעס" איז אים שטאַרק ניט צום האַרצן, נאָר אַלץ בעסער ווי גאָרניט...

איך האָב נאָך דאַן זיינע זעקס בענד „יידישע נשמות" ניט געלייענט, נאָר שוין געוואוסט ליטווינס ביאָגראַפיע און וואָס פאַר אַ ריין און ערלעך מענטש ער איז. דאָך בין איך זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַ נאַאיוון, וואָס ער קלייבט צוזאַמען יידן קלייטניקעס, שאָפּ־אַרבע־טער, אינשורענס אַגענטן און וויל פון זיי מאַכן האַלבע אָדער גאַנצע פאַרמערס, זאָגט זיי צו רו און אַ שטיל לעבן, וואָס זיי וועלן מסתמא ניט האָבן, ווייל עס וועט זיי שטענדיק ציען צוריק אין שטאָט אַריין מיט אירע אָפּנאַרערישע פייערן. און שולדיק איז אָפּנים געווען אין דעם אַ געוויסער ייד, ליטווינס אַ גרויסער פּאַטריאָט, אַ מיטגליד פון זיינער אַ קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע, וואָס האָט זיך אָט־אָט שוין געדאַרפט גרינדן. דעם דאָזיקן יידן פלעג איך אָפט באַגעגענען אויף איסט בראָדוויי און מיט אים כאַפּן אַ שמועס אויף איין פוס ווייל ער איז תמיד געווען „ביזי" און ניט געהאַט קיין צייט. ער דאַרף לויפן אַהער און אַהין. ער איז פאַרוואָרפן אין שאָפּ מיט אַרבעט איבערן קאָפּ. און דאָ דאַרף ער נאָך צוזאַמענרופן פאַר ליטווינען אַ פאַרזאַמלונג. ער גייט זיך באַזעצן אויף לאַנד, און דער שאָפּ? ער וועט פאָרן אַלע אין דער פרי צו דער אַרבעט אין שטאָט אַריין. ער קען דאָך ניט אויפגעבן זיין פרנסה...

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך באַזוכט די קאָאָפּעראַטיווע קאָ־

לאַניע „האַרמאַניע״, אין פּלעינפילד, ניו דזשורזי, וואָס ליטווין האָט גע־גרינדעט. עס איז געווען אַ זומער טאָג. איך געדענק קליינע הילצערנע הייזער אין אַ וועלדל, דוכט זיך, פון בערעזע בוימער. אויך אַ משופּהדיקן אָרט. די ערד צווישן די בוימער איז צעאַקערט, שוואַרץ און באַמאָלן מיט אוזאָרן פון דער זון און איבער דער דאָזיקער ערד, מיט אַ פּראָסטן גראָבן שטעקן אין האַנט, אַביסל פאַרשטעלט פון די בוימער, שפּאַנט מיט זיינע שווערע קרומלעכע טריט ליטווין. ער גייט צו אַ פאַרזאַמלונג, וואָס ער האָט ספּעציעל צוזאַמענגערופן פון די מיטגלידער פון דער קאָלאָניע. איך האָב אויף אים געקוקט פון דערווייטנס און זיך דערמאָנט אָן טאָל־סטאָיען, ווייל אַמאָל האָב איך ערגעץ געזען אַ בילד פון דעם גרויסן רוסישן שריפטשטעלער, אויפן פאָן פון בערעזע בוימער און צעאַקערטער ערד.

איצט, אַז איך טראַכט וועגן ליטווינען, זע איך נאָר ווי ער האָט אויסגעזען אין יענעם זומערדיקן שפּעטן נאָכמיטאָג, גייענדיק צו דער ספּעציעלער פאַרזאַמלונג.

וואָס עס זיינען פאַרבליבן זיינע באַציאונגען מיט דער קאָלאָניע „האַר־מאָניע״, ווייס איך ניט. איך האָב אים ווידער לאַנג ניט געזען און דערנאָך אויפסניי אָנגעהויבן צו טרעפן אין רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל״, וואו ליטווין האָט שוין געשריבן אַלע וואָך. ער פלעגט שוין ריידן מיט מיר ווייניקער און ניט רופן צו זיינע פאַרזאַמלונגען וועגן אַ קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע. מסתמא אויפגעגעבן די האָפנונג אַז עס קען אַמאָל פון מיר אַרויס אַ שטיקל פאַרמער...

* * *

פאַראַיאָרן האָבן איך זיך אומגעקערט פון קאַליפאָרניע. בין אַ לאַנגע צייט ניט געווען אין ניו יאָרק. און אָט דערציילט מען מיר, אַז ליטווין געפינט זיך אין אַ היים פאַר אומהיילבאַרע, איז טיילווייז פאַראַליזירט, און פילט זיך דאָרט שרעקלעך איינזאַם און אָפּטמאָל פאַרביטערט. ער קען זיך ניט איינלעבן מיט די פּאַציענטן אַרום אָדער מיט די אויפפּאַסער פון דער „היים״. מיר איז ניט אויסגעקומען אים צו זען, נאָר מיין פריינט, דער באַקאַנטער העברעאישער לערער און פאַרפאַסער פון קינדער מעשה־לעך, א. ה. העלער, וועלכער האָט ליטווינען באַזוכט, האָט מיר איבער־געגעבן אַז ווען דער חולה האָט אים דערזען ביי זיין בעט, האָט ער פאַרוואונדערט אויסגעשריען:

— איר זייט געקומען מיך זען?! מיך וויל מען נאָך זען?!

דערנאָך האָט אים העלער אַרומגעפירט אויף אַן אינוואַלידן שטול. ביי אַ פענצטער האָט ליטווין געבעטן ער זאָל זיך אָפּשטעלן, געקוקט אויף די ביימער פון דרויסן און געוויינט...

ליטווין האָט אויך געבעטן העלערן אַז מען זאָל אים אַרויסנעמען פון די „היים" און איינאָרדענען ערגעץ אין אַ פּריוואַטע הויז, וואו אימיצער זאָל אויף אים אויפּפּאַסן. העלער האָט זיך געווענדעט צו אַדאָלף העלד וועגן דעם. מיסטער העלד האָט גאַראַנטירט פון פופצן ביז צוואַנציק דאָלער אַ וואָך, נאָר עס איז אָפּנים געווען שווער צו געפינען אַ פּאַסנדן פּלאַץ און פון דעם איז גאָרניט געוואָרן.

און אָט באַמערק איך אין די צייטונגען אַ קורצן נאָטיץ, אַז א. ליטווין (שמואל הורוויץ) איז געשטאָרבן אין עלטער פון דריי און אַכציק יאָר. עס קומט מיר אויס אַביסל מאָדנע וואָס דער נאָטיץ איז אַזאַ קליינער און ניט אויף אַן אָנגעזעענעם אָרט. געשטאָרבן אַזאַ פיינער ייד, אַ פאָלק־שרייבער אַ זעלטענער טיפּ, אַ מענטש וואָס האָט נאָר געוואָלט טאָן גוטס און אַליין אַ גאַנצן לעבן געלעבט אין אָרימקייט. אָבער אַזוי איז עס. אויף מאָרגן גיי איך צו דער לוויה. עס איז זייער אַ קאַלטער טאָג. איך האָב עפּעס אַ געפיל, אַז עס וועלן קומען ווייניק שרייבער און עס וועט אפשר ניט זיין ווער עס זאָל אים באַגלייטן צו זיין אייביקער רו. איך זיץ אין פיונעראַל פּאַרלאָר, פאַררוקט אין אַ ווינקל. פּאַמעלעך קלייבט זיך צוזאַמען אַ קליינער עולם. עס זיינען געקומען די הויפּט פאָרשטייער פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און דער פּאַרטיי פּועלי ציון, אַ גרופּע באַוואוסטע שרייבער פון „מאָרגן זשורנאַל", „טאָג" און „פאָר־ווערטס", און איין מיטאַרבעטער פון דער „פרייהייט". אַלע ווייזן אָן אויף דעם פאַרשטאָרבענעמס פאַרדינסטן פאַר דער יידישער קולטור, אויף זיין אידעאַליזם און אויף זיין שטיל פּרוכטבאַר און שיין לעבן און אַרבעט לטובת הכלל. איך זיץ מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן און טראַכט, אַז ער איז פאָרט געשטאָרבן אין שרעקלעכער איינזאַמקייט און מיר אַלע זיינען אין דעם שולדיק, מיר די יידישע שרייבער און קולטור־טוער, וואָס האָבן געדאַרפט מער זאָרגן איינער פאַרן צווייטן. אמת, ער איז געשטאָרבן זאַט אין יאָרן, אָבער די טיפע עלטער האָט אים גאָט געשאָנקען און עס איז געווען אונדזער חוב איר אָפּצוהיטן און באַשיינען מיט ליבע און איבער־געבנקייט. און פּלוצליג ציטערט אויף מיין גאַנצער קערפּער. איינער פון די רעדנער דערציילט ווי ליטווין האָט געליטן די לעצטע צייט און

פּאַר קיינעם זיך ניט געקלאָגט, ווי דער זקן איז אַמאָל צו אים געקומען אַ פאַרבלוטיקטער און ניט געהאַט קיין ניקל מיט וואָס צו פאָרן אַהיים.

נאָר אָט איז געוואָרן שטיל. דער קליינער עולם האָט זיך שווייגנדיק אַ הויב געטאָן פון די פלעצער און מען איז אַרויס פון פיונעראַל פּאַרלאָר. אַ פּאָר יידן און אַ סאָלדאַט, קענטיק ליטווינס ווייטע קרובים, טראָגן אַרויס זיין טויטן קערפּער אין אַ פּראָסטן קאַסטן באַדעקט מיט אַ שוואַרצן צודעק און עס זיינען טאַקע נישטאָ קיין בעלנים פון די שרייבער און זיינע פּאַרטיי חברים, וואָס זאָלן וועלן פאָרן צום בית עולם. כמעט אַלע גייען זיך פאַנאַנדער. איך וויל פאָרן, נאָר קען ניט פאַרטראָגן די קעלט. גייט אַריין אין מאַשין דער פּאָעט נפתלי גראָס און נאָך אימיצער. אינ־גאַנצן עטלעכע מענטשן.

איך קום אַהיים אַ מידער און אַ פאַרטרויערטער. לייג זיך אַוועק אָפּ־רוען און טראַכט: פאַרוואָס איז צו ליטווינס לוויה ניט געקומען דאָס פאָלק, די פאַרשידענע טיפּן וועלכע ער האָט באַשריבן מיט אַזוי פיל ליבע, די מערסטע יידישע שרייבער און פּאַרטיי חברים.

וואו זיינען זיי אַלע געווען?! זאָלן זיי האָבן ניט באַמערקט דעם קליינעם נאָטיץ אין די צייטונגען וועגן זיין טויט? און אָט קומט צו צו מיין בעט מיין טעכטערל און פרעגט:

— פּאַפּאַ, פילסט ניט גוט?

איך דערצייל איר וועגן ליטווינען און זיינע „יידישע נשמות" און וועגן דעם פאַרדרוס וואָס איך האָב געהאַט ביי זיין לוויה. זי האָט זיך פאַרטראַכט און נייגעריק אויסגעהערט, ווייל ליטווינס לעבן האָט געקלונגען ווי אַ שיינע און טרויעריקע מעשהלע. דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז איך זאָל זיך ניט אָפּעסן דאָס האַרץ. ליטווינס „יידישע נשמות" האָבן אים יאָ באַגלייט צו דער „סעמעטערי". זיי זיינען געקומען צופליען אין די טויזנטער פון דער גאַנצער וועלט, נאָר קיינער האָט זיי ניט באַמערקט, ווייל נשמות קען מען ניט זען מיט די אויגן. זי האָט געלייענט וועגן דעם און איך דאַרף זיין רואיק.

אפשר איז עס טאַקע געווען אַזוי ווי מיין טעכטערל טראַכט אין איר נאַאיוויטעט. ווער ווייס?...

דאָס קאַליִרטע פייגעלע

פון צייט צו צייט, אַז איך האָב נאָר אַ געלעגנהייט באַזוך איך קאָלעגן, וואָס פאַרשיידענע אומשטענדן און אורזאַכן האָבן זיי אַרויסגעשטויסן פון דער ליטעראַרישער פּראָפיסיע, כאָטש אייניקע פון זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט טאַלאַנט ווי דערציילער, עסעאיסטן און פּאָעטן.

אָט פאָר איך באַזוכן מיין אַלטן פריינט, דעם שריפטשטעלער ה. דרימער, וועלכער וואוינט שוין יאָרן אין סי־געיט און מען הערט ווייניק פון אים.

זיצנדיק אין סאָבוויי האָב איך געטראַכט וועגן אים. עס איז אויפ־געשוואומען אונדזער ערשטע באַגעגעניש. דאָס איז געווען מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק. מען האָט מיר דערציילט, אַז ערגעץ אין אַ פאַרלאָזטן פּאַלאַץ פאַרברענגען די זומער־חדשים אַ גרופּע אַרבעטסלאָזע יידישע שרייבער. איך האָב געקראָגן דעם אַדרעס און אין אַ פרייען טאָג זיך אַוועקגעלאָזט אַהין.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליינינקער סטאַנציע. איך בין אַרויס פון וואַגאָן און זיך געלאָזט גיין צו אַ באַרג אויף וועלכן עס האָט זיך פון דערווייטנס געזען דער אַלטער פּאַלאַץ און הויכע גרינע ביימער אויפן ריינעם הינטערגרונט פון בלויען הימל.

אַ ווילע בין איך געגאַנגען מיט אַ שמאָלער סטעזשקע, צווישן הויכע קאָרן־זאַנגען און ווייסע ראָמאַשקעס, בין אַריבער אַן אַלטן קליינינקן בריק אונטער וועלכן עס איז געלאָפן אַ וואַסערל, און דערנאָך זיך גע־נומען אויפהויבן אויפן באַרג און באַלד אין שאָטן פון דעמבעס נאָענט דערזען די גרויסע שטיינערנע געביידע מיט אַ דריטן אַריינגאַנג, אונטער־געשפּאַרט מיט דיקע מאַרמאָרנע קאָלאָנעס. אַ דאַרינקע שלאַנקע מיידעלע פון אַ יאָר זיבן, מיט אַ לענגלעכן קלוגן פּנימל און העל בלויע אייגעלעך, איז מיר געקומען אַנטקעגן, מיך ערנסט אָנגעקוקט, און געזאָגט, אַז אין הויז איז קיינער ניטאָ און די מאַמע דאַרף באַלד אָנקומען. זי איז אַוועק

קלייבן שפּענער און צווייגלעך צווישן די ביימער, ווייל די קוילן זיינען נאַס און ברענען ניט אָן האַלץ.

— ווער איז דיין מאַמע, — האָב איך געפּרעגט דאָס מיידעלע. אָבער זי האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט: „וואָס הייסט, איר קענט ניט מיין מאַמען!״ און דערנאָך מיר דערציילט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן. פריער איז זי געווען אין ניו יאָרק און פלעגט גיין מיט דער מאַמען אין די מואוויס. דער פּאָפּ האָט געשריבן ביכער, זיי פאַרקויפט און דאָס געלט אַוועקגעגעבן דער מאַמען. איצט איז שווער צו פאַרקויפן יידישע ביכער, האָט דער פּאַפּאַ ניט קיין געלט און זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן אַהער. זי האָט אַ קעצעלע, הייסט זי קלעאָפּאַטראַ און זי האָט זייער ליב פליייש. נעכטן אין דער פרי זיינען אַריינגעפלויגן אין הויז צוויי קליי־נינקע „טשימני סוויפּס״, אַזוינע שוואַרצע פויגעלעך, קוימען־קערערס, האָט קלעאָפּאַטראַ איינע פון זיי גלייך געכאַפּט און אויפגעגעסן און די צווייטע האָט זיך געראַטעוועט. זי איז אָבער קראַנק און וויל איצט גאָר ניט עסן.

פון צווישן די דעמבעס האָט זיך באַוויזן אַ דאַרע יונגע פרוי מיט אונטערגעשאָרענע האָר און אַ פּנים פון אַ פוילישער שיקסע. זי האָט געבראַכט אַ קאָרב מיט צווייגעלעך. איך האָב זי באַגריסט און זי האָט מיך פריינטלעך געפרעגט ווען איך וויל זען. איך האָב איר געזאָגט.

— די מענער זיינען אַוועק זיך באָדן, זיי וועלן אין אַ שעה אַרום זיין צוריק. קומט אַריין אין הויז.

איך בין אַריין אין גרויסן פאַרלאָזענעם פּאַלאַץ און גלייך עפּעס דער־פילט אַ מאָדנעם אומעט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַלע ווינקלען פון די פּוסטע צימערן און פאַרפלעקטע ווענט מיט די הויכע סטעליעס, באַ־מאָלט פון אַלטקייט און פייכטקייט, מיט גרויסע, גרויע, פאַנטאַסטישע אוזאָרן.

דערנאָך זיינען מיר אַריין אין קיך. דאָרט איז געווען זייער אָנגע־וואָרפן און שטויביק, אין אַ ווינקל איז געלעגן אַ גרויסע קופּע קוילן און האָרט ביים גרויסן קאַמין האָט גערויכערט אַן אַלטער פאַרזשאַווער־טער אויוון. אַ פּאָר שמוציקע עמערס זיינען געשטאַנען ביי די זייטן. עס האָט געשמעקט מיט זויער־מילך און איבערגעברענטער קאַווע און הונ־דערטער פליגן האָבן זיך געדרייט איבער די ניט־אויסגעוואַשענע טעפּ, טעלער און גלעזער.

די פרוי האָט דערציילט: אַט די מיליאָנערן פעלט אָפּט אויך ניט

קיין צרות. דער באַלעבאָס פון דעם דאָזיקן פּאַלאַץ און זיין עלטסטער זון האָבן זיך ביידע אין איין נאַכט אויפגעהאַנגען. געמאַכט אַ גרויסן יום־טוב פאַר זייערע פריינט, געהוליעט, און געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט און פאַרטאָג זיינען ביידע אַריין אין אַ צימער און פון דאָרט האָט מען זיי שוין אַרויסגעטראָגן טויטע. עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן זיי אַ קריג צוליב אַ פרוי און ביידע האָבן באַשלאָסן צו שטאַרבן. אָבער ווער קען וויסן וואָס דאָ האָט פּאַסירט? די ווענט שווייגן און וועלן קיינמאָל גאָרנישט אויסזאָגן. אָפטמאָל ווען זי בלייבט אַליין אין הויז, פאַלט אויף איר אַן אַ מאָדנער אומעט, ווי ניט־גוטע וואָלטן זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען און געלויערט אויף איר. איצט באַלאַנגט דער פּאַלאַץ צו אַ רייכן יידן. האָט ער דערלויבט די אָרעמע יידישע שרייבער פאַרברענגען דאָ דעם זומער. די געביידע שטייט שוין צען יאָר אַ פאַרלאָזענע.

אַז די מענער זיינען געקומען פון באָדן זיך, האָט מיך דרימער אַריינגעפירט אין זיין צימער, וואו אויף די ווענט זיינען געהאַנגען טייערע שפּיגלען אין גלאַטע שוואַרצע ראַמען און מעשענע קאַנדעלאַברעס.

דורך די ברייטע צעבראָכענע פענצטער האָט זיך געזען אַ וואונדער־באַרער פּייזאַזש. ווייט אין שטילן טאָל האָט געבליאַסקעט קעגן דער זון אַ פּאַס פון ים און אַ פּאָר ווייסע זעגל שיפלעך זיינען ערגעץ גע־שוואומען פון דערווייטנס ווי פון וואָלקנס אויסגעוועבט. און אַזאַ רואיקייט האָט זיך געפילט אַרום און אַרום.

דרימער, אַ ביסל אַ בלייכער און אַ שטילער, האָט גערעדט געלאַסן און ווי צו זיך: ווען אים גיט זיך איין דראַמע צו פאַרקויפן אויף בראָדוויי! ער האָט צוויי פון זיינע בעסטע דראַמעס אַליין איבערזעצט אויף ענגליש. ווען ער האָט געלט, קויפט ער אַ פאַרם און וואָלט די גאַנצע חברה גענומען צו זיך. זאָלן זיי זיך רואיק זיצן און שאַפן, ווייט פון די טעגלעכע צייטונגען, וואָס עסן אויף דעם גוטן שרייבער. ער שרייבט איצט אַ קאָמעדיע. מען דאַרף האָבן איין גוטן דערפאָלג, איין דערפאָלג.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דרימערס רייד און געשוויגן. עס איז מיר געוועזן צום האַרצן אָט דער שטילער, פיינער מענטש און שריפט־שטעלער, און איך האָב געגלויבט, אַז דאָס קאָלירטע שיינע פייגעלע, וואָס הייסט דערפאָלג, וועט צו אים קומען צופליען מיט אַמאָל. דערנאָך זיינען אַריין אין צימער די אַנדערע קאָלעגן און איך האָב אויסגעהערט אַ סך ביטערע טענות אויפן חשבון פון דער יידישער פּרעסע און די אָפּי־

ציעלע קריטיקער. דאָס זיינען אפשר געווען באַרעכטיקטע טענות... אָבער איך האָב פאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ אַ צערודערטער. די קאָלעגן האָבן אָנגעפילט מיין האַרץ מיט פאַרדרוס. איך בין געווען אַ גרינער אין לאַנד און ניט דאָס האָט זיך געוואָלט הערן פון יידישע שרייבער, נאָך וועלכע איך האָב אין שווייצאַריע אַזוי געבענקט.

* * *

יאָרן האָט דרימער אַ סך געשריבן און אַ געוויסע צייט אויך גע־אַרבעט אין אַ טעגלעכער צייטונג, וואָס האָט זיך פלוצלינג פאַרמאַכט. ער האָט זיך גענומען צו זייגערמאַכעריי און אין די פרייע שעהן ווידער גע־שריבן יידיש און פאַרפאַסט פּיעסן אין ענגליש, ווייל דאָס קאָלירטע פייגעלע האָט געקענט קומען צו פליען נאָר פון בראָדוויי. זיין פרוי, אַן אינטע־ליגענטער מענטש, וואָס האָט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר דעם שווערן וועג פון אַ שריפטשטעלער, איז אַרומגעלאָפן צו אַלערליי אַגענטורן און מענעדזשמענטס פון טעאַטערס פאַרקויפן איינע פון זיינע פּיעסן. אָפּטמאָל איז דער דערפאָלג שוין געשטאַנען ביים שוועל פון הויז און גליקלעך געלאַכט, נאָר אַז מען האָט פאַר אים ברייט געעפנט די טיר, איז ער פאַרשוואונדן און קיינער איז ניט געווען. אָבער ער האָט זיך אַלץ ניט אונטערגעגעבן, כאָטש ער איז אָפט געווען קראַנק און די ראיה איז ביי אים קאַליע געוואָרן.

* * *

אָט איז שוין דאָס שטעטעלע ביים ים. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, איך גיי איבער די גוט באַקאַנטע מיר גאַסן פון סי־געיט, וואו איך האָב אַמאָל אָפּגעוואוינט אַ פּופצן יאָר. און אָט איז דאָס הויז וואו דרימער וואוינט. דער אַריינגאַנג איז פון הינטן און אַ שמאָלער, און איך גיי פאַרזיכטיק אין דער פינצטער איבער די קליינע קרומע טרעפּ, וואָס שלענגלען זיך אַלץ העכער צו אַ „גערעט”. ביים טיר בלייב איך שטיין אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אַ געשריי פון איבערראַשונג און פרייד. דאָס באַגעגנט מיך אַזוי דרימערס פרוי און ער אַליין שעפּטשעט עפּעס און שמייכלט אַביסעלע פאַרשעמט און צופרידן. אַן אַלטער פריינט און קאָלעגע איז אים געקומען זען. מיר דריקן זיך די הענט. איך קוק אים אָן, ווייל איך האָב אים שוין לאַנג ניט געזען. דער זעלבער געלאַסענער און אויסער־לעך רואיקער דרימער וואָס פריער, נאָר זעט אויס אַ ביסל עלטער און איז געוואָרן אפשר אַ ביסעלע מער פאַרשלאָסן אין זיך. ער טראָגט קורצע הייזקעס און אַן אויסגעשטריקטע בלויע היטעלע אויפן קאָפּ.

אַ ווײַלע שפּעטער זיצן מיר ביידע אין זײַן צימער און ריידן. זײַן פרוי איז ערגעץ אַוועק. איך קוק אויף די ווענט, וואו עס הענגען עטלעכע בילדער פון באַקאַנטע יידישע מאלער. דרימער דערציילט מיר, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ פילאָזאָפישע ווערק וועגן עטיק. דאָס בוך האַלט זעקס הונדערט זײַטן. ער האָט עס אויך אַליין איבערזעצט אין ענגליש. איך דערמאָן שפּינאָזאָס נאָמען. ער בלײַבט ערנסט און זאָגט שטיל, אַז ער האָט אַ פּאָר קאַפּיטלעך פאַרגעלייענט פאַר דעם דיכטער יעקב גלאַטשטיין און יענער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס ווערק וועלן פאַרשטיין אפשר אַ פּופציק מענטשן. פון אָנפאַנג האָט ער געוואָלט האָבן די מעגלעכקייט צו האַלטן אַ רעפעראַט פאַר אַ גרופּע שריפטשטעלער וועגן זײַן פילאָזאָפיש בוך, אָבער ער האָט עס ניט געקענט אַראַנזשירן, ווײַל קיינער האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט אים. אַלע זיינען ווי אַלטע, האַרטע ביימער, באַדעקט מיט מאָך. די קאָרע איז גראָב און לאָזט גאָר ניט דורך. קיין איין סענטימענטאַלער געפיל.

ער בלײַבט שטיל. פאַרטראַכט זיך און קוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט געוואָלט אויספאָרשן מײַן בליק, מײַנע געדאַנקען. דערנאָך גיט ער אַ שמייכל און רעדט ווייטער:

ער וועט מיר זאָגן דעם אמת, ער האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער איז דאָס באַרופן צו שרייבן אַ ווערק פון אַזאַ געוואַלדיקן פאַרנעם, אָבער דער דראַנג צו דערציילן דעם אמת וואָס ער איז דערגאַנגען סיי ווי סיי. נאָך איידער ער האָט גענומען שרייבן האָט ער שוין געוואוסט וואוהין די אַרבעט וועט דערפירן, און ער איז געוועזן איבערצייגט אַז ער האָט וויכטיקע אמתן צו זאָגן. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן, אַז ניט פאַר די גויים וועט ער די אמתן אַנטפּלעקן (איך זאָל אים מוחל זײַן דעם טאָן פון גאווה). און ער האָט באַשלאָסן דאָס בוך צו שרייבן אין יידיש. דאָס בוך האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. דאָס פינפטע מאָל איבערשרייבן איז נאָך געווען אין יידיש, און ער האָט געמיינט, אַז דאָס וועט זײַן דאָס לעצטע מאָל איבערשרייבן. ווען ער איז שוין פאַרטיק געוואָרן האָט ער זיך גענומען אַרומפרעגן וועגן דרוקן, האָט ער זיך דערוואוסט אַז קיין הילף קען ער פון קיינעם ניט דערוואַרטן. דאַן האָט ער באַלד באַשלאָסן אַז ער מוז דאָס בוך איבערזעצן אין ענגליש. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, און די איבערזעצונג איז געוואָרן אַ נייע באַאַרבעטונג. דעם לעצטן טעקסט פון בוך, וואָס האָט שוין געהאַלטן אַרום פיר הונדערט און פופציק מאַשין־געשריבענע זײַטן, האָט ער דער־

לאַנגט צום גרעסטן אַרויסגעבער פון ביכער אין אַמעריקע, ניט נאָר דעם גרעסטן נאָר אויך דעם חשובסטן. זיי האָבן דאָס געשטודירט און זיי האָבן אים גערופן אין אַ באַגייסטערטן בריוו, נאָר אַזוי ווי ער איז ניט באַקאַנט צו קיינעם אין דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור, וואָלטן זיי וועלן אַז ער זאָל דאָס מאַכן אַ ביסעלע מער פּאָפּולער. ער האָט עס ניט געוואָלט טאָן. דערנאָך איז ער געוואָרן ערנסט קראַנק. וואָכן זיינען אַוועק. און איצט אַרבעט ער שוין אויף דער אַכטער באַאַרבעטונג. איצט האָפט ער, אַז דאָס מאָל וועט דאָס בוך שוין זיין ווי ער פילט עס דאַרף זיין.

איך הער זיך צו און טראַכט, אַז דרימער איז ניט דער ערשטער וואָס איז לאַנג ניט גענוג אָפּגעשאַצט און אָנערקענט געוואָרן. די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור און וויסנשאַפט איז פול מיט אַזוינע פאַלן. אָבער דאָס קאָלירטע פייגעלע וועט דאָך קומען צו אים צו פליען. און הלוואי וואָס גיכער.

מיר האָבן יענעם אָוונט פאַרבראַכט צוזאַמען אַ גוטע פאָר שעה. מיר האָבן געטרונקען וויין און גערעדט וועגן יענע יאָרן ווען מיר זיינען אין סי־געיט געווען שכנים און אָפט זיך געזען. און אַז איך בין געפאָרן צוריק אַהיים, האָט מיר עפּעס אַלץ געקלונגען אין די אויערן אַ רוסיש ליד, אַז דערפאָלג איז ווי אַ וואונדערבאַר בלימעלע, וואָס וואַקסט ערגעץ אין אַ לעגענדאַרן לאַנד, צו וועלכן מען קען ניט שטענדיק צוקומען...

דוד קריוויצקי רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן

דעם דיכטער קריוויצקי קען איך שוין פון יאָרן און יאָרן. עפּעס האָט זיך פאַר דער גאַנצער צייט ניט געביטן זיין אויסזען אין מיינע אויגן. ער איז, דאַכט זיך, ווי גאָרניט עלטער געוואָרן. גרויע האָר אויף זיין קאָפּ געדענק איך שוין פון לאַנג, און אויך די קנייטשן פון זיין דאַרן עטוואָס לענגלעכן פּנים. זיי קליינינקע פיגור האַלט זיך שטענדיק שלאַנק, אַ ביסל שטייף.

איך פלעג קריוויצקין טרעפן אין דער רעדאַקציע פון „מאָרגן זשור־נאַל", וואו ער האָט זיך פון צייט צו צייט געדרוקט אויף דער הומאָ־ריסטישער זייט. דער לעבעדיקער, וואָס האָט רעדאַקטירט די זייט, האָט קענטיק געהאַלטן פון אים. מיר פלעגן ריידן אַ ביסל. אַמאָל האָט ער מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט פאַר מיינער אַ סקיצע, אָדער איך האָב געלויבט זיינס אַ ליד. מיט איין וואָרט, מיר זיינען געווען גוטע פריינט, אָבער פון דערווייטנס, אַזוי צו זאָגן. קיינמאָל איז אונדז ניט אויסגעקומען צו באַקענען זיך נעענטער, אָדער פירן אַן אינטימען שמועס און זיך פאַרטרויען איינער דעם צווייטן אונדזערע פאַרבאָרגענע געפילן און פאַר־לאַנגען, מיט אונדזערע טרוימען און חלומות.

אַז מיין פאַמיליע האָט זיך באַזעצט אין די בראָנקס, האַרט ביי „קלערמאונט" פּאַרק, האָב איך אין די זומער חדשים, ווען איך פלעג פאַרווילן אין ניו־יאָרק, גאַנץ אָפט זיך באַגעגנט מיט קריוויצקין. ער פלעגט כמעט אַלע אָוונט קומען אין פּאַרק פאַרברענגען און פלעגט פאַר באַקאַנטע אָפט פאָרלייענען זיינע לידער. טאָן פלעגט ער עס גאַנץ פּשוט: אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קליינע דיקע העפט, וואו עס זיינען געווען אָנגעשריבן די לידער, און אין דער צווייטער אַן עלעקטרישן לעמפּעלע, אַז ער זאָל זען ווי צו לייענען און ניט מאַכן קיין טעות. ער האָט שטענדיק געהאַט צוהערער, וואָס פלעגן אים אַפּלאָדירן און לויבן. אַריינקומענדיק אין אָוונט אין פּאַרק, האָב איך נאָך פון דער ווייטנס געקענט זען אין וועלכער טונקעלער אַלייע קריוויצקי געפינט זיך. עס האָט אַ

לויכט געטאָן דאָס עלעקטריש לעמפּעלע און ס׳האָט זיך דערהערט אַ בראַוואָ פּאַטשעריי.

אַ פּאָר מאָל האָב איך אים אויך געטראָפן פֿאַרנאַכט אין פּאַרק און געבעטן אַריינגיין צו מיר אַ ביסל פֿאַרברענגען. מיר האָבן געטרונקען אַ גלעזל ווייַן און געשמועסט אַלץ האַרציקער. קריוויצקי האָט אָפּט אַריינגעצויגן לופט אין די נאָזלעכער און געקנייטשט דעם פּנים. קיין סך וועגן זיך פֿלעגט ער ניט וועלן דערציילן. יאָ, ער האָט געהאַט אַ פֿרוי, אָבער... ביי דעם פֿלעגט ער זיך פֿאַרטראַכטן און דערנאָך פֿאַרזעצן וועגן דעם, אַז די איינזאַמקייט און דער עלנט פֿון דער שרייבער און דיכטער אויף אונדזער יידישער גאַס, איז זייער גרויס. ער האָט אויך גערעדט וועגן זיין פּאָעמע „הענט״, וואָס האָט אַזוי אויסגענומען אומעטום, אַז מען דעקלאַמירט עס אויף פֿילע אונטערנעמונגען.

עס איז געווען אַ לבנה־נאַכט. דעם גאַנצן אָוונט האָב איך געהאַט געסט און ניט געקענט אַרויסגיין אין פּאַרק. ענדלעך זיינען די געסט אַוועק און איך בין אַרויס זיי באַגלייטן צו אַ סאַבוויי סטיישן, וואָס האָט זיך געפֿונען אַ פֿינף בלאָק פֿון מיין וואוינונג. גייענדיק צוריק, האָב איך באַשלאָסן אַ ביסל זיך דורכגיין אין פּאַרק, וועלכער איז שוין געווען פּוסטלעך און האָט זיך געטונקט אין דעם זילבערנעם שיין פֿון דער פֿולער לבנה, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן הימל.

איך בין דורך איין אַלייע, אַ צווייטע, און קריוויצקין ניט באַמערקט. אין אַזאַ נאַכט זאָל דער דיכטער ניט זיין אין פּאַרק, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. אָבער אָט בין איך אַריין אין אַ דריטער אַלייע און אויף אַ באַנק באַמערקט קריוויצקיס קליינינקע פֿיגור. ער איז געזעסן איינינקער אַליין, געהאַלטן אין איין האַנט די דיקע קליינע העפֿט, אין דער צווייטער דאָס עלעקטרישע לעמפּעלע, און געלייענט זיינע לידער. דערזען מיך, האָט ער פֿאַרלאָשן דאָס ליכט און אַריינגעלייגט די העפֿט אין קעשענע.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים און געזאָגט:

— אַ וואונדערבאַרע נאַכט. עס ווילט זיך גאָר ניט גיין שלאָפֿן. און איר זיצט אַליין.

— יאָ, אַליין, — האָט ער שטיל געענטפֿערט, — און עס איז מיר זייער אומעטיק. אַ גאַנצער טאָג און אָוונט פּלאָגט מיר איין געדאַנק, אַז מיין בוך, וואָס איך האָב לעצטנס אַרויסגעגעבן מיט אַזוי פֿיל שוועריקייטן, האָט רואינירט מיין לעבן. איר קענט אַ טראַכט טאָן: וואָס הייסט אַ בוך האָט רואינירט אַ לעבן? אַ בוך וואָס איז אין ווינציקער ווי

צוויי יאָר אויספּאַרקויפט געוואָרן איבער טויזנט קאָפּיעס, טאָ וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד? איך האָב מיט אייך וועגן דעם קיינמאָל ניט גערעדט, ווייל איך דאָס טאָן איצטער, אויב איר זייט גרייט מיך אויסצוהערן.

— מיט פאַרגעניגן, קריוויצקי. עס איז דאָ גוט צו זיצן.

און אָט וואָס ער האָט געזאָגט:

„ס'איז אמת, אַז מיין בוך איז אינגאַנצן אויספּאַרקויפט, און איך האָב פון בוך געמאַכט שיינע עטלעכע דאָלער. איך האָב אָבער ניט אַרויסגעגעבן דאָס בוך פאַר פּראָפיטן, איך האָב געוואָלט, וואָס עס איז זייער נאַטירלעך, דאָס בוך זאָל פאַרקויפט ווערן און איך זאָל ניט דער־לייגן גאַנץ שווער פאַרהאָרעוועטע געלט. אָבער קיין „ביזנעס" האָב איך פון דעם ניט געוואָלט מאַכן. נו, האָב איך זינט דאָס בוך איז אַרויס, געמאַכט אַ סך־הכל פון מיין לעבן, אונטערגעצויגן די אונטערשטע שורה פון מיינע חלומות און דערוואַרטונגען און, איך האָב געפונען אַז עס האָט זיך ניט געלוינט. איך האָב דערזען, אַז איך האָב זיך אַליין גענאַרט אַלע מיינע יאָרן, מיינענדיק אַז איך טו עפּעס אויף מיט מיין שרייבן, אַז מיין שרייבן האָט אַ ווערט. איך האָב געמיינט, ווי אַלע וואָס שאַפן עפּעס מיי־נען, אַז איך האָב אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור; אויב ניט אויבנאָן, איז כאָטש ביים טיר, בין איך משוגע געוואָרן און אַרויסגעגעבן מיינע לידער אין אַ בוך, אָנגעקליבן אין פיר צענדליק יאָר. נו, האָב איך זיך דורכן בוך דערוואוסט אַן אמת וואָס האָט פאַר מיר קיינמאָל ניט עק־זיסטירט, — אַז איך בין ניט קיין שרייבער, אַז דאָס וואָס איך האָב גע־שריבן איז אונטער קריטיק, ס'איז אַזוי גאָרנישט, אַז מען קען דאָס אַפילו ניט אַרונטעררייסן!

ניט אַלע מאָל בין איך מסכים מיט אַלץ וואָס אונדזערע קריטיקער שרייבן. זיי זיינען אָבער פאַר מיר אַלע מאָל דער קריטעריום פאַר גוט און שלעכט. די קריטיקער, ווי לייענער, קענען אַמאָל האָבן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן אַ בוך, באַזירט אויף אייגענעם געשמאַק און נייגונג, אָבער, אין עצם, זיינען זיי אַלעמאָל גערעכט און אָביעקטיוו. איך האַלט ניט אַז אַ קריטיקער וויל אימיצן בכיוון וויי טאָן. נאַטירלעך, זיינען פאַראַן אויסנאַמען. דער קריטיקער, ווי אַ לעבעדיקער מענטש, האָט זיינע סימפּאַ־טיעס און אַנטיפּאַטיעס צו מענטשן, קען ער אַמאָל, אין פּראָצעס פון רע־צענזירן אַ בוך, פאַרטראָגן ווערן פון אימפּולסן, אָבער דאָס טרעפט ניט אָפט, אין כמעט אַלע פאַלן איז דער קריטיקער אָביעקטיוו, און זיין מיינונג איז וויכטיק, ווייל ער איז דער מבין. און ווען די קריטיקער, אַלע

אָן אויסנאַם, האָבן ניט געפונען פאַר וויכטיק אַפילו צו דערמאָנען ערגעץ וואו אַ בוך, באַווייזט עס מיר אַז מיין בוך איז ניט ווערט דערמאָנט צו ווערן, איז אונטער יעדער קריטיק, מען קען דאָס אַפילו ניט אַרונטער־רייסן. אמת, עס שטעלן זיך אַוועק עטלעכע זייער האַרבע קשיות וואָס איך קען ניט ענטפערן. מיינע לידער זיינען טאַקע זייער שאַבלאָן, קינדיש־נאַאיוו, טעמאַטיש, 50 יאָר אַריבער די צייט, ווייט פון ליטעראַטור, דאָך האָבן 9 הונדערט מענטשן געקויפט דאָס בוך און, לויט די גערוסן וואָס איך האָב געהאַט, אויך דאָס בוך געלייענט, (חוץ די שרייבער וועמען איך האָב געגעבן גראַטיס). איך פערזענלעך האָב פאַרקויפט הונדערט ביכער און איך וועל אָננעמען, לשם אַרגומענט, אַז די הונדערט מענטשן האָבן געקויפט דאָס בוך ווייל מען האָט ניט געקענט אָפּזאָגן... און עס קומט אויס, אַז די אַלע אַנדערע וואָס האָבן געקויפט דאָס בוך, זיינען מענטשן אָן דעם מינדסטן חוש פאַר ליטעראַטור, גייסטיק ניט אַנטוויקלט צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ בוך מען דאַרף קויפן און לייענען! קינדער אין די יידישע שולן לייענען פאַר מיינע לידער. מיינט עס, אַז די לערער אין די שולן ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט וואָס ליטעראַטור איז, אַז ניט וואָלטן זיי דאָך ניט לאָזן די קינדער פאַרלייענען מיינע לידער!״

קריוויצקי האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן פון זיין פלאַץ און מיך טויט ערנסט אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָלט איך זאָל אים ענטפערן אויף זיינע „האַרבע קשיות״, אַזוי צו זאָגן.

— נו, נו, — האָב איך אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, — רעדט ווייטער. עס איז זיכער דאָ אַ געוויסער אמת אין אייערע רייד. אָבער איר קענט דאָך אונדזער ליטעראַרישע גאַס. אַזוי איז עס שוין. איר דאַרפט עס ניט נעמען אַזוי טראַגיש. איר זייט ניט דער איינציקער דיכטער, וואָס ווערט פאַרשוויגן ביי אונדז.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צוריק אויף זיין פלאַץ, אַ צי געטאָן די לופט אין די נאָזלעכער, אַ קנייטש געטאָן דעם פנים און פאַרגעזעצט:

— פרעג איך זיך אַליין די קשיות, און קען ניט ענטפערן. אפשר איז מיין שפראַך, מיין יידיש צו פאַלקסטימלעך? מען פאַרשטייט דאָס צו גרינג און אַ ליד דאַרף מען שרייבן אין אַ לשון וואָס דער לייענער פאַרשטייט ניט! קען איך דעם ריינעם שיינעם יידיש פון מיין מאַמען ניט אַסימילירן מיט פראַנצויזישע און לאַטיינישע טערמינען ווי מען זעט דאָס אין די זייער פיל געלויבטע און קריטיקירטע לידער, ווייל איך ווייס ניט מיט וואָס איז אַסימילירן יידיש לשון בעסער ווי אַסימילירן

דאָס גאַנצע יידישקייט, דעם יידן אַליין? אפשר דערפאַר ווייל איך שרייב ניט פון דער קלויז, פון דעם ווייטן אַמאָל, פון זאַכן וואָס איך ווייס ניט, נאָר דאָס וואָס איך זע און פיל? איך אַנאַליזיר זיך אַליין, שפּעקוליר מיט מעגלעכקייטן און קען ניט קומען צו אַ באַשטימטן שלוס.

— גלאַנץ־לעיעלעס האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע אַרטיקלען וועגן עזרא פּאָונד וועגן דעם ניט פאַרדינטן נאָבל פּרייז וואָס פּאונד האָט געקראָגן, בין איך געווען אינגאַנצן מסכים מיט גלאַנצן, אַז ניט נאָר האָט פּאָונד ניט געטאָרט קריגן אַ נאָבל פּרייז פאַר זיינע לידער, נאָר מען האָט די לידער אינגאַנצן ניט געטאָרט דרוקן. נו, גלאַנץ ווייסט אַזוי גוט ווי איך, אז די גאָר גרעסטע צאָל פון זיינע לייענער האָבן קיינמאָל פּאָונדן ניט געלייענט, אַז ביי אָט די לייענער וואָס ציען זייער יניקה פון דער יידישער ליטעראַטור, איז אַפילו דער ניט אָנערקענטער יידישער פּאָעט וויכטיקער ווי פּאונד און ראָבערט פראָסט און מאַסטערס מיט אונטער־מייערן, טאָ פאַרוואָס זאָל גלאַנץ ניט אָנווייזן זיינע לייענער אַז מיין בוך איז נאָך אומוויכטיקער ווי פּאָונד און זיי זאָלן דאָס לייענען! איך באַגעגן זיך מיט זייער אַ סך גלאַנצעס לייענער, און זייער אָפּט, און זיי האָבן מיין בוך יאָ געלייענט, און זיי רעכענען זיך מיט גלאַנצעס מיי־נונג, איז אויב מיין בוך איז אַזוי גאָרנישט אַז מען טאָר דאָס אַפילו נישט דערמאָנען, פאַרוואָס זאָל ער ניט זאָגן זיינע לייענער אַז זיי זאָלן ניט פטרן זייער צייט אומזיסט? וועגן אַ גוייִשן בוך מעג מען דאָס זאָגן און וועגן אַ יידישן — ניט? און נאָך עפּעס: די אַכט הונדערט מענטשן וואָס האָבן געקויפט מיין בוך ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט וואָס אַ ליטעראַריש בוך איז, און די מענטשן זיינען אַ טייל פון אונדזער קולטור־וועלט, טאָ וואָס האָט גלאַנץ און ניגער און מוקדוני און גלאַטשטיין און אַנדערע וואָס שרייבן וועגן ליטעראַטור און ביכער, אויפגעטאָן מיט זייער שרייבן, מיינענדיק אַז זיי דערהויבן דעם מצב פון דעם יידישן לייענער? עס זעט אויס, אַז זייער גאַנצע אַרבעט איז געווען אַרויסגעוואָרפן... פונ־דעסטוועגן ווילן אַלע שרייבער, די קריטיקער אַריינגערעכנט, האָבן אָט דעם לייענער וועמען זיי האָבן ניט דערצויגן און ניט דערהויבן און אויף וועמען מען קוקט אַרונטער פון אַ משונהדיקער הויך, אַז דער לייענער מיט דעם שרייבער דערזעען זיך ניט. אָבער אָפּגעזען פון די אַלע קשיות און טענות, האָט דאָס פאַרשווייגן מיר באַוויזן, אַז איך האָב געלעבט אין אַ חלום, איך האָב בלויז געמיינט אַז איך בין „עפּעס".

קריוויצקי איז אַנטשוויגן געוואָרן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק

געטאָן אויף דער פולער לבנה, וואָס איז געשוואומען אין מיטן הימל. איך האָב אויך געשוויגן, געוואַרט ער זאָל זיך באַרואיקן, ווייל ער האָט גערעדט מיט האַרץ און פאַרדרוס. אָבער ער האָט ווידער אָנגעהויבן:

„איר פאַרשטייט?! איך האָב צופיל דרך ארץ פאַרן יידישן וואָרט און האָב צופיל ליב מיין יידיש, אַז איך זאָל קאָנען טראָגן דעם געדאַנק, אַז מען האָט מיך צוגערעכנט צו דער קאַטעגאָריע פון דעם „פּאָעט אימפּעראַטאָר”, אָדער די „קרומע שפּיגל”-פּאָעטן. איך פאַר־זיכער אייך, אַז איך לייד ניט פון אַ „פאַרפאַלגונג מאַניע”, איך לייד ניט פון קיין שום מאַניע, אַ לעבעדיקע, אַ פיקטיווע, אַ פּסיכאָלאָגישע אָדער מעדיצינישע. איך ווייס אויך, אַז קעגן מיר פערזענלעך האָט קיינער גאָרניט, פאַרקערט, מען באַגעגנט מיך זייער פריינטלעך, מוז איך אָננעמען דעם איינציקן תירוץ: מיינע לידער זיינען גאָרנישט.

לאָמיר אייך עפּעס דערציילן:

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט יצחק ריווקינד, דער ביבליאָטעקאַר פון טעאָלאָגישן סעמינאַר, אַרויסגעגעבן אַ בוך „פינף הונדערט יאָר קאַמף ביי יידן קעגן אַזאַרט־שפּיל”. זייער אַ וויכטיקער בוך. ריווקינד ציטירט אין בוך אַ סך שרייבער וואָס האָבן זיך ווען אָפּגערופן קעגן דעם שפּיל. די אַלע ציטאַטן זיינען פון אַ שורה אָדער דריי, אָבער מיינס אַ ליד קעגן קאָרטן־שפּיל וואָס איז געווען געדרוקט אין „מאָרגן זשורנאַל” האָט ריווקינד איבערגעדרוקט אינגאַנצן און פאַרנעמט אין בוך צוויי זייטלעך. די קריטיק האָט זיך אָפּגערופן זייער וואַרעם וועגן דאָס בוך און מען דערמאָנט יעדן שרייבער וועמען ריווקינד ציטירט. יעדן שרייבער, חוץ מיך... די ציטאַטן פון צוויי אָדער דריי שורות, האָבן די קריטיקער יאָ באַמערקט, נאָר מיין ליד פון צוויי זייטלעך, האָט מען ניט באַמערקט און מיין נאָמען אַפילו ניט דערמאָנט. ווי זאָל איך דאָס אויסטייטשן? פאַרוואָס שעמט מען זיך מיט מיין נאָמען? אַפילו ניט דערמאָנען!

דער אינטעלעקט, דער פאַרשאַרפטער קריטישער חוש איז דער וועגווייזער פון קריטיקער. די אינטואיציע איז דער וועגווייזער פון שרייבער. די צוויי וועגן מוזן זיך ערגעץ באַגעגענען, און מיין וועג איז זיך קיינמאָל ניט צונויפגעקומען מיט דעם וועג פון קריטיקער, באַווייזט דאָס מיר אַז איך בין אַ לעבן לאַנג געגאַנגען אויף אַ פאַלשן וועג...

יאָ, אַ מאָדנע זאַך: וועגן אַלע מיינע חסרונות האָט מען מיר גע־

זאָגט און מען הערט ניט אויף צו זאָגן, נאָר וועגן די לידער שעמט מען זיך...

אָט דאָס, מיין ליבער פריינט, האָב איך געמיינט ווען איך האָב פון אָנפאַנג אייך געזאָגט אַז „מיין בוך האָט מיך רואינירט", עס האָט מיר געעפנט די אויגן. ווען ניט דאָס בוך, וואָלט איך אַרומגיין איבערן באָרדוואָק אין ברייטאָן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און בלאָזן פון זיך ווי אַלע אַנדערע, גלויבנדיק אַז פון מיר הויבט זיך אָן די וועלט.

קאָנטיק, איך האָב אין מיין יוגנט אַ סך געזינדיקט, האָט דאָס איצטער גאָט מיר באַשטראָפט אַז צום סאַמע סוף זאָל צעשטערט ווערן מיין גלויבן אין זיך אַליין. איך האָב צו קיינעם קיין טענות ניט, קיינער איז מיר גאָרנישט שולדיק, קיינער האָט מיר גאָרנישט געטאָן חוץ דאָס וואָס מיטן פאַרשווייגן האָט מען מיר געעפנט די אויגן, אָבער צו שפּעט. דאָס בוך איז שוין אויספאַרקויפט. וואָלט איך די ביכער קענען קריגן צוריק, וואָלט איך, מיט פאַרגעניגן, מיט אמתער הנאה זיי אַלע פאַרברענט. אָבער מיין לעבן וועל איך שוין ניט ענדיקן אַזוי בלינד ווי איך בין געווען.

איך דאַנק אייך פאַרן אויסהערן מיך. איך האָב אפשר גערעדט אַ ביסל צו פיל, נאָר קוים האָב איך אָנגעהויבן זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, איז שוין מיר געווען שווער אויפצוהערן. די עמאָציע האָט אַ ביסל גענומען די איבערהאַנט. דער אימפּעט האָט געטריבן צו זאָגן אַלץ, ביזן סוף.

איז דאָס דער סוף? ווער ווייסט."

* * *

איך האָב אַ ווײַלע פאַרבראַכט מיט קריוויצקין אין פּאַרק. ער האָט אויך אָנגעצונדן דאָס עלעקטריש לעמפּעלע, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, און פאַר מיר פאַרגעלייענט פון דער דיקער קליינער העפט עטלעכע נייע ליבע לידער, אין וועלכע ער האָט צאַרט באַזונגען זיין דאַמע. איך האָב אים געמאַכט אַ קאָמפּלימענט און פאַרזיכערט, אַז עס איז נאָך ניט „דער סוף", ווי ער מיינט. ער וועט נאָך שרייבן און שרייבן. און וואָס איז שייך דאָס ניט דערמאָנען פון די קריטיקער, לוינט זיך ניט צו האָבן פון דעם עגמת נפש. די ביכער זיינע האָט ער אויספאַרקויפט און מען לייענט זיי — דאָס איז די הויפּט־זאַך.

איך האָב איבערגעגעבן קריוויצקיס ווערטער וואָרט ביי וואָרט, ווייל איך האָב געהערט ענלעכע טענות אויך פון אַנדערע דיכטער און דער־ציילער...

י. קיסין

י. קיסינס אמתער נאָמען איז געווען יקותיאל גאָרניצקי און אין אַמעריקע האָט ער זיך גערופן גאָרן. נאָך זיין טויט האָבן איינציקע באַוואוסטע קאָלעגן דיכטער אים באַווײנט, באַזונגען און אָפּגעשאַצט. אַלע האָבן געהאַט עפּעס גוטעס צו זאָגן וועגן פאַרשטאָר־בענעם פּאָעט. איז זאָל אויך מיר, אַ פּראָזאַאיקער, זיין דערלויבט אי־בערצוגעבן איניקע שטריכן פון זיין כאַראַקטער, ווייל איך האָב אים געקענט כמעט די גאַנצע דרייסיק יאָר, וואָס איך בין אין אַמעריקע.

אַ יאָר פאַר מיין פאַרלאָזן זשענעווע, שווייצאַריע, האָב איך צוגע־שיקט אין „צוקונפט" אַ לענגערע דערציילונג אין רוסיש, מיטן נאָמען „טשוזשאַיאַ" (די פרעמדע). איך האָב שטאַרק געצווייפלט, צי מען וועט אָננעמען מיין רוסישן מאַנוסקריפּט, און דערפאַר איינצייטיק זיך געווענדט צו מיין גוטן פריינט, דער יידיש־העברעאישער אַקטריסע ליזאַ וואראָן, וועלכע האָט זיך דאַן שוין געפונען אין ניו יאָרק, אַז זי זאָל זיך זען מיט אברהם ליעסין, דעם רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, אַז ער זאָל אימיצן געבן איבערזעצן און אָפּדרוקן מיין נאָוועלע. איך האָב געוואוסט אַז די „צוקונפט" דרוקט איבערזעצונגען נאָר פון גאָר באַ־וואוסטע דיכטער און שריפטשטעלער און דערפון איז געקומען מיין צווייפל.

אָבער ווי אנגענעם איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען אין איין שיינעם טאָג בין איך אַריין אין ביבליאָטעק פון די יידישע פּאָליטישע אימיגראַנטן אין זשענעווע, אָנגעהויבן בלעטערן אַ נייעם נומער „צו־קונפט" און דערזען די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך פון מיין דערציילונג „די פרעמדע", ווייל קיין ענטפער אויף מיין בריוו האָב איך דאַן פון ליזאַ וואראָן ניט באַקומען.

אַז איך האָב שפּעטער אין ניו־יאָרק באַגעגנט קיסינען, וועלכער איז אין יענער צייט געווען דער סעקרעטאַר פון „צוקונפט", האָב איך אים איבערגעגעבן וועגן דער פרייד וואָס אברהם ליעסין האָט מיר פאַר־שאַפט מיט דרוקן מיין נאָוועלע. קיסין האָט מיך אָנגעקוקט ווי פון

אַ זייט, מיט אַ שטאַרק קאָסאָקן בליק פון אונטער זיינע אויגן־גלעזער, און שטיל געענטפערט:

— איך בין געווען דאַקעגן די „צוקונפט" זאָל דרוקן די דערציי־לונג, אָבער ליעסין האָט מיך געצוואונגען מאַכן די איבערזעצונג.

דאָס האָט מיך אַ ביסל געטראָפן און איך האָב איינגעהאַלטן גע־פרעגט:

— פאַרוואָס? איז אייך די זאַך ניט געפעלן געוואָרן?

ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער. נאָר ביים צעגיין זיך געזאָגט מיט אַ ברייטן שמייכל, וואָס האָט איינגאַנצן באַלויכטן זיין אַביסל מאָדנעם אומעטיקן פּנים:

— איר האָט אַ פליסיקע פען.

נאָך דעם דאָזיקן קורצן געשפּרעך האָב איך שוין געזוכט צו לייענען קיסינס לידער און אויסגעפונען, אַז ער איז שטאַרק באַאיינפלוסט פון די רוסישע פּאָעטן און זיין אייגענעם פּנים זעט מען גאַנץ שוואַך. אָבער דאָס איז געווען מיט דרייסיק יאָר צוריק. און אגב אורחא, ווען איך האָב צוגעגרייט צום דרוק מיין בוך „וואָגלענישן" און אויך אַריינגענומען אין די עפּיזאָדן די דערציילונג „די פרעמדע", וואָס קיסין האָט איבער־זעצט, האָב איך, דער „גוי", געמוזט אויסבעסערן זיין שפּראַך וואָס איז געווען פול מיט דייטשישע אויסדרוקן. אָבער איך ווידערהאָל, אַז דאָס איז געווען מיט דרייסיק יאָר צוריק.

גאָר אין גיכן האָב איך געטראָפן קיסינען אין דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע. מיר זיינען געזעסן אַ גרופּע שרייבער ביי אַ טישל און גערעדט וועגן ליטעראַטור. יעדער פון אונדז האָט אין יענער צייט נאָך געהאַט ראָזעווע פּלענער און ליכטיקע טרוימען. עס איז נאָך געווען אַ שטיקל ליטעראַרישע סביבה ביי די שרייבער, און ביכער האָבן זיך פאַר־קויפט. דערצו האָבן די טעגלעכע יידישע צייטונגען געטאָן גוטע גע־שעפטן און יעדער דרויסנדיקער פּאָעט אָדער דערציילער האָט געקאָנט ביי זיי פאַרדינען אַ דאלער. און אָט האָב איך די קאָלעגן ביים טישל אין קיבעצאַרניע געזאָגט אַז איך קלייב זיך שרייבן אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „רויטע רויזן", אַ לאַנגע געשיכטע וועגן אַ ליבע צווישן צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ בוקעט רויטע רויזן, וואָס דאָס מיידל האָט געבראַכט דעם בחור. קיסין איז געוואָרן אַ פאַר־ציטערטער און מיט אַן ערנסטן פּנים מיר געזאָגט:

— טוט עס ניט. רופט עס אָן אַנדערש, ניט „רויטע רויזן".

— גוט, — האָב איך אַ שמייכל געטאָן, — כאָטש איך זע ניט אײן מיט וואָס איז אַזאַ קעפּל ערגער פון לאָמיר זאָגן „שוואַרצע וואָראָנעס”. אָדער „זומפּן”.

— איך בעט אײַך, האָט ער ווידערהאָלט, — טוט עס ניט. עס קלינגט שרעקלעך סענטימענטאַל.

אַ ווײַלע שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן אין עלעווייטאָר פון „פאָרווערטס”־געביידע, האָט ער מיר ווידער זייער ערנסט געוואָרנט, אַז איך זאָל ניט שרײַבן אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „רויטע רויזן”.

איצט דערמאָן איך זיך, אַז דאָן האָט משה לייב האַלפּערן אָנגעהויבן נוצן גראָבע רייד אין זיינע לידער, וואָס האָבן אויסגענומען ביי ניט איין פּאָעט, כאָטש איך צווייפל שטאַרק צי קיסין איז געווען איינער פון זיי. קיסינס לידער זיינען געווען שטילע, איידעלע. אָבער עס איז אויסגעקומען, דאַכט זיך ווי די יידישע פּאָעטן וואָלטן זיך אָנגעהויבן צו שעמען מיט רויזן און נאַכטיגאַלן...

אַז קיסין איז אַוועק פון דער רעדאַקציע פון „צוקונפט”, אָדער מען האָט אים אָפּגעזאָגט, האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן קלאַנגען, אַז ער איז געוואָרן זייער נערוועז און פאַלט אַריין אין שווערע שטימונגען. אימיצער האָט מיר אַפילו געזאָגט אַז ער איז פּשוט קראַנק פון עגמת נפש. דאָס האָט מיר פאַרדראָסן ווייל איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי די נויט איז אַריין צו אים אין הויז. און ווער האָט נאָך אַזוי גוט געוואוסט וואָס עס מיינט אָרעמקייט, נויט און ניט האָבן קיין אַרבעט. איך האָב דעם ביטערן ביסן פאַרזוכט אין מיין לעבן אַ סך מאָל.

אָבער אָט קום איך איינמאָל אין „פאָרווערטס” און טרעף דאָרט קיסינען ביי אַ „דעסק”. דער דיכטער זיצט און שרייבט, און עפּעס זעט ער אויס ווי אַ „זייטיקער” צווישן די שרייבער, ווי אַ פרעמדער, וואָס איז צופעליק געקומען אַהער אָנשרייבן עפּעס זייער וויכטיקעס און וועט באַלד אַוועק. נאָר ער איז ניט אַוועק, ווייל דער „פאָרווערטס” האָט אים שוין געגעבן אַ שטעלע אין דער צייטונג און קיסין האָט ווידער געהאַט פּרנסה.

ער האָט, דאַכט זיך, געטאָן פאַרשיידענע אַרבעטן אין דער רעדאַקציע: געשריבן נייעס, געמאַכט אַלערליי „קליפּינגס” און גאַנץ אָפט געדרוקט רעצענזיעס וועגן יידישע ביכער. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך ערלעך אויף דעם גליטשיקן געביט, אַזוי צו זאָגן. און כדי צו אילוסטרירן זיין ערלעכקייט, וועל איך דאָ ברענגען אַ בריוו פון איינעם

פון אונדזערע טאַלאַנטפולע שריפטשטעלער און דיכטער, וועמענס אַ בוך קיסין האָט רעצענזירט. דער בריוו איז צו מיר אַריינגעפאַלן צו־פעליק.

אָט איז דער אינטערעסאַנטער בריוו:

„ליבער קיסין: —

מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך אייך אַמאָל געגעבן די האַנט און איר האָט די דעמאָלט געלאָזט הענגען אין דער לופט. כ׳וויל אייך פאַרזיכערן, אַז ביז היינט צו טאָג וויס איך ניט און איך פאַרדעכטיק נישט, פאַרוואָס איר האָט אויף אַזאַ דעמאָנסטראַטיוון אופן זיך דערווייטערט פון מיר, אָדער מיך דערווייטערט פון אייך.

איצט שטרעק איך אייך ווידער אויס מיין האַנט אין גוט־חברשאַפט. אייער אַרטיקל וועגן מיין בוך איז געווען אַזאַ פאַרגינערישער און אָן די געוויינלעכע צוריקכאַפעניש פון סקאַרבאָווע קריטיקער, אַז ס׳איז געקומען, כ׳בין זיך מודה, ווי אַן אומדערוואַרטע פרייד. דערצו האָט אייער אָפּשטעלן זיך אויף דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט פון מיין בוך געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אויף אַ סך לעזער און חברים.

און טאָמער וועט איר מיין האַנט אַלץ נישט אָננעמען, דאַנק איך אייך סיי־ווי־סיי, וואָס איר האָט זיך גענומען די מי אָפּצושאַצן מיין בוך, אָן פניות און אָן זעלבסט־צענזור.

אייער מיט פריינטשאַפט (———) יולי, 1943״.

פאַרוואָס קיסין איז געווען ברוגז אויף דעם שריפטשטעלער און דיכטער וויס איך ניט. אָבער מיר דוכט זיך, אַז מיט זיין גאַנצער צאַרטקייט און אינטערעס צו דער שיינער ליטעראַטור, מיט זיין גאַנצער קלוגשאַפט און בילדונג, האָט ער עפּעס ניט מיט אַלעמען געקענט לייכט דורכקומען און זיך צופּאַסן צו פאַרשיידענע אומשטענדן, וואָס דאָס לעבן שאַפט אַזוי אָפט. זיין זייטיקייט האָט געשטערט און אפשר אויך זיין איינזאַמקייט און ניט צופרידנקייט מיט זיך, ווייל קיסין האָט זיך מסתמא געשטעלט אַ סך גרעסערע פאָדערונגען, ווי ער האָט געקענט דערגרייכן, געטרוימט זיך אויפצוהויבן אין פאָעזיע העכער ווי זיינע פליגלען האָבן אים דערלויבט. דערצו זיין אַביסל מאָדנער אויסזען. איך גלויב, אַז דאָס האָט אים מער פון אַלץ געשטערט אין לעבן זיין גוט־מוטיק און פריילעך. ער האָט זיך שטענדיק אַ ביסל געשעמט ווי אַ

„זייטיקער", ווי אַ ניט געבעטענער, וואָלט איך זאָגן, אויף דעם יום־טוב פון לעבן.

ער האָט אויך אין „פאָרווערטס" געשריבן וועגן מיין בוך „דער בונט" און זיין מיינונג איז געווען ניט אַזאַ ווי איך וואָלט געוואָלט. אמת, נאָר אין איין אָדער עטלעכע אויסדרוקן, כאָטש דאָס בוך האָבן אַלע געלויבט. אָבער ער איז זיכער געווען ערלעך אין זיין מיינונג און איך האָב ניט געהאַט קיין פאַרדרוס אויף אים. אָבער דאָך זיינען אונדזערע באַציאונגען, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין באַזונדערס חברישע און וואַרעמע, געוואָרן נאָך אַ ביסל קעלטער, אַזוי צו זאָגן. דאָס האָט זיך געשאַפן פון זיך אַליין, ווייל אַזוי זיינען שוין מענטשן. מען וויל פון צווייטן הערן נאָר גוטע ווערטער, ווען אַליין איז מען גאָר ניט פאַר־זיכטיק מיט אַן אויסדרוק בנוגע אַ קאָלעגע אָדער אַ חבר.

איך בין געוואָרן קראַנק, האָב פאַרלאָזן ניו־יאָרק און זיך באַזעצט אין מיאַמי ביטש פלאָרידאַ. איינמאָל זאָגט מיר אימיצער פון דעם היגן ברענטש אַרבעטער רינג מיטגלידער, אַז דער מיטאַרבעטער פון „פאָר־ווערטס", דער דיכטער קיסין, איז געקומען אַהער אויף אַ וואַקאַציע און ער וועט אין גיכן אויפטרעטן אין לייסעאום און פאָרלייענען זיינע לידער. דאָס האָט פאַר מיר געקלונגען אַ ביסל מאָדנע, ווייל איך האָב געוואוסט קיסינס באַשיידנקייט און אַז ער האָט קיינמאָל, דאַכט זיך ניט געזוכט אויפצוטרעטן פאַר אַן עולם און פאָרלייענען זיינע לידער. ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָך כבוד.

— איך גלויב ניט, — האָב איך געזאָגט.

אָבער אין גיכן איז קיסין יאָ אויפגעטראָטן אין אַרבעטער־רינג לייסעאום, און איך בין געזעסן אָן אַ זייט און נייגעריק געוואַרט, ער זאָל אָנהויבן לייענען.

דער גרויסער זאַל איז געווען כמעט פול מיט מענטשן. עס איז דאַן פאָרגעקומען אין לייסעאום עפּעס אַ ספּעציעלער יום־טוב. און אַזוי ווי קיסין האָט, דאַכט זיך, געוואוינט ביי איינעם פון די וויכטיקע טוער פון אַרבעטער רינג ברענטש האָט ער אים איינגעלאַדען אויפצו־טרעטן און דער שטילער דיכטער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, כאָטש ווי איך שטעל מיך פאָר, ניט אַזוי גיך. מען האָט אים מסתמא פּשוט געצוואונגען מיטן אויסרייד, אַז אַלס מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" מוז ער עס אָדער דאַרף עס טאָן.

און אָט שטייט שוין קיסין אויף דער עסטראַדע און לייענט פון

אַ בייגעלע פּאַפּיר וואָס ער האַלט אין דער אַביסל ציטערדיקער האַנט. אָבער אַזוי שטיל אַז אַפילו די יעניקע וואָס שטייען אָדער זיצן לעבן אים הערן ניט קיין וואָרט. פון עולם שרייט מען:

— העכער!

— לעבעדיקער!

— וואָס רעדט ער דאָרט?!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָעזיע אַז מען הערט ניט קיין וואָרט?!

— זאָל ער „סטאָפּן״!

קיסין האָט „געסטאָפּט״, זיך פאַרלאָרן אַרומגעקוקט און מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ אַראָפּ פון דער עסטראַדע. עטלעכע מענטשן האָבן אים אַפּלאָדירט.

איך האָב פאָראויס געפילט אַז אַזוי וועט זיך עס ענדיקן. ניט ער איז געווען פאַר דעם עולם און ניט דער עולם פאַר אים.

איך האָב אַלץ געוואַרט קיסין זאָל קומען צו מיר, אָבער ער איז ניט געקומען. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום דערציילט מען מיר, אַז קיסין איז קראַנק און ליגט אין שפּיטאָל. וואָס איז אים? ער איז געלעגן צו לאַנג אויפן ביטש און זיך שטאַרק אָפּגעברענט פון דער הייסער זון, אַזש אַ פוס איז אים געוואָרן געשוואָלן און ער האָט באַקומען אַ הויכן פיבער.

איך האָב גלייך באַשלאָסן גיין אים מבקר חולה זיין, אָבער איך בין עפּעס ניט געגאַנגען, וואָס עס פאַרדריסט מיך ביז היינט צו טאָג. דערנאָך האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז ער איז שוין אַרויס פון שפּיטאָל און קלייבט זיך פאָרן אַהיים.

* * *

פאַראַיאָרן, אַנהויב ווינטער דערזע איך פלוצלינג קיסינען אין אַ געוויסער קאַפעטעריע אין מיאַמי ביטש, וואו איך פאַרברענג אָפּט. קיסין שטייט עפּעס ווי אַ פאַרלאָרענער און איז אַרומגערינגלט פון אַ קליינער גרופּע מיטגלידער פון היגן אַרבעטער רינג בראַנטש. זיי זוכן אַ פרייען טישל וואו זיך אַוועקצוזעצן. איך בין צוגעגאַנגען צום דיכטער און אים וואַרעם באַגריסט. ער האָט געדריקט מיין האַנט, געשמייכלט און אַרויס־גערעדט עטלעכע ווערטער, וועלכע איך געדענק ניט אָדער זיי פּשוט ניט געהערט, ווייל ער האָט זיי געזאָגט זייער שטיל.

מער האָב איך אים שוין ניט געזען. אַ קראַנקער האָט ער פאַרלאָזט מיאַמי ביטש און איז אַוועקגעפאָרן קיין דייטאָן, אָהייאָ סטייט, וואו

עס האָט זיך געפונען זיין איין און איינציקער זון. דאָרט, אין אַ שפּיטאָל, איז ער געשטאָרבן דעם 25טן יוני 1950. זיין קערפּער האָט מען, דאַכט זיך פאַרברענט, און די אַשעס האָט מען געבראַכט אין אַן ארון קיין ניו יאָרק, וואו ס׳איז פאָרגעקומען די לוויה.

איך בין דאַן געווען אין ניו־יאָרק. עפּעס האָבן די קאָלעגן שרייבער און דיכטער ניט אַרויסגעוויזן גענוג טרויער ביי דער לוויה. מען האָט ניט געהאַט קיין געדולד רואיק אויסצוזיצן די שעה וואָס די הספדים האָבן געדויערט. די שטימונג פון קיסינס לוויה האָט, גלויב איך, ריכטיק איבערגעגעבן דער לעבעדיקער אין זיין „אויפן ליטעראַרישן יאַריד״. דער לעבעדיקער האָט געזאָגט אַז דער עולם שרייבער איז געווען ניט צופרידן, געקרימט זיך:

— עט אַ לוויה געפירט ווי אַ באַנקעט!

— די הספדים ווי רעדעס אויף אַ יובילייַ.

— פאַרוואָס צו אַלדי גוטע יאָר נעמען מיר ניט צו לוויות בלויז חזנים.

— אונדזער עולם בענקט נאָך פאָרם ביי אַ לוויה, יידישער פאָרם.

— אָבער וואו נעמט מען זיי?

— אַז בכלל איז אַ מישמאַש אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן, און לוויות איז באמת שווער אונטערצושיידן פון באַנקעטן, און הספדים — פון יובילייַ־באַגריסונגען...

* * *

לעצטן ווינטער האָב איך זיך אין מיאַמי ביטש באַקענט מיט אַ יידן, וואָס האָט יאָרן לאַנג געקענט קיסינען און זיין פרוי, וועלכע איז אויך שוין אויפן עולם האמת. מיר האָבן אָפט גערעדט וועגן פאַרשטאָרבענעם דיכטער. דער ייד האָט מיר דערציילט פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון קיסינס לעבן, ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ גרינער אין אַמעריקע. איין עפּיזאָד האָט אויפן דיכטער געמאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק, ווייל אימיצער האָט אויף אים אויסגעטראַכט עפּעס אַ נאַרישן בלבול און ער האָט זיך דערנאָך געדאַרפט פאַרטיידיקן פאַר אַ ריכטער, וועלכער האָט גיך איינגעזען אַז פאַר אים שטייט אַן ערלעכע און ריינע פערזאָן, אַ באַגאַבטער מענטש און הויכער עטיק און אים גלייך פריי געלאָזן.

דער דאָזיקער ייד זאָרגט אויך וועגן אַ מצבה אויף קיסינס קבר. ער האָט מיר געוויזן אַ פערז פון קיסינס אַ ליד, וואָס מען וויל אויס־

קריצן אויפן שטיין. דעם פערז האָט, דאַכט זיך, אויסגעקליבן דער דיכטער נפתלי גראָס:

„האָסט אין פעלד אַ שטיין געגרייט אונדז פאַר אַ קישן,
ברייטע הימלען פאַר אַ דאַך.״

איך האָב געלייענט אַלץ וואָס מען האָט געשריבן וועגן קיסינען נאָך זיין טויט, אָבער שאַרפער פון אַלץ האָט זיך איינגעשניטן אין מיין זכרון ראובן אייזלאַנדס אַרטיקעלע „סאיז אָוונט, מיין נשמה״. און ווען איך טראַכט אַמאָל וועגן קיסינען, זע איך אין מיין דמיון ערגעץ וואו הינטער ניו־יאָרק אַ פאַרלאָזענעם וועג. עס איז אַן אָסיען פאַרנאַכט און דער ווינט רייסט אַראָפּ פאַרזשאַווערטע בלעטער פון די בוימער. איבערן וועג, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אַ שווערן פּאָרטפעל אין האַנט גייט דער דיכטער קיסין, איינגעוויקלט אין אָוונט־שאָטנס. ער איז פאַרטראַכט און ווייסט ניט פון וואַנען ער גייט און וואוהין ער שפּאַנט. און אַרום ווערט אַלץ טרויעריקער, פינצטערער...

„טלאָמאַצקע 13"

איך בין קיינמאָל אין וואַרשע ניט געווען, אָבער (און אפשר טאָקע דערפאַר) דער נאָמען „טלאָמאַצקע 13" איז שטענדיק פאַר מיר געווען אַ צויבער־וואָרט. און ווי האָט געקענט זיין אַנדערש, אַז אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן די גרעסטע יידישע שרייבערס, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט פאַרמאָגט.

די לעצטע יאָרן, נאָכן גרויסן יידישן חורבן אין פוילן, האָב איך דאָ און דאָרט געלייענט דערינערונגען וועגן דעם דאָזיקן פלאַץ, וואָס האָט מיך אַזוי שטענדיק אינטערעסירט, און עס האָט ווי געטאָן ביז גאָר, וואָס אַזאַ וואונדערבאַרער ווינקל איז אַוועק מיטן רויך און פאַרשוואונדן פון יידישן לעבן.

און אָט באַקום איך אַן איינלאַדונג פון „טלאָמאַצקע 13" צו עפּעס אַן אונטערנעמונג, און דער אַדרעס איז: „ניו יאָרק, אין זאַל פון רמת אורה, 500 וועסט 110טע סטריט, צווישן בראָדוויי און אַמסטערדאַם עוועניו". אַ פרייד האָט אַ ציטער געטאָן אין מיר: „טלאָמאַצקע 13" אין אַמעריקע! אפשר וועט דער קליינער גרופּע יידישע שרייבערס, וואָס האָט זיך געראַטעוועט, פאַרט געלינגען צו שאַפן דאָ אַ היים פאַרן יידישן קינסטלער? די אַמעריקאַנער יידישע שרייבערס האָבן אַ סך מאָל גערעדט וועגן דעם, נאָר קיינמאָל גאָר ניט אויפגעטאָן. עפּעס האָט דאָ שטענדיק געשטערט. וואָס דער „עפּעס" איז געווען איז שווער צו זאָגן. אפשר די אַרומיקע פרעמדע סביבה און די שפע פון רייכן לאַנד; אפשר — אַנדערע אורזאַכן.

איך בין געווען קראַנק און ניט געקענט גיין צו דער אונטערנעמונג, אָבער שפּעטער ביי אַ קאָלעגע זיך נאָכגעפרעגט: „ווער עס זיינען די גרינדער פון „טלאָמאַצקע 13". ער האָט מיר אָנגערופן די נעמען פון מענדל מאַזעס, ב. שעפנער, חיים פינקעלשטיין, יאָנאַס טורקאָוו, משה עלבוים, מנחם פלאַקסער און — זיי אַלעמען צו לאַנגע יאָר — דעם נאָמען פון דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער לעאָן פינקעלשטיין ע"ה.

לעצטנס, אַז איך בין געווען אין ניו יאָרק, האָב איך אין די צײַטונגען ווידער באַמערקט אַ קליינעם נאָטיץ, אַז „טלאָמאַצקע 13“ אָרדנט איין אַ „צאתך לשלום“ פאַרן דיכטער מלך ראַוויטש, וועלכער פאָרט אָפּ אויף אַ באַזוך קיין מדינת ישראל.

מלך ראַוויטשן קען איך. ווען איך בין געווען אין מאָנטרעאַל האָט ער מיך מקרב געווען און אפילו פאַרגעלייענט מײַנע אַ קורצע סקיצע אויף אַן אָוונט וואָס דער דאָרטיקער ברענטש פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד האָט אַראַנזשירט לכבוד מיר. דאָס איז געווען אַ פײַנער שטריך פון אים, ווײַל ער האַלט, אַז מײַן שרײַבן איז אַלטמאָדיש. איך בין איינער פון די אומהיילבאַרע ראָמאַנטיקער, וואָס האָבן ליב נאָר אידעאַלעס און אַנטלויפן פון פּאָליטיק, ווי אַ טייוול פון ווײַרויך... יאָ, אויב מ׳רעדט וועגן ראַוויטשן: ער איז פאַרטאָן צווישן „רעכטס און לינקס“, וויגט זיך קונציק אײַנצייטיק אויף צוויי וואָלקנס — אַ רויטן און אַ שוואַרצן, אַזוי צו זאָגן. און עס איז אַ גרויסער פּאַרדרוס. ער האָט בעסער געקענט אויסנוצן די צײַט, לויט מײַן מיינונג, צו שרײַבן זײַנע פײַנע, אָפּטמאָל האַלב־פילאָזאָפישע לידער און עסייען.

מלך ראַוויטש איז יאָרן לאַנג געווען דער סעקרעטאַר פון „טלאָמאַצקע 13“ אין וואַרשע און איך בין געווען נײַגעריק צו הערן וואָס ער האָט צו זאָגן אויף זײַן „צאתך לשלום“ אָוונט. עפּעס בין איך דאָך אויך געווען דער סעקרעטאַר פון י. ל. פּרץ שרײַבער־פאַראיין גאַנצע אַכט יאָר. אמת, ער האָט זיכער אַ סך בעסער פון מיר דערפילט זײַנע פליכטן אַלס סעקרעטאַר. ער איז געווען די נשמה פון „טלאָמאַצקע 13“, קען מען זיך אויסדריקן.

און אַז איך בין צוגעגאַנגען צום זאַל פון „רמת אורה“, האָט מען זיך שוין ביים אַרײַנגאַנג אַביסל געשטופּט. דער עולם האָט געהאַלטן אין איין קומען. ביי דער קאַסע זײַנען געזעסן צוויי יונגע סימפּאַטישע פרויען און פון יעדן גענומען אַ דאָלער, פאַר וואָס מען האָט שפּעטער געגעבן אַ גלאָז קאַווע און אַ שטיקל קעיק אָדער אַ בולקע. איך בין געווען אַנגענעם איבערראַשט: יונגע פרויען ביי דער קאַסע פון אַ יידיש־ליטעראַרישער אונטערנעמונג אין ניו יאָרק. דאָס איז אַ גוטער סימן. אַ שטראַל פון האָפענונג האָט אַ שײַן געטאָן פאַר מײַנע אויגן. די יוגנט וועט קומען צו אונדז און מיר וועלן אויפלעבן. יידיש וועט ניט שטאַרבן אין אַמעריקע. מיר וועלן דאָ האָבן אַ נייע „טלאָמאַצקע 13“.

דערווײַל האָב איך אָן אַ זייט באַמערקט מלך ראַוויטשן און רחל

אייזענבערג, די ביבליאָטעקאַרין פון דער מאָנטרעאַלער גרויסער יידישער ביבליאָטעק. איך האָב זייביידן אַ פינף יאָר ניט געזען. זיי האָבן זיך ניט געביטן אויסערלעך. אין ראַוויטשן איז אַלץ פאַרבאָרגן אַביסל שטייפקייט און רחל אייזענבערג דערמאָנט נאָך אַן אַ רוסישער לערערין, וואָס לערנט מיט קינדער אין אַ דאָרף, וואו אַרום און אַרום בליען קאָרן־פעלדער און וואו די דעכער פון די כאַטעס זיינען באַדעקט מיט שטרוי.

מיר האָבן זיך באַגריסט פון דערוויטנס, כאָטש מיר זיינען געווען באַפריינדעט, אַוועקפאָרנדיק פון מאָנטרעאַל, האָב איך אַמאָל אין אַ שפּאַסיקן טאָן לייכט פאַרטשעפּעט אין אַן אַרטיקל אַ פּאָר רייכע יידן. איז געוואָרן אַ ויצעקו און בייזע בריוו זיינען געפלויגן אין רעדאַקציע אַז מען טאָר מיך ניט אַריינלאָזן אין אַ יידישע שטאָט. אָך, די פּראָווינץ, די ליבע פּראָווינץ...

און דאָ אין זאַל האָט זיך געפילט אַ יום טובדיקע שטימונג. רונד אַרום זיינען געשטאַנען טישן געדעקט מיט ווייסע טישטעכער און מיט רויטע בלומען אין קליינע וואַזעס. דאָס האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, אַ היימישן. אָט יידישע שרייבערס, נאָענטע חברים און פריינט, קלייבן זיך צוזאַמען לכבוד זייער אַ חשובן קאָלעגע, וואָס לאָזט זיך אַוועק, שוין אויפן שוועל פון דער עלטער, אויף אַ רייזע קיין מדינת ישראל. ער וויל אָנקוקן דאָס לאַנד פון זיינע אבות, כאָטש ער איז אפשר קיין מאָל קיין ציוניסט ניט געווען. איך זוך באַקאַנטע פּנימער, נאָר די מערסטע וואָס פילן אַן דעם זאַל קאָן איך ניט. עס איז גוט אַזוי, — טראַכט איך, דאָס זיינען אַלץ שרייבערס פליכטלינגע אָדער זייערע פאַר־ערער. איך בין די לעצטע יאָרן אַזוי ווייניק אין ניו יאָרק און דערפאַר האָב איך ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט זיי פּערזענלעך. אָבער אָט באַמערק איך צווישן די געסט דעם שריפטשטעלער יצחק באַשעוויס, וועלכער שרייבט אונטערן נאָמען וואַרשאַווסקי און פאָדערט אָפּט, אַז די יידישע שרייבער פון אַמעריקע זאָלן אויסבויען אַ היים, אַן אייגן ווינקל. מסתמא האָפט ער אויך, ווי איך און ווי פילע אַנדערע, אַז „טלאָמאַצקע 13" וועט אפשר מיט דער צייט ווערן די דאָזיקע היים אין וועלכער מען נויטיקט זיך שוין אַזוי לאַנג און זי קען נאָך אַלץ ניט געשאַפן ווערן.

אָט איז אַריין אין זאַל דער דיכטער א. לעיעלעס, וואָס איז שטענדיק פול מיט בטחון, אַז יידיש אין אַמעריקע וועט ניט אונטערגיין. די יידישע ליטעראַטור וועט דאָ אייביק בליען, ווי די עדעלווייז בלימעלעך,

וואָס וואַקסן אין די שפּאַלטן פון די אַלפּן־בערג אין שווייצאַריע. איך קוק אָן נאָכאַמאָל ביידע שריפטשטעלער און איך טראַכט, אַז מיטגלידער פון אַ פּשוטער, לאָמיר זאָגן שניפּישעק סאָסייעטי, קענען אויפטאָן אין דעם פּרט מער ווי זיי. די איינפאַכע יידן האָבן דאָ געבויט פאַרשידענע אַנשטאַלטן, שולן און שפּיטאָלן פאַר זייערע לאַנדסלייט. זיי האָבן גע־שאַפן ממש מיליאָנען ווען זיי האָבן געדאַרפט. מחשבותן: די שרייבערס קענען אַפילו ניט האָבן אַ קליינע היים און אַ פאַרלאַג און ווען איינער פון זיי ווערט געפערלעך קראַנק, מוז מען אָנקומען צו דער „שניפּישעק סאָסייעטי", מען זאָל דעם שרייבער אַריינגעמען אין זייערן אַן אַנשטאַלט. וואו ליגט דאָ די צרה, די גרויסע אומבאַהאָלפנקייט פון די יידישע שריי־בערס אין אַמעריקע?! און די גאַנצע פּרעסע איז דאָך אין זייערע הענט. די פּרעסע וואָס קען אויפטאָן וואונדער?

דער זאַל ווערט אַלץ פולער און דער עולם זעצט זיך אויס ביי די טישן. איך זע אַ סך יונגע פּנימער, וואָס איז אַ זעלטנקייט ביי ענלעכע פאַרזאַמלונגען. דאָס האָט זיי צוגעצויגן „טלאָמאַצקע 13" דער כח פון געוועזענעם ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע, וואָס מען האָט איבערגע־פלאַנצט אויפן שטיינערנעם באָדן פון ניו יאָרק.

איך פאַרנעם אַ פּלאַץ אָן אַ זייט און וואַרט אַז דער אָוונט זאָל זיך אָנהויבן. איבערן זאַל גייט אַרום אַ דיקער מאַן, נאָכלעסיק אָנגעטאָן, מיט צוויי פלעשער וויסקי אין די קעשענעס. ער איז האַלב שיכור און קען זיך קענטיק ניט געפינען קיין אָרט. איך קען אים שוין לאַנג. דאָס איז אַ פריינט פון איניקע אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן און אַ גוטער לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער אין אַזאַ צושטאַנד זע איך אים דאָס ערשטע מאָל און איך רוף אים צו צו זיך:

— וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט? — פרעג איך אים — און ווי גע־פעלט אייך „טלאָמאַצקי 13"?

ער גיט האַסטיק אַ מאַך מיט דער האַנט און זיין פולער, רויטלעכער פּנים פאַרקרימט זיך אין אַ גרימאַסע, ווי איינער זאָגט: עס איז גאָר ניט מיט גאָר נישט. מיר זיינען פאַרלאָרענע...

עס ווערט שטיל אין זאַל. דער פאָרזיצער עפנט דעם אָוונט. אויבן־אָן זיצן די אָנטיילנעמער און דער גאַסט מלך ראַוויטש. עס רעדט ב. שעפנער, דער אויסגעצייכנטער און קלוגער שרייבער וועמען איך לייען שטענדיק אַזוי גערן. אָבער ניט אַלץ וואָס ער זאָגט הער איך. מיך עגבערט אַלץ אין קאָפּ „טלאָמאַצקע 13" און וואָס פאַר אַ ראָל זי וואָלט

געדאַרפט שפּילן אין אונדזער היגן גרויען לעבן וואָס פאַרלירט אַלץ מער אירע נאַציאָנאַלע און טראַדיציאָנעלע פאָרמען און קאָלירן, איר יידיש פּנים. אונדזערע שרייבערס זיינען ניט קיין אידעאַליסטן און זיי ווילן ניט גיין אין פאָלק עפּעס טאָן, אַז דער המשך, די גאָלדענע קייט, זאָל זיך ציען אָן אַ סוף. מיט אַרטיקלען אין די צייטונגען און הייסע רעדעס, וועלן זיי יידיש ניט אויפהאַלטן אין אַמעריקע. דאָס מיינט נאָר אָפּנאַרן זיך, פאַרוויגן אין אַ דרימל און באַרואיקן אַביסל דאָס געוויסן, פּראָטעסטירן פון צייט צו צייט. די יידישע שרייבערס מוזן זאָרגן און אָפּגעבן זייער צייט און ענערגיע אויסצוהאָדעווען אַ נייע יידישע יוגנט, וואָס זאָל וועלן לייענען זייערע ווערק. יאָ, די שריי־בערס און די לערערס מוזן גיין האַנט־אין־האַנט אין דער דאָזיקער גרויסער און הייליקער אַרבעט. זיי מוזן אָן אויפהער קלינגען אין טויזנטער גלאָקן און דערמאָנען דעם עלטערן דור יידן צו טאָן דעם חוב צו זייערע קינדער. עס מוזן געשאַפן ווערן גרויסע פאָנדן פאַר דער יידישער ליטעראַטור. שרייבערס טאָרן מער אַליין ניט אַרויסגעבן זייערע ביכער און דערנאָך אַרומפאָרן איבערן לאַנד פּעדלען מיט זיי און מיט דעם דערנידעריקן זייער באַרוף. עס זיינען פאַראַן גענוג רייכע יידן אין אַמעריקע, וואָס וואָלטן געהאָלפן. מען דאַרף נאָר אַרויס־רופן ביי זיי אינטערעס פאַר דעם; ווייזן אַ ביישפּיל פון אידעאַליזם און אָפּפערווילִיקייט.

איבער גאַנץ אַמעריקע דאַרפן צעוואָרפן ווערן יידישע ישובים מיט ישיבות און וועלטלעכע שולן, מיט אַ יידיש לעבן אין די היימען, וואָס וועט שפּעטער אויפהאַלטן אַלץ. אַנדערש וועט ניט טויגן און יידיש וועט אונטערגיין אין אַמעריקע. אַפילו „טלאָמאַצקע 13" וועט ניט העלפן...

פלוצלינג כאַפּ איך זיך אויף פון מיינע געדאַנקען און דערהער אַ באַגייסטערטע שטימע, אַז „מיר וועלן לעבן און יידיש וועט קיין מאָל ניט שטאַרבן אין אונדזער לאַנד". יאָ, דאָס רעדט דער דיכטער לעיעלעס, וואָס האָט געקראָגן דאָס וואָרט צו באַגריסן דעם קאָלעגע מלך ראַוויטש. לעיעלעס רעדט מיט אַ סך פּאַטאָס און אויף אַ רגע דוכט זיך מיר, אַז ער וויל פאַרשרייען אַ גרויסן ווייטיק און פאַרדרוס, וואָס ער טראָגט טיף, טיף באַהאַלטן אין זיך און האָט ניט קיין מוט עס אַרויסצואווייזן. ער ווייסט און פילט די לאַגע און וויל זיך ניט אונטערגעבן ווי דאָס טוען אויך פיל אַנדערע וואָס זיינען אין דער גרויסער געביידע פון דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע. אָבער זיין קול

פון גלויבן קלינגט העכער ווי ביי די אַנדערע פּאָעטן און ער איז אויך אויפריכטיקער און ערלעך.

אויף דער עסטראַדע באַווייזט זיך די שוישפּילערין דיאַנאַ בלומענפעלד. זי זינגט פון זיין בוך „עראינערונגען“, וואָס הייסט „טלאָמאַצקי 13“. און נאָכדעם באַווייזט זיך דער גוט באַקאַנטער נח נאַכבוש און אַמוזירט דעם עולם. און ווי שטענדיק ביי אַזעלכע אָוונטן קריגט דאָס לעצטע וואָרט דער גאַסט. און אָט איז שוין אַלץ געענדיקט. עס איז נאָענט צו האַלבע נאַכט, נאָר די שרייבערס און די געסט ווילן זיך ניט צעגיין. מען שטייט אין גרופּקעס און מען רעדט. מען האָט איבערגעלעבט עטלעכע שעה פון גייסטיקער דערהויבנקייט. מען האָט באַגלייט אַ פּיינעם יידישן דיכטער קיין מדינת ישראל און ער וועט זיכער אָנשלאָגן אַ נייעם טאָן אין זיינע שפּעטערדיקע לידער, אַ טאָן פון אָפּטימיזם און פרייד. עס וועלן זיך דערפילן די אַראָמאַטן פון די ישראל פעלדער אין זיינע לידער.

אָבער ענדלעך פאַרלאָז איך „טלאָמאַצקע 13“. אויך איך האָב דאָרט געפילט אַ גייסטיקע דערהויבנקייט. דערצו האָב איך געטראָפן אַזוי פיל קאָלעגן, וואָס איך האָב שוין לאַנג ניט געזען, ווייל איך בין זעלטן אין ניו יאָרק. עס איז געווען גוט זיי צו טרעפן, ווייל אַנדערש ווערט מען אַלץ מער אָפּגעפרעמדט איינער פון צווייטן. „טלאָמאַצקע 13“ מוז עקזיסטירן און צונויפקומען אַלע יידישע קינסטלער פון ניו יאָרק אונטער איין דאַך. דאָס האָבן ניט געקענט אויפטאָן די באַזאָרגטע אַמעריקאַנער שרייבערס. אפשר וועט עס געלינגען די פּליטים־שרייבערס פון פוילן און אַנדערע לענדער וואָס פאַרשטייען די נויטיקייט פון אַן אייגענע היים.

אפשר, הלוואי!

מרים קאַרפּילאָוו

איך בין אַרויסגעפאָרן אויף אַ טאָג באַזוכן די שריפטשטעלערין מרים קאַרפּילאָוו, וועלכע וואוינט די לעצטע יאָרן איינזאַם מיט איר ברודער אין ברידזשפּאָרט. איך האָב זיך שוין פון לאַנג געקליבן צו איר, נאָר עס איז עפּעס אַלץ ניט אויסגעקומען. אָבער אַט זיץ איך שוין אין צוג. עס איז זומער לעב. דורך די פענצטער פון וואַגאָן זע איך קוסטעס מיט רויזן און בלומען, וואָס זייערע קאָלירן פאַרכאַפּן דאָס אויג. נאָר די רייזע קיין ברידזשפּאָרט פון ניו יאָרק גע־דויערט אינגאַנצן אַ שעה מיט אַ פערטל אָדער אַ האַלב און אַט בין איך שוין אויפן פּלאַץ. איך קוק אָן די נייע צוויי־שטאָקיקע געביידע פון ברוינע ציגל און גיב אַ טראַכט, אַז איך האָב געמוזט מאַכן אַ טעות אין אַדרעס. לויט אירע בריוו, האָט זיך מיר אָפּט פאַרגעשטעלט אַז זי וואוינט מיט איר ברודער אין אַ הילצערנעם הויז, מיט גרינע אָדער ווייסע לאָדנס אויף די פענצטער און אַ ברייטן אַריינגאַנג. עפּעס אַ מין „קרעטשמע", וואָס נעמט אויף אָפּט פּריינט, וואָס קומען צו זיי זיך אָפּרוען. אָבער אויפן טיר איז פאַראַן דער נאָמען פון דער שריפטשטע־לערין אין יידיש. ניין, איך האָב ניט געמאַכט קיין טעות.

מרים קאַרפּילאָוו האָט מיך באַגעגנט זייער פריינטלעך. איך קוק איר אָן צי זי האָט זיך פיזיש געביטן, ווייל אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זי אַ סך צרות דורכגעמאַכט. ביי איר ברודער איז געשטאָרבן זיין פרוי, וועלכע איז אַ צייט געלעגן פּאַראַליזירט און מרים האָט אויף איר אויפגעפּאַסט. דערצו איז זי אַליין געווען ערנסט קראַנק און איז נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן געקומען צו זיך. יאָ, זי האָט פאַרלאָרן וואָג און דאָס פּנים איז אַביסל בלאַס, נאָר דאָס פּאַסט איר.

אין אַ ווײַלע אַרום זיץ איך שוין ביים טיש און זי דערלאַנגט מיר עסן און האַלט אין איין ריידן. אַלץ ווילט זיך איר וויסן וועגן די יידישע שרייבער און די רעדאַקציעס. איך ענטפער ניט גערן. און אַז זי ווערט פלוצלינג אַנטשוויגן, דערפיל איך די מאָדנע שטילקייט, וואָס

טראָגט זיך פון אַלע זייטן און הויבט מיר אָן צו קלינגען אין די אויערן. איך גיב אַ קוק אין די פענצטער. עטלעכע קליינע קינדער שפּילן זיך אויפן טראָטואַר. עס איז אַ פאַרשלאָפענע זייטיקע גאַס.

— דאָ איז טאַקע רואיק, — זאָג איך.

— שוין צו רואיק — ענטפערט מרים. איך זע כמעט קיינעם ניט און טרעף זיך מיט קיינעם ניט.

מיך וואונדערט עס, ווייל די יידן אין ברידזשפּאָרט דאַרפן דאָך זיין צופרידן צו האָבן זי אין שטאָט. באַזונדערס, די פּיאָנערן פרויען גרופּן, וואו זי וואָלט געקענט אָפּט אויפטרעטן, ווייל מרים קאַרפּילאָוו איז אַ ציוניסטקע און אַ באַגאַבטע ראָמאַנען־שרייבערין.

אָבער מרים שמייכלט טרויעריק, ניין. עס איז ניט אַזוי. זי קען דאָ ניט געפינען קיין פּאַסנדע פריינט. און פּלוצלינג גיט זי זיך אַ כאַפּ, אַז אַ פּאָר יידן ווילן מיך זען און זי וועט זיי גלייך אָפּרופן, אַז איך בין שוין דאָ. איינער איז דער לערער פון אַרבעטער־רינג שול, דער פּאָעט קודלאָוויטש. דער צווייטער — דער סעקרעטאַר פון היגן בראַנטש פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, חבר איידעלמאַן, וועלכער זינ־דיקט אויך אַביסל אונטער מיט דער פּען פון צייט־צו־צייט. און דער דריטער איז דר. בעלזער, אַ טייערער ייד פון רומעניע, אַ גרויסער ליב־האָבער פון דער יידישער ליטעראַטור.

מרים רעדט אויפן טעלעפאָן און איך שטעל איר אַלע ווייטע אָפּ, ווייל זי רופט מיך אָן מיט נעמען וואָס איך האָב ניט פאַרדינט. איך ווער ביי איר פּלוצלינג אַ באַוואוסטער שרייבער. איך שריי אַפילו אָן אויף איר, נאָר זי שמייכלט און רעדט זיך אירס...

דערנאָך זיצן מיר אין איר צימערל, וואו אַלץ איז אַזוי מיט געשמאַק און פיין צוגעקליבן. מרים קאַרפּילאָוו האָט ליב קאָלירטע צאַצקעס. זי ווייזט מיר אַ גראָבן מאַנוסקריפּט. דאָס איז אַ נייער ראָמאַן פון ארץ־ישראל לעבן. זי האָט נאָך דעם ראָמאַן ניט פאַרענדיקט. עס שרייבט זיך אַביסל שווער, ווייל עס איז נישטאָ די נויטיקע סביבה אַרום. דערצו דאַרף זי קאָכן און אויפפּאַסן אויף דער וואוינונג. און עס פעלן אויך כחות. אַך, די יאָרן, די יאָרן... זי וואָלט געוואָלט אַרויסגעבן אַ בוך מיט קורצע סקיצן. אָבער זי ווייס ממש ניט צו וועמען זיך צו ווענדן. דאָס איז אַזוי טרויעריק. אָפּגעשריבן אַ לעבן און גאָרניט. קיי־נער אינטערעסירט זיך ניט מיט דיר. איז וואָס־זשע זאָל זי טאָן? וואָס פאַר אַן עצה קען איך איר געבן? יאָ, און אפשר קען מען קריגן אַ

פֿאַרלעגער פֿאַר אירע לידער? אַ קליין ביכעלע. זי האָט ניט קיין סך לידער.

איך דערצייל איר וואָס עס טוט זיך אויף דער ייִדישער גאַס וואָס איז שייך אַרויסגעבן ביכער. מען מוז געהערן צו אַ פּאַרטיי אָדער קלייזל, אָדער זיין אַ מאַכער אין די יוניאָנס. אָט באַלאַנג איך צו קיינעם ניט און קען אויך ניט אַרויסגעבן קיין בוך שוין יאָרן. פֿאַרשוואונדן זיינען די פּויליש־ייִדישע פֿאַרלעגער פֿון וואַרשע און איך האָב אַפֿילו ניט קיין האָפֿענונג אַרויסצוגעבן אַמאָל אַ בוך. דאָס אַלץ איז פֿאַר מרים קאַרפּילאָוו ניט ניי, נאָר זי קען ניט מאַכן שלום מיט דעם געדאַנק, איר דאַכט זיך אַלץ, אַז ווען זי וואָלט געוואוינט אין ניו יאָרק וואָלט אַנדערש געווען. אויף דער פּראָווינץ איז מען פֿון דערווייטנס. אמת, אינגאַנצן אַ שעה מיט אַ פֿערטל רייזע פֿון ניו יאָרק. אָבער לויפֿן, האָוועז און זאָרגן איז איר שווער. מרים ווערט טרויעריק אַנטשוויגן. און די שטילקייט פֿון אַרום און אַרום קלינגט ווידער אין מיינע אויערן.

פֿאַרנאַכט קומט איר ברודער אַהיים. דאָס איז ניט קיין הויכער דאַרער מאַן פֿון אַ יאָר זיבעציק, מיט אַ סימפּאַטישן פּנים, אַ שטילער און אַ פֿריינטלעכער, און זעט אויס אַ סך ייִנגער פֿון זיינע יאָרן. די שוועסטער דערלאַנגט אים עסן. זי זעט שטאַרק צו איר ברודער און זאָרגט, דאָס ער זאָל אַלץ האָבן אין צייט. ער האָט זיך זיינע געוואוינהייטן, וואָס שטערן איר אפֿשר אַמאָל, נאָר זי גייט אים נאָך מיט ליבע. מען האַלט זיך צוזאַמען.

אין אָוונט קומען די געסט. זיי זיינען צופֿרידן. דער שרייבער זעט־אויס ניט צו זיין קיין „קרענק״, איז מוטיק און פֿריילעך, האָט ניט געבראַכט קיין ביכער צו פֿאַרקויפֿן און ווינצלט זיך אַלע ווילע. פֿרעגן זיי:

— פֿאַרוואָס זענט איר פֿריער צו אונדז קיינמאָל ניט געקומען?

שפּעטער פֿאָרט מען אין אַ מאַשין צום ים. מיך אינטערעסירט ווי אַזוי לעבן זיך אויס די ייִדן אין ברידזשפּאָרט. חבר איידלמאַן דערציילט מיר, אַז זיי האָבן אַ גרויסן „סענטער״ און גאַנץ אָפֿט קומען דאָרט פֿאָר אונטערנעמונגען. אמת, מערסטנס איז עס אַלץ אין ענגליש. איז פֿאַראַן אין „סענטער״ אַ ייִדישע ביבליאָטעק? ניין, נישטאָ. דער אַרבעטער־רינג האָט איין ייִדישע שול. און עס איז דאָ אַ תּלמוד תּורה און אַ ישיבה. די מאַשין פֿאָרט פֿאַרביי דעם „סענטער״ איך זאָל קענען זען די געביידע פֿון אַלע זייטן.

ביים ים בלייבט מען אַ ווײַלע שטיין. מרים קאַרפּילאָוו איז גוט

געשטימט, וויצלט זיך און זאָגט געלונגענע ווערטלעך. די שריפט־שטעלערין איז נאָך פול מיט לעבן און הומאָר. זי דאַרף נאָר האָבן אַ געלעגנהייט זיך אויסצולעבן אין אַ פּאַסנדן קרייז, צווישן אייגענע מענטשן. און עפּעס דערמאָנט זיך מיר איר דערציילונג „אַ פּראָווינץ־צייטונג״, וואו איינער פון די העלדן בענקט שטאַרק נאָך ניו יאָרק. ער קען ממש ניט אָטעמען אויף דער פּראָווינץ. איך זאָג עס איר.

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל, — בלייבט זי פּלוצלינג שטיל.

ביינאַכט ליג איך אויף דער ווייכער קאַנאַפּע און קען ניט איינשלאָפן. עס איז שוין אויך פינצטער געוואָרן אין מרים קאַרפּילאָװוס צימערל, וואו לאַנג האָט געברענט דאָס ליכט. איך טראַכט, אַז פילע יידישע שרייבער אין אַמעריקע לעבן אין איינזאַמקייט, אָן אַ בויטיקע סביבה, אַז מען זאָל קענען שאַפן, אָבער דאָך האַלט מען זיך אָן מיט די לעצטע כחות, מיט האַרץ און נשמה, אָן דעם וואונדערבאַרן אַלטן בוים, וואָס הייסט יידישע ליטעראַטור.

אַ רייזע קיין סי־געיט

איך בין געווען אויף אַ קורצן באַזוך אין ניו יאָרק, האָט זיך מיר פאַרוואָלט צופאָרן קיין סי־געיט. זען דעם און יענעם קאָלעגע, וועלכע וואוינען דאָרט אַ גאַנץ יאָר. ווייל אין סי־געיט האָבן שטענדיק געוואוינט יידישע שרייבער און אַקטיאָרן. דאָס קליין שטעטעלע ביים ים, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט פאַרקן, אַזוי צו זאָגן, איז אַ ליבער ווינקל אין די הייסע זומער טעג, און אַפילו ווינטער, ווען אַמאָל איז אַלץ איינגעהילט אין שניי ווי אין אַ ווייסן חלום.

אַלזאָ יענעם פרימאָרגן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אין אַ געדריקטער שטימונג. דרויסן איז געווען כמאַרנע און עס האָט געשפּריצט אַ דריבנער רעגנדל. קלעירמאָונט פּאַרק, אַנטקעגן מיין וואוינונג, איז געווען פּוסט און שטיקלעך נעפּל האָבן זיך געוויקלט אַרום די נאַסע בוימער. איך האָב אַ ווילע געקוקט אין פענצטער און דערנאָך זיך אָנגעטאָן, אָפּגעגעסן פרישטיק און בין אַוועק צום סאָבוויי. אויפן וועג האָב איך געטראַכט, אַז אין אַזאַ טאָג וועל איך אַלע קראַנקע קאָלעגן זיכער טרעפן אין הויז. עס וועט זיין גוט זיי אַלעמען צו זען. לוצקי איז געלעגן אין מיאַמי ביטש אין האָספּיטאַל און עליזה גרינבלאַט האָט געהאַט אַן אָפּעראַציע. איך וועל אויך באַזוכן קאָלעגע ערדבערג, וועלכער איז די לעצטע יאָרן קראַנק און מען זעט ניט זיין נאָמען אין דער פּרעסע. ערדבערג, וואָס פלעגט שטענדיק קעמפן פאַר גערעכטיקייט און יושר אין דער שרייבער פראָפעסיע.

די רייזע האָט גענומען איינגאַנצן אַ שעה מיט אַ האַלב. עס האָט נאָך אַלץ גערעגנט, און די הילצערנע פאַנטאַסטישע געביידעס פון קוני איילענד, וואו אין צייט פון זומער סעזאָן ווייזט מען וואונדער איבער וואונדער, זיינען געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן טומאַן. יאָ, די אַלטע סטריט־קאַר, וואָס פלעגט לויפן פון סטיישאַן צו סי־געיט, האָט מען פאַרביטן מיט גוטע „באַסעס" און מיט אַ „טראַנספער" צאָלט מען צו איינגאַנצן צוויי סענט ביז סי־געיט. פאַר מיר איז עס געווען אַ נייס, ווייל איך האָב שוין דאָס שטעטעלע אַ פּאָר יאָר ניט באַזוכט.

איך גיי פּאַמעלעך און קוק אָן די באַקאַנטע הייזער. אַלץ ווי גע־ווען. אָט אין דעם „קאָרנער" הויז האָב איך געוואוינט. פון דאַנען האָט מען מיך איינמאָל אַוועקגעפירט אין האָספּיטאַל אַ האַלב טויטן. קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז איך וועל בלייבן לעבן. און אָט איז דאָס הויז, וואו מיט איין און צוואַנציק יאָר צוריק האָט דער פאַרשטאָרבענער ברוך סענטער אַרויפגעטראָגן אויפן „גערעט" מיין טעכטערל העלינקע, ווען מיין פרוי איז מיט איר געקומען פון מאַטוירניטי האָספּיטאַל. ער האָט געוואָלט האָבן דעם כבוד און פאַרגעניגן עס צו טאָן. יאָ, דער געזונטער און רייכער ברוך סענטער איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. איך האָב זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ער וועט שטאַרבן פריער פון מיר. איך פלעג טראַכטן שטענדיק פאַרקערט, און ניט איינמאָל אים געגעבן אָנצוהערן, אַז נאָך מיין טויט זאָל ער זאָרגן מיינע בעסערע דערציילונגען זאָלן אַרויס אין בוך פאָרם.

איך בין געגאַנגען זען לוצקין. פרוי לוצקי האָט מיר געזאָגט, אַז ער געפינט זיך אין אַ באָרדינג־הויז און דאָרט וועל איך אויך טרעפן עליזה גרינבלאַט. עס האָט אַלץ געמען געענדערט און גאַנץ סי־געיט האָט זיך געטונקט אין נעפּלען. מען האָט וויניק פאַרבייגייער געזען. יאָ, אָט איז דאָס הויז וואו משה ריכטער האָט געוואוינט. ער פלעגט אָפט זיצן ביים אַריינגאַנג מיט זיין פרוי און פריינטלעך באַגריסן יעדן פאַרבייגייער. און אַביסל ווייטער האָט געוואוינט די דיכטערין אידאַ גלאַזער. זי פלעגט זיך קליידן אין קאָלירטע קליידער און שטענדיק אויסזען חנעוודיק, כאָטש זי איז געווען זייער קראַנק, עלנט און פאַרלאָזן. און איבער דער דאָזיקער גאַס פלעגט אָפט אַרומפאָרן אין זיין קאַר אין די זונטיקן ברוך סענטער. ער פלעגט זוכן אימיצן פון די שרייבער, מיט וועמען ער זאָל קענען אַ שמועס טאָן וועגן ליטעראַטור און דערמאָנען יענע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קמצן און געחלומט זיין אַ פּאָעט אָדער דערציילער ביים יידישן פאָלק.

אין גרויסן „דיינינג־רום" פון „באָרדינג הויז", וואָס איז געשטאַנען נאָענט ביים ים, איז געווען האַלב טונקל. עטלעכע פרויען האָבן גע־געסן מיטאָג. צווישן זיי איז אויך געווען די דיכטערין עליזה גרינבלאַט. לוצקי איז געזעסן אָן אַ זייט, אַליין ביי אַ טישל, איינגעוויקלט אין שאָטנס. נעבן אים איז געלעגן אַ קליין נאָטיץ ביכעלע מיט אַ בליי־פעדער. ער איז געווען פאַרטראַכט און שטיל געקלאָפּט מיט די פינגער

איבערן טיש. מיך דערזען, האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף זיין מידן בלאַסן פּנים און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— זע נאַר, זע נאַר, דו ביזט גאַר דאָ און מיר האָבן נעכטן דיר געוואָלט שרייבן אַ בריוול, נאַר דיין אַדרעס ניט געוואוסט. מיר אַלע: איך, ש. ד. זינגער, נאַכבוש און עליזה גרינבלאַט, האָבן איבערגעלייענט דיין „צום אָנדענק פון אַ קאָלעגע״, וועגן קאַזאַנסקין. עס איז זייער גוט.

— טאַקע, טאַקע, — האָב איך אַ שמייכל געטאָן, ווייל לוצקי האָט אָפּט ליב צו נוצן דעם אויסדרוק „טאַקע״.

— טאַקע טאַקע, — האָט ער צוגעגעבן און מיר געזאָגט, אַז קו־מענדיקן ווינטער פאָרט ער ווידער קיין מיאַמי ביטש, און מיר וועלן צוזאַמען נעמען אַ וואוינונג. ער איז קראַנק און קען ניט פאַרטראָגן דעם ווינטער אין ניו יאָרק.

איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך האָב עטלעכע מאָל באַזוכט לוצקין אין מיאַמי ביטש, וואו ער איז אַ לענגערע צייט געלעגן אין שפּיטאָל, און יעדעס מאָל איז דער דיכטער געווען צופרידן, וואָס איך בין געקומען אים מבקר חולה זיין. איינמאָל האָט ער אַפילו אויסגעשריען:

— זע נאַר, זע נאַר, דו ביסט דאָך אַ גוטער!

דערווייל איז צו אונדז צוגעקומען עליזה גרינבלאַט און מיר האָבן זיך וואַרעם באַגריסט. פאַר איר האָב איך געהאַט אַ גוטן גרוס, וואָס האָט איר פאַרשאַפט פאַרגעניגן און זי האָט האַרציק געלאַכט. איך האָב איר דערציילט, אַז אין מיאַמי ביטש זינגט מען אָפּט אירע לידער „פאָרט אַ פישער אויפן ים״, „דו, דו״, און די אַנדערע. גרופּעס און פאַרלעך זיצן ביים ים און זינגען אַזוי פאַרבענקט, אַזוי ראָמאַנטיש אומעטיק. ניט איין מאָן האָט באַזיגט אַ פּרוי מיט אירע לידער אין וואַרעמע ווינ־טער אָוונטן, אָדער אין לבנה נעכט. אויב אַ ווייבעלע מאַכט „מאָנקי ביזנעס״ און לאָזט זיך ניט אַ קוש טאָן, דאַרף נאָר דער מאַן אָנהויבן זינגען „דו, דו״ און דאָס פרויען קעפּעלע פאַלט שוין צו צום מאַנס אַקסל און אירע ליפּן עפענען זיך און בעטן זיך דעם קוש... אָבער אָן שפּאַס, עליזה גרינבלאַטס לידער זיינען זייער פּאָפּולער און מען זינגט זיי אָפטער ווי לידער פון אַנדערע דיכטער. באַזונדערס זומער אין די קאָנטריס און ווינטער אין מיאַמי ביטש.

מיר ריידן און לאַכן. אָבער פּלוצלינג ווערן מיר אַנטשוויגן. עפּעס ווערט מיט אַ מאָל טונקעלער אין „דיינינג־רום״. עס הערט זיך ווי

דער ים רוישט. איך קוק אָן לוצקין און עליזה גרינבלאַט. יאָ, אַלע זיינען מיר שוין ניט יונג.

— וואָס מאַכט אייער מאַן? — פרעג איך עליזה גרינבלאַט.

מיך פאַרדריסט וואָס איך האָב אים ניט געטראָפן. חבר גרינבלאַט איז ביז גאָר אַן איידעלער מענטש. ער נעמט שטענדיק אויף פריינטלעך אין זיין הויז אַ יידישן קינסטלער. ער האָט ליב יידישע שרייבערס און די יידישע ליטעראַטור. דערביי איז ער שטיל און פשוט און אַביסל אַ פאַרשעמטער שמייכל גייט ניט אַראָפּ פון זיין פיינעם פנים.

אַז איך בין אַרויס פון „באָרדינג־הויז" איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטיק. דער דריבנער רעגנדל איז נאָך אַלץ געפאַלן פון כמאַרנעם הימל. צו ווּעמען גייט מען איצט? יאָ, נאָכבוש וואוינט דאָ ניט ווייט, אָבער אים טרעף איך ניט אין דער היים. און אָט שטיי איך שוין אויפן ראָג פון אַ גאַס, ביי אַן אייזערנער לאַמטערנע, און וואַרט אויפן „באָס" וואָס זאָל מיך נעמען קיין קוני איילענד און ברענגען צום סאָבוויי סטיישאָן. מיט אַ מאָל דערמאָן איך זיך, אַז איך בין נאָך ניט געווען ביי ערדבערגן. און אַזוי ווי איך טראַכט וועגן אים, קומט אָן אַ „באָס" און ערדבערג מיט זיין פרוי באַווייזן זיך.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי וואוינען טאַקע אָט דאָ אַנטקעגן. זיי פירן מיך אַריין צו זיך און ערדבערג וויל נאָר איך זאָל עסן מיט זיי וועטשערע. עסן וויל איך ניט. נו כאָטש נעמען אַביסל קאָניאַק און טרינקען מיט זיי אַ גלאָז קאַווע.

מיר ריידן און דערמאָנען זיך אַ סך זאַכן. ניט איינמאָל האָט ערד־בערג מיר געהאָלפן אויסקעמפן געוויסע פאָדערונגען אין י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין. דערנאָך, אַז איך בין געוואָרן סעקרעטאַר פון דער יוניאָן און מיר איז אַמאָל אויסגעקומען אויפצומאָנען אַ חוב פון הונדערט דאָלער, וואָס דער „טאָגעבלאַט" איז געבליבן שולדיק אַן אַלטן יידישן שרייבער אין גאַליציע, האָט מיר ערדבערג געהאָלפן קריגן דאָס געלט ביי די אַרויסגעבער. דאָס איז געווען אַ גוטע דערינערונג פאַר אונדז ביידן. ערדבערג האָט וועגן דעם גערעדט מיט אַ נאָטקע פון אומעט, אַז אָט יענע צייטן וועלן זיך שוין מער ניט אומקערן. איצט זיינען מיר ביידע קראַנק און ער האָט געמוזט אויפגעבן די אַרבעט אין רע־דאַקציע פון „טאָג", און ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס וועט נאָך אָנהאַלטן.

יאָ און ער וואָלט געוואָלט זיין ווינטער אין פלאָרידא, נאָר ס'איז דאָרט אַזוי טייער. אַזוי גייט עס. און ער איז צופרידן מיך צו זען.

איך מוז אַמאָל קומען אויף אַ גאַנצן טאָג צו אים. אין גיכן וועלן זיך דאָך אָנהויבן די הייסע טעג און אין סי־געיט איז פֿיין. ער האָט זיך אַלץ נאָכגעפֿרעגט אויף מיר. ער מוז לאַכן, דר. מוקדוני האָט אים דערציילט, אַז איך וואוין אין מיאַמי ביטש, אין אַ פּלאַץ, וואו עס איז אַלץ דאָ וואָס אַ צימער דאַרף האָבן, נאָר קיין צימער איז עס ניט.

ערדבערג רירט אָן אַלע ווײלע אָן אַנדער זאַך אין זיין געשפּרעך, אָבער אַלץ האָט צו טאָן מיט אונדזער שרייבער־פּראָפעסיע. עס איז אים שווער זיך אָפּצורייסן פֿון דער טעמע. אַזוי פֿיל יאָרן געאַרבעט אין רעדאַקציעס, אַזוי פֿיל ראָמאַנען און אַרטיקלען געשריבן.

אַז איך בין אַרויסגעפֿאָרן פֿון סי־געיט איז שוין געווען פֿינצטער. אָבער דער רעגן האָט אויפֿגעהערט און אין הימל האָבן זיך באַוויזן שטערן. אַ פֿרילינג ווינטל האָט געבלאָזן פֿון ים. ערדבערג און זיין פֿרוי האָבן מיך באַגלייט צום „באָס״ און ווידער געבעטן זיי באַזוכן.

— קומט, קומט, — האָט ער געזאָגט. מיר וועלן כאַפּן אַ גוטן שמועס. זומער איז אין סי־געיט קיל און אַנגענעם. קומט, קומט.

איך בין געווען צופֿרידן מיט מיין רייזע קיין סי־געיט כאָטש אַן אומעט האָט מיך געפּלאָגט. עס איז געווען גוט צו זען די קאָלעגן, אָבער אַלע, אַלע זיינען זיי קראַנק.

אַ דיכטערס אלמנה

מען שרייבט ביי אונדז זייער ווייניק וועגן פאַר־שטאָרבענע דיכטער, אָדער שריפטשטעלער. סיידן זיי זיינען געווען פון די גאָר גרויסע. עפּעס האָבן מיר ניט קיין אינטערעס איינער צום צווייטן ביים לעבן, איז שוין אָפּגערעדט נאָכן טויט. געשטאָרבן, באַגראָבן און מען ווערט ווי אויסגעמעקט אין די הערצער פון די קאָלעגן, מיט וועלכע מען האָט צוזאַמען געשאַפן, געחלומט און געקעמפט. אָט די אַלע, וואָס זיינען שוין אַוועק אין דער אייביקייט האָבן דאָך, יעדער לויט זיינע כחות און מעגלעכקייטן, געהאָלפן אויפבויען דעם וואונדערבאַרן בנין, וואָס הייסט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע.

איצט ווילט זיך מיר פאַרצייכענען עפּעס וועגן זישא לאַנדוי און זיין פרוי רייזל, זיין אלמנה, ווייל עס איז געוואָרן פּונקט יאָר נאָך זיין טויט. ווי באַקאַנט, איז זישא לאַנדוי געשטאָרבן פּלוצלינג, פאַרנדיק פון קאַפּע ראַיאַל אַהיים.

איך האָב דעם דיכטער געקענט און אָפט געלייענט זיינע פיינע לידער, אָבער נאָענט באַפריינדעט זיינען מיר קיינמאָל ניט געווען. נאָך מיט אַ 30 יאָר צוריק פלעג איך אים אָפט טרעפן אין דער רעדאַקציע פון דער פּועלי־ציוניסטישער צייטונג „די צייט", וואו ער האָט אָפט אַריינגעבראַכט „פּובליסיטי"־נאָטיצן פאַר אַ געוויסער אינסטיטוציע. אַ דיקער, מיט אַ פולן פרישן שיינעם פּנים, פלעגט ער ברייט זיך צוזעצן ביי אַ פרייען דעסק און ריידן מיט די שרייבער. איך פלעג אים אויך אָפט זען אין די ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס, וואו ער האָט מערסטנס פאַרבראַכט מיט אַנ־דערע דיכטער פון דער גרופּע „יונגע", ווי זיי האָבן זיך גערופן. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך, דער בידנער סקיצן־שרייבער, האָב ניט געהאַט דעם מוט צוגיין צו זייער טיש, כאָטש אָפט האָט זיך עס מיר זייער געוואָלט.

איינמאָל האָב איך לאַנדוין און זיין פרוי מיט די צוויי טעכטערלעך געטראָפן אין בעטלעהעם, די „ווהייט מאונטעינס", וואו איך בין געווען

פֿאַרן היי־פֿיבער סעזאָן, און זיי זיינען געקומען אויף אַ וואַקאַציע. לאַנדוי האָט דאַן געהאַט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, דאַכט זיך אַ „פֿאָרדל״, ער האָט מיך אַריינגענומען אין קאַר און געגעבן אַ „ראַיד״. מיר האָבן גע־רעדט וועגן עסן און פֿאַרשידענע שפּייזן. איך האָב זיך איבערגענומען, אַז איך קען גוט קאָכן, אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס דער דיכטער איז נאָך אַ בעסערער „קוק״ פֿון מיר. באַזונדערס, אין צוגרייטן פֿאַרשידענע וואַרעניעס. זיינע צוויי שיינע טעכטערלעך האָבן געקליבן נחת פֿון זייער פֿאָטער, וואָס ער האָט מיך „געביט״, וואָס איז שייך אכילות.

איך האָב געזען לאַנדוין דעם לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן אין קאַפֿע ראָיאַל און אין אַ דערבייאיקן בוך־געשעפֿט. דאָ וויל איך אָבער שרייבן וועגן דעם דיכטערס אלמנה.

ניט יעדער יידישער דיכטער אָדער שריפֿטשטעלער האָט דעם מזל, אַז זיין פֿרוי זאָל לעבן מיט זיינע אינטערעסן. באַזונדערס נאָך נאָכן טויט, ווען אַלץ ווערט אַפֿילו ניט־ווילנדיק פּאַמעלעך פֿאַרגעסן. דאָס ליבסטע געשטאַלט לעשט זיך לאַנגזאַם אויס אין דמיון. און אַזוי איז עס שטענדיק געווען און וועט זיין. נאָר רייזל לאַנדוי איז באמת פֿון די זעלטענע אויסנאַמען. יעדן טאָג לעבט זי מיטן אָנדענק פֿון איר מאַן, דעם דיכטער. און מסתמא חלומט זי אויך אין די נעכט אָפֿט וועגן אים. עס איז איר דאָך פֿאַרבליבן נאָך אים אַזוי פֿיל זעלטן־שיינע דערינערונגען, וואָס נאָר אין חלום קען מען זיי אויפֿסניי איבערלעבן.

איך האָב דאָ אין מיאַמי ביטש פֿאַראַיאָרן זיך באַקענט מיט אַ דראַגיסט פֿון ניו יאָרק. ער און זיין פֿרוי האָבן אַ ביז גאָר פֿיינע באַציאונג צו יידישע שריפֿטשטעלער. איז אָט דעם ווינטער, אין מיטן דעצעמבער, זיינען זיי ווידער געקומען קיין מיאַמי ביטש און מיט זיך אויך געבראַכט רייזלען, וואָס האָט זיך שוין פֿון לאַנג געריסן קיין פֿלאָרידאַ. זיי האָבן מיך באַזוכט און מיר האָבן אַלע צוזאַמען פֿאַרבראַכט אַן אָוונט.

איך האָב דעם דיכטערס אלמנה לאַנג נישט געזען און זיך גוט צו־געקוקט צו איר. רייזל איז אַ קליינינקע, אַ דאַרע. איר פּנים האָט אַ לענגלעכע פֿאָרם און איז שוין אביסל צעקנייטשט, אָבער דער אויסדרוק איז אַ רואיקער, אַ סימפּאַטישער. זי איז אַ שטילע, געלאַסן און ווי פֿאַר־שלאָסן אין זיך, און אירע בליקן וואָלטן ווי גערעדט: אָט, וואָס ווייסט איר אַלע אין וואָס פֿאַר אַ וועלט איך לעב... איר קענט זיך ריידן וועגן וואָס איר ווילט, אָבער מיך אינטערעסירט נאָר דאָס געשטאַלט פֿון

מיין וואנדערלעכן זישא, וועלכן איך וועל ניט פאַרגעסן ביז מיין לעצטן אָטעם, ביזן קבר...

איך האָב שוין געוואוסט, אַז רייזל האָט אַליין אָנגעהויבן שרייבן לידער און איר געבעטן עפּעס פאָרלייענען פאַר מיר, פאַר אונדז.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ און פשוט אָנגעהויבן:

יונגע יאָרן ווי ווייסע טויבן,
פול מיט פרייהייט, פול מיט גלויבן.
אין ווילדן וואַלד האָט מיך געצויגן,
געהיט מיינע טריט האָבן בלויע אויגן.

יונגע יאָרן איבער ימען לייכט געפאָרן.
אין פרעמדן לאַנד מיין קינד געבוירן,
מיינע יונגע, יונגע יאָרן.

איצט קומען מיינע אַלטע יאָרן,
מיין גוף ווערט אַ דאַרער דאָרן.
מיינע פיס וואָס זיינען געווען געשווינד
גייען ניט־זיכער ווי די פיס פון אַ קינד.

שווער איז מיר יעדער ריר,
מיינע הענט ציטערן מיר.
גאָט, איך טו זיך ניט באַקלאָגן,
נאָר דו אַליין העלפסט מיר טראָגן
מיינע אַלטע, אַלטע יאָרן.

איך האָב זיך אָנגעהויבן צו טרעפן מיט רייזלען אַלץ אָפטער. אַמאָל פלעג איך קומען צו די לעדערמאַנס, ביי וועלכע זי האָט געוואוינט, און אַמאָל האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט צו מיר זען וואָס איך מאַך.

* * *

עס איז אַ שטילער וואַרעמער אָוונט. מיין פרוי איז ערגעץ אַוועק און איך בין אַליין אין מיין קליינער באַנגעלאָ. איך ליג און לייען אפרים קאַגאַנאָווסקיס סקיצן, וואָס זיינען ניט לאַנג צוריק אַרויס אין אַ יובילייי־אויסגאַבע. אַלע ווילע פאַרמאַך איך אויף אַ מינוט דאָס בוך און טראַכט וועגן מחבר, וועלכער קען זיך ניט אַרויסרייסן פון אייראָפּע, וואו ער

האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט מיט די קאָמוניסטן. מיטאַמאָל אַ קלאַפּ אין טיר און עס קומט אַריין רייזל. זי פֿרעגט מיך וואָס איך מאַך און זעצט זיך אַוועק ביים פֿענצטער. איך רייד מיט איר אַ ווײַלע וועגן קאַגאַנאָווסקין און דערנאָך, ווי אומבאַמערקט, דערמאָנט זי זישא לאַנדוין. איך כאַפּ זיך אָן אָן דעם און בעט איר מיר דערציילן ווי אַזוי און וואו זי האָט זיך באַקענט מיט איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן. זי טראַכט אַ ווײַלע און רעדט דערנאָך שטיל:

— מיר פֿלעגן אַלע זונטיק זיך צוזאַמענקומען ביי קאַליע טעפּער אין שטוב. יעדן זונטיק האָט איינער פֿון אונדז געגעבן אַן איבערבליק וועגן אַ בוך. איינמאָל האָב איך געדאַרפֿט ריידן וועגן דע־פּראָפֿונדעס פֿון אָסקאַר ווײַלד. קאַליע טעפּער האָט מיר געזאָגט, אַז דעם זונטיק וועט זיין מיט אונדז אַ זייער שיינער פּאָעט. איך האָב אַ גאַנצע וואָך גע־פֿיבערט מיטן בוך און געוואַרט אויפֿן זונטיק. ווען איך בין אַריין, איז אין שטוב געווען טונקל און איך האָב זיך געזעצט אויפֿן בעט און זיך צוגערוקט צום וואַנט, ווי צו אַ נאָענטן פֿריינט. לאַנדוי האָט געלייענט אַ בוך און האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. זיין בלאָנדער קאָפּ האָט געלויכטן ווי אַ לבנה־ליכט, ווי זון־שטראַלן אין לויטערן וואַסער. אַזוי האָבן זיך זיינע האָר געשפּילט אויף זיין לויטערן פּנים. ער האָט אויפֿ־געהויבן זיינע אויגן פֿון בוך און אַזוי מאָדנע אַ קוק געטאָן אויף מיר. איך האָב דערפֿילט די פֿרייד פֿון זיינע בלויע אויגן, ווי אַ וואולקאַן האָט מיך אַרומגענומען און הויבט מיר הויך, הויך, ווי איך וואָלט אויף אַ הויכן באַרג געווען, בלויע ימען געזען אין זישאָס פּנים. מיר האָט אַזוי געשווינדלט מיין קאָפּ, ווי ווען מען קוקט פֿון אַ הויכער באַרג אַראָפּ. קאַליע טעפּער בעט מיר איך זאָל ריידן וועגן בוך. איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניין. זישא האָט צופֿרידן געשמייכלט. מען דאַרף נישט ריידן. ווי אַ כלה־דעקטוך האָט זיין שמייכל מיין פּנים פֿאַרדעקט. איך האָב געהאַט דאָס זעלבע געפֿיל ווי ווען איך האָב צום ערשטן מאָל, צו פֿיר יאָר, געבענטשט שבת־ליכט. זישא פֿירט מיך אָפּ אַהיים און זאָגט מיר: איך וועל זיין ביי דיר מיטוואָך. איך שטיי אַ פֿאַרלאָרענע און ווייס ניט וואָס איך זאָל אים זאָגן. ער פֿרעגט מיך: פֿאַרוואָס ענטפֿערסטו מיר ניט? איך זאָג אים איך קען אייך ניט זאָגן דו. ער נעמט אַרום מיין קאָפּ און זאָגט: דו נאַריש קינד, איך האָב דיך ליב. ביז היינט פֿיל איך זיינע הענט אויף מיין קאָפּ.

אַז רייזל איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָב איך איר געבעטן פֿאַרציי־

כענען וואָס זי האָט מיר דערציילט, וועגן איר ערשטער באַגעגעניש מיט לאַנדוין. זי האָט עס געטאָן, און איך האָב עס איבערגעגעבן וואָרט־ביי־וואָרט.

זי האָט אויך יענעם אָונט פאַר מיר פאָרגעלייענט פאָלגנדיקן ליד:

אין מיינע אומעטיקע שטילע וועגן
קומט אַלעמאָל זישאַ מיר אַנטקעגן,
נעמט מיין האַנט און גייט מיט מיר באַנאַנד
פירט מיך אַריין אין אַ ווייסן וואַלד.

אין ווייסן וואַלד איז ווייס שטיל,
וואַכט אין מיר אַן אייביקער געפיל,
מיר זיצן רואיק אויף אַ ווייסן דאָרן,
פאַרביי גייען אונדזערע יונגע יאָרן.

זע, איך בין גרויער געוואָרן.
שמייכלט זישאַ ווי אַלעמאָל,
פאַרנויגט זיין בלאָנדע קאָפּ
און קושט די גרויע האָר.

אַ צווייטן מאָל האָט רייזל מיר געוויזן אַ בריוו, וואָס לאַנדוי האָט צו איר געשריבן מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק. דער בריוו איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן דיכטער:

„מאָנטאָג.

רייזעלע, איצט איז האַלב נאָך צוויי, נאָר־וואָס געקומען פון דער אַרבעט און געטראָפן דיין בריוו. איך האָב זיך צעוויינט פאַר פרייד. אוי, ווי דערלעב איך דיך צו זען?

איך בין אינגאַנצן נאַס, שרעקלעך הייס היינט. ס׳וועט נעמען אַ פּאָר שטונדן ביז איך וועל פאָרן צו דיר. היינט אין דער פרי האָב איך דיר אַ בריוו געשיקט.

פרעגסט מיך וואָס איך עס? איך ווייס נישט. איך עס געוויס עפּעס, אַז ניט וואָלט איך דאָך געשטאָרבן פון הונגער. נאָר וואָס — קען איך זיך אין קיין פאַל ניט דערמאָנען. איך ווייס אַפילו ניט וואָס איך האָב היינט געגעסן. דעם גראָסערימאַן און פאַר די פּאַפּיראָסן האָב איך נישט

באַצאָלט. די 5 דאָלער האָב איך געליען. נאָר דאָס זיינען אַלץ אַזוינע קליינינקייטן אַז עס לוינט זיך ניט צו ריידן דערפון.

אַלץ פון וואָס איך קען ריידן איז נאָר פון דיר. דו, וואָס העלפסט אַלעמען, העלף מיר, אַז איך זאָל נישט משוגע ווערן פאַר פרייד. געזונט בין איך געוויס, וואָרים איך ליג דאָך נישט אין בעט און שרייב דאָך אַ בריוו צו דיר און אַרבעט.

אפשר וועל איך מאָרגן אָוונט נישט קענען קומען צו דיר, ווייל דאָס לעצטע געלט גייט מיר איצט אויס. דערצו דאַרף נאָך זיין דאָ קאָליע, קום איך אַמאָל נישט אין אָוונט, וואַרט אויף אַ בריוו אין דער פרי, און קומט דער בריוו ניט אין דער פרי, וואַרט אַ ווײַלע, קומען וועט ער באַלד.

דאַכט זיך ס'וועט רעגענען. כ'וועל באַלד אַרונטער נעמען די וועש, אַריינוואַרפן אין שראַנק אַריין. אין די צימערן איז שוין ווידער אָנגעוואָרפן. איך וויל אָבער נישט אויפרוימען, כ'וועל זיך בעסער אַוועקזעצן אויף דער שטול, אַרום האַלדז פאַרוואַרפן מיינע הענט און שטיל וועל איך זיך נעמען וויגן, וויגן און וויגן.

רייזעלע, איצט איז פינף אַזייגער, כ'בין פאַרשלאָפן״.

רייזל האָט די יידישע קולטור־טוער פון מיאַמי ביטש, מיט וועלכע זי איז געוואָרן באַפריינדעט, ניט איינמאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז עס איז געוואָרן פופצן יאָר ווי זישא לאַנדוי איז געשטאָרבן, און עס וואָלט געוועזן ניט מער ווי רעכט, אַז מען זאָל ווידמען אַן אָוונט לכבוד דעם אָנדענק פון דיכטער. נאָר ס'איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן.

רייזל האָט זיך אַריבערגעקליבן אין הויז פון די צוויי שוועסטער ראָזע קאָוואַרסקי און אידאַ פיינערמאַן. די באַקאַנטע יידישע לערערין און קולטור־טוערין פיינערמאַן האָט רייזלען איינגעלאַדן צו זיך. עס איז אויסגעקומען אַזוי אַז אַליין איז זי גלייך אַוועקגעפאָרן קיין ניו יאָרק און זיך דאָרט פאַרהאַלטן זעקס וואָכן. ווען זי האָט זיך אומגעקערט קיין מיאַמי ביטש, האָט זי זיך געפילט אויסגעמאַטערט, אָבערביידע שוועסטער האָבן דאָך באַשלאָסן צו אַראַנזשירן אין זייער הויז אַ לאַנדוי אָוונט, וואו מען זאָל ערן דעם אָנדענק פון דיכטער און אויך אָפּגעבן כבוד רייזלען, וואָס שרייבט אויך לידער.

גדליה בובליק

פאר די יאָרן וואָס איך שרייב איז מיר אויסגעקו־מען האָבן צו טאָן מיט פאַרשידענע רעדאַקטאָרן, נאָר דער פיינסטער פון זיי ווי אַ מענטש, איז צו מיר געווען דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער גדליה בובליק, וואָס האָט רעדאַגירט דאָס „טאָגעבלאַט".

עס איז מיר פאַרבליבן אַ גוטער געפיל צו אָט דעם שיינעם יידן און קאָמעפרישן ציוניסט, וואָס גאָט האָט אים געשאָנקען אַזאַ לייכטן טויט.

פאַריקן זומער האָב איך אים איינמאָל געטראָפן אין „מאָרגן זשור־נאַל". עס איז געווען פאַר מיטאָג ווען עטלעכע פון די „דרויסנדיקע" שרייבער קומען אַריין אין רעדאַקציע אַביסל ריידן וועגן ליטעראַטור אָדער גלאַט אַזוי טומלען. איך גיב אַ קוק, גדליה בובליק זיצט שטיל אָן אַ זייט און וואַרט אַפּנים אויפן רעדאַקטאָר, וועלכער איז גראד דאַן ערגעץ אַוועק. ער האָט אויסגעזען דאַר און פאַרעלטערט. איך בין צוגעקומען צו אים און געפרעגט וואָס ער מאַכט. מיר האָבן אַ ווײַלע גערעדט און ער האָט מיר אגב אורחא געזאָגט:

איך לייען אייך.

איך האָב אַ שמייכל געטאָן און אים באַדאַנקט, ווייל דאָס האָט מיר דערמאָנט ווי אַזוי ער פלעגט „קעמפן" פאַר מיר מיט איינעם פון די אַרויסגעבער פון „טאָגעבלאַט", מיט יחזקאל שרהזאָן, וועלכער איז שוין אויך אויפן עולם האמת.

אָבער איך וועל דערציילן כסדר וועגן אָט דעם טשיקאַוון „קאַמף" פון מיין בעסטן רעדאַקטאָר.

איינמאָל האָב איך באַשלאָסן עפּעס אַריינטראָגן אין „טאָגע־בלאַט", ווייל די דאָזיקע צייטונג האָט דאַן דאַן געגעבן אַלס פּרעמיע מיין בוך „דער ים רוישט". מיט צוויי סקיצן אין קעשענע האָב איך ניט גערן גענומען אַרויפגיין די שמוציקע טרעפּ פון דער אַלטער געביידע און בין אַריין אין „עדיטאָריעל" אָפּטיילונג. דער ערשטער צימער איז געווען אַ גרויסער, מיט פענצטער צו איסט בראָדוויי. ביי אַ וואַנט זיינען געשטאַ־

נען טישן מיט גרויסע אַלטע שרייב מאַשינען. אין אַ ווינקל האָט זיך געקאָכט אַ טשייניק וואַסער אונטער אַ קליינעם געז אויוועלע. דאָס איז מיר געפעלן געוואָרן. עס האָט אַ ווייע געטאָן מיט היימישקייט. די מערסטע שרייבער זיינען שוין געזעסן ביי דער אַרבעט. איך האָב פון זיי געקענט נאָר עטלעכע. קאַלעגע ג. באַדער האָט שוין געהאַט געשריבן אין „טאָגעבלאַט" וועגן מיין בוך „דער ים רוישט". בין איך צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— גייט אַריין צום רעדאַקטאָר, — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ הייזעריקן קול און אָנגעוויזן אויף אַן אָפענער טיר, וואו גדליה בובליק איז געזעסן און געשמועסט עפּעס מיט אַ יידן וואָס האָט געטראָגן אַ לאַנגע באָרד און האָט אויסגעזען ווי אַ רב.

איך בין געבליבן שטיין ביים שוועל אָן אַ זייט און געוואַרט, אַז דער ייד זאָל אַוועק. דערווייל האָב איך געקוקט אויף פּראָפעסאָר זעליקאָוויץ, וועלכער איז געזעסן ביי זיין שרייב טיש, נעבן אַ פענצטער. ער האָט מיך פון שטענדיק אָן אינטערעסירט, ווייל איך האָב זיך אָנגעהערט וועגן אים טשיקאַווע זאַכן, נאָר פּערזענלעך האָב איך אים ניט געקענט.

אָבער אָט איז דער ייד מיט דער באָרד אַרויס פון רעדאַקטאָרס צימער, און איך בין אַריין צו אים.

גדליה בובליק איז געזעסן צווישן זיינע צוויי געהילפן: דר. מרדכי כץ און מרדכי דאַנציס. איך האָב אַרויסגענומען פון קעשענע די סקיצן און גענומען עפּעס שטאַמלען. בובליק האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, וואָס איך בין עפּעס אַזוי שעמעוודיק. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— גיט אַהער די מעשות. איך האָב אייך געלייענט אין „די צייט".

ער האָט די צוויי קליינע מאַנוסקריפּטן אַריינגעלייגט אין שופלאָד פון זיין שרייב טיש. דר. מרדכי כץ און מרדכי דאַנציס האָבן זיך געטאָן זייער אַרבעט און געשוויגן.

איך בין געבליבן שטיין און געוואַרט. ער האָט מיך ווידער פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. האָב איך אים שטילערהייט געפרעגט:

אפשר וואָלט איר מיר געקענט געבן אַ קליינעם אַוואַנס?

בובליק האָט זיך שווייגנדיק אויפגעהויבן און איז אַריין אין גרויסן צימער. דאָרט האָט ער עפּעס געזאָגט מיכל אַראָנסאָנען, וועלכער האָט מיך אָנגעקוקט פון אונטן אַרויף מיט אַ בליק, ווי איינער זאָגט: עס

איז נאָך אַ פראַגע, צי ער איז ווערט אַן אַוואַנס. נאָר אַרויסגענומען פון טיש־קעסטל אַ גרויסן טשעק בוך און גענומען אויסמאַכן אַ טשעק.

אין פאַרלויף פון די קומענדיקע צוויי וואָכן זיינען די סקיצן געווען אָפּגעדרוקט. און אַזוי האָב איך אָנגעהויבן אַלץ אָפטער זיך צו דרוקן אין „טאָגעבלאַט".

איך בין געוואָרן היימישער אין רעדאַקציע. די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג האָבן זיך באַצויגן צו מיר זייער פריינטלעך. באַזונדערס, מיין אַלטער גוטער פריינט דר. מרדכי כץ. אויך פראָפ. זעליקאָוויץ האָט מיר שוין געמאַכט עטלעכע קאָמפּלימענטן פאַר מיינע זאַכן. דערביי האָט ער גערעדט דייטש. און מיכל אַראָנסאָן פלעגט מיר שוין ניט אָפּמעסטן מיט זיין בליק פון אונטן אַרויף, אַז ער פלעגט מיר דאַרפן געבן אַ טשעק. איך האָב שוין אַפילו געהאַט אַ געשפּרעך מיט גדליה בובליקן וועגן אַ ראָמאַן וואָס איך האָב זיך געקליבן צו שרייבן. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ ראָמאַן וועגן אַ יונגן אַנאַרכיסט, וואָס מאַכט דורך אַ סך פּיין און ווערט ענדלעך אַ פרומער ייד. קערט זיך אום צום יידישן גאָט. בובליק האָט מיך לאַנג און געדולדיק אויסגעהערט. די טעמע איז אים געפעלן געוואָרן.

אמת, פון צייט צו צייט האָב איך געהאַט אַביסל פּאַרדרוס, נאָר דאָס פלעגן מיר פאַרשאַפן די אַרויסגעבער. אין פוילן פלעגן אייניקע יידישע צייטונגען איבערדרוקן מיינע דערציילונגען פון „טאָגעבלאַט". די רע־דאַקציע פלעגט איבערדרוקן פון די פּוילישע יידישע צייטונגען. איך האָב געפאָדערט פאַר זיי געלט, נאָר יחזקאל שרהזאָן פלעגט ניט וועלן געבן. זיין טענה איז געווען, אַז ער האָט עס ניט ביי מיר גענומען. אָבער שטענדיק פלעג איך דאָך עפּעס באַקומען, און דאָס איז געווען אַ דאַנק גדליה בובליקן, וועלכער האָט גוט פאַרשטאַנען מיין לאַגע.

ניט איינמאָל האָב איך פאַרגליכן בובליקן צו אַנדערע רעדאַקטאָרן מיט וועלכע איך האָב געהאַט צו טאָן. אָט פלעגט איינער, אַ ראַדיקאַל, זיך שטענדיק מיט מיר דינגען, אַז די סקיצעלע איז אַ קורצע און מער ווי אַ צענערל איז זי ניט ווערט. דער צווייטער, אַ ייד וואָס שיינ־שרייבעריי איז אים געווען אינגאַנצן פרעמד, פלעגט טענהן: אַז מען דאַרף עס ניט. און דער דריטער פלעגט גראָד ווערן באַגייסטערט, דאָס איך האָב אָנגעשריבן עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס, נאָר געבנדיק מיר דעם טשעק פלעגט ער אַראָפּרייסן אַ דרייערל און אַמאָל נאָך מער. און איך, קריגנדיק די קאָמפּלימענטן, האָב שוין געמוזט שווייגן.

אָבער אָט איז אָנגעקומען אַ בריוו אין „טאָגעבלאַט" פון אַ לעזער,

וואָס האָט פּראָטעסטירט פּאַרוואָס די צייטונג האָט אָפּגעדרוקט מיינע אַ סקיצע וועגן אַ פראַנצויזישער שיקסע, וואו איך האָב זיך דערלויבט געוויסע פרייהייטן, שילדערנדיק דעם צויבער פון איר קערפּער. יחזקאל שרהזאָן האָט געגעבן אַן „אָרדער", אַז מען זאָל מיך מער ניט דרוקן. ער איז געווען שטאַרק אין כעס. איין קלייניקייט, אַ לעזער פּראָטעסטירט. גדליה בובליק איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, נאָר ערשט אין דעם פאַל האָט ער נאָך מער אַרויסגעוויזן זיין פיינקייט און מענטשלעכקייט.

איך בין געקומען אין רעדאַקציע. די שרייבער האָבן מיך אַרומגערינגלט און דערציילט די גאַנצע מעשה. עס איז אויך צוגעקומען פּראָפעסאָר זעליקאָוויץ אין זיין אָפּגעריבענעם רעקל פון עפּעס אַ מאָדנעם קאָליר. דערהערט אַז מיין לאַגע איז ניט אַזוי פויגלדיק, האָט ער אָנגעהויבן ריידן דייטש און מיך לויבן:

„יאָ, יאָ, ער האָט עטוואָס קינסטלערישעס אין די געשיכטען. יאָ, יאָ..."

קורץ, עס איז מיר געווען שווער צוגיין צו בובליקן. אָבער ער האָט מיר קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט און ביי מיר גענומען נאָך סקיצן.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז יחזקאל שרהזאָן פלעגט אַרויפקומען אין רעדאַקטאָרס צימער, אַז קיינער איז דאָרט ניט געווען, און פלעגט אַרויסנעמען פון טיש־קעסטל מיינע סקיצן. אָבער אויף מאָרגן פלעגט גדליה בובליק זיי פאָדערן צוריק אָדער אימיצן אַראָפּשיקן, דאָס מען זאָל די סקיצן אַרויסגעבן פון שרהזאָנס טיש־קעסטל. אַזוי האָט זיך געצויגן אַ גאַנץ לאַנגע צייט. ער האָט מיך געדרוקט און זיך ניט גערעכנט מיטן אַרויסגעבערס קאַפּריזן. זיכער האָט דאָס „טאַגעבלאַט" זיך ניט געניטיקט אין מיינע סקיצן, נאָר גדליה בובליק האָט קענטיק ניט געוואָלט דערלאָזן, דאָס אַן אַרבעטסלאָזער שרייבער זאָל אפשר אינגאַנצן בלייבן אָן פּרנסה. דערצו האָט ער געהאַט דרך ארץ פאַר אַ בעלעטריסט. דאָס האָב איך ניט איינמאָל באַמערקט אין אים.

וועגן זיין טויט האָב איך זיך דערוואוסט אין מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ. איך זע אים ווי ער זיצט שטיל און אָן אַ זייט אין „עדיטאָריעל"־צימער פון „מאָרגן זשורנאַל" און וואַרט אויפן רעדאַקטאָר, וואָס איז גראָד ערגעץ אַוועק. ער זעט אויס דאַר, פאַרעלטערט און טרויעריק.

רעדאַקטאָרן

מיר ווילט זיך דערציילן וועגן מײַנע צײַטווײַליקע רעדאַקטאָרן פון „פאָרווערטס", וואָס דער אײַנדרוק פון זיי איז בײַ מיר פאַרבליבן, גאָר ניט קיין שלעכטער.

יאָ, איך האָב אַ צײַט זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס" אונטער צוויי פסעוודאָנימען, און אויך אָפּגעדרוקט אַ פּאָר סקיצן אונטער מײַן אײגענעם נאָמען.

נאָר כ'וועל עס איבערגעבן כסדר.

אברהם ליעסין האָט מיך אָפּט געדרוקט אין דעם זשורנאַל „צוקונפט" און זיך באַצויגן פרײַנטלעך צו מיר. ער פלעגט מיר אפילו מאַכן קאָמפּלימענטן פאַר מײַן שרײַבן. אָבער איך גלויב אַז ביז גאָר אַ געהויבענע מיינונג האָט ער געהאַט פון מײַנע מוסקולן וואָס זײַנען דעמאָלט מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק, טאַקע געווען גאַנץ שטאַרק. דערבײַ האָט ער אויך שטענדיק געוואָלט, איך זאָל אַ טאַפּ טאָן זײַנע מוסקולן פון די הענט און האָט גליקלעך געשמייכלט, ווען איך פלעג אים פאַרזיכערן, אַז מיט אים וואָלט איך מורא געהאַט זיך צו „פײַטן".

אָבער איך האָב געדאַרפט האָבן פרנסה. האָט אברהם ליעסין גענומען טראַכטן, ווי אַזוי מיך אַרײַנצושמוגלען אין „פאָרווערטס", כאָטש ער האָט שטאַרק געצווייפלט צי איך וועל זיך דאָרט קענען אײַנהאַלטן. גרעסערע „שישקעס" פון מיר זײַנען גיך געפלויגן בײַ אַב. קאַהאַנען. אָבער ער האָט דאָך אָנגעשריבן אַ בריוו צו הלל ראָגאָף, וועלכער איז שוין דאַן, דאַכט זיך, געווען דער „מענעדזשינג עדיטאָר" און מיט וועמען ליעסין איז געווען זייער באַפרײַנדעט.

איך בין געקומען צו ראָגאָפן מיט ליעסינס בריוו און אים אויך געבראַכט אַ סקיצע „די מוטער". ראָגאָף האָט די סקיצע אָפּגעדרוקט אין עטלעכע טעג אַרום און מײַן זאַכלעך האָט אויסגענומען מיטן וואַרעמען טאָן און אינהאַלט. עס איז געווען פונקט פאַר די לייענער פון „פאָרווערטס". זומער אין די קעטסקיל־בערג אַרבעט אַ וועיטערקע, וואָס

האָט מיט זיך איר יינגעלע, וועלכער ווערט קראַנק אויף דיפטעריע און דער האָטעל־קיפּער לאָזט ניט אין צייט רופן קיין דאָקטאָר, אַז די געסט זאָלן זיך וועגן דעם ניט דערוויסן. דאָס יינגעלע שטאַרבט און די מוטער ווערט וואַנזיניק.

דערנאָך האָב איך ראָגאָפן געבראַכט אַ זאַך „דריי וועגן״, אַ מעשה וועגן אַן אַלטן בחור, אַ קריסטלעכן פּאַרמער. עס איז אַוועק אַ וואָך און צוויי און די דערציילונג איז ניט אַריין. בין איך אַריין אין רעדאַקציע און אַ פרעג געטאָן ביי ראָגאָפן:

— וואָס הערט זיך?

ראָגאָף איז געווען אויפגערעגט און מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וואָלט מיך גערן געדרוקט, נאָר מען שטערט אים. די סקיצע „דריי וועגן״ איז שוין אויפגעזעצט מער ווי אַ וואָך. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז „באַארבעט״ פאַר אב. קאַהאַנען האָט מיך דער שרייבער גאָטליב, וואָס האָט געטריי געדינט דעם הויפּט־רעדאַקטאָר אויף אַלע אופנים, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן. גאָטליב האָט זיין שעף דערציילט, אַז אין דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע האָב איך זיך ניט גינסטיק אָפּגערופן אויף זיינער אַ טעאַטער־רעצענזיע, וואָס האָט געקענט זיין זייער מעגלעך, כאָטש איך געדענק עס ניט. אָבער מיין גורל איז שוין געווען ווי פאַרחתמעט:

— דו וועסט אין „פאָרווערטס״ ניט ווערן קיין מיטאַרבעטער...

אָבער די דערציילונג „דריי וועגן״ האָט דער „פאָרווערטס״ דאָך אָפּגעדרוקט, און יענעם טאָג וועל איך ניט פאַרגעסן ווייל איך האָב זיך דאָן אין קיבעצאַרניע באַגעגנט מיט דעם שרייבער וויסענבערגן, וועלכער איז געקומען פון וואַרשע און האָט אויך געהאַט אַ דורכפאַל אין „פאָרווערטס״, און ער האָט מיר געמאַכט וואַרעמע קאָמפּלימענטן פאַר מיין מעשה.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ סך.

איך געדענק שוין ניט וויפיל יאָרן עס זיינען פאַרביי. איך האָב געשריבן אין „מאָרגן זשורנאַל״, נאָר קיין פול לעבן ניט געמאַכט. האָב איך שטענדיק געזוכט זייטיקע פאַרדינסטן. און אַט איינמאָל זיץ איך אין קאַפע ראָיאַל און רייד מיט דעם שוין לאַנג־פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער קאָרנבליט, וועלכער האָט דאָן רעדאַגירט אין „פאָרווערטס״ די הומאָריסטישע פיידזש. איך האָב אים דערציילט מיין לאַגע. און ער

האָט זיך פאַרטראַכט. איך בין אויך אַנשוויגן געוואָרן און געוואַרט וואָס ער וועט זאָגן. און געזאָגט האָט קאָרנבליט אָט וואָס:

— פריער פון אַלץ וועלן מיר נעמען צו גלעזלעך סקאָטש און מיט עפּעס פאַרבייסן. דערנאָך וועלן מיר ריידן תכלית. נאָר ניט געזאָרגט.

ער האָט אַ רוף־געטאָן דעם וועיטער און באַלד האָבן מיר געמאַכט דעם לחיים און גוט פאַרביסן.

— נו, — האָט אַ שמייכל געטאָן קאָרנבליט.

— וואָס האָט איר צוגעטראַכט? — האָב איך נייגעריק געפרעגט.

— איר וועט ביי מיר ווערן אַ הומאָריסט. איך גאַראַנטיר אייך פון פינף ביז זיבן דאָלער אַ וואָך. אויף דעם הומאָריסטישן פּיידוש בין איך דער באַלעבאָס און קען קויפן זאַכן ביי וועמען איך וויל. אַב קאַהאַן קען מיר אין דעם ניט שטערן.

— אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געשריבן קיין הומאָריסטישע זאַכן.

— וועט איר שרייבן, — האָט מיך איבערגעשלאָגן קאָרנבליט. איר קענט איבערזעצן פון הומאָריסטישע ווערק, גנבענען ביי וועמען איר ווילט, אַבי עס זאָל זיין גוט. דערצו וועל איך שוין צולייגן אַ האַנט, אַז עס זאָל זיך פּאַסן פאַרן „פאָרווערטס".

— דער רוסישער הומאָריסט אַווערטשענקאָ וועט זיין גוט?

— זאָל זיין אַווערטשענקאָ.

קאָרנבליט האָט מיר געהייסן ברענגען אַ פּאָר זאַכעלעך און צוגעגעבן:

— מען דאַרף פאַר אייך צוקלערן אַ פּסעוודאָנים.

— דאָס איז אַ קלייניקייט.

— איך האָב עס! — האָט ער גלייך אויסגעשריען, — איר וועט שרייבן אונטערן נאָמען „נויטמאַן".

— זאָל זיין נויטמאַן, אַבי פּרנסה...

קאָרנבליט איז אַוועק שפּילן קאָרטן און איך בין געזעסן און אומעטיק געטראַכט: אָט וואָס אַמעריקע האָט פון דיר געמאַכט. ניטאָ מער דער פרייער תכליתלאָזער וואַנדערער. ביסט געוואָרן אַ קליין מענטשעלע, וועלכן מען קען מאַכן פאַר אַ פּלאַגיאַט, פאַר פינף אָדער זיבן דאָלער אַ וואָך.

אָבער אויף מאָרגן האָב איך זיך אַוועקגעזעצט „קריפּלען" אַווערטשענקאָ און געמאַכט דריי הומאָרעסקעס. איך בין גלייך געפאָרן דאַון־טאַון און עס איבערגעגעבן קאָרנבליטן. דערביי האָב איך אים געגעבן אָנ־

צוהערן אַז דעם ערשטן טשעקל, וואָס איך וועל פון אים קריגן, וועלן מיר פאַרהוליען אין אַ רומענישן קעלער.

— גוט, גוט — האָט ער געשמייכלט.

דעם נעקסטן זונטיק האָב איך דערזען דעם נאָמען „בויטמאַן" אויף דער הומאָריסטישער זייט פון „פאָרווערטס". אָבער די הומאָרעסקע, וואָס איך האָב באַאַרבעט פון אַווערטשענקאָ, האָב איך ניט דערקענט. קאָרנ־בליט האָט עס כמעט אינגאַנצן איבערגעדרייט. ער האָט אויך געביטן די נעמען און די האַנדלונג אַריבערגעטריבן אויף איסט בראָדוויי. דער אַראָמאַט פון אַווערטשענקאָס שרייבן האָט זיך אויסגעוועפּט. עס איז ניט פאַרבליבן אַפילו קיין טראָפּן פון זיין קלוגן איידעלן הומאָר.

כמעט צוויי מאָל אַ חודש פלעג איך גיין מיט קאָרנבליטן אין אַ רומענישן רעסטאָראַן אויף ריווינגטאָן סטריט, און מיר פלעגן זיך אַוועק־זעצן טרינקען וויין און עסן קאַרנאַצלעך. דאָס פלעגט שטענדיק פאָר־קומען פרייטיק, ווען איך האָב באַקומען מיין טשעקל פון „פאָרווערטס". עס פלעגט אויסקומען אַז מיר צאָלן „פיפטי־פיפטי".

קאָרנבליט האָט געליטן פון הויכן בלוט־דרוק און נאָך די ערשטע פּאָר גלעזלעך משקה פלעגט זיין פּנים ווערן רויט און די אויגן האָבן געקראָגן אַ צעטומלטן אויסדרוק.

— דערציילט מיר עפּעס וועגן אייערע ראָמאַנטישע אַוואַנטורעס, — פלעגט ער צושטיין צו מיר, — איך ווייס פון אייערע סקיצן אַז איר האָט אַ סך געוואַנדערט און דורכגעמאַכט. די שווייצאַרישע שיקסעס זיינען עפּעס אינטערעסאַנט?

— מלא חן — האָב איך געענטפערט.

— אַזוי!

— פרעגט שוין גאָר ניט...

קאָרנבליט פלעגט אַ געשריי טאָן:

— וועיטער, נאָך אַ פלאַש וויין.

איך פלעג אים דערציילן אַ ראָמאַנטישע געשיכטע און עס איז קענטיק געווען אַז ער האָט גרויס הנאה דערפון. דערביי האָב איך ניט געזשאַלעוועט קיין געדיכטע פאַרבן, און ווי דער שטייגער פון אַ שרייבער איז, ניט איין געשמאַקע סצענקע צוגעטראַכט, אָבער וואָס איז ניט גרייט צו טאָן אַ יידישער שרייבער פאַר זיין רעדאַקטאָר, בפרט נאָך אין אַ רומענישן וויין קעלער, וואו בייטאָג איז האַלב טונקל און אַביסל גע־

היימניספּול, און עס ווילט זיך ריידן פון אַמאָליקע צייטן, פון דער ליבער יוגנט, וואָס איז אויף אייביק פאַרשוואונדן?

קאָרנבליט איז געשטאָרבן און איך בין געוואָרן אויס הומאָריסט. פּרנסה האָט אַלץ געפעלט און איך האָב געפּרוּווט אַריינשיקן סקיצן אין „פאָרווערטס" אונטערן פּסעוודאָנים דוד זאָגער. דאָס איז געווען דער נאָמען פון מיינעם אַ פעטער, מיין מאַמעס אַ ברודער, וועלכן איך האָב אין מיינע קינדער־יאָרן זייער ליב געהאַט. ווייל דער דאָזיקער פעטער מיינער פלעגט מיר אַלע וואָך געבן צען קאָפּיקעס און נאָך קליינע מתנות. האָט זיך געוואָלט פאַראייביקן זיין גוטן נאָמען, אַזוי צו זאָגן.

איצט האָב איך געהאַט צו טאָן מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אב. קאַהאַן. אמת, אַ גאַנץ לאַנגע צייט זיינען מיינע סקיצן געווען געדרוקט און קאַהאַן האָט מיך קיינמאָל ניט גערופן צו זיך און גאָר ניט געזאָגט. אַלץ איז געטאָן געוואָרן דורך זיין אַמאָליקער סעקרע־טאַרשע יסכה פרענקעל, וועלכע איך האָב גוט געקענט.

יאָ, איינמאָל האָט ער מיר אומגעקערט אַ סקיצע, ווייל די זאַך האָט געשמעקט מיט טשעכאָוו. אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט. צופיל שטי־מונג. מען דאַרף אַליין זיין כאָטש אַ שטיקל טשעכאָוו, אַז מען וויל אַזוי שרייבן. איך בין מיט אים געווען הונדערט פּראָצענט איינשטימיק.

אין אַלגעמיין זיינען מיר קאַהאַנס מיינונגען וועגן ליטעראַטור געווען זייער נאָענט. ער איז געווען אַ רעאַליסט דורך און דורך אין זיינע בעלעטריסטישע ווערק אַ שילער פון די גרויסע רוסישע שריפטשטעלער. אַזוי איז אויך געשריבן געוואָרן זיין גרויסער ראָמאַן „דוד לעווינסקי", אָבער ווי אַ מענטש האָט ער מיר אַביסל געשראָקן, ווייל מיר זיינען באַקאַנט געווען זיינע קאַפּריזן.

איך האָב אָפט געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן טאַלאַנטפולן און זייער ענערגישן זקן וועלכער האָט לייכט געקענט אַ סך אויפטאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און ניט אויפגעטאָן. ער האָט געהאַט דעם כח און פּרעסטיזש צו מאַכן אַז די יידישע מאַסן זאָלן גיין מיט אַ שענערן וועג, ווי זיי זיינען אַוועק. אין קליינע טאָג־טעגלעכע קאַמפן האָט ער ניט געזען דאָס גרויסע, וואָס וואַרט אויף איר פירער — און אַב. קאַהאַן האָט געקענט זיין דער דאָזיקער פירער — ער האָט אַ סך פאַר־שפּילט און נאָך מער פון אים האָבן אין גייסטיקן זין פאַרלאָרן די יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע.

און אָט זאָגט מיר קאַהאַנס סעקרעטאַרשע, אַז דער רעדאַקטאָר

וויל מיך זען. ער וויל מיט מיר עפּעס איבעררײדן וועגן מײן לעצטער דערציילונג.

— גוט, — האָב איך געזאָגט און דאָס האַרץ האָט בײַ מיר געגומען קלאַפּן אַביסל שטאַרקער, ענדלעך וועל איך האָבן די זכיה מיט אים צו רײדן.

קאַהאַן האָט מיך אויפגענומען אין זײַן גרויסן אַרבעטס־צימער. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן באַקוועמען שטול און גלײַך אָנגעוויזן אויף מײַן מאַנוסקריפּט, וואָס איז געלעגן בײַ אים אויפן „דעסק".

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי איינמאָל אין דער ליטעראַרישער קיבע־צאַרניע האָט שלום אַש געהערט מיך רײדן רוסיש און באַמערקט:

— רעדט מיט אַב. קאַהאַנען רוסיש און ער וועט אײַך געבן אַ דזשאַב אין „פאָרווערטס".

האָב איך איצט עפּעס אויטאָמאַטיש, ניט טראַכטנדיק וועגן אַ דזשאַב, אָנגעהויבן צו רײדן רוסיש. קאַהאַן האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט און גע־ענטפערט אויף „פּלעין" מאַמע־לשון. איך האָב זיך פאַרשעמט...

ער האָט מיר געזאָגט, אַז די דערציילונג געפעלט אים, נאָר דעם סוף מוז מען איבערמאַכן. עס איז ניט איבערצײַגנד פאַרוואָס די פרוי, וועלכע איך שילדער, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. איך דאַרף זיך אָפּ־שטעלן מער אויף די אורזאַכן וואָס האָבן זי געטריבן צום טויט.

איך בין מיט אים ניט געווען איינשטימיק, נאָר איך האָב געשוויגן.

— נעמט און מאַכט איבער דעם סוף, — האָט געזאָגט קאַהאַן גאַנץ פרײַנטלעך.

אָבער מיט אַ מאָל האָט ער זיך פאַרקוקט אין פענצטער, וואָס איז געווען לעבן זײַן טיש, און איך האָב שטיל געוואַרט. עס זײַנען פאַרבײַ עטלעכע מינוט. איך האָב ניט אַראָפּגענומען מײַנע אויגן פון אים. מיר איז זייער געפעלן געוואָרן וואָס ער נעמט אַזאַ אינטערעס אין יעדער סקיצע, אָדער בילדל, וועלכע ער גיט אַרײַן אין זײַן צײַטונג. און דאָס איז ווײַל ער איז אַליין אַ דערציילער, אַ קינסטלער.

ענדלעך האָט ער זיך האַסטיק אַ קער געטאָן צו מיר:

— אָך, יאָ, נעמט דעם מאַנוסקריפּט.

— מיסטער קאַהאַן, — האָב איך געזאָגט, — אפשר וואָלט איר עס געמאַכט פאַר מיר.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— נו, גוט, לאָזט עס בײַ מיר. איך וועל צושרײַבן דעם סוף.

— איך דאַנק אייך.

ער האָט מיר באַגלייט צום אַרויסגאַנג. איך בין אַרויס פון קאַהאַנס צימער און געשמייכלט. צוויי מיטאַרבעטער פון דער צייטונג זיינען צוגעלאָפן צו מיר און נייגעריק געפרעגט:

— קאַהאַן האָט אייך אָנגעשטעלט?

— איר האָט געקראָגן אַ דזשאַב אין „פאָרווערטס״?

איך האָב אַלץ שמייכלענדיק געענטפערט:

— יאָ, געקראָגן אַ דזשאַב... — און זיך געלאָזט גיין צום עלע־וויטאָר.

די ענדע, וואָס קאַהאַן האָט צוגעשריבן צו מיין דערציילונג האָט זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין מיין טאָן, נאָר זי איז געווען פּסיכאָלאָגיש אויס־געהאַלטן און אָפּילו שפּאַנענד. און איך האָב זיך געטראַכט:

— ווּעמען אַרט עס. דאָס האָט דאָך געשריבן מיין אַלטער פעטער דוד זאַגער...

אין גיכן האָט אַ צווייטער „גאָטליב״ מיר אונטערגעשטעלט אַ פּיסל און אב קאַהאַן האָט מיך אויפגעהערט צו דרוקן.

איצט זיינען מיינע צוויי צייטווייליקע רעדאַקטאָרן פון „פאָרווערטס״ שוין אויפן עולם האמת. דערפאַר האָב איך פאַרצייכנט מיינע דערפאַ־רונגען מיט זיי.

חנן י. מיניקעס

חנן י. מיניקעסן האָט מען שוין ווי פאַרגעסן צווישן די יידישע שרייבער, וועלכע ער האָט אַזוי טריי און אומזיסט געדינט מער ווי פינף און דרייסיק יאָר. אַוועק און אָפּגעווישט. אָבער איך דערמאָן מיך אָפּט אָן אים און אַלץ מאָלט זיך מיר אַ ווייטער, פרעמדער און וויסטער בית עולם, וואו מען האָט אים געבראַכט צו זיין אייביקער רו, אויף אַ פּוסטן פעלד, האַרט ביי אַ וועג און אויף אייביק אָפּגעריסן פון די יידישע שרייבער.

צוגרייטנדיק זיין לוויה איז פאָרגעקומען אַ פאַרדריסלעכער פּלאָנטער צווישן דער אַקטיאָרן יוניאָן און די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון פּרץ שרייבער־פאַראיין. נאָר וועגן דעם ווילט זיך איצט ניט ריידן. צו וואָס? ווער האָט ביי אונדז אַ פיינע באַציאונג צו איינעם וואָס איז שטיל און באַשיידן, יאָגט זיך ניט נאָך פאַרדינסטן און איז תמיד גרייט דינען יעדן מיט שמחה?

זעקס יאָר זיינען מיר צוזאַמען געווען אין דער עקזעקוטיווע פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין. ער פלעגט זיך תמיד ביי מיר בעטן איך זאָל אים געבן עפּעס טאָן: דערפילן עפּעס אַ שליחות, אַוועקטראָגן נאָ־טיצן אין די רעדאַקציעס, זיך זען מיט דעם אָדער יענעם שרייבער, וואָס זאָל אויפטרעטן ביי אַ סימפּאָזיום. איך פלעג נאָר דאַרפן געבן אַ וואונק און דער ליבער מיניקעס איז שוין געלאָפן אַ צעטראָגענער אין די ציי־טונגען. אויפן וועג פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און אָפּרופן אין עטלעכע פלעצער, אָנזאָגן, אַז ער וועט באַלד קומען, און גלייך מיר אָנקלינגען אַז ער האָט נאָר וואָס גערעדט מיט אַלעמען אין טעלעפאָן און וועט זיי אויך זען אַליין. ער וועט שוין אַלץ באַזאָרגן און איך קען גיין זיך אויס־רוען.

איך פלעג זיך אָפּט פילן געקרענקט, וואָס פאַר מיר לויפט אַרום אַן אַלטער מאַן און טוט מיין אַרבעט אומזיסט. איך האָב געוואוסט, אַז מיני־קעס איז אַ ייד אַן אָרעמאַן, האָט אַ שטעלע אַלס „אָשער" אין אַ טעאַטער און מאַכט קוים אַ לעבן. אָבער מיינע רייד, אַז איך וועל שוין אַליין אָפּטאָן די אַרבעט און ער דאַרף זיך ניט „באַדערן" מיט די אַלע קליי־ניקייטן, פלעגן אים מאַכן שטאַרק אומעטיק און פאַרזאָרגט: אָט איך וויל

אַפּנים פּטור ווערן פון אים, אַרויסשטויסן פון פאַראיין און וואָס וועט ער דאַן טאָן? מיט אַ שטילן, אַביסל הייזעריקן קול, פלעגט ער מיר נעמען דערציילן אַז נאָך מיטן פריערדיקן סעקרעטאַר האָט ער געאַרבעט צוזאַמען און אַלץ איז געגאַנגען גוט. וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע בעלער און קאָנצערטן זיי האָבן אַראַנזשירט פאַר די נויטבאַדערפטיקע שרייבער פון אייראָפּע. פאַר אים איז די אַרבעט ניט שווער. פאַרקערט, ער האָט אַ סך פאַרגעניגן צו טאָן עפּעס פאַרן פאַראיין און מיר אַרויסהעלפן.

— אָבער ליבער מיסטער מיניקעס, — פלעג איך צו אים זאָגן, — איך באַקום דאָך געהאַלט און די אַרבעט ווילט איר טאָן. נעמט כאָטש פאַר די אויסגאַבן וואָס איר האָט.

— נאַרישקייטן, פלעגט ער שוין שעמעוודיק שמייכלען צו מיר. — מיר וועלן זיך שפּעטער אויסרעכענען אָבער ער האָט זעלטן ווען גענומען אַ דאלער אויף אויסגאַבן.

אָפּטמאָל פלעגט ער זאַכן פאַרפּלאָנטערן און ביי מיר פלעגט נעמען אַ סך צייט ביז איך האָב געקענט קומען צו אַ טאַלק. איך פלעג ווערן בייז און האָבן טענות צו אים. תמיד האָט ער זיך שטיל פאַרענטפערט און נאָר איינמאָל פאַר די אַלע יאָרן וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען אין דער עקזעקוטיווע האָט ער מיר געגעבן אַן ענטפער שאַרף און קורץ:

— ביי אייך פרעגט מען ניט!

איך האָב אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. זיין דאַרער פּנים מיט די צוויי טיפע קנייטשן אויף די איינגעפאַלענע באַקן, איז געוואָרן רויט־לעך בלוי. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אָפּגעקערט דעם קאָפּ. אים האָט אַפּנים גלייך פאַרדראָסן, פאַרוואָס ביי אים האָט זיך אַרויסגע־ריסן אַזעלכע שאַרפע ווערטער. אָבער אים האָט שטאַרק ווי געטאָן וואָס איך בין געווען קעגן ער זאָל אַריינטרעטן אין אַ געוויסע קאָמיטע פון פאַראיין.

שפּעטער האָבן מיר זיך ביידע געסטאַרעט פאַרגלעטן און פאַרגעסן וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן אונדז. מיניקעס איז ווידער אַרומגע־לאָפן איבער די רעדאַקציע מיט נאָטיצן פאַר די ליטעראַרישע אונטער־נעמונגען וואָס דער פאַראיין פלעגט אָפּט אַראַנזשירן אין האַיאַס געביידע לטובת דעם אָדער יענעם נויטבאַדערפטיקן שרייבער. ער פלעגט ביי מיר בעטן נאָטיצן פאַר אַ גאַנצע וואָך פאָראויס און פאַרזיכערן, אַז ער וועט אַלע טאָג זיין אין די צייטונגען און איך זאָל זיך גוט אויסרוען, ווייל די לעצטע צייט זע איך אויס בלאַס און מיד.

אָט אַזוי פלעגט דער אַלטער ליבער מיניקעס ריידן צו מיר.

שבת, דעם אָוונט פון דער אונטערנעמונג, פלעג איך אין האַיאָס קומען פריער. אָבער מיניקעס איז תמיד דאָרט געווען פאַר מיר און אַלץ באַזאָרגט. דער זאַל איז געווען באַלויכטן, די בענק זיינען געשטאַנען אין גלייכע רייען און געוואַרט אויף אַן עולם און ער אַליין פלעגט זיצן אויף אַ שטול ביים טיר אַ קלייניקער און אַ דאַרער און דרעמלען. דעם לעצטן ווינטער האָב איך אַפאַר מאָל זיך אַריינגעקוקט אין אים, ווען ער פלעגט אַזוי דרעמלען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און באַמערקט אַ מאָדנע בלויקייט אין זיין פּנים. אָבער מיניקעס, פלעגט גלייך דורכלויפן אין קאָפּ, איז דאָך שוין איבער זיבעציק און איז דאַכט זיך קיינמאָל ניט קראַנק. איך פלעג אים אָנרירן פאַר אַן אַקסל. ער פלעגט זיך האַסטיק און אַביסל דערשראָקן אַ הויב טאָן, מיך אָנקוקן, עפּעס אַ זאָג טאָן אין דער שטיל און זיך לאָזן אויף גיך שפּאַנען איבערן זאַל רונד אַרום.

דערנאָך אַ גאַנצן אָוונט שטיין ביים טיר און צונעמען די טיקעטס. אָפטמאָל פלעגט ער נאָך אַזאַ אונטערנעמונג לויפן אין טעאַטער אויף זיין „אָשער" שטעלע.

אַ סך מאָל פלעגט ער אָנשטעלן אַן אַנדערן אויף זיין פּלאַץ אין טעאַטער און דערנאָך באַצאָלן פון זיין אייגן קעשענע. ביים פאַראיין האָט ער ניט געוואָלט נעמען די אויסגאָבן.

ער פלעגט זיך תמיד אַרומטראָגן מיט אַ וואונטש, אַז דער פּרץ שרייבער־פאַראיין זאָל איבערנעמען זיינע „יום טוב בלעטער". פאַריקן ווינטער האָט ער זיך געגרייט צו פייערן דעם זעקס און דרייסיקסטן יובילייַ פון זיינע „בלעטער" און ביי אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיווע שטיל און פאַרשעמט געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז דער פאַראיין זאָל אַראָנ־זשירן דעם יום טוב און אַז די גאַנצע אייננאַמע וועט, פאַרשטענדלעך, גיין פאַר נויטבאַדערפטיקע שרייבער. מען האָט אים ניט ענטזאָגט און אויסגעקליבן אַ קאָמיטע. אָבער די זאַך האָט זיך געצויגן ווי פון פּעך און ער האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר אַז עפּעס האָט די עקזעקוטיווע ניט קיין חשק עס צו טאָן און אָט, אָט רוקט זיך שוין אונטער דער פרילינג און דער יום טוב פּסח און ער קען זיך קיין עצה ניט געבן, ווייל די אונטערנעמונג איז אַ גרויסע און וועט פאָדערן אַ סך אויסגאָבן און ער איז איצט שטאַרק געבראָכן. זיין פרוי איז שוין לאַנג קראַנק און אין טעאַטער צאָלט מען אויך ניט קיין געהאַלט.

אָבער דער טויט האָט אים באַפרייט פון די אַלע זאָרגן.

מערקווירדיק, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז מיניקעס איז קראַנק, האָט עס כמעט קיינער ניט גענומען ערנסט, מען האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער מענטש זאָל זיך אַריינלייגן אין בעט און זיין קראַנק, ווייל תמיד פלעגט מען אים זען אַ פאַרהאַוועטן ווי ער שפּאַנט גיך און אַביסל קרומלעך איבער די גאַסן און קוקט זיך אפילו ניט אום אויף די אויטאָמאָבילן וואָס לויפן פון אַלע זייטן.

מיר האָבן געהאַט אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע. מיניקעס איז ניט געקומען. דערנאָך האָט מען מיך גערופן צום טעלעפאָן. אימיצער האָט פון „פאָרווערטס" אָפּגערופן און געלאָזט וויסן אַז מיניקעס האָט טעלעפאָנירט אין רעדאַקציע דאָס ער איז זייער קראַנק אוןליידט פון פאַרהאַרטעוועט אָדערן אַרום האַרץ.

— אַליין אָפּגערופן ?

— יאָ אַליין.

איך האָב עס דערציילט די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע. מען האָט גערעדט וועגן אַלטן אַ פּאָר מינוט און אפילו געשפּאַסט עפּעס וועגן פּובליסיטי אויף זיין חשבון. עס איז אַוועק אַ וואָך און ווידער איז געווען אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז פאַר דער צייט איז שוין מיניקעס געווען אין אַ קריסטלעכן האָספּיטאַל, איז ווידער אין הויז און איז נאָך אַלץ קראַנק. איך און ד. ל. מעקלער האָבן באַשלאָסן אים מבקר חולה זיין. אין צוויי טעג אַרום זיינען מיר געפאָרן צו אים.

מיניקעס האָט געוואוינט ווייט אויף וועסט בראנקס. ענדלעך זיינען מיר צוגעקומען צום הויז און אנגעקלונגען אין טיר. אָבער קיינער האָט אונדז ניט געענטפערט. מיר האָבן ווידער געקלונגען. שטיל. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביים עלעוויטאָר באַי און יענער האָט אונדז געזאָגט, אַז דער קראַנקער איז אין הויז און זיינע זין אַרבעטן. מיר מוזן קומען שפּעטער. מעקלער איז אַוועק און איך בין געבליבן וואַרטן ביז פאַר־נאַכט. דאָס מאָל האָט מיר זיינער אַ זון געעפנט די טיר און אַריינגע־פירט צום קראַנקן. מיניקעס איז געלעגן אין אַ גרויסער נייער בעט אַ קלייניקער און אַ שטילער. ער האָט זיך ניט געביטן אין אויסזען. די זעלבע איינגעפאַלענע באַקן מיט די טיפע קנייטשן אַרום מויל און נאָר זיין קול איז געוואָרן נאָך שטילער, שטילער. ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר און קוים מערקבאַר אַ שמייכל געטאָן. איך האָב אים איבערגעגעבן אַ גרוס פון אַלע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע און געטרייסט, אַז

קומענדיקע וואָך וועט ער שוין זיין מיט אונדז ביים מיטינג. ער האָט געגומען ריידן וועגן זיין יובילייַ נומער „יום טוב בלעטער" און אָנגעוויזן אויף אַ קאָמאָד, וואו אין אַ שופלאָד איז געלעגן אַ גאַנצער פּאַק מאַנוסקריפּטן.

— ווען איך וועל שוין געזונט, — האָט ער שטיל אַ זיפץ געטאָן און שווער געאָטעמט.

— פּאַ, רייד ניט, — האָט זיך ביי אים געבעטן זיין זון און מיר אין דער שטיל געזאָגט, אַז ער איז געצוואונגען צו לאָזן דעם פּאָטער אַליין אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, ווייל ער מוז גיין אַרבעטן, אָט זיי האָבן נאָר וואָס געדונגען די נייע דירה און וואַרטן עס אויף דער מוטער, וואָס דאַרף אין גיכן קומען אַהיים. און פּלוצלינג אַזאַ אומגליק. ער איז זייער, זייער קראַנק, זאָגן די דאָקטוירים.

מיר האָבן באַשלאָסן מיניקעסן אַריבערפירן אין אַ האָספּיטאַל. איך בין אַוועק אין „מאָרגן זשורנאַל" און פון דאָרטן האָט מען אַלץ באַזאָרגט. שפּעטער האָט אים נאָך מעקלער באַזוכט אין הויז און ער האָט ווידער גערעדט וועגן זיינע „יום טוב בלעטער". ער האָט אויך איינגעשטימט, אַז מען זאָל אים צונעמען אין האָספּיטאַל. עס זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג. אימיצער פון די שרייבער האָט מיר געזאָגט, אַז מיניקעס בעסערט זיך אין האָספּיטאַל. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט ווערן געזונט און מיר אַלע וועלן אים ווידער זען אויף אונדזער יידישער גאַס און ער וועט ווייטער מיר העלפן אין מיין אַרבעט און זאָרגן, אַז איך זאָל קענען געגוג רוען, ווייל איך זע אויס בלאַס און מיד. אָבער מאָנטיק, דעם אַכט און צוואַנציקסטן אין דער פרי האָב איך זיך דערוואוסט פון „מאָרגן זשורנאַל", אַז דער ליבער גוטער מיניקעס איז זונטיק פאַרנאַכט שטיל אויסגעגאַנגען. איך וויל דאָ ניט דערמאָנען דעם טומל אַרום זיין לוויה און די רעדעס אין „פאָרווערטס" האָל פון אייניקע שרייבער. איך בין געשטאַנען אָן אַ זייט און מיר איז געווען שרעקלעך אומעטיק. עס איז אַוועק פון דער יידישער גאַס אַ זעלטן פיינער טיפּ, אַ גרויסער אידעאַליסט און אַ פיינע נשמה, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט די יידישע שרייבער מיט אַלע זייערע גרויסע פעלערן.

און ווידער מאָלט זיך מיר אַ ווייטער, פרעמדער און וויסטער בית־עולם, וואו אויף אַ פּוסטן פעלד האָט מען איינזאַם באַגראָבן מיניקעסן, האָרט ביי אַ וועג און אים אויף אייביק אָפּגעריסן פון דער יידישער שרייבער משפּחה...

מיינע ערשטע טריט

מיינע ערשטע טריט אין דער יידישער פּרעסע זיינען געווען „סוקסעספול“, אַזוי צו זאָגן. אָבער אין דעם האָט געהאַט אַ גרויסן חלק דער בעלעטריסט און געשיכטע־שרייבער מ. אָשעראָוויטש. ווילט זיך מיר עס דערציילן. ווייל יענע וואונדערבאַרע צייט איז אַוועק אין דער אייביקייט און וועט זיך קיינמאָל ניט אומקערן צוריק.

אין דער ערשטער וואָך פון מיין זיין אין אַמעריקע האָב איך זיך באַקענט מיט אַ סך יידישע שרייבער און פּאָעטן, און אַלע האָבן אין מיר אַרויסגערופן נאָר באַגייסטערונג. זיי האָבן פיל גערעדט וועגן ליטע־ראַטור און זייערע פּערזענלעכע שאַפונגען, וואָס איז מיר שטאַרק געווען צום האַרצן. אָט אַזוי דאַרפן זיין קינסטלער, — האָב איך געטראַכט. פיר און צוואַניצק שעה אין מעת־לעת דאַרפן זיי פיבערן מיט זייער קונסט.

אָבער פון זיצן אין די קיבעצאַרניעס גאַנצע טעג האָב איך קיין פּרנסה ניט געקענט האָבן, און מען האָט געמוזט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ תכלית. דערצו האָט מיין ברודער, צו וועלכן איך בין געקומען פון שווייצאַריע, מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז איך וואָלט געטאָן גוט ווען איך גיי אַריין אין אַ רעדאַקציע און בעט אַ דזשאָב. ער וואָלט געוואָלט זען געדרוקט מיינע דערציילונגען אין אַ טעגלעכער צייטונג.

איך האָב ביי זיך געהאַט אַ קורצע נאָוועלע פון ארץ ישראל לעבן, וואָס מיינער אַ חבר, מיטן נאָמען פּלאָנסקי, האָט איבערזעצט פון רוסיש אויף יידיש און וואָס איז געווען געדרוקט אין אַ רוסישן זשורנאַל אין פּעטראָגראַד, רעקאָמענדירט פון מאַקסים גאָרקי.

האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און עס אַריינגעטראָגן אין „טאָג“.

אַרויסגייענדיק פון רעדאַקציע, האָט מיר אָפּגעשטעלט דער דיכטער ראובן אייזלאַנד און געזאָגט, אַז ער וויל האָבן מיט מיר אַן אינטערוויו פאַר זיין צייטונג.

— מיט מיר אַן אינטערוויו, — בין איך געוואָרן אַביסל איבער־ראַשט. — צו וואָס?

— איר וועט דערציילן ווי עס לעבן די יידן אין שווייצאַריע, — האָט אייזלאַנד אַ שמייכל געטאָן. — קומט צו מיין „דעסק״.

איך וויל ניט זיין באַשיידן, נאָר דער אמת איז, אַז איך האָב פשוט ניט געקענט פאַרשטיין, צו וואָס דאַרף דער „טאָג״ האָבן מיט מיר אַן אינטערוויו. וואָס קען איך זיי זאָגן, און מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און פּאָליטיק האָב איך זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען. דערצו בין איך נאָך אַן אומבאַקאַנטער שרייבער, אַן אָנפאַנגער, קען מען זאָגן, כאָטש איך בין שוין געווען אַ מיטאַרבעטער פון „יעזשעמיעסיאַטשני זשורנאַל״, „ראַזסוויעט״ און „אָדעסקאָיע סלאָוואָ״.

איך האָב געשריבן מעשהלעך און דערציילונגען.

איז אָט זיץ איך לעבן אייזלאַנדן און ער שטעלט מיר פראַגן. איך ענטפער. מיט אַ מאָל גיט ער מיך אַ פרעג:

— איר האָט געענדיקט דעם זשענעווער אוניווערסיטעט? איר האָט דעם טיטול דאָקטאָר?

— וואָס פעלט איך איין. צייטנווייז בין איך געווען אַ פרייער צוהערער פון לעקציעס וועגן געשיכטע און פילאָזאָפיע, איך פלעג אויך באַזוכן די ביבליאָטעק פון אוניווערסיטעט און אַ סך לייענען. דאָס אַלץ, אָבער אַ סטודענט בין איך קיינמאָל ניט געווען.

אייזלאַנד האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל. דערנאָך זיך אַביסל פאַרטראַכט און געזאָגט:

— מען וועט דאַרפן שרייבן, אַז איר האָט יאָ געענדיקט דעם זשע־נעווער אוניווערסיטעט און אַז איר האָט אויך דעם טיטול דאָקטאָר. אַזוי איז חשובער פאַר דער צייטונג.

אויף מאָרגן האָב איך געלייענט, אַז דאָקטאָר תלוש, וועלכער איז נאָר וואָס געקומען פון זשענעוועֵ, שווייצאַריע דערציילט אַזוי און אַזוי. איך האָב זיך געפילט זייער מאָדנע און אַ פּאָר טעג ניט אַריינגעקוקט אין דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע. זיך פשוט געשעמט...

דערווייל האָב איך זיך באַקענט מיט דוד פינסקין, וועלכער האָט זיך דאַן געגרייט רעדאַגירן אַ נייע טעגלעכע פועלי־ציוניסטישע צייטונג „די צייט״, וועלכע האָט געדאַרפט אָט־אָט אָנהויבן דערשיינען. דוד פינסקי האָט מיך אָנגעשטעלט אַלס מיטאַרבעטער, מיט אַ געהאַלט פון פופצן דאָלער אַ וואָך פאַר איין דערציילונג. דערביי האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט פאַר מיר אַז דאָס איז אַ קליינער האָנאָראַר און ער וואָלט

מיר גערן געצאָלט מער, וואָס ער וועט אויך טאָן אַז די צייטונג וועט גוט גיין.

דער ליבער און חשובער דוד פּינסקי איז שטענדיק געווען אידל און דזשענטלמעניש. איך טראַכט תמיד וועגן אים מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט און יראת הכבוד, ווייל ווי מיין ערשטער רעדאַקטאָר פון אַ טעגלעכער צייטונג, האָט ער מיר קיינמאָל קיין פאַרדרוס ניט פאַר־שאַפט און אָפט געלויבט.

„די צייט" איז אַרויס און איך האָב געדאַרפט אָנהויבן צושטעלן סקיצן. אָבער שרייבן יידיש איז מיר דאַן געווען ביז גאָר שווער און איך האָב מיינע געשיכטעס געשריבן אין רוסיש און געזוכט אַן איבער־זעצער, וואָס זאָל מיר רעכענען ניט קיין סך, אַז פון די פּופצן דאָלער זאָל מיר בלייבן כאָטש צען.

אָבער אַט זיץ איך אין אָוונט אין קאַפע ראָיאַל און צו מיר קומט צו אַ יונגע פרוי און מיר ביידע דערפרייען זיך שטאַרק מיט דער באַ־געגעניש.

— וואָס טוט איר דאָ?

— און איר?

— איך בין געקומען אַהער פון שווייצאַריע.

— און איך בין אַנטלאָפן פון אוקראַינע.

— פון טראָסטיאַנעץ?

— יאָ פון דאָרטן.

— האָט איר אין ניו יאָרק אימיצן?

— איך בין דאָ מיט מיין מאַן, און איך האָב דאָ אַ שוועסטער, וואָס איז פאַרהייראַט פאַר דעם שרייבער אָשעראָוויטש.

— אייער שוועסטער סאָניאַ איז אָשעראָוויטשעס פרוי? איך קען זי דאָך אַזוי גוט.

— נו, אוודאי. איר געדענקט ווי איך מיט סאָניאַן האָבן אייך באַ־גלייט אויף דער סטאַנציע ווען איר זענט אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל.

— אַזעלכע זאַכן פאַרגעסן זיך ניט...

* * *

איצט וועל איך אַ שפּרונג טאָן צוריק אויף גוטע פופצן יאָר און בקיצור דערציילן ווי אַזוי איך בין אַריינגעפאַלן קיין טראָסטיאַנעץ, פּאָדאָליער גובערניע.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל לע־

גאַל, אַזוי צו זאָגן. אָבער דערצו האָב איך געדאַרפט פאַרלאָזן מיין געבורטס־שטאָט דווינסק און ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן אָרט וואַרטן, ביז מען וועט מיר צושיקן די נויטיקע פאַפירן.

— פאַר קיין טראַסטיאַנעץ, — האָט צו מיר געזאָגט דער ייד וואָס איז געווען אַ חובב ציון און געזאָרגט, אַז איך זאָל זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל. דו וועסט אין גיכן קריגן דעם גובערנאַטאָרסקן פאַספאָרט.

— וואָס עפּעס קיין טראַסטיאַנעץ? — האָב איך געפרעגט.

— דאָרט קען איך גוט דעם שוחט פון שטעטל און איך וועל דיר געבן צו אים אַ בריוו. ער האָט אַ זון מיט אַ טאָכטער, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט דיינע פאַנטאַזיעס און אידייען. וועסט זיך דאָרט פילן היימיש.

אַזוי ווי קיין געלט האָב איך סיי־ווי ניט געהאַט און דער חובב־ציון האָט מיר אַרויסגעהאָלפן מיט מזומן, איז ביי מיר ניט געווען קיין חילוק וואוהין צו פאָרן. ניט איינמאָל פריער בין איך שוין אַריין אין אַ באַן און מיך האָט ניט געאַרט וואו דער צוג וועט זיך אָפּשטעלן. איך בין שוין געווען געוואוינט אַריינצופאַלן אין פרעמדע שטעט און שטעט־לעך און ניט פאַרלוירן גיין. נו, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין טראַסטיאַנעץ.

עס איז געווען אין מיטן זומער. דעם שוחטס קינדער האָבן מיך אויפגענומען זייער פיין. באַזונדערס זיין טאָכטער, וואָס איז שוין געווען אַ כלה־מיידל.

איך האָב זיך באַקענט מיט נאָך בחורים און מיידלעך, און אַ חדרל האָב איך געקראָגן ביי אַן אָרימען שניידער, וועמענס זון, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, האָט זיך געגרייט צו ווערן אַן „עקסטערן" אין אָדעס.

איך געדענק וואונדערבאַרע זומערדיקע לבנה־נעכט. מיר, די יוגנט, פלעגן פאַרברענגען ביים שטעטלדיקן ברונעם, אָדער אויף די גרינע לאָנ־קעס, ווייט פון די אָרימע כאַטעס, וואָס פילע פון זיי האָבן געהאַט שטרויענע דעכער. מיר האָבן שטיל געזונגען פאַרבענקטע לידער, גע־טרוימט אין דער הויך און געפירט ראָמאַנסן. אָטפּמאָל פלעגן מיר אַזוי פאַרברענגען גאַנצע נעכט און מיט אַמאָל דערזען ווי דער מזרח צינדט זיך אָן מיט אַלערליי קאָלירן און די זון קלייבט זיך אויפצוגיין.

אַזוי זיינען אַוועק אַ צוויי חדשים. איך האָב נאָך דעם גובער־נאַטאָרסקן פאַספּאָרט ניט געקראָגן און בין געווען צופרידן. עס האָט זיך מיר אַזוי גיך ניט געוואָלט אַוועקפאָרן פון טראַסטיאַנעץ.

פאַר דער צייט האָב איך זיך אויך באַקענט מיט אַשעראָוויטשעס צוקונפטיקער פרוי און איר, דאַכט זיך, יינגערער שוועסטער.

זייער פאָטער, אויב איך מאַך ניט טעות, האָט געוואוינט הינטערן שטעטל און געהאַט אַ „לעסאָפּילנע", אַ זעגמיל. זייער הויז איז געשטאַנען באַזונדער און איז געווען גוט געבויט. איך געדענק גרויסע גוט מעבלירטע צימערן, וואָס האָבן דערמאָנט די היים פון אַ ניט־רייכן גוט־באַזיצער. אָבער די געשטאַלטן פון די שוועסטערס עלטערן געדענק איך ניט, כאָטש זייער פאָטער זע איך יאָ סמוטנע פאַר מיינע אויגן, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות.

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער אָסיען און איך בין נאָך אַלץ געווען אין טראָסטיאַנעץ. אָט־אָט האָט געדאַרפט אָנקומען מיין פאַל־שער גובערנאַטאָרסקער פּאַספּאָרט. עס האָבן געגאָסן אָפטע רעגנס און דאָס שטעטל האָט זיך געטונקען אין בלאָטעס. איך פלעג אָפט אין די אָוונטן באַזוכן די שוועסטער און דאַרפן ביי זייער טיר לאַנג רייניקן מיינע שיך, אָדער שטיוול, ביז איך האָב געקענט אַריין אין הויז, וואו איך בין שטענדיק געווען אַ גוטער גאַסט.ביידע מיידלעך האָבן זיך באַצויגן צו מיר ביז גאָר פריינטלעך. באַזונדערס די יינגערע. געקומען אַ בלאָנדער בחור אַ ראָמאַנטיקער פון דער ווייטער וועלט, פון דער וואָלגאַ, פון פאַרשידענע לענדער, און פאַרט קיין ארץ־ישראל העלפן בויען דאָס לאַנד, ווערן אַ חלוץ. דאָס האָט שטאַרק אימפּאָנירט די מיידלעך, אַרויסגערופן אין זיי אַלערליי געפילן. אָבער אָט איז אָנגעקומען דער גובערנאַטאָרסקער פּאַספּאָרט און איך האָב זיך גענומען קלייבן אין וועג.

איך בין אַוועקגעפאָרן פון טראָסטיאַנעץ אין אַ פינצטערן אָוונט. די איינציקע וואָס האָבן מיך באַגלייט, זיינען געווען די צוויי שוועסטער. מיר זיינען געשטאַנען אויף דער קליינינקער סטאַנציע און געוואַרט דער צוג זאָל אָנקומען. אונדז איז געווען זייער אומעטיק. אָבער אָט איז אָנגעלאָפן דער צוג, זיך באַוויזן פון דער פינצטערניש מיט צוויי גרויסע לויכטנדיקע אויגן און סאָפּענדיק זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן זיך אָנ־געהויבן געזעגענען און די יינגערע שוועסטער האָט מיך אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן:

— פאָרט געזונטערהייט.

* * *

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געטראָפן אָשעראָוויטשן און ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך. זיין פרוי, סאָניאַ וויל מיך זען. און ער וועט אויך פאַר מיר, אגב אורחא, איבערזעצן מיינע אַ סקיצע, אַז איך זאָל עס גלייך קענען אַריינגעבן אין די „צייט".

אויף מאָרגן בין איך געפאָרן צו אים. אָשעראָוויטש האָט געוואוינט ערגעץ אין ברוקלין. איך בין זיך מודה אַז מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט ווען איך האָב אָנגעקלונגען אין זיין טיר. דערינערונגען פון מיין זיין אין טראַסטיאַנעץ זיינען אָנגעפלויגן. אַ בילד נאָך אַ בילד איז אויפגעשטאַנען פאַר מיינע אויגן. ווי זעט איצט אויס סאָניאַ? אָבער אַט עפנט מען די טיר און אָשעראָוויטש שטייט אַ שמייכלענדיקער אויפן שוועל. און באַלד באַוויזט זיך אין האַלב טונקעלן קאָרידאָר אַ קליינינקע, ליבע יונגע פרוי. זי גייט צו און דערלאַנגט מיר די האַנט.

— צעקושט זיך, — זאָגט אָשעראָוויטש מעשה ספּאָרט.

מיר האָבן זיך צעקושט.

אָשעראָוויטשעס פרוי האָט צוגעגרייט אַ געשמאַקע וועטשערע פאַרן גאַסט. מיר האָבן געגעסן געפּרעגלטע פיש און אַנדערע גוטע מאכלים. מיר האָבן גערעדט וועגן טראַסטיאַנעץ. איך האָב אויך דערציילט וועגן מיין לעבן אין שווייצאַריע אין צייט פון דער מלחמה. נאָכן עסן האָט אָשע־ראָוויטש ביי מיר געפרעגט:

— האָסט עפּעס אָנגעשריבן?

— יאָ, אַ קליינע דערציילונג וואָס הייסט „מאַלענקאַיאַ פּאָולינאַ”.

— די קליינע פּאולינא.

— יאָ.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין שרייב־צימער און זיך אַוועק־געזעצט ביים טיש.

— נו, לייען עס איבער.

איך האָב איבערגעלייענט די סקיצע און אַ מינוט מיט שרעק גע־וואַרט וואָס אָשעראָוויטש וועט זאָגן.

— אַ פיינע זאַכעלע, — האָט ער ענדלעך אַרויסגערעדט און גענו־מען עטלעכע בויגעלעך פּאַפּיר און אַ פען אין האַנט. — דיקטיר מיר דעם אָריגינאַל און איך וועל עס שרייבן אין יידיש.

אַז אָשעראָוויטש האָט מיר דערנאָך איבערגעלייענט די סקיצע, בין איך געווען זייער צופרידן. עס איז אַרויסגעקומען אַ סך בעסער, ווי עס איז געווען אין רוסיש. ער האָט עס געמאַכט אַביסל פולער, גלאַטער און פּשוטער.

איך האָב אים זייער געדאַנקט ווייל ער האָט ביי מיר פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט נעמען קיין געלט פאַר דער אַרבעט.

„די קליינע פּאולינאַ״ איז אויך געפּעלן געוואָרן דוד פּינסקין און ער האָט עס דעם ערשטן זונטיק אַריינגעגעבן אין „די צייט״. די סקיצע האָט אויסגענומען ביי די לייענער. אַזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן פון אַלע זייטן.

דערנאָך האָט אַשעראָוויטש איבערגעזעצט מיינע אַ דערציילונג „אין משוגעים־הויז״, וואָס איז געגאַנגען אין „די צייט״ אין דריי פאַרזעצונגען. ער האָט געהאַט פריער אַריינגעגעבן אַ נאָטיץ אין „פאָרווערטס״ וועגן מיין קומען קיין אַמעריקע און צו מיר געזאָגט:

— ווייז וואָס דו קענסט.

איצט האָב איך שוין אַביסל געוויזן וואָס איך קען און זיך ניט גע־דאַרפט שעמען פאַר אים.

אייגנטלעך האָב איך דאָ געדאַרפט זיך אָפּשטעלן. אָבער מיר ווילט זיך צוגעבן נאָך עטלעכע שטריכן צו זיין כאַראַקטער.

איינמאָל איז מיר אויסגעקומען אַ הוליע צו טאָן מיט אַשעראָוויטשן אין קאַפע ראַיאַל. אַ קליינע גרופּע שרייבער און אַקטיאָרן האָבן מיר געקויפט אַ גרויסע פלאַש שליוואָוויץ און זיך געלאָזט וואוילגיין. אַשע־ראָוויטש האָט מער געזונגען ווי געטרונקען. דער ייד פון אוקראַינע האָט זיך צעשפּילט אין אים אויף אַלע טענער. ער איז געווען דער „זאַפּע־וואַלע״, ווי דער רוס זאָגט, און מיר די פריילעכע חברה, האָבן מיט־געזונגען. יאָ, עס איז געווען אַ צייט, ווען אַשעראָוויטש האָט ליב געהאַט אַ הוליע צו טאָן און איבערהויפּט זינגען יידישע און אוקראַינישע פאַר־בענקטע לידער. דאָס, אגב, מערקט מען אויך אין זיינע „שטעט און שטעטלעך״, וואָס ער האָט באַשריבן. מען זינגט ביי אים אַ סך. זיין נשמה בענקט נאָך נגונים.

די דאָזיקע פיינע שטריכן פון זיין כאַראַקטער האָב איך שוין באַ־מערקט אין אים, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו מאַכן מיינע ערשטע טריט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע.

עלנט

מיר זיינען אַרויס פון אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווידמעט דעם אָנדענק פון אַ יונג פאַרשטאָרבענעם גרויסן יידישן דיכטער. עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. די קליינע גרופּע שריפטשטעלער איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשידענע זייטן און איך בין געבליבן מיט איינעם אַ לייענער, וועלכער איז געווען אַ פאַרעהרער פון פאַרשטאָרבענעם דיכטער און האָט אים גוט געקענט.

— קומט אַריין אין אַ קאַפעטעריע, — האָט ער געזאָגט. ס'ווילט זיך ניט גיין אַהיים. דער אָוונט האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. פריער זיין אומדערוואַרטעטער טויט, דערנאָך די לוויה און די באַריכטן אין די צייטונגען און איצט די מאָדנע רייד פון זיינע חברים און די לידער וואָס זיי האָבן געלייענט אין זיין אָנדענק. עפּעס האָט זיך ניט געפילט קיין אויפריכטיקייט אין זייער טאָן. אַלץ איז געווען „געמאַכט״. ער איז שוין מער ניטאָ צווישן אונדז און דער צער איז גרויס. אוודאי איז ער ניטאָ, אַז איר האָט אים געלאָזט לאַנגזאַם שטאַרבן פון נויט.

— וואָס מיינט איר פון נויט ?

— גאָר פשוט. פלעגט ער ערגעץ קריגן אַביסל געלט האָט ער עס אַוועקגעגעבן דער פרוי פאַר זיין קינד און אַליין ניט דערעסן. ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש. דאָס האַרץ איז ביי אים געווען שוין פון לאַנג אָפּגעשוואַכט און אין מאָגן אַ וואונד. וואָס האָט ער געקענט טאָן, דער דיכטער! ווערן אַ „דיש־וואַשער״ אין אַ רעסטאָראַן! פאַרוואָס האָבן זיינע חברים, וועלכע זיינען גוט איינגעאָרדנט, ניט געטראַכט וועגן דעם פריער. איצט שרייבט מען וועגן דעם רייכן ליטעראַרישן פאַרמעגן, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט און מען קען זיך כלומרשט ניט טרייסטן. אָט פּרובירט ביי זיי אַרויסרייסן אַ פאַר דאָלער פאַר אַ נויטבאַדערפטיקן קאָלעגע וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדער גרופּע, ניט געפונען דעם פלאַץ!

— איר איבערטרייבט אַ סך, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן. — מען האָט געטאָן וואָס מען האָט געקענט.

ער האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און איז געבליבן שטיין אין מיטן גאַס. ער האָט אָנגערופן אַ פּאָר נעמען פון באַוואוסטע שרייבער און געזאָגט, אַז יענע דערוואָרט דאָס זעלבע, אויב מען וועט זיי ניט פאַרזאָרגן מיט אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג, זיי זאָלן קענען זיך ווי עס איז דורכשלאָגן.

— אָבער צו וואָס מיינע רייד — איז ער פּלוצלינג שטיל געבליבן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

מיר זיינען אַריין אין אַ קאַפעטעריע און זיך געזעצט אין אַ ווינקל. דאָרט איז געווען שטיל. דער ווייטער האָט געדרעמלט ביי אַ טישל.

— יאָ, יאָ אַזוי איז עס, — האָב איך אין דער הויך אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם עלנט פון פילע יידישע שרייבער.

— איר ווייסט, — איז מיין באַקאַנטער געוואָרן ליריש געשטימט, — ווען איך טראַכט וועגן אים קלינגט מיר עפּעס נאָכאַנאַנד אין די אויערן ניקיטינס אומעטיק ליד „ווירידאַ זאַסטופּאָם יאַמאַ גלובאָקאַיאַ״, און ער האָט פאַר מיר גענומען לייענען דאָס ליד אין אַנסקיס איבערזעצונג:

„דער קבר איז פאַרטיק, דער קבר איז אָפן.
אַ לעבן אָן פרייד, אַ לעבן אָן האָפן.״

ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט, ניט געקענט זיך דערמאָנען די ווערטער און פאַרענדיקט:

„טרויעריק ביסטו זיך נעבעך געגאַנגען
און ווי אין מדבר אַ פייער פאַרגאַנגען.
שלאָף זשע איין רואיק מיין ביטערע דאָליע.
עטלעכע שטיינער עטלעכע ברעטער״...

— דערציילט מיר בעסער אייניקע שטריכן פון זיין כאַראַקטער, — האָב איך אים געבעטן. דעם אמת געזאָגט האָב איך דעם פאַרשטאָרבענעם ווייניק געקענט. ער איז טאַקע געווען אַ בייזער און אַ פאַרביטערטער?

מיין באַקאַנטער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַן אומעטיקן שמייכל.

— דאָס איז ניט אמת. מיר דוכט זיך אפילו אַז די קללות און גראָבע רייד אין אייניקע פון זיינע לידער האָבן זיך ביי אים אַרויסגעריסן אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג. עפּעס ווי אַ פרעמדער וואָלטן זיי פון אים אַרויסגעשריען. ער איז געווען אַ גוטער און אַ צאַרטער אין נאַטור און איבערהויפּט אַ גלייכער. אים איז שווער געווען צו גיין אויף קאָמ־פּראָמיסן און ער האָט עס באַוויזן אין באַצוג צו די לינקע, כאָטש דאָס האָט אים אַ סך געקאָסט. איך האָב זיך צוגעהערט ביי דער פאַרזאַמלונג

צו אייניקע רעדנער וועלכע האָבן אים פאַלש געשילדערט און מיר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועט שטיל אַריינקומען די אלמנה פון דיכטער און זאָגן אַז ס׳איז ניט אמת און זיי האָבן אים ניט געקענט. אָבער זי האָט זיך ניט באַוויזן און קיינער האָט ניט פּראָטעסטירט. נאָר איך וועל אייך עפּעס דערציילן, וואָס וועט אייך באַווייזן וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ער האָט געהאַט.

— דאָס וויל איך טאַקע הערן.

— פאַראַיאָרן ווינטער האָט ער זיך שטאַרק געפּלאָגט. איין מאָל טרעף איך אים אין אַ קאַפע ווי ער זיצט אַליין אַ פאַרזאָרגטער. איך בין צוגעקומען צו זיין טישל. מיר האָבן אַ ווײַלע גערעדט וועגן אַלגע־מיינע זאַכן. דערנאָך האָט ער באַמערקט אַז שוין אַ פּאָר חדשים ווי ער האָט ניט געצאָלט קיין דירה־געלט און דער סוף וועט זיין אַז מען וועט אים נאָך אַרויסזעצן אין גאַס. איך האָב פאָרגעשלאָגן אַראַנזשירן פאַר אים אַ ליטעראַרישן אָוונט. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט אָבער צוגעשטימט און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. קורץ, דער אָוונט איז געווען גוט באַזוכט, כאָטש די לינקע האָבן אים אַטאַקירט און ווי געטאָן. שפּעטער זיינען מיר אַריין אין אַ קאַפע און איך האָב אים איבערגעגעבן די גאַנצע איינּנאַמע פון אוונט. עפּעס איבער הונדערט דאָלער.

ער האָט מיר האַרציק באַדאַנקט און געפרעגט וויפיל מיר קומט.

— וואָס מיינט איר? — האָב איך געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— אָבער איר זייט דאָך אַליין אויך אַ ייד אַן אָרימאַן — האָט ער מיך וואָרעם אָנגעקוקט מיט זיינע בלויע אויגן. נעמט אַ טייל.

איך בין געווען גערירט און אים דערקלערט אַז איך דאַרף עס ניט.

און איצט נאָך אַ שטריך פון זיין כאַראַקטער:

מיט אַ זעקס אָדער זיבן יאָר צוריק האָב איך איינמאָל זומער פאַר־בראַכט אַ טאָג אויף דער פאַרם פון זיינעם אַ געוועזענעם נאָענטן חבר. די האַלטונג פוןביידע שריפטשטעלער איז מיר אויסגעקומען אַביסל טשיקאַווע. עפּעס ווי זיי וואָלטן נאָכאַנאַנד פאַזירט פאַר אימיצן. היינט זייער הילוך! איך האָב עס דערנאָך דערציילט אייניקע באַקאַנטע און אַביסל חוזק געמאַכט פון זיי. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מען האָט עס אים איבערגעגעבן און נאָך צוגעפאַרבטערהייט. מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן און ער האָט אַפילו מיט איין וואָרט מיר ניט דערמאָנט וועגן דעם.

— מיין גאָט, אַן אַנדער גדול וואָלט אויף מיר פאַר אַזאַ זאַך זיך ניט געוואָלט דערנאָך אומקוקן.

איך האָב געשמייכלט.

— נו, און יענעם סקאַנדאַל אין קאַפע געדענקט איר דאָך? — האָט געפרעגט מיין באַקאַנטער. עפּעס אַ משוגענער מאַטראָז, וואָס האָט געשריבן לידער, האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים און באַשולדיקט דעם גרויסן דיכטער אַז ער האָט ביי אים צוגעגנבעט אַ מאַנוסקריפּט. אַלע האָבן זיך געסטאַרעט אים באַרואיקן. אָבער דער סוף איז געווען, אַז דער ווילדער יונג האָט דעם דיכטער דערלאַנגט אַ זעץ אין פּנים און שיר ניט אויסגעהאַקט אים עטלעכע ציין. אייניקע האָבן געוואָלט רופן פּאָליציי און אים אַרעסטירן, אָבער דער דיכטער האָט ניט דערלאָזט און איז אַוועק שפּייענדיק מיט בלוט.

מיין באַקאַנטער האָט אַ ווילע געשוויגן און דערנאָך צוגעגעבן:

— איך האָב ליב זיינע לידער. אין זיי איז פאַראַן אַזוי פיל קראַפט און צאַרטקייט. זיינע ערשטע לידער זיינען וואונדערבאַר. שפּעטער האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט, אַראָפּ פון וועג און זיך ניט געקענט געפינען. ער האָט געבלאָנדזשעט. אָבער דאָס וואָלט געווען צייטווייליק, ווען ניט דער טויט וואָס האָט מיט אַ מאָל און אַזוי מיאוס אַלץ איבערגעריסן. ערשט מיט אַ צוויי וואָכן פאַר זיין טויט האָב איך אים געטראָפן ביי דער סאָבוויי אויף דער פערצנטער גאַס. דער טאָג איז געווען אַ הייסער. זיין פּנים האָט אויסגעזען מיד. די בלויע פּראָלעטאַרישע העמד פון אויבן פאַנאַנדערגעשפּילעט אויף דער ברוסט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער וואָס גייט פון שאַפּ. ער האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן מיט זיין ברייטן מויל און געפרעגט וואָס איך מאַך. איך האָב אים געזאָגט אַז איך קלייב זיך פאָרן אין די בערג. מער האָב איך אים שוין ניט געזען. און דערנאָך וויקל איך פונאַנדער אַ צייטונג און דערזע זיין בילד אויף דער ערשטער פּיידזש. עס האָבן אין מיר גענומען ציטערן אַלע גלידער...

מיין באַקאַנטער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון טיש אַ הויכער און אַ דאַרער מיט אַן ערנסטן אויסגעצויגענעם פּנים.

— קומט אַרויס, — האָט ער געזאָגט, — צו וואָס די אַלע רייד. מען האָט אים פאַרזען, ווי מען פאַרזעט די אַלע אַנדערע. קומט!

אַ יובילאַר

1

דער שריפטשטעלער פּאָרטוגאַנסקי האָט פון צייט צו צייט געדרוקט קורצע סקיצן אין אַ טעגלעכער צייטונג און געמאַכט פאַרשידענע איבערזעצונגען, נאָר דאָס אַלץ האָט אים אַריינגעבראַכט זייער ווייניק פּרנסה און ער האָט געלעבט אין נויט. דאָך האָט ער אָפּ־געהיט זיין באַרוף און איז געווען שטאָלץ וואָס ער איז אַ יידישער שרייבער.

איין זומער האָט זיך פּאָרטוגאַנסקי מיט זיין פרוי באַזעצט אין אַ קליינעם שטעטל ביים ים ניט ווייט פון ניו יאָרק. אין דעם דאָזיקן שטעטל האָט זיך אויך געפונען אַ ברענטש פון דער אָרגאַניזאַציע „בני ישראל", צו וועלכער פּאָרטוגאַנסקי האָט שוין פון לאַנג באַלאַנגט, ווייל די אָרגאַניזאַציע האָט באַזאָרגט אירע מיטגלידער מיט קרקע, געגעבן קראַנקן בענעפיט און אָפט אַרויסגעלאָזט מאַניפעסטן אַז מען דאַרף שטיצן די יידישע ליטעראַטור.

איינמאָל האָבן די צוויי מיטגלידער פון דער קולטור־קאָמיסיע פון דעם ברענטש אים געלאָזט וויסן, דאָס מען וויל אַראַנזשירן לכבוד אים אַ ליטעראַרישן אָוונט אַ יובילעי, אַזוי צו זאָגן. זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר. אמת, אין לעקסיקאָן זיינען די יאָרן פון די שרייבער אָנגעגעבן מערסטנס אַביסל יינגער, און ער, פּאָרטו־גאַנסקי, איז מסתמא אויך עלטער מיט אַ פינף־זעקס יאָר, נאָר דאָס איז ניט „זייער ביזנעס". זיי זיינען פאַראינטערעסירט אין קולטור און וועלן זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט.

פּאָרטוגאַנסקין איז אַפילו ניט איינגעפאַלן, דאָס אַ וועלכע עס איז קולטור־אָרגאַניזאַציע זאָל זיך רעכענען מיט אים. ער האָט גוט געוואוסט, אַז אויף דער יידישער גאַס פראַוועט מען יום־טובים פאַר די יעניקע כלל־טוער און שרייבער, וועלכע האָבן שטאַרקע עלענבויגנס און קענען זיך שטופּן אומעטום. נאָר אַז אימיצן איז באַשערט כבוד איז דאָך ניט שייך, און ער האָט שטאַרק באַדאַנקט די צוויי מיטגלידער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

אָבער געפילט האָט ער זיך ניט אַזוי פויגלדיק, ווייל מען האָט אים דערציילט, אַז אויפן לעצטן מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון ברענטש האָבן די מערסטע מיטגלידער זיך באַצויגן גאַנץ קאַלט צום גאַנצן ענין: פאַרוואָס קומט אים אַן אָונט? וואָס האָט ער אַזוינס אויפגעטאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור? אמת, ביי אים וואַקסט עפּעס אויפן מאַרך און דאָס קען ברענגען צו זייער טרויעריקע רעזולטאַטן. ווייניק קראַנקע שרייבער זיינען פאַראַן ביי יידן! אָבער מר. סאָסנאָוויץ דער קולטור טשערמאַן פון ברענטש, און חבר קאָוואַלאָוו, זיין אַסיסטענט, האָבן גע־טענהט, אַז פּאָרטוגאַנסקי איז אַ שרייבער מיט אַ שטיקל נאָמען און זיין בוך „אומרואיקע טעג" האָבן די קריטיקער אויפגענומען גאַנץ סימ־פּאַטיש.

— נו, מילא, — האָט געזאָגט דער פּרעזידענט פון ברענטש, — אויב איר נעמט די גאַנצע אַרבעט אויף זיך, איז עפּעס אַנדערש! אונדזער אָרגאַניזאַציע קען זיך קיין סך ניט „באַדערן" מיט ליטעראַרישע אָונטן.

— זאָל נאָר אַלץ געטאָן ווערן מיט ווירדע — האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט פּאָרטוגאַנסקי — דאָס איז די הויפּט זאַך, חברים.

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר — האָט אים באַרואיקט חבר קאָ־וואַלאָוו — איר דאַרפט זיך אינגאַנצן ניט מישן. מען וועט אייך רופן צום אָונט און „דאַטס אָל!"!

— אָבער וואו וועט דער אָונט פאָרקומען און ווען? — האָט נאָך געפרעגט פּאָרטוגאַנסקי.

— אין דער ווילע „רויטע רויזן" און שבת אָונט, דעם ערשטן אויגוסט.

— גוט, גוט. איך דאַנק אייך נאָך אַ מאָל.

2

פּאָרטוגאַנסקי איז געווען אַ הויכער מאַן מיט אַ בלאַסן פאַרטראַכטן פּנים. איידער ער האָט אָנגעהויבן שרייבן סקיצן און אַרומלויפן איבער די רעדאַקציעס זיי צו פאַרקויפן, האָט ער געאַרבעט אין פאַרשידענע שעפּער, וואָס האָבן ממש אויסגעזויגן דאָס בלוט פון זיין קערפּער. צי ער האָט געהאַט עפּעס וואַקסן אויפן מאַרך, צי ניט, האָט קיינער אויף זיכער ניט געוואוסט. נאָר פון אַ שלעכטן מאָגן האָט ער געליטן און ער

פלעגט אָפּט האָבן שטאַרקע קאָפּ־ווייטיקן און זיין מעלאַנכאָליש און שלעכט געשטימט.

חבר קאָוואַלאָוו, אַ שײנער בלאָנדער מאַן פון אַ יאָר פינף און פערציק, האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אַביסעלע צו שטייף און אין די שטריכן פון זיין רויטלעכן פנים האָט זיך געמערקט אַ געוויסע עקשנות, וואָס איז שווער צו ברעכן. ער האָט גערעדט שטיל, געלאַסן און איידל, אָבער איינמאָל עפּעס אַרויסגעזאָגט, האָט מען אים שוין ניט געקענט איבעררײדן, און ער איז אַלעמאָל געבליבן ביי זיינס. ער האָט זיך אויס־געצייכנט מיט אַ פיינער באַציאונג צו די יידישע שריפטשטעלער און פלעגט פּשוט ניט קענען באַגרייפן, פאַרוואָס די פאַרשטייער פון שיינעם וואָרט, די לערער און פירער פון די מאַסן זיינען צעריסן צווישן זיך און אַטאַקירן אָפּט אַזוי ביטער איינער דעם אַנדערן. אין פרייע טעג, ווען קיין אַרבעט אין שאָפּ איז ניט געווען, פלעגט ער אַליין קיינער זאָל ניט באַמערקן שרייבן לידער אין וועלכע ער האָט באַזונגען זיין איינזאַם לעבן פון אַן אַלטן בחור.

דער קולטור טשערמאַן פון ברעגטש, מר. סאָסנאָוויץ, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ צאַרטן כאַראַקטער און בלאַסן איידעלן פנים. אין דער יוגנט איז ער געווען אַ העברעאישער לערער. נאָך שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט און געעפנט אַ קליינע פאַבריקל, וואו מען האָט געמאַכט פאַרשידענע ביינערנע און בלעכענע קנעפּלעך. ער האָט אַ געוויסע צייט אַפילו שטודירט אין אויסלאַנד און האָט גוט געקענט דייטש. אויך ער האָט געהאַט אַ פיינע באַציאונג צו יידישע שרייבער.

קורץ, ביידע קולטור־טוער האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו אָרגאַניזירן דעם יובילעי פאַר פאַרטוגאַנסקין.

3

אָבער פון יענער מינוט אָן האָט פאַרטוגאַנסקי שוין ניט געהאַט קיין רו און איז געוואָרן נאָך מער נערוועז ווי שטענדיק, ווייל כמעט אַלע טאָג האָט מען אים איבערגעגעבן וועגן אַנדערע שוועריקייטן וואָס די אַראַנזשירער פון יובילעי האָבן. דערנאָך האָט מען אים געגעבן אָנ־צוהערן, דאָס ער מוז אַליין איבערנעמען די פּובליסיטי אין די צייטונגען. מען דאַרף אַריינגעבן נאָטיצן. אַז עס האַנדלט זיך וועגן שרייבן, קען ער דאָך בעסער פון זיי. פאַרטוגאַנסקי האָט פאַרביסן די ליפּן: ניין ער קען

עס ניט טאָן! ווי אַזוי זאָל ער שרייבן וועגן זיך?! נאָר צום גליק איז אים געקומען צו הילף זיינער אַ קאָלעגע, וואָס האָט געוואוינט אין דעם זעלבן שטעטל ביים ים. אָבער דער דאָזיקער קאָלעגע האָט פּלוצלינג גע־דאַרפט אָוועקפאָרן צו אַ געוויסער קאָנוועגשאָן און דערצו האָט ער פּאַרטוגאַנסקין עטלעכע מאָל דערציילט, אַז די „באָיעס" אין די צייי־טונגען ווילן ניט אַריינגעבן די נאָטיצן.

— פאַרוואָס?! — פלעגט ווערן פּאַרטוגאַנסקי אומעטיק.

— איינער זאָגט — האָט געענטפערט דער קאָלעגע — אַז איר האָט אים אַמאָל אָנגעבאָטן פּעטש און דער צווייטער האָט עפּעס אַן אַנדער עוולה קעגן אייך.

פּאַרטוגאַנסקי האָט זיך געוואָלט צעלאַכן, נאָר ביי אים האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן ציטערן די לאַנגע הענט:

— מיין גאָט! צווישן ווען און געבן פּעטש איז דאָך אַ גרויסער חילוק. וואָס טוט זיך דאָ?

אָבער אויף מאָרגן אָדער איבערמאָרגן פלעגט זיך דאָך באַווייזן אַ קורצער נאָטיץ אין די צייטונגען וועגן זיין יובילעי. נאָר דאָ ווידער אַ שטיקל פּאַרדראָס. דער קולטור טשערמאַן, מר. סאָסנאָוויץ, רעדט נאָר דייטש:

— פריינט פּאַרטוגאַנסקי — פאַרזיכערט ער דעם שריפטשטעלער — איר זייט אַ באַגאַבטער שרייבער און מיר שעצן אייך. אייער אבענד וועט זיין אַן ערפאָלג. איר קענט זיין רוהיג.

פּאַרטוגאַנסקי קוקט אים אָן ווי ער רעדט אַזוי שטיל און האַרציק. ער פילט דערביי ווי אַ שוועסטער וואָלט אים געטרייסט, נאָר דאָס וואָרט אַבענד גרילצט אים אין די אויערן. ער האַלט ניט אויס און באַמערקט:

— טייערער סאָסנאָוויץ, האָט רחמנות! איך וועל האָבן אַן אָוונט און און ניט קיין „אַבענד", רעדט נישט קיין דייטש.

— גוט, גוט, אַן אָוונט! — גיט געלאַסן צו דער קולטור־טשערמאַן און שמייכלט שולדיק.

נאָך מער פון אַלעמען האָט אים פאַרשאַפט ערגערניש חבר קאָוואַלאָוו, וועלכער האָט אים געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז „אַלץ וועט געטאָן מיט אַ סך ענערגיע" און האָט אויך ניט באַמערקט, ווי דער בחור הזעצער האָט אויף די טיקעטס אויפגעזעצט „יובילעאום" אָנשטאָט יובי־לעי. פּאַרטוגאַנסקי האָט ממש געוויינט: „יובילעאום", אַ „יובילעאום" מאַכט מען אים. דערצו גייען אַרום פרויען איבערן שטעטל, שלאָגן פאַר

בילעטן פאַרן אָוונט — צו 35 סענט אַ שטיק — און שושקען זיך, דאָס ער האָט נעבעך אַ גוליע אויפן מאַרך...

— גיט עס אויף! איך וויל ניט קיין יובילעי! — האָט פּאָרטוגאַנסקי עטלעכע מאָל זיך געבעטן ביי קאָוואַלאָוון, — עס איז ניט פאַר מיר.

אָבער דאָ פלעגט זיך אַריינמישן פּאָרטוגאַנסקיס פרוי, אַז מען זאָל אים ניט הערן די אָרגאַניזאַציע „בני ישראל״ ווייסט וואָס זי טוט. זאָל נאָר ניט רעגענען אין אָוונט פון דער אונטערנעמונג...

פּאָרטוגאַנסקי האָט אויך געהאַט ליכטיקע און דערהויבענע מינוטן אין פאַרבינדונג מיט זיין יובילעי. רוענדיק אַביסל בייטאָג, פלעגט ער אָנהויבן צו פאַנטאַזירן; צום אָוונט זיינען געקומען איבער טויזנט מענטשן. ער האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרם, און דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעהויבן און אים אַפּלאָדירט. דאָס וויל מען באַלוינען אַ יידישן שריפטשטעלער פאַר זיינע מאַטערנישן און ליידן, פאַר זיין גרויער איינזאַמקייט, עלנט און נויט. טרערן שטייען אים אין די אויגן: דאָס פאָלק האָט פאָרט ליב זיינע קינסטלער!

אַ פּאָר טעג פאַרן יובילעי האָט די צייטונג, וואו פּאָרטוגאַנסקי האָט געדרוקט זיינע סקיצן, געגעבן אַ שיינעם אַרטיקעלע וועגן אים און אויך זיין בילד. ער איז מיט דער צייטונג אין האַנט צוגעלאָפן צו זיין פרוי, איר געהייסן אַ קוק טאָן אויף זיין „פּיקטשע״ און איבערלייענען דאָס אַרטיקעלע. נאָר זי האָט זיך גאָר פּלוצלינג אָנגעכמורעט און געוואָרפן אויף אים אַ בייזן בליק. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זי איז מיט אַ מאָל ברוגז געוואָרן.

— וואָס האָט פּאַסירט, — האָט ער געפרעגט.

די קליינינקע פרוי האָט גלייך אַ זאָג געטאָן מיט סאַרקאַזם אין קול, אַז שטענדיק שעמט ער זיך מיט איר. פאַרוואָס האָט ער ניט געגעבן אין צייטונג וואו זיי זיינען פאָטאָגראַפירט צוזאַמען. זי איז דאָך זיין ווייב, אָדער אפשר האָט ער אַן אַנדערע?! אָט האָט זי געזען אין אַ זשורנאַל אַ בילד וואו דער שרייבער אַפּאַלאָווסקי שטייט צוזאַמען מיט זיין פרוי — „בעליוו מי״, די ווייבער פון די יידישע שרייבער פלאָגן זיך גענוג אָן ביי זיי און מען וואָלט געמעגט אויך געבן אין די צייטונגען זייערע פאָטאָגראַפיעס ביי אַ יובילעי־פייערונג.

פּאָרטוגאַנסקי האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע לאַנגע הענט און שולדיק געשמייכלט: גיי דערצייל איר אַז דער רעדאַקטאָר האָט געקנייטשט דעם

שטערן און זיך געקרימט, ווען ער האָט אים געגעבן אָנצוהערן, דאָס מען וואָלט געדאַרפט אַריינגעבן זיין בילד, ווייל ער איז דאָך פאָרט אַ שטיקל יובילאַר, אַ בן חמישים, און מען שפּאַנט שוין, אַזוי צו זאָגן, באַרג אַראָפּ. דערנאָך איז געווען אַ טעלעפאָן פון זיין שוויגער. זי האָט אים געבענטשט, אָנגערופן „זון מיינער" און געוואונטשן נאָך אַ סך גליקלעכע און געזונטע יאָר, און איבערהויפּט פּרנסה. נאָר צום סוף האָט זי אויך ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט מיט פאַרדרוס, דאָס ער וואָלט זיך גאָר ניט געדאַרפט שעמען מיט זיין פרויס אייגענע און געמעגט אַריינגעבן אין פּייפּער דאָס בילד פון זייער גאַנצער משפּחה, וואָס הענגט ביי אים אויפן וואַנט.

פּאָרטוגאַנסקין האָבן די אַלע קאָמישע קלייניקייטן שרעקלעך אויפ־געדעגט. ער האָט זיך דאָך באַמיט צו זיין גוט געשטימט. אָבער אָט זיינען אָנגעלאָפן כמאַרעס אויפן הימל און עס האָט געהאַלטן אין איין רעגענען. די גאָסן פון שטעטל ביים ים זיינען געוואָרן פאַרפלייצט. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַזוי וועט שוין גיסן אָן אַן אויפהער. פּאָרטוגאַנסקי איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. אָפּלייגן דעם יובילעי וועט מען ניט קענען, ווייל די ווילאַ „רויטע רויזן" איז פאַרנומען פאַר די קומענ־דיקע וואָכן. אומזיסט דער גאַנצער טומל!

— וואָס וועט זיין, חבר קאָוואַלאָוו, וואָס וועט זיין?

חבר קאָוואַלאָוו איז אָבער רואיק און האָט פּאָרטוגאַנסקין פאַרזיכערט, אַז גאָט וועט זיין מיט די „בני ישראל" און ער זאָל זיך גאָר ניט זאָרגן. דער רעגן וועט אויפהערן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אין טאָג פון יובילעי איז דער הימל געוואָרן ריין און ביי טאָג האָט די זון גענומען שיינען מיט איר זומער־דיקן ברען. אַ פרישער ווינטעלע האָט געוויגט די ביימער אינעם שטעטל ביים ים. אמת, דער וועטער נביא האָט אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן וועט ווידער רעגענען. אָבער דאָס האָט פּאָרטוגאַנסקין ווייניק געאַרט. עס וועט שוין זיין נאָך אַלעמען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייב־מאַ־שין און אָפּגעקלאַפּט די נעמען פון יעדן אַקטיאָר, מוזיקער און שריי־בער, וואָס האָבן געדאַרפט אָנטייל נעמען אינעם פּראָגראַם און זיי געגעבן די בויטיקע טיטולן. דער נאַאיווער קולטור־טשערמאַן האָט דאָך ניט געקענט וויסן אַז די אַלע קינסטלער האָבן אַזוי ליב דאָס מען זאָל זיי אָנרופן „באַרימטער", „באַוואוסטער" אָדער „גרויסער".

אַ שכן האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, ער איז געקומען פרעגן ווי פּילט

זיך עפּעס פאַרטוגאַנסקי פאַרן יובילעי. דערנאָך האָט דער שכן זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער און אַ זאָג געטאָן גלאָט אין דער וועלט אַריין:

— דער וועטער איז אויסגעצייכנט פאַרן קאָנצערט אין דער ווילאַ „רויטע רויזן“. איר זייט אַ מזלדיקער ייד. נאָר ביז פאַרנאַכט קען נאָך אָנהויבן גוט פליוכען.

— אָבער דער הימל איז דאָך ריין און די צייטונגען שרייבן, אַז רעגענען וועט אפשר ערשט מאָרגן.

— ביי גאָט פרעגט מען ניט קיין קשיות — האָט געזאָגט דער שכן און איז אַוועק.

פאַרטוגאַנסקי האָט זיך צוגעלייגט, פאַרמאַכט די אויגן און זיך געוואָלט אָפּגעבן אַ שטיקל חשבון הנפש: אָפּגעלעבט פופציק יאָר און וואָס?! גאָרניט מיט גאָרניט. הבל הבלים. וואָלט ער כאָטש אָנגעשריבן איין גרויס ווערק, איין גוט ווערק. ניין! טויזנט מאָל ניין! ער איז צעברעקלט געוואָרן אויף שטיקלעך. שטענדיק געזוכט נייע טעמעס און עס געדאַרפט פאַרנוצן פאַר קליינינקע זאַכן, וועלכע ער האָט אַפילו ניט געהאַט קיין צייט צו באַארבעטן געהעריג. אַך, די שרעקלעכע ווערטער פון דעם רעדאַקטאָר, אַז מען מוז אַלץ קירצן, ווייל אַ צייטונג איז ניט קיין זשורנאַל פאַר אמתער קונסט און מען דאַרף האָבן וואָס מער פלאַץ פאַר נייעס און פאָליטישע אַרטיקלען. און מען האָט טאַקע געקירצט אָן רחמנות אויסגעמעקט גאַנצע שטיקער, איבערגעמאַכט זיין סטיל, זיין אייגנאַרטיקייט. מיט אַ האַרטן בעזעם פלעגט מען אָפּט אָפּווישן זיינע געפילן, מאַכן בלאַס די בונטע פאַרבן וואָס האָבן געפינקלט פאַר זיינע אויגן ביים שרייבן, און דערנאָך האָט יעדער קאָלעגע געקענט קריטיקירן, אָנווייזן פעלערן, וועלכע זיינען געווען ניט זיינע. יאָ, ער האָט דאָך געקענט עס שפּעטער אויסבעסערן און אַרויסגעבן אַ בוך. פאַרטוגאַנסקי האָט זיך ביטער צעלאַכט: כאַ־כאַ־כאַ! אַרויסגעבן אַ בוך! עס באַפאַלט אים פשוט אַ פחד. ער קען נאָך ניט פאַרגעסן די צרות, אויפרעגונגען און דערנידעריקונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט ביים אַרויסגעבן דאָס ערשטע בוך, „אומרואיקע טעג“. אפנים אַז פון דעם וואַקסט טאַקע ביי אים „אַ גוליע אויפן מאַרך“... און דערנאָך דאָס אַרויספאָרן איבער דער פּראָווינץ פעדלען מיטן בוך... פאַרטוגאַנסקי האָט אויפגעציטערט און גענומען פאַרטרייבן פון זיך די שווערע דערינערונגען.

— אַזוי איז עס — האָט ער געשעפּטשעט — אַזוי איז עס.

4

דער טאָג איז פאַרביי און דער אָוונט איז צוגעפאַלן. פאָרטוגאַנסקי האָט זיך איבערגעטאָן (זיין פרוי איז פריער אַוועק רופן אַ פאָר פון אירע חברטעס צום קאָנצערט). ער איז אַרויס פון הויז אַ פערטל צו ניין און זיך געלאָזט גיין גלייך צו דער ווילאַ „רויטע רויזן", נאָר ער איז געבליבן שטיין אַ ביסל פון דערווייטנס (עס האָט ניט געפאַסט קומען צו פרי). ביים אַריינגאַנג האָט זיך שוין געזען אַ היפשע גרופּע מענטשן. פלוצלינג האָט ער באַמערקט, דאָס די עלעקטרישע לעמפלעך, וואָס האָבן געברענט אויף דראָטן איבערן הויף, זיינען אַלע אין אַ רגע פאַרלאָשן געוואָרן און דער עולם איז געבליבן אין דער פינצטער. דאָס האַרץ איז אים איינגעפאַלן, וואָס וועט איצט זיין?! גראָד אַז מען שטראָמט פון אַלע זייטן, דאַרף עס פּאַסירן! אָבער באַלד האָבן די לעמפלעך אויפסניי אויפגעלויכטן און ער איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער ווילאַ.

אַ שעה שפּעטער האָט זיך דער יובילעי אָנגעהויבן. אַן עולם פון אַ פיר הונדערט מענטשן האָבן אָנגעפילט דעם גאָרטן. אין אַ האַלב־אָפענער ביידל, וואָס האָט געדינט פאַר אַ פּלאַטפאָרם, זיינען געזעסן אַ פּאָר שרייבער מיט פאָרטוגאַנסקין און חבר סאָסנאָוויץ, דער קולטור־טשערמאַן פון ברענטש פון דער אָרגאַניזאַציע „בני ישראל", איז גע־שטאַנען אַ ביסל אַ פאַרלוירענער, אַ בלאַסער, געהאַלטן אַ הויפן צעטע־לעך אין האַנט, אין וועלכע ער האָט נאָכאַנאַנד אַריינגעקוקט, און ניט געוואוסט וועמען פון די „טאַלאַנטן" אַרויסצורופן פריער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער צונג איז ביי אים פלוצלינג פּאַראַליזירט געוואָרן. פאָרטוגאַנסקי האָט אים עטלעכע מאָל אונטערגעזאָגט וואָס צו טאָן, נאָר יענער האָט ניט געהערט קיין וואָרט. ענדלעך האָט ער דאָך עפּעס געזאָגט וועגן יובילאַר. דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַ פידל־שפּילער און דורכן פענצטער פון הויז האָבן זיך דערהערט פיאַנאָ־טענער.

— מען דאַרף עס נעמען רואיק — האָט אַ טראַכט געטאָן פאָרטוגאַנ־סקי. — סאָסנאָוויץ קען ניט זיין קיין פאָרזיצער, אָבער ער שווייגט מיט האַרץ און זעט אויס צו זיין אַן ערלעכער מענטש. אַלץ בעסער ווי אַן אַנדערער וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט „שיסן מיט פראַזן", אַז ער פאָרטוגאַנסקי, איז אַזאַ און אַזאַ גרויסער שריפטשטעלער... און אָט די קליינע שוואַרצע קינדערלעך, וואָס לויפן אַרום הין און צוריק פאַראויס

דער פּלאַטפּאָרם אויף זיי איז גאָר אַ מחיה צו קוקן. עס איז ווי אויף אַ היימישער חתונה. דער פּאָרזיצער האָט אים אַ פרעג געטאָן דעם נאָמען פון אָן אַקטיאָר, וואָס האָט געזאָלט אויפטרעטן, און גלייך האָט זיך צו אים דערטראָגן עפּעס אַן אויסדרוק וועגן „אַ מאַן מיט דעם באָל" און אַן איינגעהאַלטענער געלעכטער צווישן עולם. דאָס האָט דער פּאָרזיצער פאַרגעשטעלט דעם אַקטיאָר, וועלכן ער פלעגט אָפט זען שפּילן אין „באָל" אויפן ביטש ביים ים.

דער טשערמאַן האָט ווידער שטיל געפרעגט פּאָרטוגאַנסקין וועמען פון די „קינסטלער" אַרויסצורופן, אָבער קיינער פון זיי איז ניט געווען. אַ חזן האָט געדאַרפט זינגען, איז ער געקומען און גלייך אַנטלאָפן, ווייל אַ יונגער ליטעראַטור־קריטיקער האָט גערעדט. נאָר אַ ווײַלע שפּעטער איז די פּראָגראַם אַוועק גלאַטער. אַ קאָמפּאָזיטאָר און פּאָלקס פּאָעט האָט געזונגען מיטן עולם. די שוואַרצע קינדערלעך האָבן גאָר אויפגעלעבט און זיינען אַרומגעלאָפן ווי שרעטעלעך פאַרביי דער פּלאַטפּאָרם. דערנאָך האָט האַרציק געזונגען אַ פרוי אין ווייסן אַ פּאָר חסידישע נגונים. די בלאַסקייט און שרעק איז פאַרשוואונדן פון פּנים פון דעם פּאָרזיצער. אָבער פּאָרטוגאַנסקי איז געוואָרן אַלץ אומרואיקער. מען האָט אַלץ פאַר־נאָכלעסיקט, צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָגראַם עטלעכע טעג פאַרן אָוונט און עס איז ניטאָ קיין אָרדנונג. דער ברענטש האָט אַ הונדערט מיט־גלידער און קיינער פון זיי איז ניט געקומען באַגעגענען די אָנטייל־נעמער אין קאָנצערט. דערפאַר אַפּנים איז דער חזן אַנטלאָפן. דער יובילעי האָט געקענט זיין אַ שיינער. עס איז געקומען אַן עולם. נאָר דער „ברענטש", וואָס האָט איבערגעלאָזט די גאַנצע אַרבעט כמעט צו איין מענטשן, האָט עס באַגראָבן. ס'איז די אַלטע געשיכטע מיט די אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. וואָס גייט זיי אָן דער שרייבער און זיינע ווערק? ! פּאָרטו־גאַנסקי איז אַראָפּ פון דער פּלאַטפּאָרם. אייניקע באַקאַנטע, וואָס זיינען געשטאַנען אָן אַ זייט, האָבן אים באַגריסט, געדריקט די האַנט און געוואונטשן אַ סך גליק און געזונטע יאָרן. ער איז צוגעגאַנגען צו חבר קאָוואַלאָוו. יענער איז געווען אָנגעכמורעט. ביים קאַסע האָט מען פאַר־קויפט אינגאַנצן הונדערט און זעכציק טיקעטס.

— עס זיינען דאָך געקומען מער ווי פיר הונדערט מענטשן — האָט זיך געוואונדערט פּאָרטוגאַנסקי.

— יאָ, אָבער קיין געלט וועט ניט זיין. אפשר אַרום פופציק דאָלער. פּאָרטוגאַנסקי איז צוריק אַרויף אויף דער פּלאַטפּאָרם אַ שטאַרק

אויפגערעגטער. ס'איז שוין געוואָרן שפּעטלעך און די פּראָגראַם האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן. דערווייל האָבן זיך אָנגעקליבן שווערע וואָלקנס אויפן הימל. פּלוצלינג האָט אַ ווינט אַ וויג געטאָן די ביימער אין גאָרטן. אויפן האָריזאָנט האָט אויפגעלויכטן אַ בליץ. נאָכדעם האָט זיך פונאַנ־דערגעטראָגן אַ דונער — טראַך־טאַ־ראַ־ראַך, טראַך־טאַ־ראַ־ראַך! און אין אַ מינוט אַרום האָבן גענומען פאַלן גרויסע טראָפּנס רעגן. דער גאַנצער עולם האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעהויבן, זיך גענומען שאַרן צום אַרויסגאַנג.

— אַ שטורם, אַ שטורם, אַ רעגן!

אין טומל און געדרענג האָט מען איבערגעקערט דעם קליינעם טישל ביי וועלכן חבר קאָוואַלאָוו איז געזעסן מיט דער קאַסע. ער האָט גענומען שרייען, נאָר קיינער האָט אים ניט געהערט און דער רעגן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ שעה אַרום איז פּאָרטוגאַנסקי געלעגן אין זיין בעט מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור און גערעדט צו זיין פרוי, וואָס איז געזעסן נעבן אים:

— טייערע! — האָט ער געשעפּטשעט מיט זיינע טרוקענע ליפּן — איך בין שרעקלעך מיד. פיר מיר אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד. די מענטשן זיינען מיר דאָ פרעמד. מיר וועלן פּעדלען מיט „האָט־דאָגס", מיט בולבע־קנישעס, מיט סאָדאַ וואַסער. איך וויל מער ניט זיין קיין יידישער שריי־בער. איך קען עס ניט אַריבערטראָגן. זיי דאַרפן אונדז ניט. לאָמיר אַוועקפאָרן. לאָמיר אַוועקפאָרן... האָט־דאָגס... בולבע־קנישעס... סאָדאַ־וואַסער... מיר וועלן לעבן... מיר וועלן ניט שטאַרבן פון הונגער. לאָמיר אַוועקפאָרן...

אַ גאַסט

איינער פון די יונגע יידישע פּאָעטן האָט צו מיין טישל אין קאַפעטעריע צוגעפירט אַ הויכן, שיינעם, פעסט געבויטן מאַן, און געזאָגט צו מיר:

באַקענט זיך מיט אַ גאַסט פון דער פּראָווינץ. ער שרייבט לידער און דראַמען. דער מאַן האָט זיך העפלעך פאַרנויגט און שטאַרק געדריקט מיין האַנט. דערביי האָט זיך צעגאָסן אַ פריינטלעכער שמייכל איבער זיין פרישן, אַביסל עקשנותדיקן פּנים.

זיין נאָמען איז מיר געווען ניט פרעמד איך האָב אים געבעטן זיך צוזעצן און מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט. ער האָט זיך געקלאָגט אַז אין דער פּראָווינץ ווערט מען פאַרפאַלן און אין אַלגעמיין וויל דאָס יידישע פאָלק ניט אנערקענען אירע שריפטשטעלער. זיי, די קינסטלער, גיבן אַוועק זייערע בעסטע כחות פאַר די מאַסן, טראָגן אַנטקעגן זייערע הערצער, וואָס בלוטן פון פיין, און יענע ווילן עס אפילו ניט אָנקוקן. צו וואָס דאַרפן יידן ליטעראַטור ? ! עס איז שרעקלעך, שוידערלעך !

ער האָט אַ הויב געטאָן די ברייטע אַקסלען און געמאַכט אַ גרימאַסע.

— איר שרייבט שוין לאַנג ? — האָב איך אים געפרעגט.

— צו אַכצן יאָר האָב איך שוין געפּאַטשט אַ רעדאַקטאָר.

— אַזוי... אַזוי... דאָס איז אַ גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג...

— האָב איך ניט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן.

— זעט איר דאָך אַז איך האָב געוואָגט און איצט וועל איך אייך דערציילן וואָס מיר איז אויסגעקומען דורכצומאַכן די לעצטע צייט מיט אַ צווייטן רעדאַקטאָר. זיין נאָמען קען איך אייך ניט זאָגן. נאָר דאָס איז דאָך פאַר אייך ניט וויכטיק. לאָמיר אים רופן איקס. איר דאַרפט אויך ניט וויסן ווי זיין זשורנאַל הייסט. דאָס אינטערעסאַנטסטע פאַר אייך וועט זיין דער מענטש אַליין, זיין כאַראַקטער און זיין באַציאונג צו פּאָעזיע בכלל און צו פּאָעטן בפרט.

מיין ערשטע נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט מר. איקס איז פאַרגע־קומען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין אַ זומער טאָג. ער איז געקומען צו

מיינעם אַ פריינט, אַ דאקטאר פילאָזאָף, ביי וועלכן איך האָב געאַרבעט ווי אַ סעקרעטאַר. דער דאָקטאָר איז ניט געווען אין הויז און איך האָב דעם גאַסט אויפגענומען און באַגריסט. מיר איז אויפפאַלנד געווען זיין הילוך. דאָס רעקל און די הויזן האָבן אויסגעזען אויסטערליש צע־קנייטשט, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ אַרומגעוואַלגערט. דערצו האָט זיך פון זיינע בגדים געטראָגן אַ מאָדנער ריח ווי ער וואָלט פאַר אַ צייט זיך ניט אויסגעטאָן און אין זיי געשלאָפן. און דער פּנים איז געווען שוואַרץ, אַרום די אויגן אָנגעשוואָלן. איך האָב געוואוסט, אַז מר. איקס איז אַ פּעאיקער זשורנאַליסט און די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אָבער אָט איז געקומען דער דאָקטאר און זיי האָבן זיך פאַרמאַכט אין אַ צימער. באַלד האָב איך זיך דערוואוסט דאָס מר. איקס האָט שוין פון דריי מעת־לעת ניט געשלאָפן. ער וואַלגערט זיך אין דרויסן, ווי אַ וואַגאַבונד, נעכטיקט אין די פּאַרקס. ער איז שולדיק דירה־געלט פאַר דריי חדשים, האָט ער אָפּגערעדט מיט זיין פרוי צו זאָגן דעם באַלעבאָס, אַז ער איז אַוועק אַרבעטן, שאַפן געלט. און ער האָט מורא צו גיין אַהיים נעכטיקן טאָמער באַמערקט מען אים און ער קען נאָך מיט זיין פרוי און קינד אַרויסגעוואָרפן ווערן אין גאַס... און ווען מען קען אים העלפן, באַרגן כאָטש פופציק דאלער, און דער דאָקטאָר פרעגט מיין עצה, אפשר האָב איך עפּעס אַ פּלאַן.

איך בין אַריין אין צווייטן צימער, וואו מר. איקס איז געזעסן און געוואַרט און האָב אים מעשה פריינט אויסגערעדט: — היתכן, אַ מענטש נעמט אונטער צו שלאָפן אין פּאַרק? און פאַרוואָס איז ער ניט גלייך אייערנעכטן אַהער געקומען?

הכלל, איך האָב פאַר אים דעם זעלבן טאָג געקראָגן פופציק דאלער. ער האָט מיך זייער באַדאַנקט און מכיר טובה געווען.

אין אַ דריי חדשים שפּעטער האָט מיר מר. איקס געבראַכט דעם פופציקער.

פאַר דער צייט איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון אַ יידישן ליטעראַ־רישן זשורנאַל. איך פלעג אים אָפט באַגעגענען ביים דאָקטאָר, וואו איך האָב געאַרבעט, און ענדלעך אים געגעבן מיינע אַ לענגערע דראַמאַטישע פּאָעמע. אין אַ צוויי וואָכן שפּעטער בין איך געקומען אין רעדאַקציע געוואויר ווערן דעם רעזולטאַט.

— אייער פּאָעמע יאָ, יאָ! איך וועל עס דרוקן אין פאַרזעצונגען. — און ער האָט זייער באַדויערט וואָס ער קען מיר ניט צוזאָגן קיין האָנאָ־

ראַר. דאָך האָט ער מיט זיין באַסאָוועך שטימע זיך אויסגעדריקט, דאָס פּאַרגיטיקן וועט ער מיר און זיין פּלאַן איז: ער וועט הייסן דעם דרוקער האַלטן די מאַטריצן פון מיין פּאָעמע כדי איך זאָל האָבן אומזיסטן זאַץ און אַזוי ווי פּאַפּיר קאָסט אַ שיבוש, וועל איך פאַר קליין־געלט האָבן מיין דראַמאַטישע פּאָעמע אין אַ בוך פאָרם. און אַ בוך קען מען שוין פאַרקויפן.

איר הערט ?! אַ בוך קען מען פאַרקויפן ביי יידן!

אָבער דאַן בין איך נאָך געווען נאַאיוו און דער פאָרשלאָג איז מיר געפעלן געוואָרן. ער האָט מיר באַשטימט צו קומען אין דרוקעריי, ווייל קומענדיקן חודש גיט ער אַריין דעם ערשטן טייל פון מיין פּאָעמע.

איך בין נאַטירלעך צו דער צייט אויפן פּלאַץ געווען. ער האָט זיך ענטשולדיקט: — מיין זאַך האָט נישט געקענט אַריין. ער האָט צוויי לאַנגע דערציילונגען און ער האָט מיר געהייסן קומען אין אַ חודש אַרום. איצט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר יסורים און לויפעניש. ער פּלעגט הייסן מיר קומען מאָנאָט נאָך מאָנאָט און ס׳האָט זיך נישט אָנגעהויבן. און ס׳איז דערגאַנגען, אַז ער פּלעגט זיך אַפילו נישט ענטשולדיקן. אָדער צוטראַכטן אַ תירוץ. פשוט מיך גענאַרט און גענאַרט.

דערווייל איז דער דאָקטאָר אַוועקגעפאָרן און מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן שוידערלעך. איך בין געבליבן אָן אַ דירה און גענומען אונטערהונגערן. האָב געלעבט מיט דער האָפנונג, אַז מר. איקס וועט דאָך אָפּדרוקן מיין פּאָעמע און איך וועל אויף דעם סמך קענען אפשר ערגעץ באַרגן אַ גמילת חסד און האָבן באַלד אַ בוך פאַרצושלאָגן.

איך האָב אים אַפילו יענע צייט אַ בריוו געשריבן און געבעטן, טאָ־מער פילט ער, אַז מיין זאַך איז ניט פאַר זיין זשורנאַל, זאָל ער מיר נישט באַשטעלן צו קומען אין דרוקעריי מחמת די „קאַרפעיר" שטעלן מיך גאָר בדלות... ער האָט ניט געענטפערט.

אינטערעסאַנט איז, אין די ערשטע פאַר מאָל ווען ער האָט מיך אָפּגעלייגט, האָט מיר זייער ווייט געטאָן די באַציאונג. איך האָב אָבער ביי זיך געטראַכט: מסתמא געפעלט אים ניט מיין פּאָעמע. און ער איז אַזאַ איידעלער מענטש, אַזאַ נאָבל מאַן דאָס ער איז אין אַ פאַרלעגנהייט אָפּצוזאָגן, בפרט אַ מענטש וואָס האָט אים אַמאָל געטאָן פערזענלעך אַ טובה. אַהאַ, איר דענקט אויך אַזוי. אָבער הערט:

און איך האָב אים געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געענטפערט אויף מיין בריוו!

— האָט איר דען מיר געשריבן? — האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע שוואַרצע אויגן.

— זאָל זיין אַז ניט. אָבער זאָגט מיר, אפשר געפעלט אייך ניט מיין פּאָעמע — האָב איך חלילה צו אייך גאָרנישט. גיט מיר אָפּ דעם מאַנוסקריפּט און מילא.

ער האָט מיר געענטפערט:

— איך בין אַ קנאַפּער לייענער פון פּאָעזיע.

אַזוי רעדט אַ רעדאַקטאָר פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל. נו, וואָס זאָגט איר? דאָס קען פּאַסירן נאָר אין אַמעריקע און ביי יידן. — און אייער זאַך איז עפּעס ניי, אַ נייער שניט. נאָר ס׳געפעלט מיר. דרוקן וויל איך אייער זאַך סיי ווי.

אָבער דאָס האָט ער נאָר אַזוי געזאָגט. ער פלעגט זיך אַלץ פאַר־ענטפערן און ענטשולדיקן, און איינמאָל האָט ער אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיין אַקסל און אַזוי געזאָגט:

— איר זייט אַ קולטור מענטש און דאַך אַזוי אומגעדולדיק זיך צו זען אין דרוק ווי אַ ייִנגל.

דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט:

— ווי גייט עס אייך?

אינסטינקטיוו האָב איך אָפּגעזיפצט און געזאָגט, — נישט גוט. איך געפין נישט קיין אַרבעט און איך האָב אים דערציילט מיין לאַגע.

ער האָט געשוויגן. מיר איז איינגעפאַלן, אַז ער גייט מיר מאַכן אַ פאָרשלאַג וואו צו פאַרדינען עטלעכע דאָלער. איך האָב באַמערקט ער האָט זיך פאַרטראַכט און לייגט אַריין די הענט אין די הויזן־קעשענעס. אָט וויל ער מיר אוודאי פאָרשלאָגן אַ פינפערל אַ גמילת חסד. אָבער ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ער האָט זיך צוגערוקט צו מיר און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

— איר זייט היינט דער פערטער מענטש וואָס דערציילט מיר זיין ביטערע לאַגע. — עפּעס האָט זיך געמוזט אין מיינע אויגן אָנצינדן ווייל כ׳האָב פלוצלינג באַמערקט אַן ענדערונג אין זיין פּנים. ער איז אַ רגע ווי צעמישט געוואָרן און שוין גאָר פריינטלעך זיך אָפּגערופן:

— פאַרוואָס קומט איר נישט אַרויף צו מיר אין הויז. קומט היינט. מיין פרוי וויל אייך זען. קומט אויף „דינער".

זיין פרוי האָב איך געקענט פון פריער און מיר זיינען געווען באַ־פריינדעט. זי האָט שטענדיק זיך באַצויגן גוט צו מיר און אפשר דערפאַר

האָט ער מיך געפּייניקט מיט דער פּאָעמע. זייער מעגלעך, זאָגט איר. עס קען זיין, נאָר דער דאָזיקער פאַרדאַכט איז מיר קיינמאָל ניט איינגע־פאַלן. אייפּערזוכט? ווער ווייס!

איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען און בין געפאָרן צו אים אין הויז מיט זייער געמישטע געפילן. ער האָט מיך אויפגענומען קאַלט. איך האָב זיך געשאָלטן פאַרוואָס איך בין געקומען. אָבער זיין פרוי האָט זיך געסטאַרעט אַלץ צו פאַרגלעטן און איך האָב ווי עס איז דורכגעשטופּט דעם אָוונט, דאָך האָבן מיר ביים טיש געהאַט אַזאַ שמועס:

— פאַרוואָס דרוקט איר ניט מיין זאַך? האָב איך געפרעגט.

— אדרבה, זאָגט איר פאַרוואָס? — האָט ער מיר איבערגעשלאָגן. — איך וויל וויסן, וואָס טראַכט איר איז די סיבה פאַרוואָס איך דרוק נישט אייער פּאָעמע.

— ווייל איר האָט נישט קיין באַציאונג צו פּאָעזיע אין יידיש, — האָב איך קאַלט געענטפערט.

ער האָט זיך ווי אָנגעצונדן. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מיט די עטלעכע ווערטער וועל איך קענען די מאַסקע פון זיין פּנים אַראָפּרייסן.

— איך פייף אויף אַלע שפּראַכן! איך פייף אויף דעם „דזשאָב”! איך בין נישט קיין רעדאַקטאָר.

איר דאַרפט וויסן, אַז מר. איקס דערמאָנט אַלע ווילע אין געשפּרעכן די ווערטער „עטיק”, „גייסט”, „גאָט”. ער גיסט בוימל, איז צירלעך מאַ־נירלעך און פלוצלינג אַזאַ שפּראַך. איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. עס זיינען פאַרביי נאָך עטלעכע חדשים און אין זשורנאַל האָט זיך מיין דראַמאַטישע פּאָעמע אַלץ ניט באַוויזן. איך האָב געזען די שפּיל איז פאַרן טייוול. האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב זיך געמאַכט צו חוזק. איך האָב ווידער אָנגעשריבן אַ בריוו צו מר. איקסן און כאָטש אין מיר האָט נאָך געטליעט אַ שטיקל האָפנונג, אַז ער וועט סוף כל סוף אָפּדרוקן מיין פּאָעמע, האָב איך אים פונדעסטוועגן אַביסל געשראָקן און גענוצט שאַרפע ווערטער. זאָל ער וויסן וואָס פאַר אַ סאַדיסט ער איז. האַלט אין איין פייניקן אַ קינסטלער. איר שמייכלט. איך פאַרזיכער אייך, דאָס מיין דראַמאַטישע פּאָעמע איז אַ קונסט־ווערק. נאָר אין דעם וועט איר זיך שפּעטער איבערצייגן. איך וועל אייך עס געבן צו לייענען. קורץ, עס איז אַוועק אַ וואָך. ער האָט מיר נישט געענטפערט און אויך דעם מאַנוסקריפּט ניט אָפּגעשיקט. ענדלעך בין איך אַוועק צו אים. ער איז אין הויז ניט

געוועזן. זיין פרוי האָט מיך אויפגענומען. איך האָב איר אויסגערעדט. זי האָט פאַרשטאַנען און געשוויגן. זי איז דאָך אַזאַ וואוילע, ליבע פרוי! נאָר וואָס קען זי נעבעך טאָן? זי האָט אָפּגעזוכט דעם מאַנוסקריפּט און מיר אָפּגעגעבן.

איך בין אַרויס פון זיין הויז און אים גלייך געטראָפן אין דרויסן.

איך האָב אים פאַרהאַלטן און געפרעגט:

— זאָגט מיר, פאַרוואָס פאַרשאַפט איר אַ מענטשן אַזוי פיל יסורים?

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט מיט זיינע ביידע ניט אָפּגעלאָזט און אין איין קול גענומען שרייען:

— פּאָליס! פּאָליס! פּאָליס!...

אַרום הונדערט מענטשן זיינען זיך צונויפגעלאָפן: פרויען, קינדער, אַלטע און יונגע, שכנים פון אַרום דעם בלאָק. ער שרייט פּאָליס און האַלט צו מיין האַנט און קיין פּאָליסמאַן זעט מען נישט.

איך האָב זיך באַהערשט און קאָנטראָלירט. אַפילו ניט געמאַכט קיין פּאַרזוך מיין האַנט אַרויסצורייסן און אין מאָרדע אים דערלאַנגען. נאָר אים אַריינגעשריען אין פּנים אָט וואָס:

— מנוול!

— בין איך! — האָט ער געענטפערט און געשריען פּאָליס.

— אַ יידישער זשורנאַליסט זייט איר? אייער פּרצוף־פּנים זאָגט עדות: מנוול. טאַלאַנטלאָזיקייט.

— איך בין! בין איך!

זיין פרוי איז געקומען צו לויפן, איר פּנים איז געווען בלייך ווי ביי אַ מת.

— לאָז אים אָפּ! — האָט זי זיך גענומען בעטן ביי אים. נאָר ער האָט מיין האַנט געהאַלטן און גערופן פּאָליס... מעשה, געכאַפּט אַ גנב... און איך קאָנטראָליר זיך אַלץ, זידל קאַלט מיט פּעפּערדיקע עפּיטעטן. אָט אַזאַ מענטש בין איך.

זיין פרוי האָט גענומען אַריינפאַלן אין ספּאַזמעס. איך האָב זיך גאָר קאַלטבלוטיק צו איר אָפּגערופן:

— זייט רואיק, מיין פריינט. זאָל ער מיך האַלטן. האָט נישט מורא. איך וועל אים אין אייער קעגנוואַרט סיי ווי גאָרנישט טאָן. — און באַ־טאָנט האָב איך: אין אייער קעגנוואַרט...

עס האָט איר נאָך מער אויפגערודערט און זי איז געוואָרן היסטע־

ריש. דאַן האָט ער מיין האַנט אָפּגעלאָזט און איז מיט איר אַריין אין הויז.

איך האָב קיין פינגער אויף אים ניט אַרויפגעלייגט. —

דער גאַסט פון דער פּראָווינץ איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ מינוט, מיך אָנגעקוקט מיט אַן ערנסטער מינע און געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגט איר אויף דער געשיכטע?

— וואָס האָב איך געקענט זאָגן?...

אָפנהאַרציקייט

דאָס איז געווען אין אַ רעגנדיקן טאָג. מיר איז געווען קאַלט און אומהיימלעך. דער דריבנער רעגענדל אין דרויסן האָט ניט אויפגעהערט פון אין דער פרי. אַ פּאָר שעה איז מיר אויסגעקומען אַרומצוגיין איבער סעקאָנד עוועניו. די נאַסקייט האָט דורכגענומען מיין קערפּער און איך בין אַריין אין קאַפע, וואו די יידישע שרייבער און אַקטיאָרן קומען זיך צוזאַמען. דאָרט איז געווען טומלדיק און אָנגערוי־כערט. פון די שרייבער האָב איך קיינעם ניט באַמערקט, נאָר אין אַ ווינקל ביי אַ טישל האָב איך דערזען אַ באַקאַנטן טעאַטער רעצענזענט, יאַנקעלע קירשנבוים, וואָס איז געזעסן מיט אַ קליינער קאָמפּאַניע. איך בין צו־געגאַנגען צו זיי און זיך אַוועקגעזעצט הערן וועגן וואָס מען שמועסט.

מען האָט גערעדט וועגן רעגן. איינער, אַ פּיעסן־שרייבער, האָט גע־זאָגט, אַז אין אַזאַ שלעכטן וועטער פילט ער זיך ממש קראַנק. אים איז אומעטיק און ער קען זיך ניט געפינען קיין אָרט. איך האָב דעם מאַן פריער קיינמאָל ניט געזען און ניט געקענט. ער איז געווען העכער פון מיטעלן וואוקס און זיין נאָז אויפן לענגלעכן, אַביסל בלאַסן פּנים האָט אויסגעזען ווי פון אַ מאַסקע, ווי אַ צוגעקלעפּטער. דער דאָזיקער נאָז האָט זיך גאָרניט אַריינגעפּאַסט אין די סימפּאַטישע שטריכן פון זיין מויל, שטערן קין און באַקן. באַזונדערס האָט זיך עס געוואָרפן אין די אויגן ווען ער פלעגט קוקן אין פּראָפיל.

— אין אַזאַ טאָג וואָלט ניט געשאַדט נעמען אַביסל משקה, — האָט אויסגעדריקט זיין וואונש איינער פון דער קליינער קאָמפּאַניע, אַ סופליאָר.

— קומט אַלע צו מיר, — האָט פאָרגעשלאָגן יאַנקעלע קירשנבוים — עס איז איינגאַנצן אַ פּאָר בלאָק. איך האָב גענוג שטאָף.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין אין אַמעריקע און באַזוך די ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס, איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען זיך צו באַפריינדן מיט איינעם, וואָס שרייבט פּיעסן פאַר די יידישע שונד־טעאַ־טערס. מיט אייניקע האָב איך זיך יאָ באַקאַנט ביי אַ טישל און מען האָט גערעדט אַ ווילע. אָבער שפּעטער האָט מען זיך ווידער ווי ניט דער־

קענט. עס איז ניט געווען וואָס עס זאָל אונדז פאַרבינדן און צופירן נעענטער איינער צום צווייטן. וועגן די אַלע „דראַמאַטורגן", וואָס שטו־קעווען צוזאַמען אַ פּיעסע אין איין נאַכט, האָב איך קיין גוטע מיינונג ניט געהאַט. איך פלעג אויך זייער זעלטן האָבן געדולד צו זען זייערע אַ פאָרשטעלונג ביזן סוף. נאָר יידן דאַרפן דאָך האָבן פּרנסה און יעדער טוט דאָס בעסטע, וואָס ער קאָן.

— קאָן איך אויך מיטגיין? — האָב איך געפרעגט יאַנקעלע קירשנ־בוימען.

— מיט פאַרגעניגן. איך האָב גאָר אַנדערש ניט געטראַכט.

איצט האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַפריינדן מיט אַ פּיעסן־שרייבער פון די שונד־טעאַטערע. ביי אַ גלעזל משקה וועלן מיר זיך גיך פאַרשטיין און ווערן „גוטע ברידער", און דאַן וועט ער שוין ריידן און דערציילן וועגן זיך.

איך האָב ניט געמאַכט קיין טעות.

מיר זיינען אַרויס אין גאַס. מיטן טעאַטער רעצענזענט זיינען מיט־געגאַנגען דער פּיעסן שרייבער און דער סופליאָר. די אַנדערע האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן די קאַפע.

אויפן וועג האָב איך זיך צערעדט מיטן פּיעסן־שרייבער. מיר האָבן איינער פון דעם אַנדערן געהערט. ער האָט באַמערקט מיינע אייניקע זאַכן אין די צייטונגען און איך זיין נאָמען אין די אַנאָנסן וועגן טעאַטער.

באַלד זיינען מיר שוין געווען ביים טעאַטער רעצענזענט אין הויז. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין קיך, אַוועקגעשטעלט די משקה אויפן טיש און געזאָגט.

— טרינקט, ברידער! איר האָט אַזאַ „סקאַטש" אין אייער לעבן ניט פאַרזוכט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער פּיעסן־שרייבער גענומען שמייכלען און דאַן האָט זיך נאָך שטאַרקער געדאַכט, אַז אימיצער האָט פון אַ טשיקאַווער מאַסקע אָפּגעריסן אַ נאָז און זי צוגעקלעפּט צו זיין פּנים. דער רעצענזענט האָט אָנגעגאָסן נאָך צו גלעזלעך און מיר האָבן אויסגע־טרונקען מיטאַמאָל, מיט איין זופּ.

— אַ מחיה, אַ פאַרגעניגן, — האָט געזאָגט דער פּיעסן־שרייבער און ניט אויפגעהערט צו שמייכלען. — וואו איז פאַרשוואונדן מיין שלעכטע שטימונג? פרייד צעגיסט זיך אין אַלע גלידער. זאָל רעגענען, ווען אַרט עס איצט, און אַט פריער האָב איך זיך ניט געקענט געפינען קיין

פּלאַץ. דער טיוול ווייסט! אַ כמאַרנער וועטער זאָל אַזוי שלעכט ווירקן אויף אַ מענטשן?!

— אָבער אַ גוט ביסל בראַנפּן העלפֿט צו אַלע צרות, — האָט גע־לאַכט דער סופליאַר. — מיר האָבן ווידער געטרונקען. דער פּיעסן שריי־בער איז געוואָרן בגילופינדיק. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר רוסישע ביכלעך פון די קעשענעס, זיי מיר באַוויזן און געפרעגט אין רוסיש:

— „טשיטאַלי”?

דאָס זיינען געווען דראַמען פון אַלטע רוסישע שרייבער. איך האָב אַ בלעטער געטאָן די ביכלעך און נאַאיוו געפרעגט:

— צו וואָס דאַרפט איר זיי?

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער זיך צעלאַכט. — איר זעט די דראַמע? דאָס וועט מען שפּילן אין „אָרלעאַן” טעאַטער, די צווייטע — אין „אַכטע עוועניו” טעאַטער און פון דער דריטער טראַגעדיע וועל איך מאַכן אַ קאָמעד־ע מיט טענץ און געזאַנג, וואו אונדזער גרויסער פּאַיאַץ, לארענץ, וועט זינגען לידלעך און זיך מאַכן אידיאָטיש. דער עולם־גולם וועט פּאַטשן בראַוואָ, נאָכזינגען די סקאַרבאָווע מאָטיוון און איך וועל אַריינ־קריגן צו צוויי הונדערט דאָלער אַ וואָך.

— איר מאַכט צוויי הונדערט דאָלער אַ וואָך?

— נאַרישקייטן, כאָטש דאָס האָט אויך פּאַסירט. עס דאַרף נאָר אָנ־רייסן. אָבער אין דער אמתן גייט עס ניט גוט. מען פּלאָגט זיך צום טויט. באַלעבאָס, גיסט אָן נאָך צו גלעזלעך! איך האָב אויך אָנגעהויבן מיט ליטעראַטור, געקומען פון רוסלאַנד און געחלומט דאָ איינצונעמען אַ וועלט, אין מאָסקווע האָבן מיר באַוואוסטע שריפטשטעלער געזאָגט, אַז איך בין אַ געבוירענער דראַמאַטורג. איך האָב טאַלאַנט און קען אויסגע־צייכנט די טעכניק פון דער דראַמע, נו, האָב איך אָנגעשריבן אַן ערנסטע פּיעסע און בין געגאַנגען זי פאַרקויפן. איר קענט דאָך מסתמא אונדזערע מענעדזשערס? מען זוכט אַ שטיקל סחורה וואָס זאָל געפעלן זיין „מוישען”. עס איז דערפאַר גאָרניט געוואָרן. און אין דער היים, ברידער, אַ ווייב מיט אַ פּאָר קינדערלעך און אַלע ווילן עסן. האָב איך לאַנג ניט געקלערט און זיך גענומען צו שונד. איך בין געוואָרן אַ פּשוטער פּלאַגיאַטאָר, אַ ליטעראַרישער גנב. איך גיב עס צו, נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. איך צעקאַליעטשע אָפט פּראַכטפולע זאַכן פון גוטע שרייבער און דאָס טוט מיר ווייַ מער ווי אַלץ.

— אויך מיר אַ זאָרג! — האָט באַמערקט דער סופליאַר, — מען

מאַכט אַ לעבן?! הער אויף צו האַקן אַ טשייניק. לאָמיר נעמען נאָך צו קאָפּעלעך.

— לאָז אים ריידן! — האָט געזאָגט דער טעאַטער רעצענזענט און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש נאָך אַ פלעשל משקה. נאָר דער פּיעסן שרייבער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אויפגעשטאַנען פון טיש און איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן אימיצן אָפּרופן.

איך האָב געהערט ווי ער רעדט צו אַ פרוי מיט אַ שטילן איידעלן קול, אַז אים איז איצט אויסערגעוויינלעך גוט אויפן האַרצן און אַז אין אַ שעה אַרום וועט ער זיין ביי איר. זי זאָל ניט אין ערגעץ ניט אַוועקגיין און וואַרטן אויף אים. ער וויל זי זען, אין טעאַטער וועט ער דעם אָוונט ניט גיין.

ער האָט זיך דאַן אומגעקערט צום טיש און ווייטער גערעדט וועגן זיך, געשילדערט יאָרן פון נויט און עלנט; דערציילט וועגן פאַרשידענע דערנידערונגען, וואָס אים איז אויסגעקומען און קומט נאָך איצט אויס איבערצוטראָגן פון די מענעדזשערס פון די יידישע טעאַטערע.

איך האָב זיך איינגעהערט און אים געטרייסט, אַז די וואָס שרייבן אמתע ליטעראַטור איז אפשר אַ סך ערגער. ביי די מערסטע פון זיי קויפט מען אינגאַנצן ניט קיין זאַכן, וויפיל יידישע דראַמאַטורגן האָבן דאָס גליק, אַז מען זאָל אויפפירן זייערע אַ פּיעסע.

— אָבער דאָס געוויסן איז דאָך ביי זיי ריין!... דאָס געוויסן — האָט ער מיך מיט ביידע הענט אָנגענומען פאַר די אַקסלען און אַ טרייסל געטאָן. און איך האָב ניט קיין רו... איך קען זיך צייטנווייז ניט אָנקוקן...

מיר האָבן נאָר אַ ווײַלע פאַרבראַכט ביי יאַנקעלע קירשענבוים און דערנאָך זיינען מיר אַרויס אין גאַס. דרויסן האָט נאָך אַלץ גערעגנט, עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג.

— טעקסי! — האָט אַ געשריי געטאָן דער פּיעסן־שרייבער, — מיר פאָרן מיט אַ מאַשין אַהיים.

אין אויטאָמאָביל איז ער געוואָרן מיט מיר נאָך אָפנהאַרציקער ווי פריער.

דער סופליאָר האָט געדרימלט אין אַ ווינקל. דער פּיעסן־שרייבער האָט מיך אַרומגענומען און גערעדט:

— איך פאָר איצט צו מיין געליבטע, ווען ניט זי וואָלט איך שוין פון לאַנג אומגעקומען. איר האָט זי געדאַרפט אָנקוקן. אַ הויכע, שיינע

שאַטענקע, אַ יונגע. זי איז אַלט אינגאַנצן זיבן און צוואַנציק יאָר. זי איז אַ היגע געבוירענע. זי ווייסט, אַז איך האָב אַ פרוי און קינדערלעך און זי ברענגט אָפט מתנות פאַר זיי.

און מיין פרוי?

מיין פרוי ווייסט אַלץ און שווייגט. זי פאַרשטייט מיך. דאָס מוז אַזוי זיין ווייל איך האָב זי ליב, אַז ניט — דער טויט. איך קען אַנדערש ניט לעבן. מיר איז שרעקלעך אומעטיק און זי ראַטעוועט מיך פון פאַרצווייפלונג.

און אירע עלטערן?

אויסגעצייכנטע מענטשן! זיי באַגעגענען מיך תמיד ווי אַן אייגענעם און בעטן אַלץ ווידער קומען. שוין אַזוי פינף יאָר.

מיין לעבן איז אַ פּראַכטפולע טעמע פאַר אַ דראַמע אָדער פאַר אַ סקיצע. איר קענט עס אָנשרייבן! אָבער דערציילט ניט, איך בעט אייך וויפיל קינדערלעך איך האָב.

— גוט, גוט, — האָב איך געזאָגט און אים אַלץ געגלויבט.

ער האָט נאָך גערעדט און גערעדט וועגן זיין געליבטער. דערציילט וועגן איר. ווי איך וואָלט געוועזן זיינער אַן אַלטער גוטער פריינט. דער־נאָך ווידער זיך געקלאָגט אויף זיין דאָליע, וואָס די נויט צווינגט אים צו שרייבן שונד פּיעסן און אַז זיין געוויסן פּלאָגט אים. ער האָט באַ־גראָבן זיין טאַלאַנט פון אַ דראַמאַטורג. און ער האָט געהאַט אַזוי פיל ליכטיקע האָפנונגען, אַזוי פיל וואונדערבאַרע חלומות. אַלץ, אַלץ איז געגאַנגען פאַרלאָרן.

מיר זיינען אַרויס פון דער טעקסי, זיך האַרציק געזעגנט און אָפּגע־רעדט זיך ווידער צו באַגעגענען. ער מוז מיר באַקענען מיט זיין גע־ליבטער און זיין פרוי.

אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין דער ליטעראַרישער קאַפע, האָט ער מיך קאַלט באַגריסט און גלייך אָפּגע־קערט דעם קאָפּ. אַפּנים זיך שטאַרק געשעמט פאַר זיין אָפנהאַרציקייט. און איך האָב אים אויך געלאָזט צו רו.

דער איינזאַמער קוואַרטיראַנט

מיט יאָרן צוריק האָב איך אייניקע וואָכן פאַרבראַכט אויף אַ יידישער פאַרם, ערגעץ אַרום שיקאַגאָ. עס איז געווען אין מיטן זומער. פון איין מאָלצייט ביזן צווייטן פלעג איך מאַכן לאַנגע שפּאַצירן איבערן געגנט. בין איך איין מאָל מער ווי אַ שעה געגאַנגען מיט שמאָלע סטעזשקעס און בין צוגעקומען צו אַן אַלט צוויי־גאָרנדיק הילצערן הויז, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַ וועלדל, אַרומגעצאַמט מיט אַ פּאַרקנדל און ווילדע קוסטעס מיט רויטע יאַגדעס. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר און אפשר אַ הונדערט־יאָריקע זקנה, אַן איינגעהויקערטע, ממש הויט און ביינער, האָט מיר צוערשט אָנגעקוקט און דערנאָך געפרעגט ווער איך בין און וואָס איך וויל.

איך האָב געזאָגט דער אַלטער, דאָס איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, און אַז איך בין דורשטיק. האָט זי מיך געבעטן אַריינקומען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלטע פלעגט היילן קראַנקע פון די נאָענטע פאַרמס און צוגרייטן פון גראָזן און קרייטעכער אַלערליי זאַלבן. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז איך בין אַריינגעפאַלן צו אַ כישוף־מאַכערין פון אַ קינדערשער מעשהלע צו אַן אַלטיטשקע, וואָס קען לייכט אַנטפלעקן יעדן זיין צוקונפט. פון די ברייטע פּאָרהאַנגען אויף די נידעריקע פענצטער איז אין הויז געווען האַלב טונקל. אויף די ווענט, אויף הילצערנע פּאָליצעס זיינען געשטאַנען פלעשלעך מיט רויטע, בלויע, גרינע, געלע און אָראַנזשעווע פליסיקייטן. אין אַן אַלמער מיט גלעזערנע שויבן זיינען געלעגן פּאָרצעלייענע אייער, געפאַרבטע הילצערנע שיסעלעך, ביליקע קרעלן, קליינע פּופּעס מיט מאָדנע, טשיקאַווע פּנימער און הערנער פון אַ יונגן הירש. אין אַ ווינקל אויף קליינע טישלעך זיינען געלעגן אַ סך שטיינדלעך פון אַלערליי קאָלירן, ווי די פאַרבן פון אַ רעגנבויגן אויף אַ קלאָרן ריינעם הימל.

די אַלטע האָט מיר געגעבן וואַסער און אַ גלאָז שטאַרקן „סיידער" און דערציילט, אַז אויפן אויבערשטן פלאָר וואוינט אין אַ קליינינקן חדרל אַ קראַנקער מאַן, וואָס שרייבט ביכער. דערביי האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז ער איז אַ „דזשו", אָבער דאָך אַ „וועריי נייס מען".

— קען איך אים זען? — האָב איך געפרעגט דער אַלטער.

— ער איז איצט אַוועק אויף אַ שפּאַציר. אָבער צו אים קומט קיינער ניט. ער וויל זיין אַליין, — האָט געשעפּטשעט די זקנה און זיך אַרומגע־קוקט, ווי זי וואָלט פאַר אימיצן מורא געהאַט צו ריידן וועגן איר איינ־זאַמען לאָקאַטאָר.

איך האָב איר באַדאַנקט פאַרן „סיידער", געזאָגט אַז זי איז אַ גוטע אַלטיטשקע, און בין אַרויס פון הויז. איך האָב געטראַכט אַז מען וועט דאַרפן נאָכאַמאָל קומען אַהער און זיך באַקענען מיטן „דזשו", וואָס שרייבט ביכער. אָבער אַוועקגייענדיק האָב איך דעם מאַן געטראָפן אויפן וועג. ער איז געגאַנגען צום הויז לאַנגזאַם און פאַרטראַכט און מיך ווי ניט באַמערקט. ער האָט מיר אויסגעזען אינגאַנצן אומבאַקאַנט, כאָטש די מערסטע יידישע שרייבער פון אַמעריקע קען איך פּערזענלעך. ער מוז זיין אַן ענגלישער שרייבער, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. מען דאַרף אים ניט „באַדערן". איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין זיין טונקעלן פּנים מיט די שוואַרצע אויגן און געדיכטע ברעמען. איך בין אויך אַ ווײַלע געשטאַנען און אים נאָכגעקוקט, ביז ער איז אַריין אין הויז, וואו די אַלטיטשקע האָט אים געטראָפן אויפן שוועל.

דערנאָך האָט פּאַסירט אַז איך האָב אין עטלעכע טעג אַרום פאַר־לאָזט די פאַרם און זיך ניט אומגעקערט אַהין די אַלע יאָרן. אָבער אין מיר האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אַ מאָדנער אַראָמאַט, געמישט פון אַלערליי שמעקנדיקע פלאַנצן און איז פון צייט צו צייט אַרויפגעשוואומען און אויף אַ רגע דערמאָנט אָן דער אַלטיטשקער און איר איינזאַמען קוואַר־טיראַנט...

איך האָב זיך אין מיאַמי ביטש צופעליק באַקענט מיט אַן עלטערן מאַן, וואָס האָט מיר דערציילט, אַז ער איז מיינער אַ קאָלעגע און האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אין יידישע פּראָווינציעלע צייטונגען. זיין נאָמען איז מיר געווען אומבאַקאַנט, נאָר ער האָט מיר געזאָגט, דאָס ער פלעגט שרייבן אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָנימען. די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער אַ שוואַך האַרץ און אָט איז ער געקומען קיין פלאָרידאַ.

מיר פלעגן זיך באַגעגענען גאַנץ אָפט אויף אָושען דרייוו, וואו ער האָט געוואוינט אין אַ קליינעם האָטעל און געפירט אַן איינזאַמען לעבן. ער פלעגט אָפט זיצן אויף איינעם פון די גרינע בענק, ביים ים, אונטער די פּאַלמעס און נאָדל־בוימער. דער דאָקטאָר האָט אים געראַטן אַרומגיין וואָס ווייניקער. פלעג איך כמעט אַלע טאָג זיצן מיט אים און מיר האָבן

גערעדט וועגן אונדזער שווערער „דאַליע״ און ווער ווייס וואָס דער מאָרגן קען ברענגען.

ער איז געווען פּעסימיסטיש וועגן דער צוקונפט פון יידיש אין אַמעריקע. די יידן האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייערע קינדער און זיי ניט געגעבן קיין יידישע דערציאונג. מען האָט אַלץ געזאָרגט פאַר אַנדערע לענדער, פאַר וועלט רעוואָלוציעס און מען האָט ניט געזען די וואונדער־לעכע מעגלעכקייטן, וואָס מען האָט דאָ. עפּעס אַ צעטומלטער דור, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין אייגן פּנים און איצט קען מען שוין ניט גיין אויף צוריק. עס איז צו שפּעט.

איך פלעג אים ענטפערן, אַז ניט אַלץ איז שוין פאַרלאָרן. מען קען גאָר ניט וויסן וואָס עס קען נאָך פּאַסירן מיט אונדזער יוגנט. אָבער עטלעכע מאָל, הערנדיק זיין אַביסל הייזעריקן קול און קוקנדיק אויף זיין פּנים, איז עפּעס אַן אַלטיטשקע פרוי אַרויס פון מיין זכרון. אַ סך קאָ־ליר־טע זאַכעלעך און אַ שאַרפער ריח פון פלאַנצן פילן אַן אויף אַ רגע מיינע נאָזלעכער. נאָר איך האָב זיך אַלץ ניט דערמאָנט, אַז איך האָב אים שוין אַמאָל געזען אויף דער איינזאַמער פאַרם אַרום שיקאַגאָ.

עס איז געווען די נאַכט ערב דעם קריסטלעכן פּסח. פריער בין איך עטלעכע טעג אָפּגעלעגן אין בעט מיט אַ גריפּ און אָט אַן אויסגעמאַטער־טער, אַ שוואַכער, האָב איך זיך געדרייט אויף מיין געלעגער און ניט געקענט איינשלאָפן. עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. מיר איז געווען אומהיימלעך. עס האָט געדריקט אַ שווער געפיל פון איינ־זאַמקייט, ווי איך וואָלט זיך געפינען אין אַ פינצטערן און וויסטן פּלאַץ.

איך האָב זיך געסטאַרעט צו באַרואיקן: עט, נאַרישקייטן, ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אַז מיין געמיט איז אַזוי געבראָכן. אַ שטימונג אַזאַ. נאָך אַ פּאָר טעג און מיין צושטאַנד וועט ווערן בעסער, וועל ווידער קומען צו זיך.

איך האָב זיך אָנגעטאָן און בין אַרויס צום ים. עס איז געווען שטיל אַרום און אַרום. דיביימער אויף אָושען דרייוו זיינען געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. דער ים האָט געשוויגן. די פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זיך אָוועקגעלייגט שווער איבער דער ערד און געשטיקט. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט. איך בין פּאַמעלעך אַרומגעגאַנגען הין און צוריק און דער אומעט איז מיר נאָכגעגאַנגען. עס האָט אויסגעזען, אַז די אומרו איז אָנגעקומען פון אַלע זייטן פון דער וועלט און וויל מיך אומברענגען.

מיר האָט זיך געוואָלט אומקערן אין מיין חדרל. בייטאָג בין איך געשלאָפן און דאָס האָט געמיינט, אַז ביז פאַרטאָג וועל איך ניט קענען צומאַכן מיט קיין אויג. און אַ זייגער זעקס אין דער פרי האָב איך גע־טראַכט אויפשטיין און זען ווי די מיאָמער קריסטן וועלן אויפן ביטש באַגעגענען מיט הייליקן געזאַנג זייער „איסטער" און דעם זון אויפגאַנג.

אָבער אָט האָב איך אויף איינעם פון די בענק באַמערקט אַ פיגור. בין צוגעגאַנגען נעענטער און דערקענט מיין קאָלעגע — דעם קראַנקן שרייבער פון דער פּראָווינץ. ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט און געבעטן זיצן מיט אים.

מיר זיינען געזעסן און האָבן גערעדט. ער האָט דערמאָנט זיינע אייגע־נע אין פּוילן, וואָס אַלע זיינען זיי אומגעקומען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פילט זיך שרעקלעך צערודערט, קען ניט שלאָפן. און וואָס וועט זיין דער סוף מיט אים? וואָס וועט זיין דער סוף?

דערנאָך האָב איך זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז איך האָב אים שוין אַמאָל געזען און איך האָב אָנגערופן דעם פּלאַץ. גראָד איצט, אין דער פינצטער, האָב איך אים אומדערוואַרטעט דערקענט און דאָס איז געווען אַזוי מערקווירדיק.

— יאָ, דאָס בין איך דער איינזאַמער קוואַרטיראַנט, ווי די אַרו־מיקע יידישע פּאַרמערס פלעגן מיך רופן.

— מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

— אַביסל מער, — האָט ער צוגעגעבן.

מיר האָבן זיך דערפילט אַ סך נעענטער איינער צום צווייטן און אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער פאַר מיר גערעדט. וואָס האָט מיט אים דאָן פּאַסירט? אייגנטלעך גאָרנישט מיט גאָרנישט. אין דער שרייבער פּראָ־פעסיע קומט עס פאַר נאָכאַנאַנד און זיכער אויך אין אַנדערע קינסט־לערישע פּראָפעסיעס. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער געווען פול מיט האָפענונגען און גרויסע פּלענער פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיין בעלעטריסטישן טאַלאַנט, וואָס אין וואַרשע האָבן אנערקענט באַ־וואוסטע שרייבער. זיינע דערציילונגען האָבן אַלע געלויבט. נאָר אין אַמעריקע האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטיינערנער, קאַלטער וואַנט. איך ווייס דאָך מסתמא: יעדער זאָרגט פאַר זיך און איינציקע שטעלן זיך פאַר גאָר ניט אָפּ אַבי קריגן אנערקענונג. מען פירט אינטריגעס, מען נוצט עלענבויגנס און דאָס ערגסטע: שטענדיק רעדט מען נאָר וועגן זיך. נאָר צו וואָס דערציילט ער דאָס מיר?

ער איז אַוועקגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ. אין איין צייטונג האָט ער געשריבן שונד־ראָמאַנען. זיין רעדאַקטאָר, וואָס איז געווען אַ מענטש מיט ווילדע קאַפּריזן און אַ שלעכטן ליטעראַרישן געשמאַק, פלעגט אים ממש דיקטירן וואָס צו שרייבן און ווי צו שרייבן. ער האָט שטאַרק גע־ליטן. דאָך האָט ער געשוויגן און געטאָן זיין אַרבעט. ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ פרוי און אַ קינד איז אונטערגעוואקסן. אָבער לאַנג האָט עס ניט געקאָנט אָנהאַלטן. אַלץ האָט אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן אין אים. ער איז קיינמאָל ניט געווען צופרידן און אָפט פאַרביטערט געווען. ער האָט געפילט, אַז די צייטונג גראָבט אונטער זיין טאַלאַנט.

יאָ, ער איז געווען זיכער, דאָס ער פאַרמאָגט אַ גרויסן בעלעטריסטישן טאַלאַנט, אַז ער איז אַ ראָמאַניסט מיט אַ ברייטן פאַרנעם. ער האָט ענדלעך באַשלאָסן אַוועקגיין פון דער צייטונג און זיך צעקריגט מיטן רעדאַקטאָר. האָט מען אים גלייך אָפּגעזאָגט. איצט, האָט ער געטראַכט, איז געקומען די צייט זיך אַ נעם טאָן ערנסט צו דער אַרבעט און פאַר־ענדיקן אַ ראָמאַן, וואָס ער האָט נאָך אָנגעהויבן שרייבן אין וואַרשע, אין דער יוגנט. ער האָט אָנגעהויבן חלומען וועגן אַ שטילער פאַרוואָרפענער געגנט און זיך געקליבן צו פאַרלאָזן די הויז. זיין פרוי האָט אים געמאַכט אַ סקאַנדאַל. ווי פאַרלאָזט עס אַ פאַרהייראַטער מאַן אַ דזשאָב. איז ער פּשוט אַנטלאָפן אויף יענער פאַרם, וואו איך האָב אים געזען. אָבער זיין פרוי האָט אים נאָכאַנאַנד געשריבן און געפּאָדערט, ער זאָל זיך ענטשולדיקן פאַרן רעדאַקטאָר און ער וועט צוריק קריגן זיין פּלאַץ. זי האָט שוין אַלץ אַראַנזשירט. נאָר ער האָט זיך ניט אַזוי גיך אונטער־געגעבן און איז מאַנאַטן פאַרבליבן אויף פאַרם. דער „אינדיען זומער״ האָט זיך אונטערגערוקט. עס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַרביקע, שטילע, איינזאַמע טעג און נעכט. די אַרומיקע שטילקייט איז אַריין אין זיין נשמה און אים געגעבן אַ סך גליק. זיין פרוי האָט אים עפּעס פּלוצלינג געלאָזט צו רו. די ערשטע צייט האָט ער גאָר ניט געקענט טאָן און אַלץ אַרומגעבלאָנקעט אַרום דער געגנט. דערנאָך האָט ער גענומען צו ביסלעך אַרבעטן. פלעגט אָנשרייבן אַ קאַפּיטל, עס צערייסן און ווידער אָנהויבן און אַזוי איז געקומען דער ווינטער. ער זיצט ביי אַ טישל מיט דער פּען אין האַנט, באַלויכטן פון אַ טיפער, אינערלעכער פרייד. ער וואַרפט אָן אַ זייטל נאָך אַ זייטל, קען זיך ניט אָפּשטעלן, כאָטש ער פילט ווי זיינע הענט הויבן אָן צו ציטערן נערוועז פון מידקייט. עס טראָגט אים אַ קאָלירפול פאַנטאַסטישער שטראָם. ער איז ווי אין אַ פיבער און אין

די נידעריקע צוויי פענצטער פון זיין חדרל קומט אַריין דער טאָג, אָדער די נאַכט, און דערציילט, אַז ווייט אַרום ציען זיך פעלדער און עס יאָגט זיך פון ערגעץ אַ שניי־זאַווערוכע, וואָס וועט פאַרשיטן אַלע וועגן און סטעזשקעס און מען וועט ניט זען קיין פרעמדן מענטשן טעג און טעג.

איך וויל וויסן דעם סוף?! ניין, ער האָט זיין ראָמאַן נישט אָנ־געשריבן. זיין פרוי איז געקומען און אים אַוועקגעפירט אַהיים. ער האָט זיך אויך אנטשולדיקט פאַרן רעדאַקטאָר און באַקומען צוריק די שטעלע אַפילו מיט אַ העכערונג פון אַ פּאָר דאָלער אַ וואָך, אָבער אין גיכן האָט ער דאָך אויפגעגעבן די צייטונג און איז געוואָרן אַן אינשורענס אַגענט. אַזוי, האָט ער געהאָפט, וועט ער האָבן מער צייט צו שרייבן, נאָר עס איז געוואָרן נאָך ערגער. די פאַרזיכערונג געזעלשאַפט האָט אים ווי אינגאַנצן איינגעשלונגען. דערצו זיינען געקומען אַלץ אָפטער די געדאַנ־קען: צו וואָס שרייבן? פאַר וועמען? און וואו וועט ער נעמען געלט אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַריש ווערק?! און ווי קען ער אַרומגיין אַליין פעדלען מיט זיינעם אַ בוך?

איך האָב געשוויגן. וואָס האָב איך אים געקענט ענטפערן אַז קיינמאָל איז מיר ניט אויסגעקומען צו לייענען זיינס אַ דערציילונג, אָדער עפּעס אַנדערש. מיט אַ מאָל האָט זיך צעזונגען אַ פויגל אויף אַ פּאַלמע און אַ ווינטעלע האָט אַ בלאָז געטאָן פון ים. מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. מיין קאָלעגע האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק און איך נאָך אים.

— איר גייט אַריין אין האָטעל? — האָב איך אים געפרעגט.

— איצט וועל איך אפשר קענען איינשלאָפן. פריער איז געווען שרעקלעך שטיקנדיק אין מיין צימער.

— שלאָפט רואיק.

— און איר אויך.

איך בין אָבער ניט געשלאָפן רואיק. עפּעס האָב איך געהאַט שווערע חלומות. האָב געוויינט אין שלאָף און מיין האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרק, נאָר דערנאָך איז מיר געוואָרן אַזוי גוט. אַ וואונדערבאַרער גלאָקן־קלאַנג און זיסער געזאַנג פון פרויען־שטימען האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן צו מיר. עפּעס ווי ווייסע מלאכים וואָלטן מיך גענומען אויף די הענט און פאַרוויגט מיט שטילע גוטע ווערטער און צוגעזאָגט רו און גליק. און מיט אַ מאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און דערמאָנט, אַז איצט באַ־געגענען די קריסטן זייער „איסטער" און דאָס קלינגט מען אין די קלויסטערס און מען זינגט תפילות.

אין אַ ווײַלע אַרום בין איך שוין געווען אויפן ביטש. טויזנטער מענער און פרויען מיט קליינינקע, פאַרשלאָפענע בייביס אויף די הענט און אַ סך קריפּלס מיט קוליעס אונטער די אָרעמס, מיט אויסגעקרימטע פאַרמוטשעטע פּנימער, זײַנען אין געדיכטע גרופּעס געשטאַנען בײַ די גרויסע עמפּליפייערס, וואָס מען האָט נאָך אויפגעשטעלט האַרט בײַם וואַסער מיט אַ פּאָר טעג פריער, און זיך צוגעהערט צו די תּפילות, וואָס אַ כאָר האָט געזונגען אויפן דאַך פון דער קליינער, ווייסער, שטיינערנער געביידע פון „קאָוסט גאַרד״, בײַ דער צענטער סטריט. די זון איז שוין אויפגעגאַנגען. די לופט איז געווען גאָלדיק פריש און פול מיט געשמאַקע קלאַנגען. איך בין אַרומגעגאַנגען צווישן עולם און באַמערקט מײַן קאָלעגע, דעם יידישן שרײַבער. ער האָט געקוקט אויף דער זון, מיט ברייט פונאַנדערגעעפנטע אויגן און זײַן טונקעלער פּנים האָט עפּעס געהאַט אַ מאָדנעם קרענקלעכן צעטומלטן אויסזען, ווי די דאָזיקע סצענע וואָלט אין אים אַרויסגערופן פאַרדריסלעכע געפילן.

איך האָב אים אויסגעמיטן און בין אַוועק ווייטער.

אין אַ שלאָפלאָזע נאַכט

אַ קאָלעגע רעדט זיך אָפּ פון האַרץ פאַר מיר:

— איך שרייב שוין פינף און צוואַנציק יאָר און קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו אַראַנזשירן פאַר מיר אַ ליטעראַרישן יום טוב, וואָס וואָלט מיר אַביסל דערוואַרעמט און געגעבן מוט ווייטער אָנצוגיין מיט דער שווערער אַרבעט פון שרייבן נאָכאַנאַנד דערציילונגען און ראָמאַנען. נאָר צו וועמען קען איך האָבן טענות, אַז כמעט אַלע זיינען מיר צעריסן צווישן זיך און איינער האָט פיינט דעם צווייטן. יעדער איז אָנגעלאָדן מיט גיפט און גאַל און גייט אַרום אַ פאַרביטערטער. אַפּנים, אַז אַזוי פילן שוין שטענדיק די יעניקע, וואָס זיינען געבענטשט מיט פעאיקייטן עפּעס צו שאַפן. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אַליין פאַרגעסן אָן מיין יובילעי און ווען ניט אַ לייענער מיינער, וואָלט איך גאָר ניט געטראַכט וועגן דעם.

דעם גאַנצן חודש דזשולאַי האָב איך מיט מיין פאַמיליע פאַרבראַכט אין די קעטסקיל בערג. מיר האָבן געדונגען צוויי צימערן אין אַ קליינעם קאָטעדזש און איך האָב אַ סך געאַרבעט. נאָר אָט איז איינמאָל צו מיר געקומען אַ מיטליאָריקער מאַן פון אַ נאָענטן האָטעל, זיך פאַרגעשטעלט פאַר מיינעם אַ שטענדיקן לעזער און מיך איינגעלאַדן אויף אַ שמחהלע, וואו מען וועט זיך דערציילן עראָטישע מעשהלעך און דער יעניקער אָדער די יעניקע, וואָס וועט אויסנעמען מיטן שמוציקסטן וויץ, וועט קריגן אַ פּרייז — אַ דאָלער.

— איז צו וואָס דאַרפט איר מיך? — האָב איך אים געפרעגט. — איך בין אַ שוואַכער דערציילער פון שמוציקע וויצן.

— יאָ, — האָט ער צוגעשטימט. — מיר ווילן אָבער איר זאָלט אונדז באַשרייבן אין „פּייפּער". עס וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר אייך.

איך האָב דעם יידן שאַרף אָפּגעזאָגט, נאָר ער איז ניט אָפּגעטראָטן און זיך געפילט באַליידיקט. מען טראָגט מיר אונטער אַזאַ טייערן שטאָף און איך אַנטזאָג זיך גאָר און ער האָט מיט מיר פאַרפירט אַ דיסקוסיע

וועגן ליטעראַטור. דער סוף איז געווען, אַז איך האָב זיך שטאַרק אויפ־גערעגט און מיר האָט פאַרדראָסן וואָס איך האָב אים געענטפערט און גענומען ערנסט דעם שמועס. צו וואָס האָב איך עס געדאַרפט, אַז יענעם איז דער גאַנצער ענין געווען פרעמד, ווייל וואָס מען זאָל ניט אָנשרייבן איז ביי אים אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע „מאַכערייקע".

נאָך זיין אַוועקגיין האָב איך אויסגעטרונקען צוויי גלעזער שוואַרצן קאַווע מיט בראַנפן. געוואָלט אַביסל דערוואַרעמען די נשמה פון דער קעלט, וואָס האָט מיך אַרומגענומען. פאַר וועמען שרייבט מען עס! וויפיל זיינען פאַראַן גוטע אינטעליגענטע לייענער ביי אונדז? ווער קויפט אונדזערע ביכער? ווער דאַרף אונדז?

עפּעס האָב איך זיך ניט געקאָנט באַרואיקן יענעם טאָג. דער פאַר־דראָס איז אַלץ שטאַרקער געוואַקסן אין מיר און ביינאַכט האָב איך ניט געקענט איינשלאָפן. איך האָב זיך געדרייט אויף מיין געלעגער פון איין זייט אויפן צווייטן, און די שעהען האָבן זיך געצויגן פּיינלעכע און שווערע. איך האָב זיך געלייגט אין בעט אַזייגער צען און עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט און איך בין נאָך ניט איינגעשלאָפן.

לעבן מיר, אין אַ צווייטער בעט, איז רואיק געשלאָפן מיין פרוי מיט די קינדער. דורך די צוויי אָפענע פענצטער האָט אַריינגעשיינט אַ פאַרשפּעטיקטע, גרויסע, קופּער רויטע לבנה, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון הינטער די בערג, בלאַס באַלויכטן אַ ווינקל פון צימער און דאָס בלאָנד קעפּעלע פון מיין יינגסטן קינד. איך בין אַראָפּ פון בעט, פאַר־האַנגען די פענצטער און זיך ווידער געלייגט. דערנאָך האָב איך גענומען, עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, פּאַמעלעך ציילן פון איינס ביז הונדערט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל האָב איך געליטן פון שלאָפלאָזיקייט און אַ דאָקטאָר האָט עס מיר געראַטן טאָן. אָבער אומזיסט, דער שלאָף איז ניט געקומען און מרה־שחורהדיקע געדאַנקען זיינען אַלץ געקראָכן אין קאָפּ.

אָט די עלטער שטייט שוין אויפן שוועל מיט איר אומעט און איינ־זאַמקייט, מיט אירע קראַנקהייטן און קאַפּריזן. די פיזישע און גייסטיקע כחות ווערן אַלץ שוואַכער. וואָס וועט זיין שפּעטער, אַז קיינער וועט ניט וועלן דרוקן דיינע זאַכן. וואו וועסטו זיך אַהינטאָן מיט דיין פאַמיליע! האָסט כמעט שטענדיק געאַרבעט אויף זאַכן, וואָס האָבן גע־זאָלט געפעלן זיין און דיר איז עס קיינמאָל ניט געווען צום האַרצן.

און וואָס באַקומסטו דערפאַר? עס איז אַפילו ניט גענוג אויף דאָס נוי־טיקסטע, און תמיד גייט דיר נאָך ווי אַ שוואַרצער שאָטן די נויט.

אָט אַזוינע און ענלעכע געדאַנקען האָבן זיך געפלאָנטערט אין מיין קאָפּ, ניט געלאָזט איינדרעמלען און איך האָב באַשלאָסן צו פּרובירן טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. איך האָב גענומען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פאַר אַ לענגערער דערציילונג. מאָלן זיך די טיפן, שילדערן די סצענעס און די נאַטור. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ הומאָריסטישע זאַך, מיט קאָ־מישע סיטואַציעס און זאַרגלאָזע פריילעכע מענטשן. אויף יעדן שריט און טריט איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל קאָמיזם. אַוועק מיטן אומעט! עס איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, ווי עס דוכט זיך מיר איצט אין דער שלאָפ־לאָזער נאַכט. אָט וועל איך פאַרמאַכן די אויגן און איינשלאָפן.

אָבער אַ ווײַלע שפּעטער בין איך אַראָפּ פון בעט און געזאָגט מיין פרוי, וואָס האָט זיך אויף אַ מינוט אויפגעכאַפּט, אַז איך גיי אין מיין צימער לייענען. עס שלאָפט זיך מיר ניט. זי האָט עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן און איך בין אַריין אין צווייטן חדר און אָנגעצונדן די עלעקטרישע ליכט. דערנאָך האָב איך זיך אַוועקגעזעצט ביי מיין שרייב טיש. דורך די אָפענע פענצטער האָט פון די בערג געבלאָזן אַ קילער ווינטל. די לבנה איז שוין געשטאַנען הויך, איז געוואָרן קלאָרער, קלענער. פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן דאָס קוואַקען פון פרעש און אַ הונט האָט געבילט. זאָל איך עפּעס אָנהויבן שרייבן אין דער שטילקייט פון דער זומער נאַכט, אָנוואַרפן? ניין, איך וועל בעסער איבערקוקן אַלטע בריוו פון אַמאָליקע חברים און פריינט. יאָ, איך האָב אַמאָל געהאַט חברים און פריינט. און זיי פלעגן מיר שרייבן גוטע בריוו, האַרציקע. איצט האָב איך זיי ניט. און אַז איך שרייב אימיצן און וויל ווערן באַפריינדעט — ענטפערט מען מיר ניט. אפשר איז עס מיין שולד. נאָר אַזוי איז עס.

איך האָב אַרויסגערוקט אַ שופלאָד פון מיין שרייב־טיש, אַרויסגע־נומען אַ פּעקל בריוו און עס גענומען איבערקוקן. וואָס איז דאָס? יאָ, דאָס איז אַ מסירה צום רעדאַקטאָר אויף מיר, אַז אַזאַ שרייבער דאַרף אויסגעוואָרצלט ווערן פון דער צייטונג מיטן שורש. „עס האָט געמעגט אַרויפגעלייגט ווערן אַ צענזור שלאָס אויף די הענט פון אַזעלכע שריי־בער! זיי זאָלן ניט וואַרפן זייער שמוץ אין רשות הרבים“.

ווער האָט געשריבן דעם מיאוסן בריוו? אַ לייענער אָדער אפשר גאָר איינער פון יענע שרייבער, וואָס האָט זיך נעבעך ניט וואו צו דרוקן. ווער ווייס? אויפן קאָנווערט איז דער אַדרעס צום רעדאַקטאָר

אָפּגעדרוקט און אונטערן בריוו איז ניטאָ קיין נאָמען. אָבער יעדעס מאָל, ווען איך כאַפּ אַ קוק אויף די גרויסע אותיות פון דעם דאָזיקן בריוו, ווערט מיר אַזוי אומעטיק. אויף וואָס מענטשן זיינען פּעאיק.

איך האָב שוין די אַנדערע בריוו ניט געלייענט און אָפּגעזוכט אַ פּעקל אַלטע צייטונגען. איך קוק איבער איין קורצע סקיצע, אַ צווייטע, אַ דריטע. עס גיט אַ וועיע אויף מיר מיט פרישקייט און סענטימענטאַ־ליטעט פון יוגנט־חלומות, מיט זיסע אַראָמאַטן פון פרילינג פרימאָרגנס. אַ מיידל האָט מיר לאַסטשענד אַ שמייכל געטאָן אין פּנים מיט אַ צווייגל פון בעז, באַשפּריצט מיט טוי. איך פאַרמאַך די אויגן פון פאַרגעניגן. וואַרט! ווען האָב איך עס געשריבן. מיין גאָט, עס איז פינף און צוואַנציק יאָר ווי איך האָב אָפּגעדרוקט די ערשטע זאַך אין אַ וועכנטלעכער צייטונג. יאָ, פינף און צוואַנציק יאָר. איך וואַרף אַ קוק אויפן קאַלענדאַר. אַ פערטל יאָרהונדערט. אַ יובילעי! אַט אַזוי פראַוועט מען דאָס מיין יובילעי. וואו זיינען די קאָלעגן, וואָס דאַרפן מיר קומען באַגריסן, און דער גרויסער עולם...

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. אין מיין קליינעם חדרל איז געווען שטיל. פון וואַנט האָט אויף מיר געקוקט דער פאָרטרעט פון שלום־עליכם מיט זיין קלוגן שמייכל אויפן פּנים. איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך בין מיט מיין ערשטער זאַך געקומען צו אַ יידישן שרייבער. ווען איך בין אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ פון זיין וואוינונג, האָבן ביי מיר געציי־טערט די קני פון אויפרעגונג, און דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, אַז אָט־אָט וועל איך מיט מיינע אייגענע אויגן זען דעם באַוואוסטן קינסט־לער, וועלכן איך לייען אַזוי גערן. און אַז ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין מיינע זאַכעלעך זיינען פאַראַן פונקען פון טאַלאַנט, האָט זיך ביי מיר פאַרדרייט דער קאָפּ פון גליק און איך בין דערנאָך וואָכן אַרומגע־גאַנגען ווי אין חלום. אָט וועל איך ווערן אַ שרייבער און מיט מיין פען וועקן די אונטערדריקטע צו קעמפן פאַר אַ בעסערן לעבן. איך וועל שיל־דערן די נויט פון אָרימע און פאָדערן גערעכטיקייט און יושר. איך וועל פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן און תמיד אַרויסגיין מיטן אמת.

האָב איך עס געטאָן? ניין און ניין!

* * *

איך האָב פאַרלאָשן דאָס ליכט, בין אַריין צוריק אין שלאָף־צימער.

— וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן אין מיטן דער נאַכט? — האָט מיר

געפרעגט מיין פרוי אַ פאַרשלאָפענע — וואָס וואַנדערסטו אַרום ווי אַ לונאַטיק?

איך האָב איר געזאָגט, אַז היינט איז געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר ווי איך האָב אָפּגעדרוקט מיין ערשטע זאַך. אַ יובילעי. אַ ליטעראַרישער יובילעי.

זי האָט אַ געניץ געטאָן און אַרויסגערעדט:

— וואָס פאַר אַ יובילעי אין מיטן דער נאַכט? ביסט אַראָפּ פון זינען. לייג זיך שוין שלאָפן.

איך בין צוריק אַריין אין מיין צימער, זיך געזעצט ביים שרייב־טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איך האָב זיך צו גאָרניט געקענט דער־טראַכטן. עס איז צו שפּעט אָנצוהויבן אויפסניי. פאַרפאַלן. זאָל עס גיין ווי עס גייט...

אין דרויסן האָט גענומען שאַרן אויף טאָג. די זומער־נאַכט איז שטיל אויסגעגאַנגען. אַ ליכטיקער פּאַס האָט זיך באַוויזן אין מזרח זייט. דער ווינטל איז געוואָרן פרישער און געשמאַקער.

אַ נייער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן.

ווען אַ אידישער שרייבער פֿאָרט אַרויס אויף דער פּראָווינץ

ווען אַ יידישער שרייבער, וואָס איז געצוואונגען אַרומצופאָרן „פּעדלען" מיט זיינעם אַ בוך, ווערט אייך זאָגן אַז ער מאַכט שלעכטע געשעפטן אין אונדזער רייכער אַמעריקע און פילט זיך דער־נידעריקט, — לאַכט זיך אויס פון אים. דאָס שטעלט ער זיך נאָר אַרויס אַזוי נעבעכדיק. אָבער אין דער אמתן עסט ער זיך אָן איבערן האַלדז מיט כבוד, ווערט באַרימט און קריגט אָן אַ שיעור פריינט און פאַרערער, וועלכע קענען אים דערנאָך ממש ניט פאַרגעסן.

אָט האָט דער שריפטשטעלער באַרוכאָוויטש אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער און עסייען און דערנאָך זיך אַרויסגעלאָזט באַזוכן די ליבע פּראָווינץ. ער האָט מיטגענומען מיט זיך בריוו צו אָרגאַניזאַציעס און צו סתם וואוילע יידן. נאָר פון דעם איז גאָרנישט אַרויס. כמעט פון יעדער שטאָט האָבן אים די אָרגאַניזאַציעס געראַטן זיך אָפּטראָגן גלייך צוריק. אמת, לויט זייער פּראָגראַם דאַרפן זיי טאַקע פאַרשפּרייטן יידישע קולטור, אָבער ווער נויטיקט זיך אין ביכער.

דאָך האָבן זיך געפונען אייניקע וואָס האָבן אים געהאָלפן „גיין איבער די הייזער" און פאַרקויפן דאָס בוך. מען האָט עס געטאָן אויס רחמנות, אָדער פאַר אַ גוטן פּראָצענט און באַרוכאָוויטש איז די דאָזיקע מענטשן געווען זייער דאַנקבאַר און זיי איינגעלאַדן צו זיך קיין ניו־יאָרק צו גאַסט. עפּעס האָט ער געהאַט אַ געפיל, אַז פאַר יעדן בוך וואָס מען פאַרקויפט פאַר אים איז ער שולדיק אַ טובה.

עטלעכע וואָכן איז באַרוכאָוויטש געווען אין וועג און אַן אַנטוישטער זיך אומגעקערט אַהיים. געקומען איז ער צוריק מיט צוויי פּעק ביכער. איין פּאַק — זיינע לידער און עסייען — און דער צווייטער — אַ מתנה פון „פּאָעטן, בעלעטריסטן און היסטאָריקער", וואָס האָבן אים אונטער־געטראָגן זייערע ווערק.

שפּעטער, אַז ער האָט גענומען צוזאַמענפירן זיינע חשבונות, האָט

ער אויסגעפונען אַז עס איז אים גאָרנישט פאַרבליבן, דאָס בוך וואָס האָט אים געקאָסט איבער אַ דאלער אַ קאָפּיע האָט ער פאַרקויפט ניט קיין סך טייערער. דערצו האָט ער געהאַט אויסגאָבן: עסן און האָטעל.

— נו, מילא, איז ער געזעסן אין זיין קליינעם חדרל און געטראַכט.

— פאַרשפּרייט אַביסל ביכער. מען וועט אפשר לייענען.

נו, מילא. מען דאַרף פאַרגעסן אָן אַלץ...

פּלוצלינג האָט ער דערהערט ווי די באַלעבאָסטע פון הויז, וואָס האָט געוואוינט אונטן רופט אים צום טעלעפאָן.

באָרוכאָוויטש איז אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ.

— האַלאָ, האַלאָ, ווער רעדט עס?

די שטימע איז געווען אַ פרעמדע און ניט קיין זיכערע. דאָס איז אַלקאַן און זיין מיידל געקומען קיין ניו־יאָרק. ער געדענקט דאָך זיי מסתמא. נו, וואָלטן זיי אים געוואָלט זען. ער ווייסט דאָך וועגן וואָס עס האַנדלט זיך...

— זיכער, זיכער, — האָט אונטערגעכאַפּט באָרוכאָוויטש. — קומט גלייך צו מיר.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער שרייבער געלאָזט וויסן זיין פרוי אַז זיי וועלן באַלד האָבן געסט. דער יונגערמאַן, וואָס קומט מיט זיין כלה אַהער, האָט אים איינמאָל כמעט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעפירט אין זיין „פאָרדל" פאַרקויפן ביכער. אמת, ער האָט אים באַצאָלט דערפאַר. אָבער דער בחור איז זייער אַ וואוילער. ער איז שוין אַ פּאָר יאָר פאַרליבט אין דעם מיידל און אירע עלטערן זיינען קעגן דעם שידוך. אויך זיין מוטער איז ניט צופרידן און דאָס מיידל וויל צו איר ניט גיין וואוינען. מיט איין וואָרט, זיי וועלן דאָ חתונה האָבן און ער, באָרוכאָוויטש, וועט דאַרפן איינטענהן מיט איר זי זאָל מאַכן שלום מיט זיין מוטער. אַ שרייבער ווייסט ווי צו ריידן און אים וועט זי הערן.

דערנאָך איז ער געוואָרן „ביזי" און געהאָלפן דער פרוי צוגרייטן אַ גוטן מיטיק פאַר די געסט. דערביי האָבן זיי זיך געאַמפּערט, וואו זאָל מען גרייטן צום טיש אין קיך אָדער אין זיין חדרל. די פרוי איז באַשטאַנען אַז מען זאָל עסן אין קיך. עס קומען ניט קיין פּרינצן און דאָס דירהלע איז אַ קליינע און אַן ענגע. אַ געוואַלד, וואָס פאַר געשעפטן ער האָט אויפגעטאָן אין דער פּראָווינץ...

באָרוכאָוויטש האָט זיך געבייזערט, געסטראַשעט דער ווייב, אַז ער

וועט אַנטלויפן פון הויז, אַזש אין די הרי חושך, ווייל זי לאָזט אים ניט אויפנעמען קיין מענטשן.

נאָר דאָס פּאָר פאָלק האָט זיך באַוויזן און עס איז געוואָרן שטיל. אַ ווײַלע האָט מען אַזוי פאַרבראַכט און דערנאָך האָט מען זיך געזעצט עסן. באָרוכאָוויטש האָט שטרענג אָנגעזאָגט זײַנע דרײַ קלײנע קינדער צו זיצן רואיק בײַם טיש און קײנעם ניט שטערן. ער האָט זיך אַלץ געסטאַרעט צו דערווײַזן דער מײדל, אַז איר צוקונפטיקע שוויגער איז אַ וואונדער־באַרע פרוי און גלײַך נאָך דער חתונה מוז זי גײן וואוינען צו איר. זי מוז נאָכגעבן. דאָס איז איר פליכט. אָבער דאָס מײדל האָט געהאַלטן אין אײן ווידערהאָלן, אַז זי האָט שוין „פּלענטי" נאָכגעגעבן און וויל אַמאָל אויך עפּעס אויספירן.

אויף מאָרגן האָט באָרוכאָוויטש מיט די געסט פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג און זײ געהאָלפן אָפּזוכן אַ רב וואָס זאָל זײ געבן קדושין. דערנאָך זײַנען זײ אַלע געפאָרן צוריק צו אים. דאָס מאָל האָט זײַן ווײַב געדאַרפט צוגרײטן אַ גוטע וועטשערע און ער האָט דאָס פּאָר פאָלק אָפּגעטראָטן זײַן חדרל איבערצונעכטיקן. אָרעמע מענטשן. מען קען ניט אַנדערש. דערצו, נאָך דער חופּה, וואו וועלן זײ גײן זוכן אַ ביליקן האָטעל? און ער האָט אַ גאַנצע נאַכט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. עס איז געווען זײער ענג צו שלאָפן אין אײן בעט מיט דער ווײַב און די דרײַ קינדערלעך.

נאָך דעם באַזוך האָט ער אַ טאָג גאָרנישט ניט געטאָן. עס האָט זיך אַלץ געוואָלט שלאָפן.

אָבער מיט דעם האָט זיך עס נאָך אַלץ ניט געענדיקט. די ליבע פּראָווינץ האָט דעם שריפטשטעלער בײַ וועלכן זי האָט געקויפט אַביסל ביכער, אַזוי גיך ניט פאַרגעסן.

אײנמאָל קומט באָרוכאָוויטש אַהײם און זײַן פרוי זאָגט אים אין דער שטיל, אַז אויף אים וואַרט אין זײַן חדרל עפּעס אַ בחור מיט אַ געלן טשעמאָדאַנטשיק. געקומען מיט אַ בריוו און וויל ניט אַוועקגײן. ער דאַרף אים נויטיק האָבן.

— מסתמא אַ גאַסט פון דער פּראָווינץ, — האָט דערשראָקן אַ שעפּטשע געטאָן דער שריפטשטעלער. — איך בין אַזוי פאַרנומען.

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ ייִד, וועלכער האָט באָרוכאָ־וויטשן געהאָלפן פאַרקויפן צען ביכער, האָט אַרײַנגעשיקט זײַן ייִנגסטן ייִנגל, באָרוכאָוויטש זאָל אים קריגן אַ דזשאָב. אין זײַן בריוו האָט דער ייִד געשריבן: „היות ווי ער, באָרוכאָוויטש, איז אַן אָנגעזעענע פּער־

זענלעכקייט אין די הויכע ליטעראַרישע קרייזן און קען אַ סך מענטשן, זאָל ער אים טאָן אַ טובה און קריגן עפּעס אַן אַרבעט פאַר זיין בחורל, דאָס יינגל האָט אַ גוטן קאָפּ און וואָלט זיך אַפילו אויסגעטויגט אין אַ „פייפּער". ער האָפט, אַז אים, באַרוכאָוויטשן, וועט נישט זיין שווער איינצוואָרדענען זיין זון. אין דער פּראָווינץ איז טויט און עס איז ניטאָ דאָרט וואָס צו טאָן. ער דאַנקט אים פון גאַנצן האַרצן און פאַרלאָזט זיך אויף אים. ביי אַזאַ מענטשן וועט שוין דאָס בחורל ניט פאַרפאַלן גיין.

יאָ, זיין בוך לייענט מען דאָ און מען האָט גוואַלדיק הנאה. ער געדענקט דאָך מסתמא דאָס שוואַרצע יידל, מיט דער בעלמע אויף דער רעכטער אויג וואָס האָט זיי ביידן אַרויסגעטריבן פון זיין „סטאָר", ווען זיי זיינען אַריין צו אים פאַרקויפן אַ בוך. נו, האָט ער ביי אימיצן געליען דאָס בוך און לייענט עס מיט גרויס „פּלעזשור". איז פשוט באַגייסטערט.

באַרוכאָוויטש האָט צוזאַמענגעלייגט דעם בריוו און פאַרטראַכט אָנגעקוקט דעם בחורל, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַביסל אַ דערשראָקענעם שעמעוודיקן שמייכל אויפן דאַרן פּנים. דער געלער טשעמאָדאַנטשיק איז געשטאַנען ביי זיינע פיס.

— דו האָסט דאָ קרובים? — האָט באַרוכאָוויטש געפרעגט.

— קיינעם ניט.

— און געלט האָט דיר דער טאַטע מיטגעגעבן גענוג?

— דריי דאָלער.

— הם... ווילסטו עסן?

— יאָ. איך בין הונגעריק.

דער בחורל איז ביי באַרוכאָוויטשן אָפּגעווען מער ווי אַ וואָך און אַ דזשאָב פאַר אים האָט דער שריפטשטעלער ניט געקענט קריגן. פון דער ווייב האָט ער געהאַט „געבראָטענע צרות". ענדלעך האָט ער אים געקויפט אַ טיקעט אויף צוריק און אים אָפּגעשיקט אַהיים.

— מער פאַר איך ניט פאַרקויפן מיין בוך, — האָט באַשלאָסן באַרוכאָוויטש. — זאָל ער פאַרברענט ווערן בעסער.

און אָט אין אַ צען טעג אַרום — ווידער אַ טעלעפאָן. דאָס רעדט דער שוחט פון שטעטל ל., מיסטער קאָהען. ער איז איצט געקומען קיין ניו־יאָרק אין די אינטערעסן פון זיינעם אַ ספר וואָס ער האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט, וואָלט ער געוואָלט זיך מיט אים דורכשמועסן וועגן געוויסע איינצלהייטן, און אגב, אפשר קען ער אים אַרויסהעלפן אין מאַכן כאָטש אַ „הונדערט פאַראויס־באַצאָלטע סובסקרייבערס"? אַזוי

איז בעסער, זיכערער. געקראָגן די פּאָר דאָלער און דערנאָך שיקט מען זיי צו דאָס בוך. ניט אמת?

— געוויס, געוויס, — האָט געענטפערט באָרוכאָוויטש. — קומט גלייך צו מיר און איך וועל זען וואָס מען קען טאָן.

אַז ער האָט אויפגעהויבן די טרייבל פון טעלעפאָן האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט פאַרדראָס:

— דאָס איז אַ געשיכטע אויף אַ וואָך און איך בין אַזוי פאַרנומען. נאָר גלייך זיך דערמאָנט ווי דער שוחט האָט אים אויפגענומען און איז אַפילו מיט אים אַריין צום רב פון שטעטל און פאַרקויפט אַ בוך. ער וועט אים אויך מוזן אַרויסהעלפן.

דאָס ווייב האָט ווידער געדאַרפט קאָכן אַ וועטשערע פאַר אַ גאַסט און ווייטער האָט מען זיך געאַמפּערט וואו מען זאָל גרייטן דעם טיש. דער שוחט, אַ הויכער געזונטער ייד פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, מיט אַ רויטן קאַרק, האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ שנעפּסל, גערעדט אַ סך און געשאָטן מיט ווערטלעך פון דער גמרא און דערביי אַליין געלאַכט מיט אַ באַסאָווער שטימע, וואָס האָט עפּעס שטאַרק נער־ווירט באָרוכאָוויטשן.

נאָך דער וועטשערע האָט דער שוחט פאַרגעלייענט עטלעכע לאַנגע נודנע קאַפּיטלעך פון זיין ספר. באָרוכאָוויטש איז געזעסן אַ טויט מידער און געטראַכט: ווי גוט וואָלט געווען ווען דאָס הויז צינדט זיך פּלוצלינג אָן אָדער דער שוחט קריגט אַ שטאַרקן בויך־ווייטיק. אָבער עס האָט גאָרניט פּאַסירט. נאָר באָרוכאָוויטש האָט געפילט, אַז אָט־אָט וועלן אים פאַרלאָזן די כחות און ער וועט אַ פאַל טאָן און חלשן.

אַ וואָך איז דער שוחט אָפּגעווען אין ניו־יאָרק און אַלע טאָג באַזוכט באָרוכאָוויטשן, וועלכער האָט מיט אים געמוזט גיין צו אייניקע באַקאַנטע און זיי איינריידן, זיי זאָלן זיך „סובסקרייבן” אויפן ספר, ווייל דאָס ווערק צייכנט זיך אויס מיט גרויסע מעלות. עפּעס גאָר אַן אויסנאַם.

דערנאָך, אַז גאָט האָט געהאָלפן אַז קיין נייע געסט פון דער פּראָווינץ האָבן זיך ניט באַוויזן, איז באָרוכאָוויטש נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ דערשראָקענער און געזוכט אַ געהיימען ווינקל, וואו ער זאָל זיך קענען פון אַלעמען אויסבאַהאַלטן און רואיק טאָן זיין אַרבעט.

נו, האָט זיך עס געלוינט?...

איך האָב געוואָלט אַרויסגעבן אַ בוך

מען זאָגט מיר אָפּט, אַז איך בין אַ נאַאיווער מענטש, ווייל מיין אַרט שרייבן איז אַן אָפנהאַרציקער און זייער אַ פּשוטער. נו, ווייל איך פאַרזיכערן מיינע פריינט און לייענער אַז מיין נאַאיווי־טעט, אַזוי צו זאָגן, איז מיר שטאַרק צום האַרצן, און איך וואָלט געוואָלט בלייבן דער זעלבער דאָס ביסל יאָרן, וואָס מיר איז נאָך באַשערט צו לעבן.

דאָס איז די קורצע הקדמה צו דער מעשה שהיה, ווי אַזוי איך האָב געוואָלט אַרויסגעבן אַ בוך. אמת, די טעמע איז ניט קיין נייע. די מערסטע יידישע שרייבער מאַכן עס דורך און שעמען זיך דערנאָך עס צו דערציילן דעם לייענער, וועלכער וואָלט עס געדאַרפט וויסן.

איך וויל קיינעם ניט פאַרטשעפּען אין דער דאָזיקער געשיכטע, נאָר פּרובירן איבערגעבן אַ ביסל די סביבה און די שלעכטע אומשטענדן אין וועלכע אַ יידישער שרייבער לעבט אין אַמעריקע.

שוין אַ יאָר פינף ווי איך האָב געטראַכט אַרויסצוגעבן אַ בוך מיט קורצע און לענגערע דערציילונגען, נאָר קיין געלט פאַר דעם ניט געהאַט. האָב איך באַשלאָסן טאָן וואָס די מערסטע שרייבער טוען: גרינדן אַ קאָמיטעט און אַראַנזשירן אַן אָונט, וואָס זאָל מיר אַריינברענגען אַ געוויסע סומע, און דאַן וועל איך זיך ווענדן צום פאַרלאַג „ציקא", וואָס האָט אַ פיינעם נאָמען אויף דער יידישער גאַס, ווייל דער דאָזיקער פאַרלאַג, וועלכן איך וואָלט אָנגערופן „פאַרלאַג באַצאַל", גיט אַרויס ביכער פון גוטע שרייבער; אָדער וועל זיך ווענדן צו מיין אַלטן באַקאַנטן גראָהאַרן אין פּאַריז, וואָס האָט דאָרט אַ יידישן בוך־געשעפט און גיט אויך אַרויס פון צייט צו צייט אַ בוך פון דעם און יענעם שרייבער.

מיט עטלעכע הונדערט דאָלער אין קעשענע, וועל איך קענען מאַכן אַן אָנהויב, די ערשטע טריט, אַזוי צו זאָגן.

דעם אמת געזאָגט, האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס איך האָב נישט כאָטש קיין האַלבע טוץ קראַנקהייטן, אַריינגערעכנט אַ „ראַפּטשור". דאַן וואָלטן זיך שוין געפונען גוטהאַרציקע פרויען, וואָס זאָרגן פאַר דער יידישער

קולטור, און וואָלטן אפשר געשאַפן די נויטיקע מיטלען אַרויסצוגעבן דאָס בוך. מיר האָט אויך פאַרדראָסן, וואָס איך געהער ניט צו קיין פּאַרטיי, אַ קלייזל און פאַרמאָג ניט קיין שטאַרקע עלנבויגנס, מיט וועלכע מען קען זיך דורכשטופּן וואוהין מען וויל... אָבער בעסער פון אַלץ וואָלט געווען ווען איך האָב אַ פעטער אַ מיליאָנער, וועלכער פאַרשטייט אין די קליינינקע הייליקע אותיות און האָט ליב זיין פּלימעניק, דעם יידישן שרייבער. אָבער די אַלע „גליקן" האָבן מיר געפעלט און איך האָב גענומען אַרבעטן צו שאַפן דעם נויטיקן קאָמיטעט, און דערוויל אויך אָנגעהויבן צוגרייטן דעם מאַטעריאַל: אָפּקלייבן די בעסערע דערציילונגען, וואָס האָבן זיך ביי מיר אָנגעקליבן אין פאַרלויף פון יאָרן.

יאָ, שיר ניט פאַרגעסן. איך האָב אויך געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט קאָלעגע טשובינסקי, וועלכער איז נאָך אַ גרינער אין אַמעריקע. ער איז געווען גרייט מיר צו העלפן שאַפן די נויטיקע סומע געלט, אַז איך זאָל קענען אַרויסגעבן דאָס בוך. דערביי האָט ער אויך צוגעשטימט אָנצושרייבן אַן אַריינפיר־אַרטיקל פאַר מיין בוך און מיר געבעטן אים געבן די רעצענזיעס וואָס מען האָט געשריבן וועגן מיר. איך האָב אים די רעצענזיעס צוגעשיקט און זיי זיינען ביי אים פאַרלאָרן געגאַנגען. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אַפילו ניט געמאַכט קיין פּרואוו צו קריגן געלט. אָבער איך בין זיכער, אַז טשובינסקי האָט געהאַט די בעסטע כוונות.

וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע אַרבעט עס איז צוצוגרייטן דעם מאַטעריאַל פאַר אַ בוך, כאָטש מען מאַכט טעותן. ניט יעדער שרייבער קען זיין זיין אייגענער רעדאַקטאָר. און איך האָב אויך געהאַט ספקות און געטראַכט: צו וואָס דאַרף איך עס?! וויניק ביכער גייען אַרויס, וועלכע די געשוואָרענע קריטיקער מאַכן דערנאָך צו גאָרניט, צו „פּיפּקע", אַזוי צו זאָגן, און דער אָרעמער מחבר האָט גאָר עגמת־נפש. אָבער דאָ פלעג איך זיך דערמאָנען אָן דעם רוסישן שפּריכוואָרט, אַז „באָיאַטסאַ וואָלקאָוו, ווּ'לעס ניע כאָדיאַט" — ווער עס האָט מורא פאַר וועלף, דאַרף ניט גיין אין וואַלד.

יאָ, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה (עס דוכט זיך מיר אַז דאָס איז געווען מיט יאָרן און יאָרן צוריק), ווען דאָס פּוילישע יידנטום האָט נאָך געלעבט און וואַרשע איז געווען אַ יידישע שטאָט מיט יידישע פאַרלעגער, האָב איך אַרויסגעגעבן צוויי ביכער אין פּוילן. איך געדענק, ווי עס פלעגט קומען קיין אַמעריקע דער פאַרלעגער בזשאָזא פון וואַרשע

און דאָ מאַכן קאָנטראַקטן מיט שרייבער, אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. אין פוילן האָט געקאָסט ביליקער און דאָס בוך פלעגט אויך ווערן בעסער פאַרשפּרייט. דער שרייבער האָט געוואוסט אַז ניט אַלץ וואָס עס שטייט אין קאָנטראַקט, וועט פּינקטלעך דורכגעפירט ווערן פון פאַרלעגער, אָבער דאָס האָט אים ניט געאַרט. זאָל נאָר דאָס בוך דערזען וואָס מער שטעט און פאַרוואָרפענע ווינקלען פון דער יידישער וועלט.

איך האָב געהערט, אַז בזשאָזאָ איז אומגעקומען מיט די מיליאָנען אַנדערע קדושים. ער שטייט מיר איצט פאַר די אויגן, ווי איך האָב איינמאָל געזען אין אַ ווינטער־אָוונט, אין רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל״. ער איז, דאַכט זיך, געווען אָנגעטאָן אין אַ פוטערנעם מאַנטל און אַ הויכע, פוטערנע היטל און האָט אויסגעזען ווי אַ רייכער רוסישער סוחר, אַ „קופּעץ״ וואָס איז געקומען אַזש פון מאָסקווע.

איז אָט קלעפּ איך אַריין מיינע דערציילונגען אין גרויסע העפטן; מעק אויס און מאַך איבער דאָ און דאָרט אַ שורה אָדער אַ וואָרט. איך קלעפּ און זינג מיר אונטער פאַרשידענע ניגונים, מעלאָדיעס, אייניקע סקיצן טראָגן אַ דערינערונג, דערמאָנען אָן עפּעס אַן איבערלעבונג, אָן אַראָמאַטן וואָס זיינען שוין אויסגעוועפּט געוואָרן, נאָר האָבן פריער אַזוי געשמאַק געשמעקט. די מענטשן, וועלכע איך האָב פּרובירט שילדערן, שטייען מיר פאַר די אויגן. פילע פון זיי זיינען שוין אויפן עולם האמת, און פאַרוועלקטע בלומען ליגן אויף זייערע קברים, און די אַנדערע זיינען עלטער געוואָרן און דער טויט דערנענטערט זיך צו זיי. און איבער אַלץ און אַלעמען — מיין אומעט, מיין טרויער, וואָס הערט ניט אויף.

מען האָט מיר געזאָגט, אַז כאַנין, דער קולטור־דירעקטאָר פון גרויסן אַרבעטער־רינג אָרדן, איז געקומען קיין מיאַמי ביטש אויף וואַקאַציע. איך האָב געוואוסט, אַז די לינקע יידישע פּרעסע אַטאַקירט אים אָפט שאַרף, כאָטש מיר איז ער שטענדיק געווען סימפּאַטיש. איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַן אויפריכטיקן מענטשן, אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט שטענדיק געקעמפט פאַר גערעכטיקייט. איך האָב געוואוסט, אַז כאַנין האָט אַ גרויסע דעה אין פאַרלאַג „ציקאָ״, און האָב באַשלאָסן גיין איך זען, אפשר וועט ער עפּעס טאָן פאַר מיר.

איך בין מיט אים געזעסן אויף דער וועראַנדע פון האָטעל, וואו ער איז איינגעשטאַנען, און אים אָפּגעהאַרציק דערציילט מיין לאַגע. אַנטקעגן אונדז האָט גערוישט דער ים, אַ באַגאָסענער מיט זון, און פילע

פרויען, מענער און קינדער זיינען געלעגן אויפן „ביטש״, אין אַלערליי קאָלירטע „בעידינג סוטס״, און זיך געבאָדן אין די וואַרעמע שוימיקע כוואַליעס. כאַנין האָט מיך ערנסט אויסגעהערט און געראַטן זיך ווענדן צו אַ פאַרוואַלטער פון „ציקאָ״ פאַרלאַג, פריינט פופקאָ. דערביי האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אין מיין בריוו דערמאָנען אַז ער רע־קאָמענדירט מיך.

כאַנין איז, קענטיק, געווען גוט אויפגעלייגט. ער האָט זיך נאָר וואָס אויסגעבאָדן אין ים דאָס צווייטע מאָל און זיך געפילט מונטער און אפילו פריילעך. עס האָט זיך געוואָלט זיין גוט צו אַימיצן און דאָ האָב איך זיך אונטערגערוקט. און ער איז זיכער געווען אויפריכטיק, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן אַן דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע פון „ציקאָ״.

יאָ, ער האָט אַפילו גוטמוטיק געשמייכלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווען איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער פאַרלאַג גיט ניט אַרויס קיין בוך פון אַ שרייבער, וואָס קען ניט באַצאָלען און דאָס מאַכט ניט קיין גוטן איינדרוק. ווייל די „ציקאָ״ ווערט דאָך געשטיצט פון ברייטן עולם אויך מיט ביישטייערונגען.

קורץ, כאַנין האָט אויף מיר געמאַכט אַ וואונדערבאַרן איינדרוק און איך בין אַוועק פון אים פול מיט האָפענונגען, אַז מיין בוך וועט דערשיינען. ער וואָלט דאָך מיר ניט רעקאָמענדירט גלאַט אין דער וועלט אַריין. ניין, כאַנין זעט ניט אויס צו זיין אַזאַ מענטש.

איך האָב אַוועקגעשיקט דעם בריוו צו פופקאָן און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום באַקומען אַ לאַנגן ענטפער, אַז די „ציקאָ״ איז אויף גרויסע צרות, די וואַלוטע אין זיד־אַמעריקע איז שטאַרק געפאַלן און מען קויפט ניט קיין ביכער. דאָס יאָר קענען זיי מער קיין ביכער ניט אַרויסגעבן און וואָס עס וועט זיין ווייטער ווייס מען ניט.

דער בריוו איז געווען געשריבן אין אַן איידעלן טאָן און פריינט פופקאָ האָט זיך ווי פאַרענטפערט פאַר מיר. נו, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — מסתמא איז עס אַזוי. דאָס אַלץ לייגט זיך אויפן שכל, פאַר־פאַלן! איך וועל זיך מוזן ווענדן צו גראָהאַרן קיין פּאַריז.

אָבער דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אויפן נאָמען פון דעם פיינעם ראָמאַניסט, מעשה־דערציילער און ליבהאָבער פון מאַלעריי דוד איגנאַטאָוו, האָט זיך געגרינדעט אַ פאָנד, מיט וועלכן מען העלפט אייניקע שרייבער אַמאָל אַרויסגעגעבן אַ בוך. איגנאַטאָוון קען איך גוט. ער איז אַ גוטער שרייבער און אַ גאַנץ וואוילער ייד און ווער פון די שרייבער

געדענקט ניט זיינע „שריפטן" און זיין פאַרלאַג? ער האָט אַרויסגעפירט ניט איין שרייבער אין די „שריפטן", וואָס ער האָט רעדאַגירט, און ניט איין יידישער מאָלער האָט געקענט אָפּדרוקן די רעפּראָדוקציע פון זיינע בילדער אין זיין זשורנאַל.

האָב איך צו אים געשריבן און נאָך אַ לאַנגן וואַרטן איז געקומען אַ קורצער ענטפער פון משה שטאַרקמאַן, אַז דער „פאָנד" האָט ניט קיין געלט, נאָר אַזוי ווי זיי ווילן מיר העלפן האָבן זיי באַשלאָסן, צו אַסיגנירן הונדערט דאָלער, וואָס מען וועט מיר אויסצאָלן, ווען דאָס בוך וועט אַרויס און אויפן שער־בלאַט וועט שטיין שוואַרץ אויף ווייס „דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד".

איך האָב ניט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן אויף די דאָזיקע כעלעמער חכמים. זיי וועלן מיר אויסצאָלן אַ הונדערטער ווען דאָס בוך וועט שוין דערזען די ליכטיקע וועלט. אָבער איך דאַרף דאָס געלט איצט, ווייל דעם דרוקער מוז מען באַצאָלן גלייך. אַנדערש וועט דער זעצער ניט זעצן. טשיקאַווע יידן!

איך האָב זיך געווענדט צו גראָהאַרן אין פּאַריז און פון אים באַקומען אַ גיכן ענטפער: „יאָ, אַ בוך פון צען ביז צוועלף בויגן, טויזנט עקזעמפּלאַרן און בראָשירט, וועט מיר קאָסטן אַ פינף הונדערט דאָלער, און זאָל איך אים גלייך אַרויסשיקן האַנט־געלט אַ הונדערט און פופציק דאָלער. און עס איז אַוועק אַ „פּערעפּיסקע" צווישן אונדז, ווייל קלאָר זיך צוזאַמענשרייבן מיט אים אין בריוו איז געווען אוממעגלעך, ער פלעגט ניט ענטפערן אויף מיינע פראַגן און די קליינע איינצלהייטן, וואָס איך האָב געדאַרפט וויסן, נאָר בעטן דעם אַוואַנס און דעם מאַנוסקריפּט, און אַזוי האָט זיך געצויגן אַ זעקס וואָכן.

אָבער אָט ליג איך איינמאָל אַ נאָכמיטאָג און רו. און פּלוצלינג דערמאָן איך זיך, אַז אין אייראָפּע איז אַ געדרוקטער בויגן זעכצן זייטן און ניט ווי אין אַמעריקע צוויי און דרייסיק. איך האָב גלייך אָנגעשריבן גראָהאַרן און דער ענטפער איז געווען: טויזנט דאָלער, פאַר טויזנט בראָשירטע ביכער, און עס איז גאָרניט געוואָרן פון דעם גאַנצן ענין.

אָט אַזוי זיינען אַלע מיינע האָפענונגען צעשוואומען ווי אַ רויך, האָבן געפּלאַצט ווי זייפן־בלאָזן און איך האָב ווידער געבראָכן דעם מוח: וואָס טוט מען און וואו נעמט מען געלט אַרויסצוגעבן דאָס בוך?

דערצו האָט אַלץ געגעבערט אַ געדאַנק: האָט גראָהאַר פון פּאַריז געוואוסט אַז איך מאַך אַ טעות?

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער אָוונט, וואָס מען האָט אַראַנזשירט לכבוד מיר, אַזוי צו זאָגן. מען האָט פאַרקויפט אין פאָראויס בילעטן. איך וועל דורכלאָזן און ניט דערציילן וויפל שלאָפלאָזע נעכט איך האָב געהאַט, ווייל די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט, מיינע מכלומר־שטע גוטע פריינט און ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, פלעגן אַלע טאָג קומען צו מיר און איבערגעבן, וואָס דער און יענער האָט געזאָגט, ווען מען האָט אים פאַרגעשלאָגן קויפן אַ בילעט צום אָוונט, און אָט האָט זיך אָפּגעזאָגט איין זינגער און מען מוז געפינען אַ צווייטן. אַ חזן, וואָס דאַרף אויפטרעטן אין צווייטן טייל פון קאָנצערט, איז קראַנק געוואָרן און די פּיאַניסטין איז זייער קאַפּריזנע און מאַכט שוועריקייטן. יאָ, מען דאַרף פאַרשטיין, אַז די אַלע קינסטלער האָבן צוגעזאָגט אויפ־צוטרעטן אומזיסט... איין קלייניקייט, אַ יידישער שרייבער וויל אַרויסגעבן אַ בוך...

בקיצור, דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן פּיין. דער זאַל איז געווען געפּאַקט און דער עולם איז געזעסן ביי געדעקטע טישן, אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען פולע טעלער מיט פרוכט און „קעיק". אַלע טאַ־לאַנטן זיינען געקומען און אַלץ איז דורך אין פולער אָרדענונג. און אָט האָט דער פּאָרזיצער, פריינט מאָריסאָן, וואָס שרייבט אַליין און איז אויך אַ שטיקל אַקטיאָר, געגומען ריידן תכלית. מיך האָט אָנגעהויבן וואַרפן ווי אין קדחת. ענדלעך האָב איך אים אַ קניפּ געטאָן אין אַ ליטקע, אַז ער איז אַזש אויפגעשפּרונגען, אָבער דאָך ווידערהאָלט:

— ווער גיט די ערשטעביישטייערונג?

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. אין זאַל איז געוואָרן זייער שטיל און אַלעמענס פּנימער האָבן זיך אויסגעצויגן.

דערווייל האָב איך אין אַריינגאַנג פון זאַל באַמערקט דעם דיכטער ז. ווײַנפּער.

איך בין אים געגאַנגען אַנטקעגן און האָב אים צוגעפירט צום טיש, אויבן־אָן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און איך האָב אין דער שטיל גע־בעטן דעם פאָרזיצער, אַז ער זאָל ווײַנפּערן געבן אַ וואָרט. מאָריסאָן און דר. אונטערמאַן, פון פילאַדעלפיע, וועלכער איז געווען איינער פון די רעדנער האָבן שטיל פּראָטעסטירט.

— גוט, — האָב איך אַ שעפּטשע געטאָן, ווי כ׳וואָלט געווען איינ־שטימיק.

אָבער אָט האָט דער פּאַרזיצער מיך אַרויסגערופן. איך האָב פריער געהאַט בדעה איבערצולייענען אַ קורצע דערציילונג, נאָר איצט האָב איך דערקלערט דעם עולם, אַז מיר איז עס שווער צו טאָן און מיין וואָרט גיב איך איבער מיין אַלטן קאָלעגע ז. ווינפער.

דער קלוגער ווינפער האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט און פּאַמעלעך אָנגעהויבן ריידן.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער גאַנצער עולם איז געוואָרן פאַר־כאַפּט פון זיין האַרציקן וואַרעמען טאָן, פון די ווערטער, וואָס האָבן ווי געגלעט, פאַרוויגט און געמאַכט גוט פילן, אַז קיינער האָט ניט גע־קענט אָפּרייסן זיינע אויגן פון ווינפערן. אַפילו דר. אונטערמאַן און דער פאַרזיצער, זיינען געוואָרן אָנגענעם איבעראַשט און ממש אויפ־געעפנט מויל און אויערן. אָבער איבערגעבן וועגן דאָס וואָס ווינפער האָט גערעדט קען איך ניט, ווייל זיין רעדע האָט זיך מיר ניט איינגעשניטן אין זכרון. איך געדענק נאָר, אַז ער האָט פייערלעך מיר צוגעזאָגט העלפן אַרויסצוגעבן ניט איין בוך, נאָר גאַנצע דריי. טאַקע דריי ביכער, ווי לוצקי וואָלט געזאָגט. דער עולם איז געווען באַגייסטערט פון ווינפערס רעדע. איין קלייניקייט, איצט איז דער מחבר אַ געהאָלפענער און יעדן פון די אַנוועזנדיקע איז געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן.

גלייך ווי דער אָוונט האָט זיך געענדיקט, זיינען אייניקע צוגעגאַנגען צו מיר מיט טענות הלמאי איך האָב געשטערט דעם פאַרזיצער שאַפן די נויטיקע סומע געלט אַרויסצוגעבן דאָס בוך. זיי אַליין האָבן געוואָלט געבן צו פופציקער און פינף און צוואַנציקער. זיי האָבן שוין אַפילו גע־האַלטן אין די קעשענעס צוגעגרייטע טשעקס. איך אַליין האָב אַלץ איבערגעפירט.

זומער בין איך געפאָרן קיין ניו יאָרק און האָב זיך געזען מיט כאַנינען און איגנאַטאָוון. איך האָב ווידער געהאַט דעם איינדרוק, אַז כאַנין וואָלט געוואָלט מיר העלפן. ער האָט ביי מיר געבעטן אַדרעסן פון מיינע באַקאַנטע רייכע יידן, צו וועלכע ער זאָל זיך קענען ווענדן מיט אַ בריוו וועגן מיין ענין. איך האָב אַזוינע אַדרעסן ניט געהאַט. האָט ער מיך אָפּגעשיקט צום פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג „ציקאָ״ און פריינט פופקאָ האָט איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע, וואָס ער האָט מיר שוין איינמאָל געשריבן. און איגנאַטאָוו האָט מיר פאַרגעשלאָגן, אַז איך זאָל

אַרויספֿאָרן קליבן געלט איבערן לאַנד פֿאַר דעם ליטעראַטור־פֿאָנד וואָס איז אויף זיין נאָמען. מען מוז האָבן מיטלען אַרויסצוגעבן גוטע ביכער. ער אַליין האָט אַ גרויסע אַרבעט, וואָס ליגט שוין ביי אים יאָרן און וואַרט אויף אַ פֿאַרלעגער. יאָ, שפּעטער, ביי קיסינס לוויה, האָט מיר איגנאַטאָוו געזאָגט, אַז מען וועט מיר אַרויסהעלפֿן מער ווי מיט הונדערט דאָלער. נאָר פֿריער דאַרף איך שאַפֿן די איבעריקע סומע.

קורץ, איך האָב פֿאַרבאַהאַלטן מיינע דערציילונגען און טראַכט שוין ניט אַרויסצוגעבן אַ בוך, אָבער איך קען אַלץ ניט באַגרייפֿן, פֿאַרוואָס עס הערשט אַזאַ ווילסטע אַרימקייט אויף דער יידישער גאַס, אין דער רייכער אַמעריקע וואו יידן וואַרפֿן זיך מיט געלט און גיבן אויס טויזנטער אויף אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר ניט אויף יידישע ביכער. פֿאַרוואָס איז עס אַזוי? אונדזערע בעסטע שרייבער דאַרפֿן אַרויסגעבן זייערע ווערק אויפֿן אייגענעם חשבון און ניט זעלטן מוזן זיי אויך אַרומפֿאָרן פּעדלען מיט זייערע ביכער אָדער דאָס טוען פֿאַר זיי „גוטהאַרציקע" פּרויען און דערביי דערנידעריקן זיי דעם שיינעם באַרוף פֿון שריפֿט־שטעלער. און די שרייבער אַליין: אייניקע פֿון זיי וואָלטן געוואָלט אַלץ איינשלינגען, אַלץ אַריינכאַפּן פֿאַר זיך. אַזאַ קרענקלעכע זשעדנעקייט נאָך כבוד איז ממש אומבאַגרייפֿלעך, פּשוט ניט נאָרמאַל וואָלט איך געזאָגט.

און נאָך עפּעס ווילט זיך מיר פֿאַרצייכענען, אַז אונדזערע גרויסע שרייבערס זיינען ניט אַזוי גרויס, און די קליינע, אַזוי צו זאָגן, ניט אַזוי קליין. עס איז ניטאָ קיין טאָלק אויף אונדזער ליטעראַרישן יאַריד.

„טויבן, ווייסע טויבן"

אַז איך טראַכט וועגן די ערשטע טעג פון מיין אָנקומען אין אַמעריקע, דערמאָן איך מיך שטענדיק אָן דעם דיכטער מייזעל, וואָס איז געווען אַ באַקאַנטער טיפּ אין די איסט סייד ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס, אָבער האָט קיין אנערקענונג ניט געקראָגן פון די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן.

איך האָב זיך באַפריינדעט מיט אים און פלעג גערן פאַרברענגען מיט דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און געשריבן לידער און געחלומט פון שיינע פרויען.

אמת, זיינע לידער האָבן פאַרמאָגט ווייניק פּאָעזיע און פאַרבן, אָבער דערפאַר איז ער געווען אויפריכטיק און פשוט אין זיין זינגען.

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן.

איך בין געקומען פון שווייצאַריע קיין ניו יאָרק, צו מיינעם אַן על־טערן ברודער, וואָס איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת. האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך נעמען אין אַ ליטעראַרישער קיבעצאַרניע. איך האָב געוואָלט וואָס גיכער זיך באַקענען מיט די יידישע שרייבער און פּאָעטן, וועגן וועלכע איך האָב געחלומט, זייענדיק אין זשענעווע.

שבת אָוונט האָט מיין ברודער מיך גענומען פון די בראָנקס דאַון־טאָון, צו דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע, אויף איסט בראָדוועי.

אָבער דאָרט האָבן מיר פון די שרייבער און פּאָעטן קיינעם ניט גע־טראָפן. איך האָב זיי פאַרשפּעטיקט און דאָס האָט מיך פאַרדראָסן. איך בין געזעסן מיט מיין ברודער אוןביידע האָבן מיר געקוקט צום אַריינ־גאַנג: אפשר וועט פאָרט זיך באַווייזן אַ שרייבער.

לאַנג איז אונדז ניט אויסגעקומען צו וואַרטן, און אָט איז אַריין דער דיכטער מייזעל. דער באַלעבאָס פון דער קיבעצאַרניע, אַ קליין באַוועגלעך פול מענטשעלע, וואָס האָט געהאַט קלוגע אויגן און פלעגט צוקן מיט אַן אַקסל, האָט אויסגעשריען:

— אָט איז אונדזער „טרובאַדור"! מייזעל, באַקענט זיך, אַ רוסישער שרייבער, וואָס איז געקומען אַהער אַזש פון די אַלפּן־בערג.

איך האָב נייגעריק אָנגעקוקט דעם דיכטער און שטאַרק געדריקט זיין

האַנט. מייזעלס עטוואָס ברייטער פּנים מיט די הויכע באַקן־ביינער און קליינינקע, ווי ביי אַ מאָנגאָל, גוטמוטיקע אויגן, האָט פריינטלעך גע־שמייכלט, ער האָט זיך גלייך צוגעזעצט צו אונדזער טישל און איז גע־וואָרן היימיש. באַלד האָט ער פאַר מיר איבערגעלייענט אַ פּאָר פון זיינע לידער און געפרעגט מיין מיינונג. און אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָבן זיינע פערזן אפּעלירט צו מיר און איך האָב אים געלויבט. מיין ברודער האָט געפרעגט דעם דיכטער, צי ער האָט שוין געגעסן. דאָס האָט אויפגעכאַפּט דער באַלעבאָס פון קיבעצאַרניע און געענטפערט:

— ניין, ער איז איצט געקומען עפּעס איבערכאַפּן.

— וועט ער זיין מיין גאַסט, — האָט געזאָגט מיין ברודער.

מייזעל האָט באַשטעלט אַ זאַטן מאָלצייט און געגעסן מיט אַפּעטיט. איך און מיין ברודער האָבן מיט אים גערעדט און געהאַט הנאה פון זיינע ענטפערס. פאַר אונדז איז געזעסן אַ ריינער, נאַאיווער מענטש. איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס איך האָב אים געטראָפן. איך טראַכט נאָך איצט אַזוי, דרייסיק יאָר נאָך אונדזער ערשטער באַגעגעניש, ווייל די אמתע פּאָעטן, מיט וועלכע מיר איז שפּעטער אויסגעקומען זיך צו באַקענען, האָבן ניט פאַרמאָגט מייזעלס פיינקייט...

יאָרן זיינען אַוועק. איך האָב זיך איינגעלעבט מיט איסט בראָדוויי, מיט די אינטערעסן פון די יידישע שרייבער. אמת, גאַנץ אָפט איז מיר געווען שווער צו אָטעמען און עס האָט זיך געוואָלט צוריק אַנטלויפן קיין שווייצאַריע, צו די אַלפּן־בערג, וואו איך פלעג אַזוי אָפט אַרומ־וואַנדערן פראַנק און פריי. אָבער איך האָב שוין ניט געקענט „לויפן", ווייל קראַנקהייטן זיינען געקומען און טויזנטער שטאַרקע פעדים האָבן מיך צוגעבונדן צו אַמעריקע.

מיט דעם דיכטער מייזעל פלעג איך זיך טרעפן און פון צייט צו צייט מיט אים פאַרברענגען.

און מיר דערמאָנט זיך אַ קאַלטער, נאַסער אָוונט. איך בין אַרויס פון אַ יידישן טעאַטער און זיך געלאָזט גיין פאַרברענגען אַביסל אין קאַפע ראַיאַל, וואו עס קלייבן זיך צוזאַמען שרייבער, אַקטיאָרן, מאַלער און די, וואָס דרייען זיך אַרום — די קינסטלער.

איך בין געגאַנגען און האָב געציטערט פון פייכטקייט. עס האָט שוין עטלעכע טעג גערעגנט און געשנייט און ניו יאָרק האָט זיך געשטיקט אין שטיקער צעריסענע נעפּלען, וואָס האָבן די גרויסע שטאָט אויף מיילן ווייט אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

אַ פּאָר טריט פון קאַפּע ראַיאַל האָט מיך אימיצער אָפּגעשטעלט און אָנגערירט פאַרן האַנט. דאָס איז געווען מייזעל, דער „טרובאַדור". איך האָב אים שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזען און זיך דערפרייט מיט אים.

— וואָס מאַכט איר? קומט אַריין אין ראַיאַל.

ער האָט זיך נאָענט צוגערוקט צו מיר און שטיל געזאָגט:

— מען לאָזט מיך מער אַהין ניט אַריין.

— וואָס הייסט מען לאָזט אייך ניט אַריין! קומט מיט מיר.

— איך האָב מורא.

און ער האָט מיר דערציילט, אַז דער באַלעבאָס פון דער קאַפּע האָט אים פּשוט אַרויסגעטריבן און אָנגעזאָגט די וויטערס, אַז זיי זאָלן אים גאָרניט דערלאַנגען אויב ער וועט זיך דערלויבן צו קומען. פאַרוואָס ווייסט ער אַליין ניט. נאָר ער דערקלערט, אַז דאָס איז צוליב זיין אָרעמקייט און וואָס ער איז די לעצטע צייט זייער קראַנק, האָט ניט קיין כוח עפּעס צו טאָן און מוז אָנקומען נאָך הילף צו גוטע מענטשן, וואָס באַזוכן די קאַפּע. זיי זיינען אים מכבד מיט מאָלצייטן. אָפטמאָל איז ער געצוואונגען צו עסן עטלעכע מאָלצייטן אין איין שעה, ווייל ער קען ניט אָפּזאָגן. האָט ער צרות מיטן מאָגן. צווישן די באַזוכער פון קאַפּע האָט ער אַ סך פאַרעהרער. ערשט ניט לאַנג האָבן זיי פאַר אים אַראַנזשירט אַ באַנקעט און אים אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ מירטל־קראַנץ און ער האָט דאַן דעקלאַמירט זיינע נייע ליבע־לידער און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דאָס איז געווען דער איינציקער שיינער אָוונט אין זיין לעבן. מיידלעך און פרויען זיינען געקומען צום באַנקעט און אַלע זיינען געווען גוט צו אים און אויסערגעוויינטלעך פריינטלעך. נאָר דער אָוונט איז באַלד אַוועק און אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים אַרויסגעטריבן פון קאַפּע. שפּעטער איז ער קראַנק געוואָרן. דריי חדשים איז ער אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל און די דאָקטוירים ווייסן אַליין ניט וואָס אים איז.

— וואוהין גייט איר איצט, מייזעל? — האָב איך אים געפרעגט ווען ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— זיך אַרומדרייען אַרום קאַפּע ראַיאַל. עס איז מיר זייער אומעטיק צו זיין אַליין, — האָט ער שטיל געזאָגט.

און דאָרטן איז ליכטיק, פריילעך און וואַרעם. מען זיצט מיט קאָלעגן ביי אַ טישל, מען רעדט וועגן פּאָעזיע און אַלע ווילע קומען אַריין אַנדערע פרויען. זיי קאָקעטירן און לאַכן. עס איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף זיי.

— נאַרעשקייטן, מייזעל, קומט אַריין אין אַ קאַפעטעריע און מיר וועלן טרינקען אַ הייסע גלאָז קאַווע. עס איז קאַלט צו שטיין אַזוי.

ער האָט זיך דערפרייט.

— איר זייט ניט פאַרנומען און וועט גיין מיט מיר ?

— קומט, קומט מייזעל.

מיר זיינען אַוועק צו דער פערצענטער גאַס. באַלד זיינען מיר געזעסן אין אַ קאַפעטעריע אין אַ ווינקל, ביי אַ זייטיקן טישל.

איצט האָב איך דערזען, אַז מייזעל איז באמת זייער קראַנק. זיין פּנים איז געווען געל ווי וואַקס און די אונטערשטע בלאַסע ליפּ פון זיין ברייטן מויל פלעגט אַלע ווײַלע אויפציטערן ווי אין פיבער. ער האָט שווער געאָטעמט.

איך האָב געבראַכט הייסע קאַווע מיט קעיק און מיר האָבן זיך ביידע אַביסל דערוואַרעמט. דערנאָך האָב איך אים געפרעגט :

— נו, מייזעל, וואָס מאַכן עפּעס אייערע טויבן ?

ער האָט זיך געסטאַרעט טאָן אַ שמייכל און מיר דערציילט, אַז לעצטן שבת איז געווען אַ זוניקער טאָג. איז ער אין דער פרי אַוועק אין פּאַרק און געשפּייזט די טויבן מער ווי אַ שעה. ער קען שווערן, אַז זיי האָבן אים דערקענט נאָך פונדערווייטנס און זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט אַ זיסן, פרומען ברומען. זיי האָבן ניט געזען זייער פריינט מער ווי דריי חדשים. ער האָט זיי געוואָרפן שטיקלעך ברויט און דערציילט, אַז ער איז געלעגן קראַנק און דערפאַר פלעגט ער ניט קענען קומען. יאָ, דער דיכטער, דער „טרובאַדור", איז געווען קראַנק. און די טויבן האָבן זיך אַלץ געדרייט אַרום זיין קאָפּ און געברומט, ווייסע און ריינע אין דער בלוילעכער לופט פון זוניקן טאָג.

מייזעל האָט אַרויסגענומען פון בוזעמקעשענע אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז געווען געדיכט אָנגעפּיקעוועט מיט קליינע אותיות און מיר איבערגעלייענט אַ ליד, וואָס האָט געהייסן „טויבן, ווייסע טויבן". אין דעם ליד האָט ער באַזונגען זיין בענקשאַפט נאָך די טויבן ווען ער איז געלעגן קראַנק אין האָספּיטאַל. און ווי אין די לאַנגע נעכט פון איינזאַמקייט און אומעט, פלעגן זיי אַמאָל פלוצלינג אָנפליען און ברענגען אים אַ סך גוטע חלומות.

דאָס ליד איז געווען סענטימענטאַל און נאַאיוו געשריבן, אָבער עס האָט דאָך געמאַכט אַן איינדרוק מיט זיין האַרציקייט.

— זייער רירנד, — האָב איך אים געזאָגט.

— קען מען עס ערגעץ אָפּדרוקן? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— טראָגט עס אַריין אין אַ צייטונג.

— מען וועט ניט נעמען. איך האָב שוין ניט איינמאָל פּרובירט. די רעדאַקטאָרן פון די יידישע צייטונגען זיינען האַרטע מענטשן.

און ער האָט גענומען ריידן וועגן די רעדאַקציעס וואָס ווילן ניט דרוקן זיינע לידער. ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע קליינינקע מוטנע אויגן און די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים נאָכאַנאַנד געציטערט. מילא, זאָלן זיי ניט דרוקן זיינע לידער. ער שרייבט ניט זיינע לידער פאַר צייטונגען. ער לייענט זיי פאַר זיינע פריינט און דאָס איז פאַר אים גענוג. אַ מיידל זאָגט אים אַ גוט וואָרט און ער איז גליקלעך. אַמאָל פלעגט ער אָפּשלאָגן די שוועלן פון די רעדאַקציעס און בעטן, מען זאָל עפּעס אָפּ־דרוקן. אָבער איצט טוט ער דאָס ניט. לידער דאַרף מען זינגען אין די גאַסן און אין פלעצער וואו מענטשן קלייבן זיך צוזאַמען פאַרברענגען. און אים פאַרדריסט אַזוי פאַר וואָס ער איז ניט געבאָרן געוואָרן מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק, ווען עס זיינען נאָך אַרומגעגאַנגען די טרוי־באַדורן איבער דער וועלט, ער וואָלט זיכער געווען איינער פון זיי.

איך האָב אויף אים געקוקט און געשוויגן. ווי אַלט קען ער זיין? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און מיך האָט געוואונדערט, וואָס ער איז ניט פאַרביטערט געוואָרן פון די דערנידעריקונגען און אַזאַ שווערן פיינלעכן לעבן. דערנאָך האָב איך געפרעגט:

— מייזעל, איר זייט שוין אַ פּופציקער?

— עס האַלט דערביי, — האָט ער געזאָגט.

— איר זייט אַמאָל געווען פאַרהייראַט?

— ניין, אָבער געליבטע האָב איך געהאַט אַ סך אין מיין לעבן.

— און איצט האָט איר אַ געליבטע?

— אוודאי האָב איך. נעכטן בין איך ביי איר געווען, — האָט גע־זאָגט מייזעל און פאַרלאָרן געשמייכלט.

איך האָב ביגעריק אויסגעשריען:

— איר האָט אַ געליבטע, מייזעל. דאָס איז דאָך וואונדערבאַר.

— ווי זאָל איך אייך זאָגן, — האָט ער זיך ווי גענומען פאַרענטפערן: יאָ און ניין. איך האָב זי ליב און זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן. נאָר איך וועל אייך די געשיכטע אין קורצן דערציילן. מיט פינף יאָר צוריק האָב איך געוואוינט אויף עסעקס סטריט, ביי אַן אַלמנה, אַ וועש־וואַשערין, און זי האָט געהאַט אַן איין־און־איינציקע טאָכטער, מערי,

אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, אַ בלאָנדע און אַ ווייסע ווי אַ טויב. אין אוונט, ווען זי פלעגט קומען אַהיים פון דער אַרבעט, פלעגט אין שטוב ווערן ליכטיק און פריילעך, כאָטש זיי זיינען געווען זייער אָרעם. זי פלעגט מאַכן פייער אין קיך, אַוועקשטעלן קאָכן בולבעס און דערביי האַלטן אין איין זינגען און שפּאַסן מיט מיר. זי איז אַ קלוגע און אַ וויציקע. איך האָב זיך פאַרליבט אין איר גלייך ווי איך האָב זי נאָר דערזען. פלעג זי באַזינגען אין לאַנגע סאָנעטן און זי האָט אַלץ געשפּאַסט און געלאַכט. די אלמנה פלעגט אַלץ זאָגן צו מיר:

— מייזעל, ווערט אַ מענטש הערט אויף צו שרייבן נאַרעשע לידלעך און קריגט אַ גוטן דזשאָב, וועל איך גיבן מיין מערין פאַר אַ ווייב.

דאָס פלעגט די מוטער מאַכן חוזק פון מיר. אויך זי האָט ליב געהאַט זיך צו וויצלען.

אָבער איך האָב נעכט ניט געשלאָפן און געטראַכט און געבראָכן דעם מח, ווי הויבט מען אָן צו פאַרדינען געלט. אפשר מיינט די מוטער עס ערנסט, און פאַר די אויגן איז געשטאַנען די בלאָנדע שטיפערקע און געלאַכט.

— ער וועט מאַכן געלט!? כאַ־כאַ, מאַ, וואָס דיר פאַלט איין.

זי איז געווען גערעכט. פון וואָס האָב איך געקענט מאַכן געלט און ווי אַזוי? פאַרדינט האָב איך דאַן אינגאַנצן זיבן דאלער אַ וואָך ערגעץ ביי שמאַטעס פונאַנדערקלייבן. אָבער מיינע לידער פלעגט מערי גערן אויסהערן און זיך וואונדערן, וואָס איך קען אַזוי שיין באַזינגען די פּראַכט פון איר יוגנט.

— מייזעל, דו ביסט אַן אמתער דיכטער, אַ „ריעל פּאָעט", — פלעגט זי ווערן באַגייסטערט, און דאָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פרייד און גליק.

דערנאָך האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו איר אַ באָי, אַ הויכער, אַ געזונטער, און אַ גוטער פאַרדינער. דאַכט זיך, אַ קצבס אַ זון. אין אים האָט זיך מערי גלייך פאַרליבט און איצט פלעגט זי שוין זעלטן זיין אין די אָוונטן אין דער היים און איך האָב געבענקט נאָך איר, פלעג היטן אירע טריט ביינאַכט אין קאָרידאָר. שטיין און וואַרטן זי זאָל קומען. אַזוי האָט זיך געצויגן אַ פּאָר חדשים און דערנאָך איז געווען מעריס חתונה. איך האָב איר אין יענעם טאָג געבראַכט בלומען און געקויפט אַ מתנה: בלויען זייד פאַר אַ בלוזקע. דאָס האָט מיר אָפּגעאָקסט כמעט

צוויי וואָכן אַרבעט און איך האָב דערנאָך ניט געהאַט גענוג צו עסן. און גלויבט מיר, איך האָב זיך באמת געפרייט מיט איר גליק.

איך האָב אים איבערגעשלאָגן:

— איך האָט גאָרניט געאַרט וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן?

— זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן, — האָט ער דערקלערט, — אָבער די ליבע צו איר איז דאָך פאַרבליבן ביי מיר און דאָס קען קיינער ביי מיר ניט אַוועקנעמען.

איך האָב ניט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן.

— אָבער נעכטן איז זי געווען שלעכט צו מיר, — האָט ער מיט פאַרדראָס גערעדט, — איך בין אַ מידער אַרומגעגאַנגען איבער דער איסט סייד און בין פאַרבייגעגאַנגען איר הויז. איך האָב שוין צוויי יאָר זי ניט געזען. מיין האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן, ווען איך האָב אָנגעקלונגען אין איר טיר. איך האָב געטראַכט: איך וועל איר דער־ציילן אַז איך בין קראַנק און בין ניט לאַנג צוריק אַרויס פון שפּיטאָל, וועט זי אפשר מיך טרייסטן און אַרויסהעלפן אין מיין איצטיקער נויט.

אָבער די טיר האָט מיר געעפנט אַ דיקע פרוי מיט אַ רויטן, פעטן פנים. איך האָב קוים דערקענט מערין.

— וועמען דאַרפט איר? — האָט זי מיך אַביסל דערשראָקן גע־פרעגט.

איך האָב איר געזאָגט ווער איך בין.

זי האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און זיך אָפּגערופן:

— ביסט נאָך אַלץ אויף צרות? שרייבסט נאָך אַלץ לידלעך? קום אַריין אַן אַנדערש מאָל אין אָוונט, ווען מיין מאַן איז אין הויז. איצט בין איך „ביזי". און זי איז אַריין צו אַ שכנה מיט שווערע טריט.

מייזעל האָט מער ניט גערעדט.

אַ ווילע שפּעטער זיינען מיר אַרויס פון קאַפעטעריע. דער שניי איז געדיכטער געוואָרן. די פאַרבייגייער האָבן זיך געטונקט אין נעבל, און אַלץ אַרום האָט אויסגעזען פאַנטאַסטיש, ווי אין אַ ווינטער חלום. ביי אַ סאָבוויי סטיישאָן זיינען מיר זיך צעגאַנגען. מייזעל איז געפאָרן אַהיים און איך האָב זיך געקליבן נאָך אַריינגיין אין קאַפע ראָיאַל.

אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַמערקט אין די יידישע צייטונגען אַז דער דיכטער י. מייזעל איז געשטאָרבן.

די נאָוועליסטין

איך שפּאַציר ביים ים איבער אָושען דרייוו אין מיאַמי ביטש. עס איז אָנהויב נאָוועמבער. די רעגנס, וואָס זיינען געגאַנגען דעם גאַנצן חודש אָקטאָבער, האָבן אויפגעהערט און דער טאָג איז אַ זוניקער און אַ וואַרעמער. אַלטע לייט, יונגע פרויען און קינדער, וואָרעמען זיך אַנטקעגן דער זון און פאַרברענגען זיך געמיטלעך אויף די גרינע בענק, אונטער די פאַל׳מען. פילע באָדן זיך, אַרום און אַרום איז, דאַכט זיך, צעגאָסן אַזאַ זאַטע, גוטע פרייד, און איבער דער ענדלאָזיקייט פון וואַסער, וואָס בייט אָפּט די קאָלירן, טראָגט זיך אַ זילבערנער געלעכטער און שימערירט, און בלענדט די אויגן. און אָט גייט אַ יונגע מיידל מיט אַ פּראַכטפולן קערפּער, אין אַ באָד־קאָסטיום. זי קומט מיר אַנטקעגן, שפּאַנט אַזוי האָפּערדיק מיטן ברעג פון ים, און מיר דוכט זיך, אַז אָט־אָט וועט זי צוקומען צו מיר און זאָגן עפּעס גוטעס. עס ווערט מיר פריילעך און איך נעם גיין גיכער. אָבער אין דער מינוט שטעלט מיך אימיצער אָפּ.

— וואוהין לויפט איר אַזוי?

איך דערקען מיינע אַ ווייטע באַקאַנטע, מיט וועלכער איך האָב זיך אַ פּאָר מאָל באַגעגנט דאָ און דאָרט אין פאַרשיידענע צייטן, אָבער לעצטנס איז זי קראַנק און האָט זיך באַזעצט אין מיאַמי. עפּעס האָב איך געהערט אַז זי שרייבט אין ענגליש, נאָר די זשורנאַלן און פאַרלעגער נעמען ניט אָן אירע נאָוועלן. אַמאָל טראָגט זי זיך אַרום מיט ראָזעווע פאַנטאַסטישע האָפענונגען און חלומות צו ווערן גרויס און באַרימט און אַמאָל האָט זי טענות צו דער וועלט, און פאָדערט אנערקענונג. פאַרוואָס יענער יאָ און זי ניט? און זי גייט אַרום אָנגעלאָדן מיט פּרעטענזיעס און פאַרדראָס און דאָס האַרץ איז איר פאַרביטערט און דאָס לעבן ניט ליב.

נאָך עטלעכע אַלגעמיינע ווערטער האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— נו, עס שרייבט זיך עפּעס?

זי האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אירע שוואַרצע אויגן. וואָס איז מיר

איינגעפאַלן צו פרעגן וועגן דעם ? אוודאי שרייבט זי און האָפט אויף גרויסע רעזולטאַטן.

איך האָב זי נייגעריק אָנגעקוקט. זי האָט אַביסל פאַרשעמט גע־שמייכלט מיט איר קליינינקן מויל און דער שמייכל האָט זיך צעגאָסן און געמאַכט דעם איינדרוק פון איר עטוואָס פאַרעלטערטן, מידן סימפּאַטישן פּנים און געווען רחמנותדיק, ווי זי וואָלט אָן ווערטער געבעטן מען זאָל זיין גוט צו איר און זי אויסהערן.

מיר זיינען אַוועק צוזאַמען. זי האָט זיך געסטאַרעט צו זיין ליב און אינטערעסאַנט. אַלץ גערעדט וועגן אַ פּאָר באַוואוסטע יידישע שריי־בער, וואָס זיינען געווען פאַרליבט אין איר אַמאָל. יאָ, איינער פון זיי האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זי מאַכן באַרימט. זאָל זי נאָר אָנהויבן שרייבן יידיש און זיך לאָזן קושן פון אים. אַ וועלט וועט קלינגען מיט איר. אָבער שרייבן יידיש איז איר געווען שווער און זיך קושן מיטן אַלטן שרייבער, נאָך שווערער. אַזאַ מאָדנער מענטש. ער האָט זיך גע־האַלטן ממש ווי אַ יינגל. דערצו איז ער געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן. זייער שטאַרק פאַרהייראַט. זיין אַלטע פרוי איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. די יידישע שרייבער זיינען אין דער הינזיכט אַזוי ווי די ענגלישע. זיי פאַרליבן זיך אין איר און פאָדערן צופיל און זי וועט קיינמאָל ניט צעשטערן אַ פאַמיליען־לעבן.

— איר האַנדלט טאַקע זייער פיין — האָב איך געזאָגט.

— איר דענקט אויך אַזוי ? — האָט זי מיך נייגעריק אָנגעקוקט.

— זיכער.

— יאָ, אפשר ווייס איך ווי אַזוי זי קען קריגן אַ גוטע רעקאָמענדאַ־ציע צו די ענגלישע „טרו סטאָרי" זשורנאַלן ? אפשר האָב איך אימיצן וואָס וואָלט עס געוואָלט טאָן ? מען האָט איר געזאָגט, אַז זיי צאָלן איבער צוויי הונדערט דאָלער פאַר אַ „סטאָרי". ווען זי דרוקט אָפּ כאָטש איין זאַך, וואָלט עס איר ממש געראַטעוועט ! און זי צעלאַכט זיך שטיל און אומעטיקלעך. דירה געלט אין פלאָרידאַ איז טייער און זי מוז האָבן אַ גרעסערן איינקונפט.

איך האָב איר ניט וואָס צו ענטפערן. איך האָב ניט אַזוינע באַ־קאַנטע וואָס זאָלן איר קענען געבן רעקאָמענדאַציעס צו ענגלישע זשור־נאַלן. און וואָס ווען דאָ העלפן רעקאָמענדאַציעס, אויב זי האָט ניט קיין טאַלאַנט צו שרייבן די דאָזיקע „טרו סטאָריס" ? גיב איך איר אַ פרעג:

— איר שרייבט שוין לאַנג?

— איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך אַלס קליין מיידעלע.

— האָט איר אַמאָל געוויזן אייערע אַ „סטאָרי" אַן אמתן פּראָפעסיאָנעלן ליטעראַטור־קריטיקער, און וואָס האָט מען אייך געזאָגט?

— זיכער, זיכער, און איך האָב באַקומען אַ גוטע קריטיק, — ווערט זי פריילעכער און האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט דערציילט זי:

מיט אַ געוויסן ענגלישן ליטעראַטור־קריטיקער האָט זי זיך באַקענט אין אַ קאַפעטעריע אויף דער צוויי און פּערציקסטער גאַס אין ניו יאָרק. מען האָט איר געזאָגט, אַז ער שרייבט אין די בעסטע ענגלישע זשורנאַלן און איז אין אַלגעמיין אַ גרויסער מבין אויף פאַרשידענע קונסט ווערק. אמת, זי האָט זיין נאָמען קיינמאָל ניט באַמערקט אין די זשורנאַלן. האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר שרייבט ער אונטער אַ פּסעוודאָנים. דערצו האָט ער אויסגעקוקט אַביסל מאָדנע, טשיקאַווע און אפילו קאָמיש — וואָלט זי זיך אויסגעדריקט.

— ווי איז זיין נאָמען?

זי האָט אָנגערופן אַ נאָמען און געפרעגט צי איך קען אים.

— ניין, איך האָב אים ניט געלייענט.

אַלזאָ, איך דאַרף מיר פאָרשטעלן אַ הויכן, זייער דאַרן מאַן מיט לאַנגע הענט און פיס און מיט אַ פּנים אַן אויסגעצויגענעם, ביינערדיקן. אָבער דאָ באַמערקט מען גלייך זיין הויכן, גלאַטן שטערן, די צעפּודלטע געדיכטע האָר און דעם שיין פון די אומרואיקע גרויסע טונקל ברוינע אויגן, און מען וויל שוין קוקן אויף אים. יאָ, ער איז אָרעם און נאַכלעסיק אָנגעטאָן. עפּעס די קליידער הענגען אויף אים. דערצו עסט ער גיך און אַ סך, שלינגט גאַנצע שטיקער און ברומט אונטער דערביי, ווי אַ חיה, וואָס מען הויבט אָן אויפצורייצן.

זי האָט אים עטלעכע מאָל באַגעגנט אין דער זעלבער קאַפעטעריע און ענדלעך האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג קומען צו איר, הערן איר לייענען אירע אַ דערציילונג און זאָגן אַ מיינונג.

זי האָט זיך געפילט זייער געשמייכלט און אים שטאַרק געדאַנקט.

— איר זאָלט אָבער ניט ווערן בייז אז איך וועל אייך זאָגן מיין אויפריכטיקן מיינונג — האָט ער באַמערקט.

— פאַרקערט, איך וועל אייך זייער און זייער דאַנקבאַר זיין. איך וויל וויסן דעם אמת וועגן מיין שרייבן.

ער האָט געדאַרפט קומען פון עלף ביז צוועלף. זי איז יענעם טאָג

אויפגעשטאַנען פרי און באַזונדערס ריין אויפגעראַמט איר קליינינקע וואוינונגל. יעדע קלייניקייט האָט זי אָוועקגשטעלט אויפן נויטיקן פלאַץ און אַליין האָט זי זיך געפילט אַביסל דערשראָקן, אָבער דאָך יום־טובדיק. זי האָט צוגעגרייט אַ פלאַש רויטן ווייַן און אָפּגעבאַקן אַ שטיק פלייש צו פאַרבייסן. (זי האָט זיך געקליבן לייענען לאַנג און דער קריטיקער האָט זיך ניט געדאַרפט לאַנגווייליקן. און ער האָט ליב געהאַט צו עסן פלייש און פאַרטרינקען מיט רויטן ווייַן). איר אַלטע מוטער האָט זי געזאָגט, אַז היינט ווערט באַשטימט איר גורל. עס קומט צו איר אַ גרויסער קריטיקער און ער וועט שוין פאַר איר עפענען די צויבער־טירן פון די ענגלישע זשורנאַלן. די מוטער האָט געשוויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיצט אַ מיידל שוין אין די יאָרן, און שרייבט גאַנצע נעכט און טעג. אָבער האָט פון דעם קיין פּעני ניט. נאָר וואָס פאַרשטייט זי? עס זיינען דאָך געווען פאַרפאַסערינס, וואָס האָבן זיך לאַנג געפּלאָגט, ניט אנערקענט געוואָרן, און דערנאָך פּלוצלינג געוואָרן באַריהמט און רייך. אפשר וועט דאָס זעלבע פּאַסירן מיט איר טאָכטער. אפשר... אפשר... איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען.

און די טאָכטער האָט גוט פאַרשטאַנען איר מוטער׳ס געדאַנקען.

אַ פערטל נאָך עלף דערהערט זיך ביים טיר פון איר וואוינונגל אַן אָפּגעריסענער קלונג. דאָס איז דער קריטיקער. ער איז טאַקע געקומען. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טיר. ער איז אַרייַן, עפּעס אַ ברום געטאָן אַנשטאָט אַ באַגריסונג, דערנאָך זיך צעשמייכלט און איר דערלאנגט די האַנט.

— וואָס מאַכט איר?

— פיין.

— נו, דאָס איז גוט!

זי האָט אים אַריינגעפירט אין איר חדרל. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איר בעט אַ פּעקל זשורנאַלן און צייטונגען, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך אונטערן אָרעם, זיך געזעצט ביים איינציקן אָפענעם פענצטער און מער ווי אַ מינוט שווער געאָטעמט, ווי ער וואָלט ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם.

— איר ווילט עפּעס טרינקען?

— ניין. שפּעטער. בין געגאַנגען צו זיך. מיין האַרץ...

— איך האָב גענוג צייט. רוט זיך אָפּ.

— ניין. איר קענט אַנהויבן לייענען. איך בין ניט מיד. דאָס פּאַסירט מיט מיר זעלטן.

— נו, גוט.

זי האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד פון איר שרייבטיש אַ דיקע העפט. דאָס איז געווען אַ לאַנגע „טרו סטאָרי״, וואָס האָט איר געזאָלט אַריינברענגען איבער צוויי הונדערט דאָלער. די דאָזיקע געשיכטע האָט זי עס געוואָלט פאַר אים פאָרלייענען.

אָבער דער קריטיקער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן, עטלעכע מאָל מיט גרויסע טריט הין און צוריק דורכגעשפּאַנט דעם חדרל און איז דער־נאָך צוגעגאַנגען הארט צו איר און געפרעגט:

— וואָס איז דער אינהאַלט פון אייער בעסטער נאָוועלע?

זי האָט דערפילט אַ ריח פון שלעכטע ציין און שלעכטן בראַנפן, וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן פון זיין מויל און אויף אַ רגע איז איר ניט גוט געוואָרן. נאָר גלייך האָט זי זיך באַהערשט, געבעטן אים זיך זעצן און, בלעטערנדיק פאַמעלעך אַ זייטל נאָך אַ זייטל אין דער העפט, גענומען, פּלאָנטערנדיק זיך אַביסל, דערציילן דעם מעלאָדראַמאַטישן אינ־האַלט פון איר ווערק. דער קריטיקער האָט זיך צוגעהערט, אַלע ווײַלע זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרכמורעטן בליק, ווי סטאַרענען זיך כלומרשט צו פאַרטיפן, און עטלעכע מאָל אַרויסגעברומט:

— נ־נ־ניאָ. איר דאַרפט עס פאָרלייענען. מיר וועלן זען.

זי האָט אַריינגעטראָגן די פלאַש וויין און די שטיק געבאַקטע פלייש און זיך אַנטשולדיקט, אַליין ניט ווייסנדיק פאַרוואָס. ער האָט זיך ווידער צעשמייכלט און געפאָדערט זי זאָל מיט אים פאַרזוכן דעם וויין. זי האָט עס געטאָן. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט לייענען און ער האָט אַלץ זשעדנע געקוקט אויף איר פיגור, געשלונגען שטיקער פלייש פון טעלער און געטרונקען דעם וויין.

ווען זי האָט געהאַט איבערגעלייענט כמעט אַ העלעפט פון דער געשיכטע, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק די זאַך מאַכט אויף אים און זי האָט געפילט מאָדנע, ווען זי האָט באַמערקט, אַז די טעלער פון פלייש איז שוין געווען ליידיק און אויפן אויסגעצויגענעם ביינערדיקן פּנים פון קריטיקער, וואָס איז געוואָרן רויט, האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ וואַנזיניקער תאווה שמייכל.

— נו? — האָט זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם געפרעגט, — עס געפעלט אייך?

ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, ווייטער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן חדרל און גערעדט ווי צו זיך: עס איז ניט שלעכט. פאַראַן שפּראַך און בילדלעכקייט. פאַראַן אפילו אַ ביסל הומאָר. נאָר די עראָטישע סצענעס זיינען בלאַס, בלוטלאָז, אַזוי צו זאָגן, אָן לעבן. עס פילט זיך, דאָס די פאַרפאַסערין האָט אַליין ענלעכעס קיינמאָל ניט דורכ־געמאַכט. ניטאָ קיין עראָטישער פאַרנעם, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע אין אַזאַ נאָוועלע. דער פייער איז אַ קאַלטער. ער וואַרעמט ניט. אָבער מען קען עס אויסבעסערן זייער לייכט. זי, די שרייבערין, דאַרף אַליין אָנ־הויבן לעבן און ליבן. ליבן ליידנשאַפטלעך. זי מוז עס טאָן. דאָס איז איר פליכט, אויב זי וויל שאַפן. זי פאַרמאָגט אמתן טאַלאַנט.

זי איז געוואָרן רויט און אַרויסגעשטאַמלט:

— איך האָב יאָ געליבט אין מיין לעבן. מיר זיינען די עראָטישע סצענעס ניט פרעמד.

ער איז צו איר צוגעגאַנגען נאָענט און זי אָנגענומען פאַר ביידע הענט.

זי האָט אויפגעציטערט. ווידער איז איר אויף אַ רגע געוואָרן ניט גוט. נאָר דאָס צויבער וואָרט „טאַלאַנט" האָט איר געמאַכט צו שמייכלען און, ווי ניט ווילנדיק, האָט זי זיך נאָך נעענטער צוגערוקט צו אים. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט זיינע לאַנגע הענט און אַריינגעברומט אין פּנים, אַז זי מוז ווידער אָנהויבן ליבן, לעבן. די עראָטישע סצענעס מוזן ווערן איבערגעשריבן.

די צווייטע העלפט פון איר „טרו סטאָרי" האָט זי שוין פאַרן קריטיקער ניט געקענט פאָרלייענען, ווייל ער האָט איר פאַרוואָרפן מיט נאַרישע קאָמפּלימענטן. זיך דערקלערט איר אין ליבע און געפּאָדערט, אַז זי זאָל אים דאָ גלייך געבן אַן ענטפער, אַז ניט וועט מיט אים פּאַסירן דאָס שרעקלעכסטע. דערביי האָט ער געפּרואווט איר מיט געוואַלט קושן און זי איז ענדלעך געווען געצוואונגען אים בעטן אַוועקצוגיין.

ער האָט זיך באַליידיקט, האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן זיינע זשורנאַלן און צייטונגען אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. זי האָט אים באַגלייט צום טיר און אַ צעטומלטע זיך אומגעקערט אין איר חדרל. באַלד האָט זיך שטיל אומגעקערט די מוטער און, אָנקוקנדיק איר טאָכטערס צע־שראָקענעם, פאַרזאָרגטן פּנים, אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט פּאַסירט? וואָס האָט ער דיר געזאָגט, מיין טאָכטער?

— מאַמע, איך האָב באַקומען זייער אַ גוטע קריטיק, — האָט זי געענטפערט און אַ שמייכל געטאָן. איך דאַרף נאָך עפּעס איבערמאַכן

אין מיין „טרו סטאָרי״, אַז אַלץ זאָל זיין גוט. — דערנאָך האָט זי אָפּגע־קערט דעם קאָפּ און זיך אַוועקגעשטעלט ביים אָפענעם פענצטער. איר איז געווען אומעטיק אויפן האַרצן.

די פּאַרפאַסערין איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיר זיינען געגאַנגען ווייטער מיטן ברעג פון ים.

— האָט איר אים דערנאָך ווידער געטראָפן ? — האָב איך אַ ווײַלע שפּעטער אַ פרעג געטאָן.

— יע, — האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון אירע געדאנקען. איך האָב אים געזען אין דער זעלבער קאַפעטעריע און גערעדט מיט אים, געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז ניט מיט יעדן מאַן קען איך פירן ליבעס, כאָטש איך דאַרף עס דורכמאַכן, כדי צו שרייבן בעסערע עראָטישע סצענעס. און מיט דעם האָט זיך געענדיקט אונדזער באַקאַנטשאַפט.

און זי האָט זיך שטיל, מיט אַ נאָטקע פון אומעט, צעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר,

— איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז ער איז גאָר קיין שרייבער ניט געווען, נאָר אַ זעצער, וואָס האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ שטיקל רעצענזיע וועגן אַ בוך.

ביים אַוועקגיין האָט די פּאַרפאַסערין אַ פרעג געטאָן :

— אפשר וואָלט איר אַמאָל געקומען צו מיר אויסהערן מיינע אַ „טרו סטאָרי״ ? איך וועל צוגרייטן ווין מיט געבאַקטע פליישׁ.

— איך דאַנק אייך. אָבער איך בין זייער פאַרנומען.

זי האָט זיך ווידער, נאָך מיט מער אומעט, שטיל צעלאַכט.

אײנזאַמקײט

אַ גאַנצן טאָג האָט מיך געפּײניקט אַ שווערע אײנזאַמקײט און עס האָט זיך אַלץ געטראַכט: אָט, אָפּגעלעבט אַ לעבן, אַ סך געשריבן און גאָרניט, ווי ניט געווען. אויסגעוואַנדערט אַ וועלט און דאָס אויג איז אַלץ געבליבן הונגעריק און ניט צופרידן. תּמיד געזוכט חברים און פרײנט און זײ ניט געפונען. און אַלע פרויען האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן די זעלבע. און דאָס גאָלדן פײגעלע, וואָס הײסט גליק, האָט אָפּט געפלאַטערט אַרום מיר, נאָר שטענדיק זיך ווײט אַוועקגעטראָגן און פאַרשוואונדן. און אַזוי כסדר, יאָר אײן יאָר אויס.

אין אָוונט בין איך אַרויס פון מײַן חדרל און גענומען פּאַמעלעך אַרומבלאָנקען איבער די גאַסן פון מיאַמי ביטש. עס איז געווען אַ לבנה־נאַכט און לאַנגע, ברײטע, פאַנטאַסטישע שאָטנס האָבן זיך אויסגעצויגן דאָ און דאָרט.

מיר האָט זיך געוואָלט ערגעץ אַרײַנגײן. זען אימיצן, נאָר צו וועמען גײט מען? די עטלעכע באַקאַנטע פאַמיליעס זײַנען מסתּמא פאַרנומען מיט שפּילן אין קאָרטן אָדער רײדן רכילות, וואָס איז מיר ניט צום האַרצן. איך גײ פאַרבײַ זײערע הײַזער און מאַך ניט קײן טעות: מען שפּילט טאַקע אין קאָרטן און אויף די פּאָרטשעס שײַנט שטיל די לבנה. איך באַשליס אַרומגײן ווײַטער.

איך גײ צום ים און טראַכט וועגן טויט, וואָס דערנענטערט זיך אַלץ נענטער צו מיר. ווי לאַנג וועל איך נאָך קענען פאָרן קײן פלאָרידאַ? און אַזוי טראַכטנדיק, באַמערק איך ניט ווי אַ מאַן קומט מיר אַנטקעגן און רופט מיך אָן בײַם נאָמען און מיר בלײַבן בײדע שטײן.

איך קוק אים נײַגעריק אָן און דערמאָן מיך, אַז איך האָב שוין אַמאָל מיט אים גערעדט. יאָ, די זעלבע אויסערגעוויינלעך גרויסע שוואַרצע אויגן, פאַרצויגן מיט אַ פײַכטן שײַן, און עפּעס אַ פאַרלאָרענער שמײכל אין די ווינקלען פון מויל.

— וואָס מאַכט איר? — פרעגט ער און באַמערקט אַז ער קען ניט שלאָפן דורך די נעכט, און אַז ער פילט זיך איינזאַם און קראַנק.

— נו, זיינען מיר, הייסט עס, לאַנדסלייט, — גיב איך אַ שמייכל.

— וואָס, איינער פון די אנשי טראַמבאָזניקעס?

— ווער ווייס...

— לאָמיר אַרומשפּאַצירן צוזאַמען.

מיר גייען פּאַמעלעך מיט אָושען דרייוו. די האָטעלן זיינען העל באַלויכטן. עס דערמאָנט זיך אַ געזאַנג און עס ציטערן צאַרט טענער פון אַ מאַנדאָלינע. דאָס פאַרברענגט מען ערגעץ אויף אַ ווערענדע פון אַ האָטעל. מיין באַגלייטער הויבט זיך אָן שטיל צו קלאָגן פאַר מיר, אַז ער איז אַ ייד מיט אַלע „אימפּראָוומענטס״, מיט אַלע מעלות, ווי שלום עליכם וואָלט געזאָגט. דערביי לאַכט ער מאָדנע: כי־כע־כי! און מיר ווערט נאָך אומעטיקער פון זיין הייזעריקן קול. ער אַליין איז אַ גאַנצער שפּיטאָל מיט אַלערליי קראַנקהייטן. דערצו איז ער אַן אַרבעטסלאָזער העברעאישער לערער, דאָס מלמדות האָט אינגאַנצן צעטומלט זיין מוח. איך וואונדער זיך, האַ? אָבער דאָס איז אַ פאַקט. קיין עוולות קען ער ניט פאַרטראָגן און קיין מזל האָט ער ניט. אַלץ וואָס ער וויל איצט איז אַ ביסעלע רו, און רו קען מען אין ערגעץ ניט קריגן. אין ניו יאָרק האָט ער אַ גאַנצן יאָר: זוכט שטענדיק פּריוואַטע העברעאישע שטונדן, זוכט פּרנסה, אַ שטיקל ברויט, און געפינען אַ תלמוד תורה, וואו צו קנעלן איז שווער פאַר אים. איך דאַרף ניט פרעגן פאַרוואָס. איך בין אַ שרייבער און דאַרף אים פאַרשטיין. דאָס יאָר האָט ער געקראָגן די אַסטמאַ און איז געלאָפן זיך ראַטעווען אין מיאַמי ביטש.

ער מוז דערציילן עפּעס. ער וואוינט אין ברוקלין און אויפן זעלבן בלאָק וואוינט אויך זיינער אַ גוטער באַקאַנטער ציין־דאָקטער, וואָס האָט אויך אַ הויז אין מיאַמי ביטש, וואו ער פאַרברענגט די ווינטערס, ווייל ער איז ניט גאָר קיין געזונטער מענטש און צו דער הויז לייגט ער ניט צו. איז פלעגט אַמאָל אָט דער דאָקטאָר אָפּט אין די אָוונטן אַריינקומען צו אים מיט זיין פרוי און מען האָט ביי אַ גלאָז טיי געשמועסט וועגן פאַרשידענע זאַכן. ביידע, דאַכט זיך, זיינען געבילדעטע מענטשן און ריידן נאָר וועגן הויכע ענינים און מענטשלעכקייט. ער איז אַפילו אַ שטיקל שרייבער און פאַרפאַסט אַ קאָמעדיע אין ענגליש. זי שפּילט פּיאַנאָ. האָט ער זיך געפילט באמת געשמייכלט און איז געווען גליקלעך וואָס ער וועט האָבן אייגענע מענטשן ביי וועמען צו שטיין אין

מיאַמי ביטש. ער האָט זיי געשריבן אַ בריוו און זיי האָבן אים געהייסן קומען. דער דאָקטאָר מיט זיין פרוי האָבן אים באַגעגנט פריינטלעך, און זייער יינגסטער זון, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, האָט צוליב אים אפילו גענומען קאַליעטשען די יידישע שפּראַך, אַרויסריידנדיק קאָמיש איינצלנע ווערטער, ווי גויים טוען דאָס אָפט. און די מוטער האָט געלאַכט און גרויס הנאה געהאַט.

דעם אמת געזאָגט, איז אים דאָס ניט געפעלן געוועז. ער האָט אָבער געשוויגן און געטראַכט: מיט וואָס איז שולדיק דער באָי, אַז ביי די עלטערן פעלט נעבעך שכל? ער האָט איבערגענעכטיקט און פרעגט אין דער פרי: נו, וואָס וועט אים קאָסטן דער צימער? אָ, מאַכט די באַלע־באָסטע, דאָס איז אַ קלייניקייט. זי וועט פרעגן דעם דאָקטאָר. עס גייט אַוועק אַ שעה צוויי, דער דאָקטאָר שווייגט. פרעגט ער שוין אים דעם פרייז פאַרן צימער. גיט דער דאָקטאָר עפּעס אַ בורטשע, הייסט זיך ווענדן צו זיין פרוי און לויפט אַוועק פאַרריכטן אַ צעבראָכענע טיר אין גאַראַזש. קוועטשט ער מיט די אַקסלען: מאָדנע מענטשן, זאָגט וויפיל און פּטור אַן עסק.

ער וואַרט נאָך אַ טאָג און פרעגט ווידער ביי דער באַלעבאָסטע. קייקלט זי זיך צו צום מאַן ווי אַ קאַטשקע,ביידע שושקען זיך אַ ווילע און מען הייסט אים ווידער וואַרטן, און אַזוי מער ווי אַ וואָך. דערווייל האָט מען אָנגעפילט דאָס הויז און ער האָט געדאַרפט באַצאָלן אַ הויכן פרייז פאַר זיין חדרל. אַוועקגיין האָט אים עפּעס ניט געפּאַסט. פאַרט אינטעליגענטע אייגענע מענטשן, אַזוי צו זאָגן. און אין הויז איז אַן אייביקער הו־האַ. דער דאָקטאָר אַליין האַלט אין איין קלאַפּן טשוועקעס וואו מען דאַרף און וואו ניט און איבערשטעלן די זאַכן. עפּעס איז דאָס ביי אים אַזאַ קראַנקהייט, וואָס פּאַסט נאָר פאַר אַ פרוי, פאַר אַ יידענע. דער זון זינגט אויפן קול אידיאָטישע לידער און האַקט מיט די טירן. די פרויען ביים אויוון הערן ניט אויף צו ריידן אין דער אַלגעמיינער קיך און זייערע קינדער קוויטשען, שלאָגן זיך און אַלע ווילע מוז מען זיי פאַנאַנדערנעמען. זיין חדרל איז איבערן קיך. ער איז אַ קראַנקער מענטש און קען ניט פאַרטראָגן קיין טומל. נאָכן עסן האָט ער ליב צו נעמען אַ ספר אין האַנט און זיך אַביסל צולייגן (דאָס האָבן אים די דאָקטוירים געראָטן שוין פון לאַנג), לאָזט מען אים ניט ליגן רואיק. מען דיסקוטירט נאָכאַנאַנד הינטער זיין פענצטער. איינמאָל טענהט אַריין אַ יונגער מאַן אין זיינער אַ לאַנדספרוי, אַז לויטן גלייכן שכל וואָלט די סאָוועטישע

רעגירונג געדארפט אַלץ טאָן פאַר די יידן, ווייל די יידישע רעוואָלוציאָ־נערן און דער „בונד" האָבן אַ סך געהאָלפן ברענגען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אין רוסלאַנד. האָט זיך אויסגעלאָזט פּונקט פאַרקערט. וואו איז גערעכטיקייט? וואו איז יושר? און די גאַנצע פאַשיסטישע וועלט שרייט דאָך, אַז די מערסטע יידן זיינען באָלשעוויקעס. איז דאָך גוט, האָ?! אַ טייערער געדאנק. דער בחור האָט אַ געזונטן קאָפּ אויף די פּלייצעס. אָבער אַ פּאָר מינוט גייען פאַרביי און דער יונגער מאַן באַווייזט שוין ווידער לאָגיש, אַז די סאָוועטישע רעגירונג האָט רעכט צו פאַרפּאָלגן די יידישע קולטור און די העברעאישע שפּראַך, ווייל דער ציוניזם איז אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג. הויבט אים אָן צו וואַרפן ממש אין קדחת פון כעס.

אָדער אַ קליינינקע פּרויקע, אַ ברען, אַ שוואַרצע „מאַזעפּקע", ווי אַלע רופן זי אין שפּאַס, ווייל דערוויזן אַ יונגן טראָצקיסט, אַ בחור מיט אַ נאַאיוון שעמעוודיקן פּנים, אַז ער איז פאַרפירט געוואָרן. זי רעדט מיט האַרץ און לויבט אין הימל אַריין סטאַלינען. איר קול קלינגט הויך, די טונקעלע אויגן שפּריצן ממש מיט פונקען און זי קען ניט בלייבן שטיל. קריכט ער אַראָפּ פון בעט און זעצט זיך ביים פענצטער. קוקט אויף זיי און אין אים קאָכט אַלץ, דערצו פילט ער אַזאַ שרעקלעכע איינזאַמקייט, אַז עס ווילט זיך אים וויינען. וואָס טוט זיך דאָ?! פאַרשטייט זיך, אַז וועגן כאַפּן אַ דרימל איז אָפּגערעדט.

איר וועט זאָגן: אַלץ קלייניקייטן! נאָר אַז דיינע כלומרשטע פריינט, דער דאָקטאָר מיט זיין פּרוי, באַהאַנדלען דיך ווי אַ הונט — פאַרדריסט עס. ביים דינגען דעם חדר זאָגט מען דיר צו אַלץ וואָס דו דאַרפסט קריגן. אָבער ווי נאָר דו צאָלסט איין דאָס געלט, הערט מען דיך ווי דעם קאָטער. גאַנצע טעג רעדט די דאָקטאָרשע מיט די ווייבער אין קיך נאָר וועגן מענטשלעכקייט. מען מוז ראַטעווען די וועלט. אָן יושר און גערעכטיקייט קען די מענטשהייט ניט עקזיסטירן. קען ער ניט שוויגן און זאָגט צו איר: ליבע פרוי באראנקאָ, איר רעדט טייערע ווערטער, גאָלדענע ווערטער. אָבער פאַרוואָס גיט זי אים ניט קיין ריינעם ליילעך אויפן בעט שוין די דריטע וואָך און פאַרוואָס ראַמט מען קיינמאָל ניט צו זיין חדר, כאָטש מען האָט עס אים צוגעזאָגט? און אַז ער לייגט אַריין אין פרידזשידעיר אַ סטעיק, נעמט מען עס צו און מען לייגט אַוועק אויפן זעלבן פּלאַץ אַ קעפּל פון פיש. ווער טוט עס? ער איז אַ קראַנקער מענטש און קען ניט עסן אין די קאַפעטעריעס. מען דאַרף האָבן מיט

אים איינזעעניש. צעלאַכט זי זיך: אַזאַ און אַזאַ עגאָאיסט וואָס ער איז, אַזאַ און אַזאַ פֿאַשיסט און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. זי רעדט וועגן דער גאַנצער מענטשהייט און ער דרייט איר אַ ספּאָדיק וועגן אַ ליילעך און אַ סטעיק. נו, וואָס קען ער ענטפֿערן אויף דעם?!

מיין באַגלייטער איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז געבליבן שטיין איינגעטונקט אין פֿאָספֿאָר ליכט פֿון דער לבנה. ער האָט געוואַרט איך זאָל אים עפּעס זאָגן. נאָר דער פֿאַרלאָרענער אויסדרוק פֿון זיין אויס־געמאַטערט פּנים האָט מיך אַביסל געשראָקן און איך האָב אַלץ געמאַכט צו גאָרנישט און צו שפּאַס. אָבער דאָס האָט אים נאָך מער אויפגערעגט און ער איז פּלוצלינג אַוועק פֿון מיר אָן אַ גוטע נאַכט. איך האָב אים גערופן צוריק, אָבער ער האָט אַוועקגעשפּאַנט גיך און איינגעהויקערט, נעענטער צום ים, אויף וועלכן עס האָט זיך געזילבערט אַ פֿאַנטאַסטישער וועג. ער האָט מסתמא געטראַכט אַז אַלע זיינען קעגן אים; ער קען ניט געפֿינען קיין רו און ער איז אַזוי איינזאַם אויף דער וועלט.

איך האָב באַשלאָסן מאָרגן זיך טרעפֿן מיט אים און אַלץ מאַכן גוט. און אפשר וועט ער מאָרגן אַליין ריידן אַנדערש און ניט נעמען אַלץ אַזוי טויט ערנסט. עס איז נאָך געווען וויט צו האַלבער נאַכט און איך בין אַוועק צום בעי, וואו איך האָב ליב צו זיצן אַמאָל אין די אָוונטן און קוקן אויף די שיפֿן, וואָס זיינען פֿאַראַנקערט אין קליינעם האַפֿן. די גאַס מיט די קליינע באָנגאַלאָס איז געלעגן איינגעטונקט אין פֿאַנטאַס־טישן ליכט. די לבנה איז רואיק געשוואומען איבערן ריינעם הימל. און דאָ האָב איך באַמערקט ווי אַנטקעגן קומט מיר אַ שוואַרצער פֿערד. ער האָט זיך באַוויזן פֿון הינטער אַ פּאָר פּאַלמען. ווי קומט אַהער אַ פֿערד? — האָב איך זיך געוואונדערט, און באַלד זיך דערמאָנט, אַז אין איינעם פֿון די באָנגאַלאָס וואוינט אַ איטאַליענער, וואָס פֿאָרט אַרום פֿאַרקויפֿן גרינסן אין אַ וואָגן. דאָס פֿערד האָט געשפּאַנט אין מיטן דער גאַס פֿאַמעלעך, נאָר מיט אַמאָל זיך אַוועקגעשטעלט און נידעריק אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרטראַכט און פֿאַרבענקט. איך בין אויך געבליבן שטיין, אים אָנגעקוקט און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויך דער פֿערד פֿילט זיך איינזאַם און אומרואיק אין דער ליכטיקער און פֿאַרכישופֿטער לבנה־נאַכט.